STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05692

DER ALVELTLEKHER TSUZAMENFOR FUN YIDISHN VISNSHAFTLEKHN INSTITUT

Yivo Institute for Jewish Research

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער אַלוועלטלעכער צוזאַמענפֿאָר
פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט

אָפּגעהאַלטן פֿון 14טן ביזן 19טן אויגוסט 1935 אין ווילנע

יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט
סעריע „אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער וויסנשאַפט", נומער 15

דער אַלוועלטלעכער צוזאַמענפאָר פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט

צום 10 יאָריקן יובל פון ייִוואָ

אָפּגעהאַלטן אין ווילנע פון
14טן ביזן 19טן אויגוסט 1935

ת ר צ״ ו / ו ו י ל נ ע / 1936

PRINTED IN POLAND

Żydowski Instytut Naukowy. Serja „Organizacja Nauki Żydowskiej", Nr 15. Der alweltlecher cuzamenfor fun jidišn wisnšaftlechn institut, 14—19 ojgust 1935 (Sprawozdanie z wszechświatowego zjazdu Żydowskiego Instytutu Naukowego w Wilnie, dn. 14—19 sierpnia 1935 r.) Wilno 1936

Zakłady Graficzne inż. G. Kleckina, Wilno, Kwaszelna 23

צוגרייטונג צום צוזאמענפאר

דער באַשלוס צונויפצורופן אַן אַלוועלטלעכן צוזאַמענפאָר פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער פערטער סעסיע פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג, אָפּגעהאַלטן אין ווילנע 1טן—2טן אָקטאָ־בער 1934. מחמת די אומגינסטיקע פאַרהעלטענישן, אין וועלכע דעם אויספיר־ביוראָ קומט אויס צו פירן די אַרבעט, האָבן זיך די הכנות צום צוזאַמענפאָר אָנגעהויבן מיט אַ היפשער פאַרשפּעטיקונג. די ערשטע צירקולאַרן זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן ערשט אין פעברואַר 1935 און די קאָרעספּאָנדענץ מיט די פאַרבעטענע — נאָך שפּעטער. די דאָזיקע געצוווּנגענע פאַרשפּעטיקונג האָט אין אַ געוויסער מאָס גורם געווען צו פאַרקלענערן דעם אָנטייל אין צו־זאַמענפאָר, בפרט פון די לענדער מעבר לים. אַ געוויסער שטער איז אויך געווען, וואָס כמעט איינצײַטיק מיט דעם צוזאַמענפאָר איז אויך אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער 19טער ציוניסטישער קאָנגרעס אין לוצערן. און אויב בײַ דעם אַלעמען זענען זיך צום 14טן אויגוסט אין ווילנע צונויפגעקומען 153 דע־לעגאַטן פון 13 לענדער און הונדערטער געסט, איז עס אַ גוטער סימן פאַר דער השפעה, וואָס דער ייִוואָ האָט דורך זײַן אַרבעט אין משך פון אַ יאָר־צענדלינג זיך פאַרשאַפט אין דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט אין די וויכ־טיקסטע ייִדישע ישובים אין דער גאַנצער וועלט.

צו דעם צוזאַמענפאָר זענען פונאַנדערגעשיקט געוואָרן אַרום 3000 פאַר־בעטונגען צו יחידים און אינסטיטוציעס, וואָס דער ייִוואָ שטייט אין שטענדי־קער פאַרבינדונג מיט זיי.

דאָס מיניסטעריום פאַר אינעווייניקסטע ענינים האָט אַרויסגעגעבן די געהעריקע דערלויבעניש אויף דעם צוזאַמענפאָר, דאָס מיניסטעריום פאַר קאָ־מוניקאַציע האָט געגעבן פאַר די אָנטיילנעמער אַ הנחה פון די באַנבילעטן אין דער הייך פון ביז 50 פּראָצענט בײַ דער צוריקרײַזע.

דעלעגאַטן צום צוזאַמענפאָר

לויט דעם באַשלוס פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג האָבן באַשליס־רעכט אויפן צוזאַמענפאָר באַקומען די מיטגלידער פון דער צענטראַלער פאַר־וואַלטונג, פון ראַט און פון פּרעזידיום פון ערן־קוראַטאָריום, די מיטגלידער פון בוי־קאָמיטעט און די מיטגלידער פון די וויסנשאַפטלעכע סעקציעס; די

דעלעגאַטן פֿון די געזעלשאַפֿטן פֿרײַנד, לויט אַ געהעריקן שליסל. מיט באַראָטרעכט זענען פֿאַרבעטן געוואָרן די מיטאַרבעטער פֿון ייִוואָ און פֿון זײַנע אויסגאַבעס, די פֿאַרוואַלטונגס־מיטגלידער פֿון לאַנד־אָרגאַניזאַציעס און שטיצגרופּעס פֿון ייִוואָ, די מיטגלידער פֿון פּען־קלוב,—אָנטיילנעמער אין דעם טאָג פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, פֿאָרשטייער פֿון קולטור־ און בילדונגס־אינסטיטוציעס, וואָס שטיצן די אַרבעט פֿון ייִוואָ.

דעלעגאַטן מיט באַשליסרעכט

וואַרשע: רחל אויערבאַך, י. גיטערמאַן, ד״ר ל. ווולמאַן, ד״ר מ. ווײַכערט, י. יאַשונסקי, ש. לעהמאַן, מ. לערער, יעקב לעשטשינסקי, ד״ר ר. מאַהלער, נ. מײַזיל, ז. מײַזנער, ראָזע סימכאָוויטש, נ. פּרילוצקי, ל. פֿינקעלשטיין, ד״ר ע. רינגעלבלום, ד״ר י. שיפּער, פּראָפֿ׳ פֿ. שניאורסאָן.

ווילנע: ש. באַסטאָמסקי, ט. בונימאָוויטש, ד״ר מ. ווײַנרײַך, י. טשעריקאָוו, ב. כהן־ווירגילי, ד״ר ה. קאָוואַרסקי, פּ. קאָן, ז. קלמנאָוויטש, ב. קלעצקין, ז. רייזען, מ. שאַליט, יר. שאַפּיראָ.

ביאַליסטאָק: י. ווײַנשטיין, ליבע קאַנעל, פּ. קאַפּלאַן.

וולאָצלאַוועק: י. בראַטשטיין, ש. ווינטער, ח. טכורזש.

לאָדזש: י. זעליקאָוויטש, י. סאָלאָווי, ש. צימערמאַן, י. שולמאַן.

לעמבערג: א. זײַנפֿעלד.

ניו־יאָרק: ג. אײַזנער, ד. בערעזער, אידע יפֿה, חנה מעלער, נ. פֿײַנערמאַן, ד״ר י. שאַצקי, פֿ. שמידט (סינסינעטי).

פּיטסבורג: ד״ר מ. ווײַנבערג.

קאָוונע: י. מאַרק, אַלטע סודאַרסקי, ד״ר מ. סודאַרסקי, י. ראַדוליאַנסקי.

פּאָנעוועזש: ד״ר ה. לאַנדוי.

בוקאַרעשט: ד״ר מ. הלוי.

טשערנאָוויץ: ד״ר מ. דיאַמאַנט, ה. גילישענסקי.

פּאַריז: ד. טשאַרני, א. טשעריקאָווער.

טאַלין: ד״ר י. גענש, י. האַלברײַך, ש. טאַמאַרקין.

ווין: ד״ר ר. גלאַנץ.

בוענאָס־אײַרעס: י. באָטאָשאַנסקי.

ריגע: פּראָפֿ׳ ש. דובנאָוו, ז. לעוויטאַס, ה. מלמד, י. ראָזענבוים.

תל־אביב: ד״ר י. רובין.

דעלעגאַטן מיט באַראָטרעכט

וואַרשע: י. באָרנשטיין, ד״ר בעלקאָ (צ״ס), י. בוקסבוים (ייִשאָ), אי. מאַנגער, מ. מאַזאָ (אַרטיסטן־פֿאַראיין), מ. מיזיש, ש. מענדעלסאָן (ייִשאָ), י. פּאַט (ייִשאָ), ש. ל. קאַווע (פּען־קלוב), י. קאָנינסקי.

ווילנע: הירש אַבראַמאָוויטש, ה. אַבראַמאָוויטש, אומע אָלקעניצקי, י. אַנילאָוויטש, א. באַסטאָמסקי, מ. בורשטיין (צ״ס), מ. בערנשטיין (ווילביג), י. ברעסלאָ, חנה גריטשאַנסקי, פ. היילפּערין, ד״ר מ. העלער, ג. ווײַניג, י. זשעלעזניקאָוו, מ. יאָפּע, מ. יעווזעראָוו, מ. לעוויטאַן, ד״ר ר. נאָטיק, א. סטאַרבעקער (ווילביג), מ. סטופּעל, ג. פלודערמאַכער, ב. צוקערמאַן, מ. קאַהאַנאָוויטש, ב. קאַמינסקי, מ. קאַנטאָר, ד. קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי, אַננאַ ראָזענטאַל (צב״ק), ב. רעמז, א. [illegible]ן, ב. שלאָסבערג.

קראָקע: ש. י. אימבער, מ. בוקסבוים.

כשאַנאָוו: ש. גאָלדבערג, י. מאַנדעלבוים.

סטאַניסלאָוו: ב. האָראָוויץ, ד״ר ב. ליבערמאַן, ד״ר ב. קאָרמאַן.

לעמבערג: ד״ר ק. איינאויגלער.

לאָדזש: מ. גאָרדאָן, ט. פוקס, ח. פּעדער, ד״ר פּ. פרידמאַן, ש. ראָזענמאַן.

ביאַליסטאָק: ב. טאַבאַטשינסקי, מ. פּלוימענבוים.

קאָליש: ב. זשיוואַצקי, ז. קאַפּלאַן.

באַראַנאָוויטש: אַדוו׳ ל. וואָראָביאָווסקי.

גראָדנע: י. אַפרימזאָן, י. גאָזשאַנסקי, ד. מאַנסקי.

לידע: י. פופקאָ, ד״ר ש. קאַפּלאַן.

טשאָרטקאָוו: א. טרעמבאָוועלסקי.

גלובאָק: ש. ידידאָוויטש.

וולאָצלאַוועק: י. מ. זילבערבערג.

חיפה: י. צ. שאַרגעל.

טאַלין: דובאָווסקי.

נײַהויז (טשעכאָסלאָוואַקיע): ד״ר פּ. בעראַנעק.

קאָפּנהאַגן: ד״ר י. דאַווידסאָן.

פּאַריז: מאַרק שאַגאַל, בעלאַ שאַגאַל.

טאָג־אָרדענונג.

מיטוואָך, דעם 14טן אויגוסט:

פאַר מיטאָג: רעגיסטראַציע פון דעלעגאַטן, באַקוקן דעם אינסטיטוט, עקסקורסיעס אין שטאָט.

12 אַ זייגער: זיצונג פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג.

20 אַ זייגער: עפענונג פון דעם צוזאַמענפאָר (אין יידישן פאָלקס־טעאַטער).

דאָנערשטאָג, דעם 15טן אויגוסט:

פּלענום פון צוזאַמענפאָר.

10 אַ זייגער: באַריכט פֿון דער צענטראַלער פֿאַרוואַלטונג.
באַריכטן פֿון די סעקציעס: עקאָנאָמיש-סטאַטיסטישע, היסטאָרישע, פֿילאָלאָגישע, פּסיכאָלאָגיש-פּעדאַגאָגישע, אָפּצווייַג יוגנט-פֿאָרשונג.
באַריכט פֿון בוי-קאָמיטעט.

16 אַ זייגער: באַריכט וועגן דעם פּלאַן פֿון דער ווייַטערדיקער אַרבעט.
דעבאַטן וועגן די באַריכטן.

פֿרייַטאָג, דעם 16טן אויגוסט:

פּלענום פֿון צוזאַמענפֿאָר.

9 אַ זייגער: המשך פֿון די דעבאַטן וועגן די באַריכטן.
וואַלן פֿון קאָמיסיעס: א) פֿאַר אָרגאַניזאַציע און פֿינאַנצן, ב) פֿאַר וויסנשאַפֿטלעכער און פֿאַרלעגערישער אַרבעט, ג) פֿאַר רעזאָלוציעס און נאָמינאַציעס.

12 אַ זייגער: באַערונג פֿון ד"ר צ. שאַבאַדס אָנדענק אויף זייַן קבר.

18 אַ זייגער: ערשטער וויסנשאַפֿטלעכער פּלענום.

21.30 אַ זייגער: אויפֿפֿירונג פֿון דער אָפּערע „האַלקאַ" אין ייִדיש, געגעבן לכּבֿוד דעם צוזאַמענפֿאָר — פֿון ייִדישן מוזיקאַלישן אינסטיטוט אין ווילנע.

שבת, דעם 17טן אויגוסט:

10 אַ זייגער: שול-פֿרימאָרגן, געגעבן פֿון צענטראַלן בילדונגס-קאָמיטעט לכּבֿוד דעם צוזאַמענפֿאָר.

15 אַ זייגער: פֿייַערונג אויף דער רודער-סטאַציע פֿון ייִדישן טורן- און ספּאָרט-פֿאַראיין „מכּבי" — לכּבֿוד דעם צוזאַמענפֿאָר.

16 אַ זייגער: טאָג פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, אָרגאַניזירט פֿון דעם ייִדישן פּען-קלוב. רעפֿעראַטן.

21.30 אַ זייגער: עפֿנטלעכער אָוונט פֿון די ייִדישע שרייַבשטעלער.

זונטאָג, דעם 18טן אויגוסט:

10 אַ זייגער: רעפֿעראַטן אין די וויסנשאַפֿטלעכע סעקציעס.

14 אַ זייגער: עפֿענונג פֿון דעם בילדערזאַל א"נ פֿון ריבֿה אייטינגאָן און פּראָקלאַמירונג פֿון דעם קונסטמוזיי בייַם ייִוואָ.

16 אַ זייגער: צווייטער וויסנשאַפֿטלעכער פּלענום.

21.30 אַ זייגער: באַנקעט.

מאָנטאָג, דעם 19טן אויגוסט:

פּלענום פֿון צוזאַמענפֿאָר.

10 אַ זייגער: בודזשעט, רעזאָלוציעס.

16 אַ זייגער: וואַלן פֿון דער צענטראַלער פֿאַרוואַלטונג.

18 אַ זייגער: שליסונג פֿון צוזאַמענפֿאָר.

די פֿייערלעכע עפֿענונגס-זיצונג

(מיטוואָך דעם 14טן אויגוסט 1935)

צו דער עפֿענונגס-זיצונג פֿון דעם אַלוועלטלעכן צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט האָט דאָס ביוראָ פֿון צוזאַמענפֿאָר אויסגעטיילט בײַ אַן אַנדערטהאַלבן טויזנט אַרײַנגאַנגס-קאַרטעס. דאָך איז דער גרויסער זאַל פֿון ייִדישן פֿאָלקס-טעאַטער אויף לודוויסאַרער גאַס 4 געווען צו קליין אויף אַרײַנצונעמען די אַלע, וואָס האָבן געוואָלט זײַן אויף דעם זעלטענעם יום-טוב פֿון דער ייִדישער קולטור און וויסנשאַפֿט און הונדערטער מענטשן האָבן געמוזט אַוועקגיין צוריק, ווײַל עס האָט נישט געקלעקט קיין ערטער.

די טריבונע איז באַצירט מיט גרינס. עס הענגען די בילדער פֿון נחום שטיף און ד"ר צ. שאַבאַד. די אָרדענונג האַלטן מיטגלידער פֿון די ספּאָרט-פֿאַראייניגן „מכבי", יאַס"ק, „מאָרגנשטערן", „הפועל", פֿון דער ווילנער ייִדישער לאַנדקענטעניש-געזעלשאַפֿט מיט מ. קאָטשערגינסקי בראש.

די זיצונג ווערט אַרײַנגעפֿירט דורך געזאַנג פֿונעם כאָר פֿון דער ייִדישער בילדונגס-געזעלשאַפֿט (ווילביג) אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דיריגענט אברהם סליעפּ.

נאָך דעם געזאַנג פֿאַרנעמען ערטער אויף דער טריבונע די מיטגלידער פֿון דער צענטראַלער פֿאַרוואַלטונג און פֿון פּרעזידיום פֿון ערן-קוראַטאָריום. דער עולם מאַכט אַן אָוואַציע דעם פּרעזידיום פֿון צוזאַמענפֿאָר.

ז. ר ײ ז ע ן עפֿנט די פֿײַערלעכע זיצונג פֿון צוזאַמענפֿאָר אין נאָמען פֿון דער צענטראַלער פֿאַרוואַלטונג:

חשובֿע דעלעגאַטן, חשובֿע געסט!

עס איז געווען אַ גרויס אײַנשטעלעניש פֿון דער אָנפֿירונג פֿון ייִוואָ צונויפֿצורופֿן דעם אַלוועלטלעכן צוזאַמענפֿאָר אין דער הײַנטיקער באמת טראַגישער צײַט. אַ סך פֿון אײַך, געערטע פֿרײַנד, האָבן בײַגעוווינט די ערשטע קאָנפֿערענץ פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט מיט אַ יאָר 6 צוריק און געדענקען נאָך אַוודאי, אַז אויך דאַן האָבן מיר גערעדט וועגן שווערע צײַטן. אָבער אין פֿאַרגלײַך מיט אונדזערע טעג קומט אונדז יענע צײַט פֿאָר ווי עפּעס אַ לעגענדאַרע גאָלדענע תקופֿה. די פֿינצטערע כּוחות, וואָס ווילן פֿאַרטרײַבן די וועלט אין אַ נײַעם מיטלעלטער פֿון פֿיזישער און גײַסטיקער שקלאַ-

פֿרײַ, האָבן געמאַכט ציטערן דעם באָדן אונטער אונדזערע פֿיס, און דאָס ייִדישע פֿאָלק איז אַרומגענומען געוואָרן פֿון אַ פּאַניק פֿון אומזיכערקייט, וואָס ווירקט אַזוי דעסטרוקטיוו אויף יעדן פֿאַרמעסט אונדזערן זיך צו פֿאַרפֿעסטיקן צום שוץ פֿאַר אונדזער לעבן און רעכט. און דאָך האָט דער ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט ניט נאָכגעגעבן די פּאַניק־שטימונגען, איז ניט נאָר געבליבן פֿעסט אויף זײַנע פּאָזיציעס, נאָר האָט זיי אויך אויסגעברייטערט אין אַ גאָר היפּשער מאָס.

דער וווּקס פֿון ייִוואָ אין די באַדינגונגען פֿון אונדזער עפּאָכע, אין די אומשטענדן פֿון ייִדישן לעבן מיט זײַנע שרעקלעכע ווייען און פּײַנען, איז טאַקע איינס פֿון די וווּנדער, וואָס מאַכן אונדז גלייבן, אַז נאָך זענען פֿאַראַן גענוג שעפֿערישע און אַקטיווע כּוחות אין אונדזער פֿאָלק.

אין דער עפֿענונגס־רעדע אויף יענער ערשטער קאָנפֿערענץ האָב איך געזאָגט, אַז דער ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט איז דער אָרגאַניזירטער ווילן פֿון די מיליאָנען ייִדישע פֿאָלקסמאַסן איבער דעם גאַנצן כּדור הארץ, דער אָרגאַניזירטער ווילן פֿון פֿאָלק אויסצולעבן זיך אין זײַן קולטור, אויף זײַן שפּראַך, אין שטענדיקער באַנײַונג און אין שטענדיקן באַהעפֿטן דעם הײַנט מיט דעם מאָרגן.

לאָמיר מודה זײַן, אַז מיר האָבן איצט נישט דעם פּאַטאָס צו ריידן וועגן דעם ווילן פֿון פֿאָלק זיך אויסצולעבן ייִדיש. אַניט־וואָלט ניט אַזוי טרויעריק געווען אויפֿן געביט פֿון דער ייִדישער קולטור, ווו אַלע שעפֿער און טוער פֿילן זיך אָפֿט אַזוי עלנט און פֿאַרלאָזן. אָבער אויב אַזוי, איז נאָך גרעסער דער וווּנדער פֿון ייִוואָ. עס איז די קראַפֿט פֿון דער אידעע, וועלכע איז שטאַרקער פֿון די רעאַליטעטן פֿון טאָג, די קראַפֿט פֿון דער אידעע, וועלכע האָט געבלאָנדזשעט בײַ די בעסטע פֿון פֿאָלק און איז ענדלעך רעאַליזירט געוואָרן אין דעם ייִוואָ. און די גרויסע אידעע פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט איז צו אָרגאַניזירן די שעפֿערישע ענערגיע פֿון אונדזער פֿאָלק איבער לענדער און גרענעצן, צו ווערן דער אַקומולאַטאָר פֿון אַלע אונדזערע כּוחות פֿאַר דער דערהייבונג פֿון די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן, וואָס ס'איז נישט מעגלעך אָן פּערמאַנענטער ייִדישער קולטור־שאַפֿונג. עס איז נאָך נישטאָ די געהעריקע באַציִונג מצד דער ייִדישער געזעלשאַפֿט צו דער ייִדישער קולטור־אַרבעט, אָבער די מינדערהייט, וואָס טוט אָט די גוואַלדיק וויכטיקע אַרבעט, דריקט אויס דעם דערשטיקטן ווילן און נאָך נישט גענוג באַוויסטזיניקטע אינטערעסן פֿון מיליאָנען. דערפֿאַר איז דער אָפּקלאַנג אַזוי גרויס, דערפֿון אונדזער גלויבן אין אונדזער נצחון.

אין אַ צײַט, ווען אין אָנגעזיכט פֿון די גוואַלדיקע סכּנות, וואָס לויערן אויף דער קולטור מצד די פֿינצטערע ברוטאַלע ווי פֿון קייט אָפּגעריסענע כּוחות, האָט מען אָנגעהויבן צו ריידן אויך בײַ אונדז, אין דער צעריסענער און דעזאָרגאַניזירטער ייִדישער סבֿיבֿה, וועגן פֿאַראייניקן אַלע קרעפֿטן צום

שוך אויך פֿון דער ייִדישער קולטור. אין אַזאַ צײַט איז כּדאַי אויך צו דער־מאָנען, אַז דווקא דער ייִוואָ האָט זינט זײַן גרינדונג געזוכט די דאָזיקע פֿאַר־אייניקונג און אין איר געפֿונען איינעם פֿון די הויפּטקוואַלן פֿון זײַן מאַכט און פֿון זײַן ווירקונג.

מיר האָפֿן, אַז די דאָזיקע אידעען וועלן אויך באַגײַסטערן דעם אַלוועלט־לעכן צוזאַמענפֿאָר אונדזערן. נאָר דורך פֿאַראייניקטע שעפֿערישע כּוחות וועט אויפֿשטיין דער גרויסער בנין פֿון דער ייִדישער קולטור.

חשובֿע פֿרײַנד! פֿאַר דער באַריכטצײַט זינט דער ערשטער קאָנפֿע־רענץ האָבן מיר געליטן שווערע אַבֿדות.

לאָמיר אויף דער הײַנטיקער פֿײַערלעכער פֿאַרזאַמלונג אָפּגעבן כּבֿוד יענע קעמפֿער און פֿאָרשער, די העלדן פֿון געדאַנק, פֿון וואָרט און פֿון דער פּען, וואָס האָבן געלייגט דעם גרונדשטיין פֿון דעם ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט דורך זייער גאַנצער לעבנס־אַרבעט און אויך דירעקט זיך באַטיי־ליקט אין דעם אויפֿבוי פֿון ייִוואָ.

ערע דעם אָנדענק פֿון נחום שטיף, דעם גרינדער פֿון ייִדישן וויסנ־שאַפֿטלעכן אינסטיטוט, געשטאָרבן אין קיִעוו דעם 7טן יאַנואַר 1933.

ערע דעם אָנדענק פֿון דעם גרויסן פֿאָלקספֿרײַנד, דעם געטרײַען בויער פֿון דער ייִדישער קולטור, דעם קעמפֿער פֿאַר דער ייִדישער שפּראַך, דעם אומדערמידלעכן זאָרגער פֿאַר דעם ייִוואָ — דער ליכטיקער פּערזענלעכקייט פֿון אונדזער אומפֿאַרגעסלעכן ד״ר צמח שאַבאַד, געשטאָרבן אין ווילנע דעם 20סטן יאַנואַר 1935.

ערע דעם אָנדענק פֿון דעם באַגײַסטערטן פֿרײַנד פֿון ייִוואָ, דעם מיט־גליד פֿון זײַן צענטראַלער פֿאַרוואַלטונג ד״ר נחום גערגעל, געשטאָרבן אין בערלין דעם 18טן יאַנואַר 1931.

ערע דעם אָנדענק פֿון דעם קעמפֿער פֿאַר דער ייִדישער קולטור און פֿאַר אַ פּראָדוקטיוון ייִדיש לעבן, דעם מיטגליד פֿון דער צענטראַלער פֿאַר־וואַלטונג ד״ר משה זילבערפֿאַרב, געשטאָרבן אין וואַרשע דעם 19טן מערץ 1934.

ערע דעם אָנדענק פֿון די פֿאַרשטאָרבענע מיטגלידער פֿון פּרעזידיום פֿון ערן־קוראַטאָריום פֿון ייִוואָ, פּראָפֿ׳ וולאַדימיר כאַווקין, געשטאָרבן אין פּאַריז אין 1930, עדואַרד בערנשטיין, געשטאָרבן אין בערלין אין יאָר 1933, פּראָפֿ׳ דוד סימאָנסען, געשטאָרבן אין קאָפּענהאַגן אין יאָר 1933.

ערע דעם אָנדענק פֿון דעם גרויסן ייִדישן וויסנשאַפֿטסמאַן, דעם מיט־גליד פֿון פּרעזידיום פֿון ערנקוראַטאָריום פֿון ייִוואָ ד״ר בערנהאַרד וואַכשטיין, געשטאָרבן אין ווין דעם 15טן יאַנואַר 1935.

ערע דעם אָנדענק פֿון דעם ערנפֿאָרזיצער פֿון דער פֿילאָלאָגישער סעקציע פֿון ייִוואָ, דעם נעסטאָר פֿון דער ייִדישער פֿילאָלאָגיע ד״ר אַלפֿרעד לאַנדוי, געשטאָרבן אין ווין דעם 27סטן מערץ 1935.

ערע דעם אָנדענק פֿון דעם קעמפֿער פֿאַר דער קולטור פֿון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן, דעם פֿאָרזיצער פֿון דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע אין פּוילן, יוסף לעשטשינסקי, געשט' אין אָטוואָצק 1935.VII.30.

ערע דעם אָנדענק פֿון דעם גרויסן פֿרײַנד פֿון די יידישע פֿאָלקסמאַסן, דעם איבערגעגעבענעם טוער פֿאַר דער יידישער קולטור, דעם וואַרעמען אונטערשטיצער פֿון ייוואָ עוזר פֿינקעלשטיין, געשט' אין קאָוונע 1932.IX.28.

ערע דעם אָנדענק פֿון דעם געטרײַען פֿרײַנד פֿון די יידישע פֿאָלקסמאַסן, פֿון דער יידישער קולטור און פֿון ייוואָ ישראל קאָפּעלאָוו, געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין אָקטאָבער 1934.

ערע דעם אָנדענק פֿון דעם פֿרײַנד פֿון דער יידישער קולטור און דעם ייוואָ ה. מינדלין, געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין יאָר 1933.

ערע דעם אָנדענק פֿון דעם קעמפֿער פֿאַר די נאַציאָנאַלע רעכט פֿון יידישן פֿאָלק און פֿון דער יידישער שפּראַך, דעם איבערגעגעבענעם פֿרײַנד פֿון ייוואָ לייבל טויבש, געשטאָרבן אין ווין אין מאַי 1933.

ערע דעם אָנדענק פֿון דעם יידישן וויסנשאַפֿטסמאַן, דעם געטרײַען פֿרײַנד פֿון ייוואָ ד"ר ענעלאָו, געשטאָרבן זומער 1933.

ערע דעם אָנדענק פֿון דעם קעמפֿער פֿאַר דער קולטור פֿון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן, דעם פֿרײַנד פֿון ייוואָ, ישראל ליכטענשטיין, געשטאָרבן אין ניו־יאָרק דעם 21סטן אַפּריל 1933.

ערע דעם אָנדענק פֿון דעם קעמפֿער פֿאַר דער יידישער קולטור, דעם פֿאָרזיצער פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿרײַנד פֿון ייוואָ אין לאָדז לאַזאַר פֿוקס, געשטאָרבן אין לאָדז, דעם 10טן יאַנואַר 1935.

ערע דעם אָנדענק פֿון דעם פֿרײַנד פֿון ייוואָ נח זאַבלודאָווסקי, געשטאָרבן אין ביאַליסטאָק אין יאָר 1934.

ערע דעם אָנדענק פֿון דעם געטרײַען זאַמלער פֿון דער יידישער פּרעסע, דעם פֿרײַנד פֿון ייוואָ, דעם זשורנאַליסט שמואל יאַנאָווסקי, געשטאָרבן אין וואַרשע אין יאָר 1935.

ערע דעם אָנדענק פֿון די מיטאַרבעטער פֿון ייוואָ ד"ר לעאָ לאַנדוי, געשטאָרבן אין לאָנדאָן אין יאָר 1933, שאול חיות, געשטאָרבן אין ווין אין מערץ 1935.

ערע דעם אָנדענק פֿון דעם געשיכטספֿאָרשער און פֿרײַנד פֿון ייוואָ משה פֿײַנקינד, געשטאָרבן אין פּעטריקאָוו אין יוני 1935.

ערע דעם אָנדענק פֿון די פּיאָניערן—קעמפֿער פֿאַר דער יידישער קולטור א. ברעסלער, געשטאָרבן אין וואַרשע אין יאָר 1930, אַבֿרהם קאָטיק, געשטאָרבן אין כאַרקאָוו דעם 20סטן אַפּריל 1933.

ערע דעם אָנדענק פֿון דעם פּיאָניער פֿון דער יידישער שול מרדכי בירנבוים, געשטאָרבן אין וואַרשע דעם 15טן אויגוסט 1934.

ערע דעם אָנדענק פֿון דעם פֿראַנצויזיש־יידישן שריפֿטשטעלער, דעם באַגײַסטערטן פּראָפּאַגאַטאָר פֿון אונדזער ליטעראַטור אין דער גרויסער וועלט,

דעם געטרײַען פֿרײַנד פֿון ייִוואָ לופוס בלומענפֿעלד, געשטאָרבן אין פּאַריז, אין יאָר 1929.

ערע דעם אָנדענק פֿון דעם גרויסן קעמפֿער פֿאַר דער קולטור פֿון די אַרבעטנדיקע יידישע מאַסן, זייער געטרײַען לערער אַ. ליטוואַק, געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין יאָר 1932.

ערע דעם אָנדענק פֿון איינעם פֿון די ערשטע מיטבויער פֿון דער וויסנשאַפֿט און דער יידישער שפּראַך אברהם־שמחה זאַקס, געשטאָרבן אין ניו־יאָרק דעם 6טן סעפּטעמבער 1931.

ערע דעם אָנדענק פֿון דעם פּיאָנער פֿון דער יידישער וויסנשאַפֿט בנציון רובשטיין, געשטאָרבן אין אָדעס אין יאָר 1934.

ערע דעם אָנדענק פֿון דעם יונג פֿאַרשטאָרבענעם יידישן ליטעראַטור־פֿאָרשער אַ. ראָזענצוויַיג, טראַגיש אומגעקומען אין אָדעס דעם 12טן יאַנואַר 1934.

ערע דעם אָנדענק פֿון דעם העברעיִשן און יידישן שריפֿטשטעלער, דעם איבערגעגעבענעם פֿרײַנד פֿון ייִוואָ, שמואל־לייב ציטראָן, געשטאָרבן אין ווילנע דעם 8טן נאָוועמבער 1930.

ערע דעם אָנדענק פֿון דעם זיידן פֿון דעם יידישן סאָציאַליזם, דעם גרויסן קעמפֿער, דיכטער און פּובליציסט מאָריס ווינטשעווסקי, געשטאָרבן אין ניו־יאָרק דעם 20סטן מערץ 1932.

ערע דעם אָנדענק פֿון דעם גרויסן יידישן דיכטער משה־לייב האַלפּערן, געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין סעפּטעמבער 1932.

ערע דעם אָנדענק פֿון דעם קלאַסיקער פֿון דעם יידישן משל אליעזר שטיינבאַרג, געשטאָרבן אין טשערנאָוויץ דעם 28סטן מערץ 1932.

ערע דעם אָנדענק פֿון דעם גרויסן דיכטער חיים־נחמן ביאַליק, געשטאָרבן אין ווין אין אויגוסט 1934.

ערע דעם אָנדענק פֿון דעם פֿאָרשער ד״ר מיכל בערקאָוויטש, געשטאָרבן אין בעלסקאָ אין יוני 1935.

ערע דעם אָנדענק פֿון דעם שריפֿטשטעלער דן קאַפּלאַנאָוויטש, געשטאָרבן אין ווילנע אין אָקטאָבער 1932.

ערע דעם אָנדענק פֿון דיכטער אברהם־משה דילאָן, געשטאָרבן אין ניו־יאָרק דעם 3טן אָקטאָבער 1934.

ערע דעם אָנדענק פֿון דעם פּיאָניער פֿון דער יידישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע ישראל העלפֿמאַן, געשטאָרבן אין בוענאָס־איירעס אין יאָר 1935.

ערע דעם אָנדענק פֿון דעם פּובליציסט און שריפֿטשטעלער בער קאַר־לינסקי, געשטאָרבן אין וואַרשע אין פֿעברואַר 1935.

ערע דעם אָנדענק פֿון דעם קעמפֿער און שריפֿטשטעלער דוד קאַסעל, געשטאָרבן אין וואַרשע אין מאַי 1935.

ערע דעם אָנדענק פֿון דעם קינסטלער און דיכטער יאָסל קאָטלער, טראַגיש אומגעקומען אויפֿן וועג פֿון מינעאַפּאָליס קיין דענווער אין יאָר 1935.

מיר באַערן זייער אַלעמענס אָנדענק מיט אויפֿשטיין!

דורך די 6 יאָר האָבן אַ סך פֿון די פֿריינד, וואָס זיינען פֿאַרזאַמלט דאָ אין זאַל, און די אַנדערע פֿריינד פֿון גאָר דער וועלט, וואָס זיינען דאָ גײַסטאָ, געהאָלפֿן טראָגן אונדז דעם שווערן יאָך — זיי אַלעמען אונדזער האַרציקסטן דאַנק!

אין נאָמען פֿון דער צענטראַלער פֿאַרוואַלטונג דערקלער איך דעם אַלוועלטלעכן צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט פֿאַר געעפֿנט.

דאָס וואָרט באַקומט פּראָפ׳ שמעון דובנאָוו (דער פֿול געפּאַקטער זאַל נעמט אויף ש. דובנאָוון מיט גרויסע און לאַנגדויערנדיקע אָוואַציעס דער פּרעזידיום מיט דובנאָוון בראש ווערט פֿאָטאָגראַפֿירט):

עס וועלן זיך געוויס געפֿינען מענטשן וואָס וועלן זיך וווּנדערן, ווי אַזוי רופֿט מען דאָס צונויף אַ צוזאַמענפֿאָר פֿאַר וויסנשאַפֿטלעכע ענינים אין אַ צײַט פֿון גרעסטן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן חורבן פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק ערבֿ דעם ציוניסטן־קאָנגרעס, וואָס דאַרף באַטראַכטן די פֿראַגע, ווי צו ראַטעווען וויניקסטנס פֿופֿציק טויזנט מענטשן אַ יאָר אין אונדזער אַלטן היסטאָרישן לאַנד, און ערבֿ אַ קאָנפֿערענץ, וואָס זאָל צוגרייטן דעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס צו באַטראַכטן די נאָך שווערערע פֿראַגע: ווי צו ראַטעווען מיליאָנען מענטשן דאָ אויף די ערטער. מיר לעבן דאָך אין אַ צײַט, וואָס איז פֿאַר אונדז אין פֿיל לענדער שרעקלעכער, ווי די יאָרן פֿון דער וועלט־מלחמה און דעם לעצטן עקאָנאָמישן וועלטקריזיס: מיר לעבן איבער אַ צײַט פֿון אַ געפֿערלעכן מאָראַלישן קריזיס, פֿון אַ גײַסטיקער עפּידעמיע, וואָס דראָט צו פֿאַרניכטן אַ גאַנצן ייִדישן צענטער אין אַ געוועזענעם גרויסן קולטורלאַנד און פֿאַרשפּרייט זיך גיך אויך אין אַנדערע לענדער. קען מען נאָך איצטער, נאָך דער צעשטערונג פֿון די העכסטע אידעאַלן, צו וועלכע די מענטשהייט איז געקומען אין די לעצטע יאָרהונדערטער, ריידן וועגן געשיכטלעכער עוואָלוציע אָדער פּראָגרעס? צי קען מען שמועסן וועגן אייביקע היסטאָרישע געזעצן, ווען דער באָדן וואַקלט זיך אונטער אונדזערע פֿיס?

אָבער, מײַנע פֿרײַנד, ווערט איר זיך אָפּזאָגן פֿון נאַטור־וויסנשאַפֿט אין אַ צײַט פֿון גרויסע ערד־ציטערנישן? עס זײַנען אויך דאָ אין דער געשיכטע גײַסט־ציטערנישן, מאַסן־פּסיכאָזן, צײַטווײַליקע פֿאַרווילדערונג פֿון גאַנצע פֿעלקערשיכטן, און זיי געהערן אויך צום געביט פֿון וויסנשאַפֿטלעכער פֿאָרשונג. אין דעם נאָרמאַלן גאַנג פֿון דער היסטאָרישער עוואָלוציע רײַסן זיך אַרײַן ניט אַליין רעוואָלוציעס, וואָס פֿאַרגיכערן דעם פּראָגרעס, נאָר אויך אַזעלכע, וואָס שטעלן אים אָפּ און שאַפֿן אַ רעגרעס צוריק, צו די פֿינסטערע צײַטן. גראָד איצט, ווען די סאָציאַלע וויסנשאַפֿט ווערט געפֿעלשט צוליב בלינדער פּאַרטיי־דאָגמאַטיק אָדער פּאַרטיי־דיקטאַטור, ווען פֿאַרקריפּלטע נשמות

שאַפֿן פֿאַלשע וויסנשאַפֿט אויפֿן באַפֿעל פֿון יעטווידן דעספּאָטישן הערשער. איז אונדזער חובֿ אויפֿצוהייבן די פֿאָן פֿון ערלעכער ריינער וויסנשאַפֿט, כּדי צו באַלויכטן דעם פֿאַרטונקלטן באַוווסטזײַן.

אונדזער צוזאַמענפֿאָר איז פֿאַרבונדן מיט דעם צעניאָריקן יובֿל פֿון דעם ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע. כּמעט גלײַכצײַטיק האָט געפּײַערט זײַן צעניאָריקן יובֿל אויך דער ירושלימער אוניווערסיטעט, וואָס איז פֿאַרלויפֿיק אויך נאָך מער אַ פֿאָרשונג־אינסטיטוט איידער אַ לערן־אַנשטאַלט. אפֿשר איז דאָס נישט אַ צופֿאַל, נאָר אַ טיפֿער סימבאָל, וואָס אין ירושלים פֿון ארץ־ישראל און אין ירושלים פֿון גלות זײַנען אין איין און דעם זעלבן יאָר געשאַפֿן געוואָרן ענלעכע אינסטיטוציעס. האָבן מיר ניט געהאַט אין גאָר אַלטע צײַטן דעם זעלבן קולטור־דואַליזם? יענע, וואָס פֿירן איצט דורך אַ שאַרפֿן קעגנזאַץ צווישן ארץ־ישראל און גלות, צווישן העברעיִש און ייִדיש, מוז מען דערמאָנען, אַז אַזאַ דואַליזם האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין דער קלאַסישער צײַט, ווען עס האָט נאָך עקסיסטירט די מלכות יהודה אָדער די אויטאָנאָמע פּאַלעסטינע אונטער רוימישער הערשאַפֿט. האָבן מיר אַמאָל ניט געהאַט גרויסע קולטור־צענטערס גלײַכצײַטיק אין ירושלים און אין דער ייִדיש־גריכישער אַלעקסאַנדריע, אָדער גרויסע אַקאַדעמיעס־ישיבֿות אין טבֿריה און אין די באַבילאָנישע סורא און פּומבדיתא? איז דער תּלמוד־בבֿלי נישט געוואָרן מער אָנגענומען אין אונדזער געזעצגעבונג און דערציִונג ווי דער תּלמוד ירושלמי, און נאָך מער: זײַנען נישט ביידע גמרות געשריבן אין דעם דעמאָלטיקן „זשאַרגאָן“ — דער אַראַמישער שפּראַך? ניין, די ביידע אינסטיטוציעס — אין ירושלים פֿון ארץ־ישראל און אין ירושלים פֿון גלות — זײַנען נישט קיין קאָנקורענטן, נאָר זיי דערגאַנצן זיך איינע די אַנדערע. יעדערע טוט איר וויסנשאַפֿטלעכע אויפֿגאַבע אויף איר שטייגער, אין איר שפּראַך: איינע אין העברעיִש, די אַנדערע אין ייִדיש, דער שפּראַך פֿון מיליאָנען; איינע פֿאָרשט מער די אַלטע תּקופֿות פֿון אונדזער געשיכטע, די אַנדערע — די שפּעטערדיקע תּקופֿות און אַפֿילו די פּראָבלעמען פֿון אונדזער צײַט. אין ירושלים שטרעבט מען צו פֿאַרוואַנדלען דעם אוניווער־סיטעט אין אַן אַלגעמיינעם לערן־אַנשטאַלט מיט אַלע פֿאַקולטעטן לויט דעם אייראָפּעיִשן מוסטער, מיט אַ צענטראַלער יודאַיִסטישער אָפּטיילונג; אין ווילנע שטרעבט מען צו פֿאַרברייטערן די זאַמל־ און פֿאָרשונגס־אַרבעט אויפֿן געביט פֿון ייִדישער וויסנשאַפֿט, צוגעבנדיק איר אַ לעבעדיקן אַקאַדעמישן כאַראַקטער, שאַפֿן סעמינאַרן פֿאַר לערער און צוקינפֿטיקע געלערנטע און אַזוי מאַכן פֿון אַ שווײַגעדיקן אינסטיטוט אַ ריידעוודיקן. אַ קערן פֿון אַן „אוניווערסיטאַס ליטעראַרום“. שוין אין די קנאַפּע צען יאָר פֿון זײַן טעטיקייט האָט דער ווילנער אינסטיטוט באַוויזן צו פֿאַרעפֿנטלעכן גרויסע זאַמלביכער (היסטאָרישע, עקאָנאָמישע, פֿילאָלאָגישע און פּסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישע שריפֿטן), העפֿטן פֿון אַ פּעריאָדישער צײַטשריפֿט (ייוואָ־בלעטער) און פֿאַרשיידענע מאָנאָגראַפֿיעס

נישט וויניקער ווי דער ירושלימער אוניווערסיטעט. איצטער שטרעבט ער צוצוגעבן צו תורה שבכתב אויך תורה שבעל פה: סעמינאַרן, לעקציעס, קורסן.

דער ייִוואָ איז אין דעם זעלבן גראַד אַ נאַציאָנאַלע אינסטיטוציע, ווי דער ירושלימער אוניווערסיטעט. פאַרברייטערן זײַן טעטיקייט־פעלד און געבן אים די מעגלעכקייט דערצו — דאָס איז די הויפּט־אויפגאַבע פון אונדזער הײַנטיקער קאָנפערענץ.

דעם פאָרזיץ נעמט איבער ד"ר מאַקס ווײַנרײַך:

אין נאָמען פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג פאַרבעט איך סימבאָליש אין פּרעזידיום די מיטגלידער פון ערן־קוראַטאָריום פון ייִוואָ אַלבערט אײַנשטיין, משה גאַסטער, חיים זשיטלאָווסקי, עדוואַרד סאַפּיר, זיגמונד פרויד.

מיר באַטראַכטן אויך פאַר מיטגלידער פון פּרעזידיום די פאָרשטייער פון די לאַנד־אָרגאַניזאַציעס ג. פײַנערמאַן פון אַמעריקאַנער אָפּטייל, ד"ר דיאַמאַנט און ד"ר הלוי פון רומעניע, יעקב באָטאָשאַנסקי פון אַרגענטינער אָפּטייל, טאַמאַרקין פון ענגלאַנד, ד"ר סודאַרסקי פון ליטע, י. ראָזענבוים פון לעטלאַנד, מאַרק שאַגאַלן פון פראַנקרײַך, ד"ר י. רובין פון ארץ־ישׂראל, ד"ר רודאָלף גלאַנץ פון עסטרײַך, דעם פאַרדינסטפולן פאָרשער און קעמפער פאַר ייִדיש מתתיהו מיזיש.

מ. ווײַנרײַך לייענט אויסצוגן פון די באַגריסונגען פון אַלבערט אײַנשטיין, משה גאַסטער, חיים זשיטלאָווסקי, ע. סאַפּיר, ז. פרויד.

ווײַטער ווערט געגעבן דער פולער טעקסט פון די באַגריסונגען:

אַלבערט אײַנשטיין:

זייער געערטע הערן!

צום באַדויערן קען איך צו אײַער צוזאַמענפאָר ניט קומען. איך נוץ אויס די געלעגנהייט, כּדי אַרויסצוזאָגן מײַן אָנערקענונג דעם אינסטיטוט פאַר זײַן טעטיקייט אין דינסט פון דער ייִדישער פאָלקס־אויפקלערונג און פאָרשונג. איך האַלט, אַז אין דעם קולטורעלן שטרעבן ליגט די וויכטיקסטע אויפגאַבע פון ייִדישן כּלל און אַז די דאָזיקע אַרבעט האָט באַזונדערס אין דער איצטיקער צײַט פון רדיפות דעם העכסטן ווערט.

מ. גאַסטער:

זייער חשובע הערן!

איך דאַנק אײַך פאַר אײַער פרײַנדלעכער פאַרבעטונג אויף דעם פאָרשטייענדיקן צוזאַמענפאָר און איך קען נאָר באַדויערן, וואָס איך קען ניט זײַן דערבײַ, זיך צו באַטייליקן אין די פאַרהאַנדלונגען.

איך האָף, אַז די פּראָגראַם וועט זײַן אַ ביסל אַ באַגרענעצטע, כּדי זי זאָל קענען פּראַקטיש דורכגעפירט ווערן. די עיקרוואָג לייג איך אויף דער קולטור־היסטאָרישער זײַט. אונדז גייט קודם־כּל אין צונויפזאַמלען און

אויפֿהיטן אַלץ, וואָס גיט אַן אַרײַנבליק אין דעם גײַסטיקן לעבן פֿון אונדזער פֿאָלק און גלײַכצײַטיק בויט עס אויף די היסטאָרישע אַנטוויקלונג פֿון די ייִדישע ישובֿים און פֿון דעם ייִדישן לעבן אויפֿן יסוד פֿון דאָקומענטירטע מאַטעריאַלן. מען מוז שטענדיק האָבן אין זינען צו זאַמלען וואָס מער מאַטעריאַל. מײַן דערפֿאַרונג האָט מיך געלערנט, אַז עס איז גענוג הלוואי צוויי דורות אָפּצומעקן כמעט אַלצדינג וואָס געהער צו דעם עבֿר. איז אַ גרויס גליק וואָס עס איז נאָך ניט צעריסן איינס פֿון די געציילטע בינדגלידער וואָס פֿאַראייניקט דעם רובֿ מנין ורובֿ בנין ייִדן אין דער וועלט. פֿון אַ סך זײַטן איז עס שוין צעדריבלט, אָבער דער אינטערעס, וואָס איז אויפֿגעוועקט געוואָרן דורך אונדזער אינסטיטוט, וועט, לאָמיר האָפֿן, זײַן אַ גרויסער שטער פֿאַר דער דאָזיקער צעפֿאַלונג און צעדריבלונג. די שפּראַך פֿאַראייניקט, זי איז דער אויסדרוק פֿון דעם אינעווייניקסטן נשמהדיקן לעבן און נאָר דורך דעם קען געשאַפֿן ווערן אַן אמתדיקע פֿאַרשטענדעניש צווישן מענטשן, אויב זיי ריידן די זעלביקע שפּראַך. די פּאָליטיק פֿון די מאָדערנע פֿעלקער שטעלט דעם טראָפּ דווקא דערויף צו צווינגען אַלע אײַנוווינער פֿון אַ לאַנד אויסצובײַטן זייער אייגענע נשמה אויף אַ פֿרעמדער. דורך דעם צערײַסט זי די פֿאַרבינדונג מיט דעם עבֿר און דורך אײַנאימפּן אַ נײַע שפּראַך פּרוּווט זי די נײַע גענעראַציעס צו פֿאַראייניקן מיט דער נשמה פֿון די פֿעלקער.

מיר ייִדן לײַדן מער פֿאַר אַלע אונטער דער דאָזיקער פּאָליטיק פֿון דער שפּראַכלעכער „גלײַכשאַלטונג“. אַן אמתער אָדער אַן איבערגעטריבענער פּאַטריאָטיזם שטופּט די מענטשן דערצו, אַז זיי זאָלן אָננעמען די שפּראַך פֿון דעם פֿאָלק, וואָס צווישן אים לעבן זיי, און אונדזער רײַכע און געמיטפֿולע שפּראַך, וועלכע איז אויסגעבילדעט בשלמות און איז אַרײַנגעדרונגען אין די טיפֿסטע פֿאַלדן פֿון אונדזער נשמה, מוזן זיי פֿאַרבײַטן אויף אַן אַנדער לשון וואָס ווערט גערעדט גאָר פֿון אַ קנאַפּער צאָל און וועלכע געפֿינט זיך נאָך אין דער ערשטער סטאַדיע פֿון איר קינסטלעכער אַנטוויקלונג. דער פּועל־יוצא דערפֿון איז אַן אינעווייניקסטע צעפֿאַלונג און אַן אויסנווייניקסטע צעשפּאַלטונג.

מיר פֿאַרשטייען שוין ניט איינער די אַנדערע, מיר ווערן פֿאַרפֿרעמדט ניט נאָר נאַציאָנאַל, נאָר אַפֿילו גײַסטיק אויך.

מען מוז דעריבער מיט אַלע כּוחות שטרעבן דערצו, אַז די קולטיווירונג פֿון דער ייִדישער שפּראַך זאָל ווײַטער אָנגיין מיט דער גאַנצער ענערגיע און עס זאָל די אַסימילאַטאָרישע עלעמענטן געוויזן ווערן, וואָס פֿאַר אַן אוצר זיי פֿאַרלירן סײַ פֿון גײַסטיקער ליטעראַטור סײַ פֿון נאַציאָנאַלער, באַקומענדיק דערפֿאַר נאָר פֿליטערלעך. אויך דער אינעווייניקסטער באַהעפֿט, וואָס פֿאַראייניקט די ייִדן, ווערט דורך דעם אָפּגעשוואַכט און צעשטערט און דווקא בײַ די הײַנטיקע פֿאַרהעלטענישן איז דאָך דער ערשטער תּנאַי, אַז מיר ייִדן, פֿאַראייניקט אינערלעך, זאָלן די דאָזיקע באַהעפֿטונג נאָך מער פֿעסטיקן, כּדי

צו קענען געבן אַ ווידערשטאַנד מיט פֿאַראייניקטע כּוחות. קודם־כּל גייט עס דאָך טאַקע אין נשמהדיקער אחדות, דאָס פֿאָלקישע קומט שוין ממילא.

איך ווינטש אײַך די גרעסטע הצלחה אין אײַער אַרבעט און דריק אויס די האָפֿענונג גאָר בקרובֿ צו האָבן ידיעות וועגן דעם.

חיים זשיטלאָווסקי:

חשובֿער פֿאָרזיצער און חבֿרים דעלעגאַטן!

פֿון דער ווײַטער ווײַט נעם איך מיר די פֿרײַהייט צו שיקן אײַך מײַן האַרציקסטע באַגריסונג צו דעם צעניאָריקן יובֿילײ פֿון אונדזער אינסטיטוט.

מיר האָבן זיכער אַ רעכט צו האָפֿן, אַז ער וועט אויפֿבויען אין דער יידישער שפּראַכספֿערע דעם אַזוי וויכטיקן צווײַג פֿון דער אַלגעמיין מענטשלעכער קולטור, דעם ריין וויסנשאַפֿטלעכן צווײַג אין אַלע זײַנע פֿאַרצווײַגונגען, און דורך דעם גופֿא וועט ער העלפֿן אונדזער פֿאָלק אַרויפֿצוגיין אויף דעם וועג פֿון דעם אַלגעמיין מענטשלעכן פּראָגרעס.

אָבער ניט דאָס אַליין. מיר האָבן אויך געגנוג טעמים צו דערוואַרטן, אַז אַרויפֿגייענדיק אויף יענעם וועג, ווי אַ באַשאַפֿער און טרעגער פֿון אַן אייגענער קולטור־ספֿערע, וועט אונדזער פֿאָלק באַרײַכערן די מענטשלעכע קולטור מיט די דערגרייכונגען פֿון זײַן אייגענעם זשעני, אויסגעטראָגענע און אויסגעוואַקסענע אין זײַן אייגענער גײַסטיק נאַציאָנאַלער היים, און אַז אַדאַנק דעם וועט ער קענען ווערן ניט נאָר אַ גלײַכבאַרעכטיקטער מיטגליד, נאָר אויך אַ העכסט ווערטפֿולער מיטגליד אין דער משפּחה פֿון די פּראָגרעסיווע קולטורפֿעלקער.

איך קען גאַנץ גוט די פֿינצטערע, רעאַקציאָנערע צײַט, אין וועלכער מיר לעבן, אַ צײַט, ווען די חשיבֿות פֿון אַ פֿאָלק האָט מען ווידער אויפֿגעהערט צו שאַצן לויט זײַנע דערגרייכונגען אויף די פֿעלדער פֿון דער גײַסטיקער קולטור. די גרויסע חשיבֿות פֿון אַ פֿאָלק הייבט מען ווידער אָן צו דערבליקן אין קאָנען פּראָדוצירן וואָס מער כּלי משחית אויף צו טייטן מער מענטשן און אויף אַרײַנצוכאַפּן וואָס בעסערע „פּלעצער אונטער דער זון", ד"ה וואָס מעכטיקערע פּאָזיציעס אויף דעם וועלטמאַרק.

אָבער אָט די צײַט וועט אַריבער, און מיר ייִדן מוזן שטרעבן, זי זאָל אַריבער וואָס גיכער, ווײַל צום גליק אונדזערן קאָנען מיר ניט, ווילן מיר ניט און זאָלן ניט זיך אויפֿאייגנען מיט אָט דער אומפֿאַרשעמטער פֿאַרווילדערונג.

אונדזער קאַמף פֿאַר אַ פּלאַץ אונטער דער זון קאָן זײַן נאָר אַ וועטלויף פֿאַר אַ חשובֿן פּלאַץ אונטער דער זון פֿון דעם אַלמענטשלעכן גײַסטיקן פּראָגרעס. דאָס איז אַ כּשרער וועטלויף, ווײַל אונטער אָט דער זון זײַנען פֿאַראַן חשובֿע פּלעצער פֿאַר אַלע פֿעלקער פֿון דער וועלט, און קיינער קאָן קיינעמס פּלאַץ ניט פֿאַרנעמען.

זיכער וועט דער עפֿנטלעכער באַוווּסטזײַן פֿון דער פּראָגרעסיווער מענטשהייט ווידער אַרויף אויף דעם וועג פֿון יענעם פֿעלקער=אָפּשאַץ, וואָס האָט געהערשט אין פֿאַר דער קריגסצײַט. דער ווערט און די חשיבות פֿון אַ פֿאָלק, ווי פֿון אַ קולטור פּראָדוצירנדיקן מיטגליד פֿון דער מענטשהייט, וועט ווידער געשאַצט ווערן לויט זײַנע השלמות און נצחונות אויף די פֿעלדער פֿון דער גײַסטיקער קולטור בכלל, דער וויסנשאַפֿטלעכער קולטור בפֿרט.

אַזאַ העכסט ווערטפֿולער מיטגליד קאָן אַ פֿאָלק ווערן נאָר דעמאָלט, ווען זײַן קולטור וואַקסט אָרגאַניש אין אַ שפּראַך=ספֿערע, אַ געמיינשאַפֿטלעכער פֿאַר אַלע זײַנע קינדער — פֿאַר די פֿאָלקסמאַסן, ווי פֿאַר די אָריגינעל באַשאַפֿערישע טאַלענטן און זשעניען. נאָר די קולטור אין דער ספֿערע פֿון דער פֿאָלקסשפּראַך, וואָס איז אין דער זעלביקער צײַט די נאַציאָנאַל=שפּראַך פֿון דעם פֿאָלק, קאָן זײַן ווערטפֿול סײַ פֿאַרן פֿאָלק, סײַ פֿאַר דער מענטשהייט, ווײַל נאָר אַזאַ קולטור, אין וועלכער עס איז נישטאָ קיין שפּראַך=מחיצה צווישן די מאַסן און די קולטור=שאַפֿנדיקע כּוחות קאָן זײַן אי אַלזײַטיק, אי אָנגעזאַפּט מיט אַן אַלגעמיין מענטשלעכן אינהאַלט, אי באַפֿרוכפֿערנדיק, אי רײַך.

אַזאַ קולטור מוז זײַן אַלזײַטיק, ווײַל זי דאַרף באַדינען די אַלזײַטיקע אינטערעסן פֿון דעם גאַנצן פֿאָלקס=אָרגאַניזם, פֿון די טאָג=טעגלעכע מאַטעריעלע נויטן ביז צו יענע הויכע עולמות אין דער גײַסטיקער קולטור, וועלכע קאַרל מאַרקס האָט אַ נאָמען געגעבן „די ממשלה פֿון פֿרײַהייט", ווּ די באַשעפֿערישע מענטשלעכע קרעפֿטן האָבן, ווי ער דריקט זיך אויס, „זייער ציל אין זיך גופֿא". אָט די אַלזײַטיקייט פֿון אַ פֿאָלקסקולטור גיט איר דעם כאַראַקטער פֿון אַלמענטשלעכקייט. אַזאַ קולטור אין דער אייגענער פֿאָלקסשפּראַך קאָן זײַן באַפֿרוכפֿערנדיק, ווײַל דורך די קאַנאַלן און די קאַנאַלעכלעך פֿון דעם איינהייטלעכן שפּראַכבאַסיין קאָנען די דערגרייכונגען פֿון דער קולטור=שאַפֿונג פֿונאַנדערגעפֿירט ווערן ביז צו די ווײַטסטע ווינקעלעך פֿון דעם פֿאָלקסלעבן. אין אָט דעם פּרט שפּילט די שפּראַך די ראָלע פֿון דער בלוט=צירקולאַציע אין אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם, וואָס טראָגט פֿונאַנדער די שפּײַז ביז צו יעדן קעמערל פֿון זײַן קערפּערלעכן געבײַ.

און נאָר אַזאַ קולטור קאָן אויך זײַן רײַך, ווײַל דורך די זעלביקע קאַפּילאַרע געפֿעסן קאָנען געוועקט ווערן די באַשאַפֿערישע כּוחות בײַ יענע געבענטשטע יחידים, וואָס זײַנען פֿול און פֿיל בײַ דער פֿאָלקסמאַסע און וואָס דאַרפֿן נאָר די פּאַסיקע לעבנס=באַדינגונגען, כּדי אויפֿצוהייבן זיך — נישט באַדאַרפֿנדיק איבערקלעטערן וואָסער עס איז שפּראַך=מחיצה — צו די העכסטע הייכן און צו באַרײַכערן מיט זייער געבענטשטן שאַפֿן אַלע פֿעלדער פֿון דער מענטשלעכער קולטור.

אונדזער ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט איז אַ קינד פֿון יענער גײַסטיקער ריכטונג אין אונדזער לעבן, וואָס האָט שוין פֿון לאַנג אָן

איינגעזען אָט די קאָלאָסאַלע ראָלע פון דער פאָלקסשפּראַך פאַר דער קול־טור־אַנטוויקלונג פון דעם אייגענעם פאָלק און פון דער גאַנצער מענטשהייט. אין דעם ליכט פון אָט דעם איינזען איז דער יִוואָ געגאַנגען אַלץ פאָרויס און פאָרויס, דערגרייכנדיק אַלץ העכערע הייכן.

ליידער איז די יידישע אינטעליגענץ אין איר גאָר גרויסער מאַיאָריטעט נאָך ווייט־ווייט פון אַזאַ איינזען. אַדאַנק היסטאָרישע סיבות, וואָס ניט דאָ איז דער פּלאַץ זיי אויסצורעכענען, האָט זי ניט געקאָנט אַרויפגיין אויף יענעם וועג, אויף וועלכן עס זיינען אַרויף די פירנדיקע פּראָגרעסיווע פעלקער שוין מיט הונדערטער יאָרן צוריק, ווער פריער און ווער שפּעטער: דעם וועג, וואָס דערהייבט די פאָלקסשפּראַך צו דער מדרגה פון דער נאַציאָנאַל־שפּראַך.

דער גרעסטער טייל פון אונדזערע קולטור־שאַפנדיקע כּוחות אַרבעט אין פרעמדע שפּראַך־ספערעס און הייבט דערמיט אויף די חשיבות פון די אַנדערע קולטורן, אָבער נישט פון אונדזער אייגענער. זי מוז אַדאַנק אָט דעם צוועקלויפן אין דער פרעמד, בלייבן היפש אָרעמלעך. על כּל פּנים קאָן זי נישט שטיין אויף יענער הייך, וואָס זי וואָלט דערגרייכט דורך די אָנשטרענגונגען פון די אַנטלאָפענע אָדער פון קינדהייט אָן פאַרפרעמדטע.

אמת, אַ געוויסער טייל פון דער אַסימילירטער אינטעליגענץ האָט זיך אין באַוווּסטזיין פאַרבונדן מיט אונדזער פאָלק און באַאַרבעט ריין יידישע קולטורפעלדער אין אַ פרעמדער שפּראַך. זי ברענגט אַרויס קולטור־ספערעס — די דייטש־יידישע, פּויליש־יידישע, ענגליש־יידישע וכו׳ וכו׳ וכו׳ — וואָס זיינען איצטער שוין נישט אַזוי אָרעם אין טאַלאַנטן ווי אַמאָל. אָבער זיי אַלע זיינען אי איינזייטיק יידיש, אי ניט באַזונדערס רייך, אי לגמרי ניט באַ־פרוכפערנדיק פאַר אונדזערע גרויסע פאָלקסמאַסן.

נאָך אַן אַנדער טייל פון אונדזערע באַשאַפנדיקע כּוחות בויט אויס אַ קולטור־ספערע אין העברעיִש, אין יענעם אַ ל צ ײ ט י ק ן לשון פון אונדזער פאָלק, וואָס באַגלייט אים תמיד פון ווינקלאַנד צו ווינקלאַנד, ווי אַ וויכטי־קער צווייג פון זיין קולטורעלן לעבן. דאָס נייע שטרעבן פון דער העברעיִסטי־שער באַוועגונג צו פאַרוואַנדלען אָט דעם אַלצייטיקן צווייג אין דעם גאַנצן קולטורבוים — אַ שטרעבן, וואָס איז לחלוטין פרעמד דער גאַנצער יידישער געשיכטע זינט דעם ערשטן גלות בבל, קאָן אמת אַרויסברענגען אַ קולטור, וואָס קאָן זיין אי אַלזייטיק אין אירע שאַפונגען — בפרט אין ארץ־ישראל — אי אַלגעמיין מענטשלעך אין איר אינהאַלט, אי רייך אין אירע דערגרייכונגען. איר פעלט אָבער איין זאַך — די הויפּטזאַך: זי קאָן נישט זיין באַפרוכ־פערנדיק פאַר די גרויסע יידישע פאָלקסמאַסן, פון וועלכע זי איז אָפּגעטיילט מיט דער הויכער וואַנט פון יענעם, אמת אויסטערליש שיינעם לשון, וואָס איז אָבער מינדסטנס שוין צוויי טויזנט יאָר פאַרשוווּנדן געוואָרן פון דעם פאָלקס ליפּן און ממילא אויך פון זיין טאָג־טעגלעכן לעבן. די דערגרייכונגען,

אין דער העברעיִשער קולטור-ספֿערע קאָנען נישט העלפֿן אונדזער פֿאָלק אין זײַן גײַסטיקער אַנטוויקלונג, אין זײַנע טאָג-טעגלעכע נויטן און אין דער אויסבילדונג פֿון אַן אייגענער גײַסטיק נאַציאָנאַלער היים, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלע ייִדן פֿון דער גאַנצער וועלט און וואָס זאָל האָבן פּונקט אַזאַ ווערט פֿאַר דער מענטשהייט, ווי די גײַסטיק נאַציאָנאַלע היימען פֿון יעדן אַנדער פּראָגרעסיוון פֿאָלק. אַזאַ גײַסטיק נאַציאָנאַלע היים פֿאַר אַלע ייִדן פֿון דער וועלט קאָן זיך איצטער בויען נאָר אין דער אַלוועלטלעכער ייִדישער שפּראַך — דעם ייִדיש — מיט דעם אַלצײַטיקן העברעיִש, ווי אַ צווײַג פֿון דער ייִדישער קולטור.

די טראַגעדיע פֿון אונדזער ייִדישער קולטור-שאַפֿונג איז בלי-ספק די שפּראַכן-צעשפּליטערונג. אָבער אויך אָט דער טראַגישער צושטאַנד איז פֿון דער געשיכטע פֿאַרמשפּט צום פֿאַרשווינדן. נאָך לעבט אונדזער פֿאָלק ווי אַ קולטור-שאַפֿנדיקער אָרגאַניזם. נאָך האָט די גרויסע מאַיאָריטעט זײַנע איבער גאָר דער וועלט דעם אַלוועלטלעכן ייִדישן לשון, דעם ייִדיש. די אינעווייניקסטע לאָגיק פֿון דער פּראָגרעסיווער, אַלגעמיין מענטשלעכער אַנטוויקלונג פֿון אונדזער פֿאָלק האָט אויך אונדז געטריבן דערצו, מיר זאָלן אַרויפֿגיין אויף דעם וועג פֿון אַלע אַנדערע פּראָגרעסיווע פֿעלקער און זאָלן דערהייבן די פֿאָלקסשפּראַך צו דער מדרגה פֿון אַ נאַציאָנאַל-שפּראַך.

בעסער שפּעט איידער קיינמאָל נישט!

אָבער ווי שפּעט מיר זאָלן זיך נישט האָבן געכאַפּט צום שכל, דער שכל פֿון אונדזער קולטור-שאַפֿונג אין ייִדיש האָט פֿאַר די לעצטע פֿאַר צענדלינג יאָר באַוויזן זײַן וווּנדער. ער האָט באַשאַפֿן אַ נײַע קולטור-ספֿערע, וואָס האָט שוין איצטער די קראַפֿט צו ווערן אַלזײַטיק רײַך, באַפֿרוכפּערנדיק און אָנגעזאַפּט מיט אַן אַלגעמיין מענטשלעכן אינהאַלט, ד"ה צו אַנטוויקלען גראָד יענע פֿונדאַמענטאַלע אייגנשאַפֿטן, וואָס מאַכן זי באַרעכטיקט צו אַ באַזונדער פּלאַץ צווישן די קולטורן פֿון דער פּראָגרעסיווער מענטשהייט. און וואָס גיכער עס וועט אַריבערגיין דער אויבן דערמאָנטער טראַגישער צושטאַנד פֿון אונדזער שפּראַכן-צעשפּליטערונג, וואָס ענגער אונדזערע קולטור-שאַפֿנדיקע כּוחות וועלן זיך אָנשליסן אָן דער נײַער קולטור-ספֿערע אין ייִדיש, אַלץ רײַכער וועט זי ווערן, אַלץ אַ מער חשובֿן „פּלאַץ אונטער דער זון“ וועט די פּראָגרעסיווע מענטשהייט מוזן אָנערקענען פֿאַר אונדזער פֿאָלק.

אין אָט דער נײַער עפּאָכע פֿון דער ייִדישער קולטור-שאַפֿונג האָט אונדזער ייִוואָ געשפּילט גאָר אַ געהויבענע ראָלע. שוין האָט דער ייִוואָ פֿאַר די צען יאָר פֿון זײַן טעטיקייט אָפּגעווישט די „חרפת מצרים“ פֿון אונדזער לשון און האָט געבראָכן דעם אידעיִשן ווידערשטאַנד מצד אַלערליי קרעפֿטיקע פֿײַנדלעכע שטרעמונגען. די אַמאָליקע טענות אַנטקעגן ייִדיש פֿאַרשווינדן אַלץ מער און מער. גאָר וויכטיקע טיילן פֿון די אויפֿגעקלערטע פֿאָלקסמאַסן, מיט דער ייִדישער אַרבעטערשאַפֿט בראָש, האָבן שוין אָנגעהויבן

צו שאַצן דעם יִוואָס באַטײַט סײַ פֿאַר זייער אייגענער גײַסטיקער אַנטוויקלונג, סײַ פֿאַר אונדזער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט.

דער יִוואָ האָט גוואַלדיק געהאָלפֿן אַוועקצולייגן דעם פֿונדאַמענט פֿאַר דעם אויפֿבוי פֿון אונדזער נײַער „גײַסטיק נאַציאָנאַלער היים".

אזוי אַרום ווערט שוין איצטער דער יִוואָ איינער פֿון יענע באַדײַטנדיקע היסטאָרישע כּוחות, וואָס לעבן אין אונדזער פֿאָלק און שטרעבן צו דער פֿולער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפֿרײַונג פֿון אונדזערע פֿאָלקסמאַסן, די צעשפּרייטע איבער גאָר דער וועלט, — יענע היסטאָרישע כּוחות, וואָס טרײַבן דאָס פֿאָלק צו באַשאַפֿן אַזעלכע באַדינגונגען פֿון זײַן עקסיסטענץ, וואָס זאָלן אים פֿאַרזיכערן אַ פֿרײַע נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע און גײַסטיקע אַנטוויקלונג, ווי אַ זעלבשטענדיק פֿאָלק, ווי אַ ווערטפֿולער מיטגליד אין דער צוקינפֿטיקער פֿאַרברידערטער משפּחה פֿון דער מענטשהייט.

פֿון מײַן גאַנצן האַרצן באַגריס איך דעריבער אונדזער יוביליי־צוזאַמענפֿאָר און ווינטש אײַך אַלעמען, חברים דעלעגאַטן, אַז אײַערע אַרבעטן זאָלן באַטײַטן מיט זיך אַ ווײַטערדיקע דעראָבערונג פֿון וויכטיקע פּאָזיציעס אין אָט דעם קאַמף אונדזערן פֿאַר דעם גרויסן היסטאָרישן ציל.

ד"ר עדוואַרד סאַפּיר:

טײַערע פֿרײַנד!

איך האָב אָקאָרשט באַקומען אײַער בריוו פֿון 16טן יולי, אין וועלכן איר חזרט איבער אײַער פֿאַרבעטונג צו קומען צום צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִדישן וויסנש' אינסט' פֿון 14טן—19טן אויגוסט. איך וואָלט זייער געוואָלט בײַזײַן און אָנטייל נעמען אין די באַראָטונגען פֿון דעם צוזאַמענפֿאָר, נאָר לײדער איז דאָס נישט מיגלעך און איך מוז זיך באַגנוגענען מיט שיקן אײַך און דעם אינסטיטוט מײַנע האַרציקסטע גערוסן און מײַנע ברכות פֿאַר דער גלענצנדיקער אַרבעט, וואָס ער טוט און האָט געטאָן, און מײַנע האָפֿענונגען, אַז ער זאָל ווײַטער פֿירן זײַן אַרבעט אויף די זעלבע געזונטע פּרינציפּן ווי פֿריִער און אויף אַ געזונט וואַקסנדיקן שטייגער.

ווען איך בין געווען אַ קינד, איז ייִדיש געווען בדרך כּלל אַ פֿאַראַכטע שפּראַך, אַ „זשאַרגאָן", וואָס האָט נישט געקענט דערמאָנט ווערן בנשימה אחת מיט לשון־קודש אָדער רוסיש, פּויליש אָדער דײַטש, די שפּראַכן פֿון די עמאַנסיפּירטע אינטעליגענטן צווישן די ייִדן פֿון פּוילן און ליטע. אָבער שפּראַכן האָבן נישט קיין שום מיסטישע מעלות מחוץ יענע מעלות, וואָס זייערע באַנוצער גיבן אין זיי אַרײַן דורך אויסדריקן זייער פּערזענלעכקייט און דורך דער ליטעראַטור, וואָס געמט אַרום דעם זיכּרון און די אַספּיראַציעס פֿון דער פֿאָלקסמאַסע. אין דער נאַטור פֿון דער זאַך איז נישטאָ גאָרנישט, וואָס זאָל קענען שטערן ייִדיש צו זײַן אַזאַ בייגעוודיקע, אַזאַ פּינקטלעכע און אַזאַ געהויבענע שפּראַך ווי העברעיִש אָדער לאַטײַן, אָדער גרי־

כיש אָדער פראַנצויזיש — אויב נאָר די, וואָס ריידן זי ווי אַ נאַטירלעכע שפּראַך און וואָס האָבן זי ליב, ווילן, אַז אַזוי זאָל זײַן.

כּבֿוד און באַוווּנדערונג פאַר די, וואָס ווילן, אַז אַזוי זאָל זײַן, און איך ווייס, אַז די ערנצטע געלערנטע, וואָס זענען פאַרבונדן אין ייִוואָ, שטייען אין אַוואַנגאַרד פון יענע, וואָס האַלטן אין מאַכן ייִדיש פאַר אַ זעלבשטענ־דיקער קולטורשפּראַך. איך קען זיך נישט פאָרשטעלן קיין מער געהויבענעם און קיין מער פּראַקטישן וועג פון ברענגען די ייִדישע מאַסן פון מזרח־אייראָפּע און אַמעריקע אין אַ פעסטן קאָנטאַקט מיט דער וועלטקולטור ווי איבערצושמידן אַ פאַראַכטן לשון אין אַן אינסטרומענט פון פּרעכטיק־קלאָרער אויסדריקלעכקייט, אבן מאסו הבונים היתה לראש פנה.

זיגמונד פרויד:

זייער חשובֿע הערן!

איך דאַנק אײַך פאַר די פרײַנדלעכע ווונטשן. דאָס אַרײַנטרעטן אין דעם 80סטן לעבנסיאָר איז עפּעס אַזוינס, וואָס ס'איז נישטאָ וואָס מקנא צו זײַן. מײַן געזונט לאָזט איבער אַ סך צו ווינטשן און פאַרשווערט מיר די נסיעה צו באַטייליקן זיך אין אײַער יובֿל־צונויפֿקומען אין אויגוסט.

איר מוזט זיך באַנוגענען מיט דעם אויסדרוק פון מײַן טיפער סימ־פּאַטיע פאַר אײַערע שטרעבונגען.

מ. ווײַנרײַך:

דעם 12טן אויגוסט 1925, דאָס הייסט פּונקט מיט 10 יאָר צוריק, האָט זיך אויפגעקליבן אין בערלין לויט נחום שטיפס איניציאַטיוו אַ גרופּע ייִדישע וויסנשאַפטלער און קולטור־טוער און באַשלאָסן צוצוטרעטן צו דער אַרבעט פאַר אַ ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. ווען דער באַ־ריכט פון דער דאַזיקער „פאָרבאַרייטונג" איז אָפּגעדרוקט געוואָרן, האָט איינער אַן אַמעריקאַנער ייִדישער זשורנאַליסט, גראָד אַ פרײַנדלעכער צום געדאַנק פון אינסטיטוט, געשריבן אַן ערך אַזוי: אָט דאָ זעט מען אַרויס דעם בולטן אונטערשייד צווישן אייראָפּע און אַמעריקע. אין אַמעריקע וואָלט מען אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, מען וואָלט געזוכט צו באַקומען פאַר דעם פּלאַן די אונטערשטיצונג פון פאַרמעגלעכע מענטשן, און ערשט דערנאָך וואָלט מען זיך גענומען גרינדן אַן אינסטיטוציע. אין אייראָפּע גייען זיי מיט אַ פאַרקערטן וועג: זיי לאָזן זיך אויף גאָטס באַראָט אָן אַ גראָשן געלט.

איך קען פאַרזיכערן בהן שלי, אַז די איניציאַטאָרן פון אונדזער אינסטיטוט, כאָטש זיי האָבן געשטאַמט פון מזרח־אייראָפּע, וואָלטן אויך גע־האַט גענוג שכל (און חשק אַוודאי) צו גיין מיטן „אַמעריקאַנער" וועג פון זיכערע הכנסות. דאָס איז אָבער נישט געווען מיגלעך, ווײַל ווען שטיף איז אַרויס מיט זײַן פּראָיעקט פון אָרגאַניזירן די ייִדישע וויסנשאַפט און ווען ער האָט שוין אַפילו באַקומען אויף זײַן פּראָיעקט די הסכמה פון די

ווילנער ייִדישע קולטור־טוער, האָט זיך נאָך אַלץ נישט געפֿונען קיין איין ייִדישע אָרגאַניזאַציע, און קיין פּריוואַטמאַן געוויס נישט, וואָס זאָל וועלן אין אַ ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט אינוועסטירן כאָטש 500 דאָלאַר. וויפֿיל שטיף האָט זיך נישט געפּלײַסט צו ריידן אין זײַן מעמאָראַנדום קלאָרע דיבורים, האָט מען אים אין דער ברייטערער ייִדישער וועלט אַפֿילו רעכט נישט פֿאַרשטאַנען. ייִדישע וויסנשאַפֿט — וואָס איז דאָס אַזוינס, חכמת עבֿרי־טײַטש? אַזוי האָט זיך געוויצלט אַ געבילדעטער, ערנצטער, ראַדיקאַלער ייִדישער שרײַבער. אַ צווייטער האָט געוואָלט וויסן: צו וואָס דאַרף מען נאָך אַן אינסטיטוט, אַז עס איז שוין פֿאַראַן דער ייִדישער טעאָלאָגישער סעמינאַר אין ניו־יאָרק אין דער היברו יוניאָן קאָלעדזש אין סינסינעטי? און אַ דריטן איז געווען קשה: וואָס ווילט איר, קאָנקורירן מיטן ירושלימער אוניווערסיטעט? אַזוי האָט יעדערער, אַפֿילו די גוטע פֿרײַנד, געהאַט זײַנע טענות און ספֿקות און דער עיקר — אַ היפּשע פּאָרציע אומגלויבן. די געציילטע פּאָר מענטשן, וואָס האָבן די זאַך געוואָלט, האָבן דעריבער קיין ברירה נישט געהאַט, ווי אויסצוטרעטן זיך אַן אייגענעם וועג פֿון אויפֿבוי; אַניט וואָלט אויפֿן בית־עולם פֿון ייִדישע שיינע פּראָיעקטן צוגעקומען נאָך אַ שיינער פּראָיעקט, און שוין.

דער וועג אונדזערער איז געווען פֿון אָנהייב אָן: איבערצײַגן דורך מעשים. מיר האָבן זיך פֿאַרמאָסטן אויף אַן אינסטיטוט זיצנדיק אין אַ קליינעם פּריוואַטן צימער און האָבן זיך נישט אָפּגעשראָקן פֿאַרן גוטמוטיק־שפּאָטישן געלעכטער, אַז דער גאַנצער אינסטיטוט איז בײַ איין פּערזאָן אין שרײַבטיש. מיר זענען אַריבער אין צוויי געדונגענע צימערן, ווו עס איז אונדז אויך אין גיכן געוואָרן ענג, דערנאָך אין זיבן און אין עלף צימערן. מיר האָבן געאַרבעט כמעט דורכויס מיט אומגעצאָלטער אַרבעט, און די שכירות פֿאַר די געציילטע געצאָלטע מענטשן פֿלעגן מיר אויך טיילמאָל נישט אויסצאָלן דורך חדשים. טעג, און אַמאָל וואָכן פֿלעגן אָפּליגן אָנגעשריבענע בריוו אין אָפּגעדרוקטע ביכער, ווײַל ס'איז נישט געווען אויף מאַרקעס דאָס פּונאַנדערצושיקן. אָבער מיר זענען געגאַנגען פֿאָרויס מיטן זיכערן געפֿיל, אַז מיר טוען אַ גרויסע אַרבעט, און דער אויפֿטו אונדזערער האָט באַוויזן מער ווי וועלכע עס איז דעקלאַראַציעס.

ווי קריטיש מיר זאָלן זיך נישט באַציִען צו אונדזערע דערגרייכונגען, מעגן מיר פֿאָרט זײַן גערעכט צו זיך אַליין און מודה זײַן, אַז פֿיל איז דערגרייכט געוואָרן. גרויס זענען די אוצרות, וואָס דער ייִוואָ האָט צונויפֿגעקליבן דורך דער הילף און געטרײַשאַפֿט פֿון אַ גאַנצער אַרמיי זאַמלער. היפּש איבער צען טויזנט זײַטן וויסנשאַפֿטלעכע ליטעראַטור האָבן מיר אָפּגעדרוקט פֿאַר דער צײַט, און מיר מעגן דרייסט זאָגן, אַז זיי שטייען נישט נידעריקער פֿונעם גוטן דורכשניט וויסנשאַפֿטלעכע פּראָדוקציע בײַ לײַטן. מיר האָבן אויסגעשטעלט מיט דער הילף פֿון פֿיל טויזנטער פֿרײַנד אין איי־

ראָפּע, צפֿון־אַמעריקע און דרום־אַמעריקע דעם אייגענעם בנין, וואָס איז באמת, ניט נאָר אין מליצה, דער קנין פֿון גאַנצן ייִדישן פֿאָלק.

אָבער וויכטיקער איידער די פּרטים איז דער עיקר פֿון אונדזער אויפֿטו. אין דער צעשאָטנקייט און, לאָמיר זיך נישט שעמען אָנצורופֿן דעם בעל־דבר בײַם נאָמען, אין דער צעפֿאָרנקייט פֿון דער ייִדישער סביבה האָבן מיר געשאַפֿן אַן איינהייטלעכן צענטער פֿון כּללישן ווילן. אַנטקעגן די פֿונצענטרישע שטרעבונגען אין ייִדישן לעבן האָבן מיר אַרויסגעשטעלט אַ צומצענטרישן כּוח. די ייִדישע וויסנשאַפֿט האָט באַקומען אַן אַדרעס, און ממילא פּראָפּיטירט דערפֿון, וואָס ווײַטער אַלץ מער, די ייִדישע קולטור בכלל. עס איז נישט קיין צופֿאַל, וואָס מיט אונדזער הײַנטיקן צוזאַמענפֿאָר זײַנען פֿאַרבונדן אַרויסווײַזונגען פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און פֿון דער ייִדישער קונסט. די ייִדישע וויסנשאַפֿט, ווי שוואַך זי זאָל נישט זײַן אַבסאָלוט גענומען, האָט זיך שוין אויף אַזוי פֿיל קאָנסאָלידירט, אַז עס קענען זיך אויף איר אָנשפּאַרן אַנדערע צווײַגן פֿון אונדזער קולטור.

אויך מיט דער ייִדישער שול איז דער ייִוואָ פֿאַרבונדן דורך פֿעסטע, דורך אומצערײַסלעכע פֿעדעם. אין די ערשטע יאָרן פֿון אונדזער טעטיקייט איז געווען בײַ אונדז אין גאַנג די מעטאַפֿער, אַז דער ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט איז דער אייבערשטער גאָרן פֿון אונדזער קולטור־בנין, פֿון וועלכן די שול איז דער פֿונדאַמענט. אין אַ היפּשער מאָס איז דאָס ריכטיק, קודם־כּל לויטן סדר פֿון אויפֿקום: די ייִדישע שול איז געבוירן געוואָרן פֿריִער, באַגלייט פֿון אירע ברכות איז דער ייִוואָ אַרויס אויף דער ליכטיקער שײַן, און אירע טוער זענען אין אַן אָנזיכטיקער מאָס אויך טוער פֿאַרן ייִוואָ. אָבער די ייִדישע וויסנשאַפֿט לגבי דער שול, פּונקט ווי לגבי דער ליטעראַטור, האָט די אַמביציע צו זײַן ניט נאָר אַ נעמער, נאָר אויך אַ געבער. אין דער ייִדישער ליטעראַטור, ווו ס'האָט דאָמינירט די עמאָציע, איז דורכן ייִוואָ צום ערשטן מאָל אַרײַנגעטראָגן געוואָרן אַ שטראָם אָרגאַניזירטע אינטעלעקטועלקייט. און אַזוי איז מיט דער ייִדישער שול אויך.

געוויס האָט די אַרבעט פֿאַרן ייִוואָ געפּונען אַזאַ הילכיקן אָפּקלאַנג טיילווײַז מחמת דעם, וואָס דער באָדן איז שוין געווען אויפֿגעאַקערט דורך דער הייליקער פּיאָניערן־אַרבעט פֿונעם ייִדישן לערער. אָבער פֿאַר איינס איז קלאָר, אַז בײַ דער שול קענען נישט אויסוואַקסן קיין פֿליגלען, אויב זי ווערט נישט געשפּײַזט און באַפֿרוכפּערט פֿון אַ העכערן וויסנשאַפֿטלעכן געדאַנק. נישטאָ קיין מוקדם ומאוחר אין אונדזער קולטור־בעל־הבתישקייט: נאָר ווען עס וועט בליִען אויף אַלע פֿעלדער, וועט בליִען דאָס גאַנצע, און יעדער פֿעלד פֿאַר זיך פֿאַרמאָגט זײַן אייגענעם ווערט אין זיך.

זײַן אייגענעם ווערט — און אויך זײַנע אייגענע אופֿנים פֿון קולטיווירן. תּחילת האָבן מיר דאָס מער געשפּירט ווי געוווּסט, אָבער אין גאַנג פֿון אונדזער אַרבעט איז אונדז קלאָר געוואָרן, אַז דער וועג פֿון ווירקן דורך

מעשים איז אונדזער וועג נישט נאָר איבער געוואַלד, מחמת דוחק אין מיטלען, נאָר אַז דער דאָזיקער דרך איז באַשטימט דורכן עצם מהות פון וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. מיר לייקענען נישט אָפּ די באַרעכטיקונג פון אַנדערע פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, און געוויס האַלטן מיר נישט, אַז אַנטקעגן די באַדערפענישן פון לעבן איז מען יוצא מיט פאָרשן אַליין. אָבער מיר האָבן זיך אויסגעשניטן איין שטיק לעבנספלאַץ און מיר האָבן געזאָגט קודם כל צו זיך אַליין און דערנאָך צו דער וועלט: אונדזער ציל איז פאַר קיינעם נישט פאַרהוילן, אונדזער וועג איז פאַר אַלעמען קלאָר. ווער עס וויל גיין צוזאַמען מיט אונדז צו אָט דעם ציל אויף אָט דעם וועג, דער איז אָנגעלייגט ביי אונדז ווי אַ מיטגייער, ווי אַ מיטבויער, ווי אַ מיט-בעל-הבית.

אונדזער צושטייער אין דעם קאַמף פון די יידישע פאָלקסמאַסן, אין קאַמף פאַר זייער קולטורעלער עמאַנסיפּאַציע לאָזט זיך אויסדריקן על רגל אחת, אין געציילטע עטלעכע זאַצן: מיר ווילן דערקענען דאָס יידישע לעבן מיט די מעטאָדן פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט; און מיר ווילן ווייטער דאָס, וואָס די מאָדערנע וויסנשאַפט דערגייט, אַריינטראָגן צוריק אין די יידישע פאָלקסמאַסן.

דאָס יידישע לעבן מיינט: דאָס ג א נ צ ע יידישע לעבן, די איצטיקייט, אַזוי גוט ווי די פאַרגאַנגענהייט. מען מוז דאָס ספּעציעל אונטערשטרייכן, ווארעם דאָס איז דער סימן מובהק פון אונדזער אינסטיטוציע אַנטקעגן יענע יודאַיסטישע אינסטיטוטן — כבודם במקומם מונח — וואָס די דייטשע חכמי ישראל האָבן גענומען באַשאַפן, און זייערע נאָכגייער אין אַנדערע לענדער האָבן נאָכגעבויט. פאַר אונדז איז די איצטיקייט נישט ווייניקער וויכטיק ווי דער עבר. פאַר אונדז איז דער ווייטער עבר נישט מער בכבודיק איידער דער נאָענטער. פאַר אונדז איז אפשר די גאַנצע פאָרשונג פונעם עבר פריער פאַר אַלץ אַ מיטל בעסער צו פאַרשטיין דעם היינט. דער ייוואָ פאָרשט אַ ל ע צווייגן פון יידישן לעבן — נישט נאָר די רבנים און לומדים און שרייבער, נאָר אויך דאָס סאָציאַלע לעבן פון די פאָלקסמאַסן, נישט נאָר דאָס עקאָנאָמישע לעבן, נאָר אויך די שפּראַך, די ליטעראַטור און די פסיכיק פון יידן.

בכן איז דער ייוואָ נישט קיין איבערזעצונג פון חכמת היהדות אויף יידיש, אויף דער שפּראַך פון פאָלק. אונדזער שטאָף איז די גאַנצע גרויסע וועלט, און וואָס העכער עס הייבט זיך דער ניוואָ פון די פאַראינטערעסירונגען ביי דער יידישער מאַסע, אַלץ רייכער ווערט אונדזער שטאָף. אין דער פּערספּעקטיוו איז דער ייוואָ די העכסטע וויסנשאַפטלעכע אינסטאַנץ פון דעם גאַנצן יידישן שפּראַך-קיבוץ איבער אַלע לענדער, בכן אַן אַקאַדעמיע, וואָס נעמט אַרום אַלע צווייגן מענטשלעך וויסן. בלויז די באַגרענעצונג, וואָס יעדער אָנהייב פאָדערט, האָט געבראַכט דערצו, אַז דער ייוואָ פאַרנעמט

זיך דערעיקרשט מיט יִידישע געביטן, וואָרעם דאָ דאַרף מען דער עיקר האָבן און מען קען זיך קודם כּל ריכטן אויף שפּעריִשע אויפטוען.

מיר ווילן אויספאָרשן, דאָס הייסט מיר באַנוגענען זיך נישט מיט דעם, וואָס „עס איז קיין סוד נישט" אָדער וואָס „אַלע וויסן", אַז יִידן מוזן אונטערגיין, אָדער אַז יִידן וועלן קיינמאָל נישט אונטערגיין, אָדער אַז ארץ־ישׂראל איז די איינציקע פאַרענטפערונג פון דער יִידן־פראַגע, אָדער אַז פאַ־לעסטינע האָט קיין שום באַדייטונג נישט פאַר יִידן. די אַלע רייד קענען זיך זיין ריכטיק אָדער פאַלש, נאָר זיי זענען נישט געבויט אויף פאָרשונג.

ווי ווייט מיגלעך פּליִיסן מיר זיך צו דערקענען זאַכן, נישט נאָר אָפּצו־שאַצן זיי אויפן וועג. מיר ווילן דערקענען דאָס לעבן, כּדי עס זאָל גרינגער זיין איבערצואַנדערשן עס אין די אינטערעסן פון די יִידישע פאָלקסמאַסן. אָבער מיר ווילן אַרבעטן מיט וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן. אַוודאי טראָגן מענטשן אַריין אַפילו אין פאָרשונג זייערע אינטערעסן, סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס. אָבער ביי אונדז איז אַ יִיד נישט לכתּחילה גערעכט דער־פאַר, ווייל ער איז אַ יִיד, ביי אונדז איז אַ פּראָלעטאַריער נישט לכתּחילה גערעכט אין דעם זכות פון זיין פּראָלעטאַרישקייט. אויף וויפיל עס קען בכּלל געמאָלט זיין אָביעקטיווקייט, אויף וויפיל אַ מענטש איז נישט געבונדן דורך זיינע אומבאַוווסטזיניקע גלוסטונגען און דערווידערס, ווילן מיר זיין אָביעקטיוו. און מיר זענען זיכער, אַז דווקא מיט דעם וועג דינען מיר צום בעסטן די יִידישע פאָלקסמאַסן, וואָס פון זייערטוועגן איז דער יִיוואָ באַשאַפן געוואָרן און וואָס אין זייער זכות לעבט ער.

צום ערשטן מאָל איז מיט אונדזער יִיוואָ אויפגעקומען אַ יִידישע וויסנ־שאַפטלעכע אינסטיטוציע, וואָס אירע ווינקלשטיינער זענען דער היינט און דער דאָ. ממילא איז קלאָר, אַז יִידיש איז די שפּראַך פון אונדזער אַרבעט. סאַראַ מהלך פון טשערנאָוויץ ביז ווילנע! אויף אַנדערע געביטן זענען מיר דורך די געשעענישן אָפּגעוואָרפן געוואָרן אויף צוריק, און דער עיקר איז אונדז היינט אָן אַ שיעור שווערער אויפן האַרצן, ווייל מיר זעען אַ סך קלערער די גוואַלדיקע קאָמפּליצירטקייט פון לעבן. אָבער אין פּרט סיי פון אויספאָרשן די יִידישע שפּראַך, סיי פון דערהייבן איר געזעלשאַפטלעכע וואָג איז דורכגעשפּרייזט געוואָרן אַזאַ מין מהלך, אַז עס דוכט זיך, מיט הונדערט יאָר צוריק איז פאָרגעקומען די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, וואָס פינף אָנטייל־נעמער אירע, ד"ר מאַקס דיאַמאַנט, ד"ר מיכאל ווייכערט, נח פּרילוצקי, לאַזאַר קאַהאַן און קודם כּל איר גלאַנצרעדנער מתתיהו מיזעסן, האָבן מיר דעם פאַרגעניגן צו זען דאָ היינט צווישן אונדז. מיר היינט דיסקוטירן שוין נישט וועגן יִידיש, מיר האָבן שוין באַלד פאַרגעסן די אַרגומענטן, מיט וועלכע מען קען אויפ־ווייזן, אַז יִידיש איז אויך אַ שפּראַך. אָבער דורך דער עצם עקסיסטענץ אונדזערע, דורך דעם כּמות און נאָך מער דורך דעם איכות פון אונדזער אויפטו, זענען מיר אַ פרידלעך געווער, דאָס שטאַרקסטע געווער, אין די

הענט פֿון די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן, וואָס האָבן נאָך אין אַ סך לענדער צו קעמפֿן פֿאַר דער יורידישער אָנערקענונג און, לאָמיר דאָס מודה זײַן, אין אַלע לענדער — פֿאַר דער פֿולער געזעלשאַפֿטלעכער אָנערקענונג פֿון דער ייִדישער שפּראַך.

אומגעהײַער פֿיל איז נאָך געבליבן צו טאָן. איין מאָל, ווען איך בין געפֿאָרן אויף אַ טראַנסאַטלאַנטישער שיף, איז די געזעלשאַפֿט מײַנע אין צווייטן קלאַס באַשטאַנען כמעט דורכויס פֿון ייִדן. נאָר ייִדיש איז געווען לא יזכר ולא יפּקד. וועגן ייִדיש אין די אויפֿשריפֿטן פֿון דער ענגלישער שיף־קאָמפּאַניע האָב איך אַפֿילו נישט געטראַכט. נאָר אָט בין איך איין מאָל אַראָפּ אין דריטן קלאַס. מיטאַמאָל האָב איך דערהערט ייִדיש און אויף די ווענט פֿון די קאָרידאָרן און קאַבינעס האָב איך דערזען ייִדישע אויפֿשריפֿטן. יעמאָלט איז מיר געקומען דער געדאַנק: אָט די דאָזיקע סיטואַציע איז סימבאָליש פֿאַר דער לאַגע פֿון ייִדיש. אונדזער שפּראַך האָט זיך דערשלאָגן צו געוויסע פּאָזיציעס, אָבער אין בעסטן פֿאַל איז זי נאָך אַ פּאַסאַזשיר פֿון דריטן קלאַס. דאָס איז נישט קיין מעלה פֿאַר אַ שפּראַך, דאָס איז אַן אומגליק, דאָס איז די סכּנה פֿון מגושמדיקייט אין אויסדרוק, פֿון ענגע האָריזאָנטן בײַ די ריידער פֿון דער שפּראַך. די ייִדישע וויסנשאַפֿט, וואָס איז אָרגאַניזירט אין ייִוואָ, איז איינער פֿון יענע הייבערס, וואָס הייבן אַרויף די ייִדישע שפּראַך און ממילא דאָס ייִדישע פֿאָלק אויף אַ העכערן שטאַפּל אין דער משפּחה פֿון שפּראַכן און פֿעלקער.

מיר האָבן זיך אונטערגענומען אַן אַרבעט, וואָס וועט זיך קיינמאָל נישט ענדיקן, וואָרעם מיט יעדן אָפּגעשטעלטן טריט פֿאַרלענגערט זיך און פֿאַרברייטערט זיך דער וועג. עס איז די פֿרייד פֿון שטרעבן, כאָטש מען ווייס, אַז הינטער יעדן דערגרייכטן ציל וואַקסן אויס נײַע, העכערע צילן. דער הײַנטיקער צוזאַמענפֿאָר איז נישט קיין אויסלאָז פֿון אונדזער וועג. ער איז נאָר אַן עטאַפּ אין אונדזער אַרבעט.

די ערשטע צען יאָר פֿון לעבן פֿון ייִוואָ זענען דערהויפּט יאָרן פֿון זאַמלען כּוחות, פֿון זאַמלען מאַטעריאַל, פֿון זאַמלען געניטשאַפֿט. עס איז געווען אַ יאָרצענדלינג, וואָס אַפֿילו אין דער געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק וועלן מיר זײַנס גלײַכן געפֿינען נישט איבעריקס פֿיל. אַ יאָרצענדלינג פֿון פֿאַרשאַרפֿטע סתּירות צווישן מלוכות און פֿעלקער, צווישן עקאָנאָמישע סיסטעמען, און צווישן די מילשטיינער ווערט צעריבן, ווי דאַרע זאַנגען, דאָס בידנע ביסל עקסיסטענץ פֿון די ייִדישע מאַסן, וואָס זענען אָקערשט דורכגעגאַנגען דעם גיהנום פֿון דער וועלט־מלחמה. דעם אויפֿברויז פֿון דעקלאַסירטן ערבֿ רבֿ, די קאָנטער־אַטאַקעס פֿון דער אויף אַ ווײַלע אײַנגענומענער רעאַקציע ווערן באַגלייט דורך אַ פֿאַרביטערטן אָנפֿאַל אויף אונדז, אויף אַלץ, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט ייִדן, און צום סוף פֿון דעם דאָזיקן יאָרצענדלינג האָבן מיר דערלעבט, אַז די ווערעם פֿון חיהשן שאָוויניזם און אַנטיסעמיטיזם האַלטן אין פֿרעסן

דאָס סאַמע האַרץ פון אייראָפּע. די מלחמה־געפאַר הענגט ווי אַ בלייענע כמאַרע איבער דער וועלט און לאָזט נישט אויפהייבן דעם קאָפּ. אין יידישן לעבן גופא ווידער זענען אויך דורך דער צייט די סתירות געוואָרן מער פאַרשאַרפט, און עס האָט געקענט אויסזוויזן ווי אַ שיגעון אין דעם ים־אוקי־נוס פון פאַרלענדונג צו וועלן בויען אַן אינסטיטוציע פאַר פאָרשן, פאַר פאָרשטיין, פאַר דערקלערן דאָס לעבן.

אָבער נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, איז דער יוֹוואָ געוואַקסן און זעט אויס ווי אַ ריז אַנטקעגן דעם קליינעם עופעלע, וואָס איז געקומען אויף דער וועלט מיט צען יאָר צוריק.

און דאָס איז אַן ערבֿות, אַז אונדזער קינד, דער יוֹוואָ, וועט וואַקסן. מיר האָבן זיך איינגעשטעלט און מיר האָבן געזיגט. איצטער טרעטן מיר אַריין אין אַ נייעם פּעריאָד, ווו אַלע פריערדיקע אַרבעטן וועלן ווערן ווייטער געפירט מיט דער זעלבער ענערגיע, נאָר אין צענטער שטעלן זיך נייע, גרוי־סע אויפגאַבעס פון פאָרשן.

דער הייַנטיקער צוזאַמענפאָר איז דער מעסטער פון אונדזער וווּקס און דער באַשטימער פון נייע וועגן. זאָל לעבן דער יידישער וויסנשאַפט־לעכער אינסטיטוט!

מ. ווײַנרײַך: איך גיב דאָס וואָרט דעם פאָרשטייער פון דער אָרגאַ־ניזאַציע, וואָס איז דער וויכטיקסטער זייל פון אונדזער אַרבעט, ד"ר יעקב שאַצקי פון אַמאָפּטייל.

יעקב שאַצקי:

עס איז דער ערשטער צוזאַמענפאָר, אין וועלכן איך נעם אָנטייל. גע־קומען בין איך ספּעציעל פון אַמעריקע נישט נאָר בכדי צו באַגריסן דעם יוֹוואָ צו זיין יובֿל, נאָר אויך צו שעפּן אין ווילנע אינספּיראַציע פאַר אונ־דזער אַרבעט אין אַמעריקע. בעת מיר זענען, אַז אויף אַ צוזאַמענפאָר פון אַ סך לענדער זענען נישטאָ קיין שפּראַכלעכע מניעות, פאַרשטייען מיר די גרויסע באַדייטונג פון יידיש, וואָס צעמענטירט און פאַרבינדט די יידן פון גאָר דער וועלט. ווען מען וויל ווירקן אויף די אַמעריקאַנער יידן, זיי זאָלן לערנען זייערע קינדער יידיש, איז דער הויפּט־אַרגומענט דער, אַז אַנדערש וועלן זיי זיך נישט קענען צונויפרעדן מיט זייערע ברידער אין אייראָפּע. אונדזער אַר־בעט פון יוֹוואָ אין אַמעריקע איז אַן אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט פאַר ווילנע, דער וווּנדערבאַרער שטאָט מיט איר לעגענדאַרער פאַרגאַנגענהייט, פון וועל־כער מיר געניסן אַזוי פיל. און חוץ דעם, ס'איז נישט נאָר אַ פראַגע פון שפּראַך, נאָר אויך פון מענטאַליטעט: יידישע געשיכטע אויף פּויליש און אויף יידיש זענען צוויי פאַרשיידענע געשיכטעס. ביי אונדז אין יידיש זענען מיר פריי, אין אַנדערע שפּראַכן זענען מיר אַפּאָלאָגעטיש. יודאַיקאַ אין פרעמדע שפּראַכן איז וואָרטלאָז. איינהייטלעכע יידישע וויסנשאַפט איז מיג־לעך נאָר אין אונדזער שפּראַך, אין יידיש. אויך אין אַמעריקע האָבן מיר

אַ נײַעם דור יונגע, געבוירענע אַמעריקאַנער, וואָס ווילן פֿאָרשן אַלס פֿרײַע שטאָלצע ייִדן.

יעקב באָטאָשאַנסקי (אין נאָמען פֿון אַרגענטינער אָפּטייל):

חשובע דעלעגאַטן און געסט! איך ברענג אײַך דעם ווײַסטסטן און נאָענטסטן גרוס. דעם ווײַטסטן אין שטח — 23 מעת־לעת בין איך געפֿאָרן פֿון בוענאָס־אײַרעס ספּעציעל צום צוזאַמענפֿאָר. איך האָב דורכגעמאַכט דעם ווײַטסטן וועג; אָבער אויך דעם נאָענטסטן — אין אַרגענטינע איז ער פּאָפּולער, דער ייִוואָ. אין ערגעץ האָט מען אַזוי פֿיל נישט געשריבן וועגן דעם ייִוואָ ווי אין אַרגענטיגע. איך ברענג אײַך אַ גערוס פֿון אַרגענטינער ייִוואָ־אָפּטייל, פֿון דער „פּרעסע" אין בוענאָס־אײַרעס, פֿון דער ייִדישער פּויערים־אָרגאַניזאַציע און פֿון הונדערטער ייִדן. איך ברענג אײַך אַ גערוס פֿון די קאַמפּיינס מיט ז. רייזענען און הערץ גילישענסקין, אַ גערוס אײַך און אַ דאַנק דערפֿאַר, וואָס מען האָט געשיקט שליחים אין אַרגענטינע, דורכגעפֿירט קולטור־אַקציעס. איך ברענג אײַך אַ גערוס און אַ ווונטש — זאָל בליִען און וואַקסן דער ייִוואָ.

מיך האָט מען אויך געשיקט זאַמלען מוט, ווי יעקב שאַצקין; מאַטעריעל איז בײַ אונדז בעסער, אָבער די קולטור־אַרבעט איז אַ שווערע, אָפּט קומט דער וואָרעם פֿון יאוש. די אַרגענטינער מאַסן קוקן אויף דעם צוזאַמענפֿאָר ווי אויף אַן אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס, מען האָפֿט בײַ אונדז צו הערן פֿון דאַנען דעם מוטיקן רוף, וואָס וועט אויך ברענגען דערהייבונג צו אונדז אין אַרגענטינע.

און נאָך אַ דערקלערונג האָב איך אײַך צו מאַכן אין נאָמען פֿון די אַרגענטינער ייִדן. ייִדן זענען אפֿשר די גרעסטע אַנטיסעמיטן. בײַ אונדז איז דאָ אַ קאָלאָניזאַציע, די מוטיקסטע און פּרעכטיקסטע ייִדישע קאָלאָניזאַציע. טויזנטער אַקער לאַנד זענען פֿאַרגאָסן מיט ייִדיש בלוט. פֿון דעם ווייס מען ווייניק, אָבער געהערט האָט מען פֿון פֿרויען־הענדלער. זיי זענען געווען שרעקנג אָפּגעטיילט, מיר האָבן זיי פֿאַרטריבן, און הײַנט זענען זיי נישטאָ צווישן אונדז, נישטאָ קיין טמאים. הײַנט איז עס דער זעלבער ישוב ווי אין אַנדערע לענדער. מען מוז פֿאַרברענען שלום־עליכמס „אַ מענטש פֿון בוענאָס־אײַרעס". ס'איז הײַנט אין אַרגענטינע אַ ישוב אַ וואַרעמער, אַ תּמימות־דיקער, וואָס בויט זיך פֿון אונטן אַרויף, פֿון ערדאַרבעט, פֿון האָרעפּאַשניקעס.

די מאַסן שטיצן דעם ייִוואָ. זיי האָבן מיך געשיקט צו פּראָטעסטירן קעגן דעם פֿאַשיזם. זאָל לעבן דער אייַנהייטלעכער קאַמף קעגן פֿאַשיזם! זאָל לעבן די אַלוועלטלעכע ייִדישע קולטור! זאָל לעבן דער ייִוואָ!

מ. ווײַנרײַך: מיט 6 יאָר צוריק, אויף דער קאָנפֿערענץ פֿון ייִוואָ אין 1929 האָבן מיר געלייענט אַ בריוו פֿון מאַרק שאַגאַלן וועגן גרינדן

אַ ייִדישן קונסטמוזיי. הײַנט איז ער אַליין געקומען און איז אַליין דער בעל־שמחה בײַם עפֿענען דעם קונסטמוזיי.

מאַרק שאַגאַל (דער עולם מאַכט דעם באַרימטן קינסטלער אַ שטורמישע אָוואַציע):

אין עצם האָט מען געקענט מיינען, אַז דאָ איז נישט מײַן אָרט. איך בין דאָך גאָר אַ קינסטלער, איר זײַט גאָר ווילנשאַפֿטלער. אָבער איך בין דאָ פּונקט אַזוי ווי איר זײַט דאָ, ווײַל מיר האָבן די זעלבע שוואַכקייט, די זעלבע תשוקה: — ייִדן.

און דווקא איצט, אין דער דאָזיקער שרעקלעכער און קאָמישער צײַט, אין דער צײַט פֿון הײַנטמאָדישן אַנטיסעמיטיזם, ווילט זיך מיר אַן איבעריק מאָל אונטערשטרײַכן, אַז איך בין אַ ייִד. דערמיט אַליין בין איך נאָך מער אינטערנאַציאָנאַל אין גײַסט, — גאָר נישט לויטן מוסטער פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע טרייסלען זיך מיט פֿאַראַכטונג אָפּ פֿון זייער ייִדישקייט.

ס'איז דאָ אַ גאַנצע ריי מאָטיוון, פֿאַר וואָס איך בין דאָ. אָט אָ די הײַזעלעך און פּלויטן אַרום אײַך קען איך שוין לאַנג אויף אויסווייניק. אָבער אײַער הויז, דאָס הויז פֿון אינסטיטוט, כאָטש עס איז, דוכט זיך, אָרעם ווי אַ הײַזעלע אויף מײַנעם אַ בילד, איז עס אָבער גלײַכצײַטיק רײַך ווי דער בית־המקדש. באַגריס איך אים און באַגריס אויך אײַך, וואָס איר האָט עס געשאַפֿן. מיט אַ באַזונדערער ביטערער פֿרייד פֿיל איך מיך אָן דער געדאַנק, אַז אָן שום מיטלען, אָן שום שטיצע פֿון דער מלוכה, בלויז מיט באַגײַסטערונג און ליבשאַפֿט האָט איר מיט אײַערע אייגענע הענט אויסגעבויט אַ הויז. אָט דאָס הויז וועט אין דער צוקונפֿט, אין דער תּקופֿה פֿון אונדזער אויפֿשטײַג, מעגן דינען פֿאַר אַ מוסטער פֿון עקשנותדיקער ייִדישער איבערגעגעבנקייט דער אידעע און דער קולטור.

פֿאַראַן נאָך אַ מאָטיוו פֿון ריין פּערזענלעכן כאַראַקטער, וואָס איך בין געקומען אַהער. עטלעכע קילאָמעטער פֿון אײַך געפֿינט זיך אַ לאַנד, אייגנטלעך איין שטאָט נאָר, וואָס איך האָב שוין לאַנג נישט געזען און וואָס לאָזט מיך נישט רוען. איך האָב זיך באַנוצט מיר אײַער אײַנלאַדונג און בין געקומען אַהערצו, צו וואַנדלען דאָ אַ ביסל צײַט. איך בין זיך מודה, אַז וואָס עלטער איך ווער, אַלץ ווער איך מער פֿויל און ריר זיך נישט פֿון אָרט, כּל־זמן מען רופֿט מיך נישט.

איך ווייס נישט פֿאַר וואָס, אָבער בײַ מיר מיט מײַן היימלאַנד איז אַן איינזײַטיקער ראָמאַן. און פֿונדעסטוועגן האָט אַזאַ גענייאַל לאַנד מיט אַזאַ גענייאַלער רעוואָלוציע געמעגט פֿילן, וואָס עס טוט זיך אין האַרצן פֿון אַן אייגענעם מענטשן און נישט נאָר צוהערן זיך און גלייבן די ווערטער און דערקלערונגען פֿון די חרטה־בריוולעך...

אָבער די הויפּט־סיבה פֿון מײַן קומען אַהער איז נאָך אַ מאָל דערמאָ־נען נישט דווקא אײַך, ווילנער ייִדן (ווײַל איר טוט יאָ עפּעס אויף דעם גע־ביט), נאָר די ייִדן פֿון דער גאַנצער וועלט, אַז אַ ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט איז טאַקע שיין, — אָבער אַ קונסטמוזיי אַ ייִדישער איז פּונקט אַזאַ שיינער און וויכטיקער ענין.

באמת זינט דעם סוף 19טן יאָרהונדערט און אָנהייב 20סטן האָבן זיך די ייִדן ווי פֿון קייט אַ ריס געטאָן און שטורמיש אַרײַן מיט זייער קונסט אין דער וועלט, אַז עס דוכט זיך מיר אויס — דער דאָזיקער קולטור־צושטײַער איז דער וויכטיקסטער ייִדישער צושטײַער פֿון דער לעצטער צײַט. אָבער דערפֿון האָבן אַלע קוים וואָס געהערט. די מאַסן און די אינטעליגענץ זעען דאָס נישט, אַלץ איז צעריסן, נישט קאָנצענטרירט און מיר איז אַפֿילו נישט באַקוועם צו ריידן וועגן דעם, וואָרעם איך בין דאָך דאָ עפּעס ווי אַ נוגע בדבר.

אָבער וואָס זאָל מען טאָן? מיר ייִדן האָבן נישט קיין אייגענעם באָד־לער, טעאָפֿיל גאָטיע, אַפּאָלינער, וואָס האָבן מעכטיק געשמידט דעם קינסט־לערישן געשמאַק און די קונסטבאַגריפֿן אין זייער צייט. וואָס קען מען העלפֿן? בײַ אונדז, אין דער ייִדישער געזעלשאַפֿט האָבן מיר נישט קיין דיאַגילעווס, מאָראָזאָווס, שטשוקינס, וואָס האָבן מיט אַזאַ ברען און מיט אַזאַ פֿאַרשטענדעניש געזאַמלט און אָרגאַניזירט די קונסטקולטור.

און דאָס וואָס בײַ דער אינטעליגענץ בכלל און בײַ די ייִדישע שרײַ־בער בפֿרט פֿעלט אַן אינטערעס צו פּלאַסטישער קונסט, זאָגט עדות, אַז די קונסט איז פֿרעמד און איבעריק אין זייער לעבן און זייער שאַפֿן און נאָר אויף ליטעראַטור שטייט די וועלט.

ווען די ייִדישע פּאָעזיע, די ייִדישע ליטעראַטור וואָלט געווען באַהעפֿט מיט אַנדערע קונסטצווײַגן בכלל און מיט דער פּלאַסטישער קונסט בפֿרט, וואָלט עס זי געמאַכט נאָך רײַכער, וואָלט עס פֿאַרשטאַרקט איר שווונג סײַ אין גײַסט, סײַ אין סטיל.

ווען מיר נעמען למשל די רוסישע ליטעראַטור, ווי די פֿאַרבינדונג פּושקינס מיט די פּסעוודאָקלאַסיקער פֿון זײַן עפּאָכע, גאָגאָלס מיט אַלעקסאַנ־דער איוואַנאָוון, טאָלסטאָיס מיט די „פּערעדוויזשניקעס", טשעכאָווס מיט לע־וויטאַנען אָדער אין אונדזער ליטעראַטור פּרץ און זײַן פֿײַנער חוש פֿאַר דעם מאָדערניזם פֿון זײַן צײַט, וועלן מיר, בין איך זיכער, אויסגעפֿינען, אַז די דאָזיקע פֿאַרבינדונג האָט אָנגעפֿילט זייער ליטעראַריש שאַפֿן מיט אַן אינטענ־סיווער פּלאַסטישער אַקטואַליטעט, מיט אַ נײַעם קוואַל פֿון עשירות, מיט אַ גרויסער פֿרישקייט. און דערפֿאַר איז אויך זייער שפּראַך אַלמענטשלעך, נישט — עטנאָגראַפֿיש, נאָר אין ריין קינסטלערישן זין. אָבער דאָס איז אַ באַ־זונדערע פּראָבלעם, אַ סך אַ וויכטיקערע ווי מען קען מיינען און אפשר

אויך אַ וויסנשאַפֿטלעכע, גיב איך זי איבער לויט דעם באַשטימטן אַדרעס צו איין, מענער פֿון וויסנשאַפֿט.

פּשוט, מיר נײַע ייִדן, וואָס האָבן מיט טויזנטער יאָרן צוריק געשאַפֿן דעם תּנ״ך, די ווערק פֿון די נביאים, דעם יסוד פֿון אַלע רעליגיעס פֿאַר אַלע פֿעלקער, ווילן מיר אויך שאַפֿן אַ גרויסע קונסט, וואָס זאָל האָבן אַן אָפּקלאַנג אין דער וועלט.

אָבער נישט די באַציִונג צו אונדז מצד פֿרעמדע און מצד שונאים איז מיר אַ וווּנדער. ניין, וווּנדערן וווּנדערט מיך די באַציִונג פֿון אַלע שיכטן פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿט צו אירע קינסטלער, זייער באַטראַכטן די קינסטלער ווי עפּעס טוער פֿון אַ צווייטער מדרגה, וועלכע זענען נישט זוכה אַפֿילו צו אַ טייל פֿון יענעם רעספּעקט, וואָס עס האָבן בײַ אונדז פּענקינסט־לער אָדער טעאַטער־מענער, וועלכע האָבן אָפֿטמאָל גאָר נישט ווייניק צו פֿאַר־דאַנקן דווקא די פּלאַסטיקער. עס גייט נישט אין דעם, וואָס ייִדן קויפֿן נישט קיין בילדער, שטיצן נישט די קינסטלער, הגם דאָס איז אויך אַן ענין אין דער הײַנטיקער קריזיסצײַט. וויכטיק איז די אויפֿמערקזאַמקייט, דער אינטערעס. און אויב דאָס ווײַזט זיך אַמאָל יאָ אַרויס, איז עס דווקא נאָר צו דעם טאַלאַנטלאָזסטן און צו דעם געשמאַקלאָזסטן „קיטש".

אמת, סיבות פֿון אַזאַ מצב זענען אַלבאַקאַנט. די תּורה, וואָס האָט אונדז געגעבן אויך די עשרת הדברות, האָט אַרײַנגעגנבעט אַן עלפֿט געבאָט אויכעט: „לא תעשה לך פּסל"...

אונדזער מאָנאָטעיִזם איז געקויפֿט פֿאַר אַ טײַערן פּרײַז — דאָס ייִדנטום האָט זיך צוליב דעם געמוזט אָפּזאָגן צו באַטראַכטן די נאַטור מיט די א ו י ג ן, און נישט נאָר מיט דער נשמה. דאָס ייִדנטום האָט אויפֿן רעליגיעזן באָדן זיך מיט דעם אַלטערטימלעכן געצנדינסט, וואָס זײַנע רעשטלעך געפֿינען זיך איצטער אין אַלע מוזייען פֿון דער וועלט, געראַנגלט אַזוי, אַז עס איז געבליבן אָן אַ חלק אין דעם אוצר פֿון דער פּלאַסטישער קונסט. מיר האָבן גאָרנישט איבערגעלאָזט נאָך זיך אין די וועלטמוזייען אַחוץ ספֿרי־תּורות און די עלנטע שולן, וועלכע ווערן שוין מער נישט באַזוכט.

אָבער מיר, די נײַע ייִדן, האָבן רעוואָלטירט קעגן דעם, ווילן מער נישט אָנערקענען אַזאַ צושטאַנד, ווילן זײַן נישט נאָר אַן עם הספר, נאָר אויך אַ פֿאָלק פֿון קונסט. דערפֿון שטאַמען די חבלי־לײדה פֿון אונדזער קונסט, דערפֿאַר איז אַזוי אומעטיק די קינדהייט אירע. דאָס אַלץ פֿאָדערט אַ גוטע אָרגאַניזאַציע און גוטן ווילן: צו זאַמלען קונסט בײַ ייִדן און אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות מיט דער געשיכטע פֿון קונסט, פּראָפּאַגאַנדירן קונסט נישט ווי אַ זאַך, וואָס איז מחוץ אונדז, נאָר ווי אַ טייל פֿון אונדזער אינערלעכן לעבן און צוגעבן מוט אירע שעפֿער.

זאַמלען בילדער טאָר נישט זײַן נאָר אַ זאַך פֿון צדקה מצד די קינסט־לער, מען טאָר נישט פֿאַרגעסן, אַז אַפֿילו לײַוונטן און פֿאַרבן קאָסטן דאָך

דעם קינסטלער מער ווי אַ פּען און פּאַפּיר דעם שרײַבער, אָבער דעם שרײַבערס כּתבֿ־יד — צי אַ טײַערן אָדער נישט — פֿאַלט דאָך קײנעם נישט אײַן צו בעטן בחינם. בשעת ווען מיר קלאָגן זיך, דאַכט זיך, אומעטום, אַז מיר האָבן נישט קײן פּאַרטײדיקער אין דער וועלט, וועלכע רודפֿט אונדז אַזוי, און מיר טרוימען וועגן אַ קאָנגרעס, וואָס אויף אים זאָלן אַרויסטרעטן אַדוואָקאַטן, וואָס מען האָט בײַ זײ אָפּגענומען דאָס רעכט צו פּראַקטיצירן, פֿאַרגעסן מיר, אַז מיר האָבן אין אונדזערע הענט אַן אומגעהײַערן שוץ־עלעמענט — אונדזער קולטור־עשירות זאָל ריידן פֿון אונדזערטוועגן, זאָל זיך פֿאַר אונדז אָננעמען און אונדז פֿאַרטײדיקן.

דער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט איז אַ טײַערער אוצר, אָבער עס מוז זיך אויך שאַפֿן אַ קונסט־אינסטיטוט, נאַציאָנאַלע קונסטפֿאָנדן, וואָס וועלן שוין ווײַטער נערן און בילדן מוזייען אין די צענטערס פֿון ייִדישן לעבן. איר וועט זאָגן — דאָס איז אַן אילוזיע, אָבער דאָס אילוזאָרישע און פֿאַנטאַסטישע, ווײַזט זיך אָפּט אַרויס. איז דאָס סאַמע רעאַלע. אַ סימן — דער ייִוואָ. איך האָב צו דער ערשטער קאָנפֿערענץ פֿון ייִוואָ — מיט אַ יאָר 6 צוריק — אײַך געשריבן וועגן שאַפֿן אַ מוזיי בײַם ייִוואָ. איך ווייס, ווי שווער דאָס איז. זאָל זײַן בעסער שווער, ווי אײַלן זיך, ווי מען האָט דאָס געטאָן אין ארץ־ישראל, וווּ מען האָט נישט אַכטנדיק אויף מײַנע וואָרענונגען צונויפֿגעשלעפּט אַלץ, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט און די אָנפֿירונג איז אַריבער אין ווייניק געניטע און ווײַט נישט קונסטמעסיקע הענט. דאָס נײַע ייִדנטום בײטיקט זיך מער נישט אין איבערחזרן די בצלאלס.

מען דאַרף גאָר נישט פֿאַר אַ מאָל קומען צום ציל. פֿאַראַן אַ גאַנצע רײ פֿאָרעטאַפּן, מאָראַלישע און מאַטעריעלע: פּראָפּאַגאַנדע, צוגרייטן קונסט־היסטאָריקער, מוזיי־קענער, אויסשטעלונגען אין עפֿנטלעכע אַנשטאַלטן, אַרבעטער־קלובן, שולן. עקסקורסיעס אין די אייראָפּעיִשע צענטערס, אויף די גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע אויסשטעלונגען. קינסטלעריש אויסבילדן דעם לערער־פּערסאָנאַל, די שוליוגנט, די שטודירנדיקע יוגנט פֿון סעמינאַרן און אוניווערסיטעטן, אַנטוויקלען זייער אויפֿן געביט פֿון קונסט, ווי מען אַנטוויקלט זיי ליטעראַריש. אַרויסגעבן ביכער און זשורנאַלן וועגן קונסט, וואָרעם דער געשמאַק דער ייִדישער איז אַ שווידערלעכער, אַן אָפּגעשטאַנענער, און די אײַנגעגלויבטקייט אין דער אייגענער מבֿינות איז נאָך גרעסער. יונגעלײַט (און נישט נאָר יונגע), וואָס פֿאָרן שטודירן אין די גרויסע צענטערס אַדוואָקאַטור, מעדיצין און אַנדערע פּראָפֿעסיעס, פֿון וועלכע מען האָט אָפּט נישט קיין חיונה פֿאַרן גוף, וואָלטן געמעגט אַ ביסל אַ טראַכט טאָן אויך וועגן קונסטקולטור, וועגן קונסט, וואָס שפּײַזט לכל הפּחות אונדזער גײַסט.

איך ענדיק מיט דעם געפֿיל, אַז אַלץ וואָס איך האָב געזאָגט און וואָס איך האָב פֿאַרשוויגן, וואָלט איך אייגנטלעך באַדאַרפֿט זאָגן אויף אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון שרײַבער און קינסטלער. אָבער די קינסטלער ווי אַ סאָציאַלער

עלעמענט עקסיסטירן כמעט ווי נישט, די קינסטלער קענען זיך שווער צו־גויפריידן. דארפן די אנדערע, איר אלע דא, קוקן אויף אונדז אקטיוו פון דער זייט, ארגאניזירן מיט שכל, מיט טאקט און מיט אן אינערלעכן חוש.

שוין לאנג האב איך אייך געוואלט ארויסזאגן די דאזיקע עטלעכע ווערטער וועגן אונדזער ראלע, וועגן אייער ראלע, וועגן דער ראלע פון אונדז אלעמען, נישט נאר פון די קינסטלער, נאר פון די וויסנשאפטלער, נאר פון אלע יידן לטובת דער גאנצער מענטשהייט. אין די טעג פון קריזיס, א קריזיס נישט נאר א מאטעריעלער, נאר אויך א גייסטיקער, ווען ארום דעם שטיקל ברויט צעפלאקערן זיך וועלט־קריזיסן, מלחמות, רעוואלוציעס, און די יידן האבן ממש נישט מיט וואס און ווו צו לעבן, איז פונדעסטוועגן נישטא קיין זיסערע שליחות ווי ליידן און ארבעטן פאר אונדזער מיסיע, פאר אונדזער גייסט, וועלכער לעבט אין אונדזער תנך, וועלכער לעבט אין אונדזערע טרוימען וועגן קונסט, וועלכער קען העלפן ארויפפירן די יידן אויף דעם אמתן, אויף דעם ריכטיקן וועג, וואס אויף צו גרייכן אים טוען די אנדערע פעלקער נאר בלוט פארגיסן, בלוט פון אייגענע און פון פרעמדע.

ד"ר יצחק שיפער:

איך האב דעם כבוד צו באגריסן אין נאמען פון ווארשעווער אפטייל פון ייוואָ. מיר זענען נישט אייפערזיכטיק, וואס איר, ווילנער, האט דעם כבוד און פארדינסט צו ארגאניזירן דעם אימפאזאנטן צוזאמענפאר. עס איז א גליק, וואס אין ווילנע איז אויסגעפאלן צו גרינדן דעם ייוואָ. ווארשע איז פאנטאסטיש, ווילנע געזעצט. ווארשע איז א טומלפלאץ פון פאליטיק, דער צענטער פון סאציאלע יידישע און פוילישע אינסטיטוציעס. ווילנע איז רויק, דערפאר קען אין ווילנע בעסער געדייען וויסנשאפט. איך ברענג אייך א גערוס פון א מיטארבעטער, א שטענדיקן, מיינע פערזענלעכע איינדרוקן. אפט פילט מען זיך איינזאם, פארצווייפלט; ווו איז די זיכערקייט, דער כוח, מען זאל די ספקות קענען אוועקשליידערן מיט דער האנט? אבער אז איך זע, ווי איבער טויזנט מענטשן גיבן אפ כבוד דעם ייוואָ, מאכט עס שטאלץ און שטארק. עס גייט נישט לאיבוד דער געדאנק, וועלכער ראנגלט זיך מיט זיך אליין. עס זענען פארזאמלט זייער פיל פריינד פון דער גאנצער וועלט. עס גייט פון זיי א פלויד פון פערזאנען, וואס מען קען נישט איבערגעבן מיט קיין ווערטער. ס'ליגט אין דעם א כוח. איך דערמאן זיך אן דער צויבערדיקער נאכט ביים ים כנרת צוריק מיט אנדערטהאלבן יאר אויף מיין רייזע אין ארץ־ישראל, די וווּנדערלעכע ווירקונג פון די שטערן, פון וועלכע מען פילט זיך ווי געטובלט אין דער נשמה. דא האבן מיר אויך שטערן, גייסטיקע — מיין רבי, דובנאוו, די אמעריקאנער חברים, די ווערטער פון שאגאלן, געבענטשט זאלן זיי אלע זיין — זענען דאס ניט קיין שטערן, שטערן פון ים כנרת? א דאנק אייך חברים פון דער צענטראל־פארוואלטונג, וואס איר האט

צונויפגערופן דעם צוזאַמענפאָר, אַ מקום פאַר אַ פּאָר טעג קאָנטעמפּלאַציע, אַ דאַנק!

ה׳ וויסקאָנס (אין ליטוויש און לאַטײַן, פ׳ יודל מאַרק גיט איבער בקיצור דעם אינהאַלט פון זײַן רעדע)

באַגריסט די דעלעגאַטן אין נאָמען פון דער ליטווישער וויסנשאַפטלע־כער געזעלשאַפט אין ווילנע. ער איז צופרידן, וואָס גראָד אין דער הויפּט־שטאָט פון געדימינען קומט פאָר דער צוזאַמענפאָר פון יידישן וויסנשאַפט־לעכן אינסטיטוט. דאָס איז נישט קיין צופאַל. אַלע היגע פעלקער פלעגן דאָ תמיד לעבן בשלום. די גרויספירשטן פון ליטע האָבן געצווונגען צו אייניקייט, טייל פעלקער זענען מיטן אייגענעם ווילן צוגעשטאַנען צום פירשטנ־טום. יידן האָבן אין דער גרויספירשטנשאַפט געשפּילט אַ גרויסע קולטורע־לע ראָלע. ווינטשט דעם צוזאַמענפאָר, עס זאָל אים געראָטן די אַרבעט.

מ. ווײַנרײַך:

איך גיב דאָס וואָרט דעם ה׳ נ. פײַנערמאַן, וואָס פאַרטרעט די פּרעכ־טיקסטע יידישע אָרגאַניזאַציע — דעם אַרבעטער־רינג אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. אַחוץ טעלעגראַמעס, וואָס באַגריסן דעם צוזאַמענפאָר, האָט דער אַרבעטער־רינג באַפולמעכטיקט דעם ה׳ פײַנערמאַן.

נ. פײַנערמאַן:

השובע חברים! איך ברענג אײַך אַ חבֿרשן, האַרציקן געדוס פון דער גרעסטער יידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין דער וועלט, פון אַרבעטער־רינג אין אַמעריקע. די געשיכטע פון יידישן אַרבעטער־רינג דאָס איז די געשיכטע פון דער יידישער עמיגראַציע. אַסימילאַטאָריש איז געווען די אידעאָלאָגיע פון די גרינדער פון אַרבעטער־רינג, אָבער זינט דעם יאָר 1910—1911 האָט זיך אָנגעהויבן אין דעם אַרבעטער־רינג אַ נײַע טענדענץ, אַ ווענ־דונג צו די יידישע קולטור־נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. אין 1915 איז אויפגע־הויבן געוואָרן די פראַגע וועגן די יידישע שולן, בײַ הײַנטיקן טאָג פירט דער אַרבעטער־רינג אַ גרויסע קולטור־טעטיקייט, האַלט אויס איבער הונדערט יידישע שולן, וואָס זענען אַ מעכטיקער קולטור־פאַקטאָר אין אַמעריקע.

איך באַגריס אײַך דאָ אַלעמען און פרעג אײַך: וואָס איז דער כּוח, וואָס האָט אונדז צוזאַמענגעבראַכט אַהער פון אַלע עקן וועלט? אפשר דער יידישיזם — איך וויל זיך נישט קריגן, אפשר גלות־נאַציאָנאַליזם — איך אַמפּער זיך נישט; בײַ מיר איז דאָס — אַ באַוויַז פון ווילן און געזונטן אינסטינקט פון יידישן פאָלק צו שאַפן און אויסצולעבן זיך אין יידיש. מיר ווילן לעבן דערפאַר, ווײַל מיר לעבן, מיר זענען באַרעכטיקט צום לעבן ווי אַנדערע פעלקער, און אויב לעבן — איז נישט ווי בעטלער, מה־יפית־מענטשן, נאָר ווי פרײַע מענטשן.

שווער איז דער קאַמף, באַזונדערס אין אַמעריקע. בײַ אונדז אין אַמע־ריקע זענען נישטאָ קיין שטערונגען, אַמעריקע שמעלצט אַלע פעלקער אָן

צוואַנג. דער ייִוואָ איז דער גענעראַל־שטאַב, וואָס פֿירט אָן דעם קאַמף קעגן דער אַסימילאַציע, אַ קאַמף מיט רוקער, זאַכלעכער אַרבעט, פֿאַר וועלכע אַנדערע וועלן האָבן אַכטונג. די מיטלען פֿון ייִוואָ זענען זייער באַגרעניצט, אָבער דער אַרבעטער־רינג מיט זײַנע ריזיקע מיטלען און כּוחות וועט שטענדיק אונטערהאַלטן אײַערע ביידע הענט ווי דעם ביבלישן משהן, בכדי איר זאָלט קענען מלחמה האַלטן מיטן עמלק, מיט דער אַסימילאַציע. געבענטשט זאָלן זײַן די טוער פֿון דער ייִדישער קולטור און וויסנשאַפֿט!

ד״ר מ. סודאַרסקי (פֿון ייִוואָ־אָפּטייל אין ליטע):

איך ברענג אײַך אַ גערוס פֿון דער ייִדישער קולטור אינעם קליינעם לאַנד, נאָענטן לאַנד, אָבער אַ סך אַ ווײַטערן ווי אפֿשר דער וועג פֿון אַרגענטינע. אין משך פֿון צוויי יאָר האָבן מיר נישט באַקומען אײַערע „ייִוואָ־בלעטער". מיר אַרבעטן אָן אַ צענטער, דאָס פֿעלן פֿון אַ פֿאַרבינדונג מאַכט אונדז שווער די אַרבעט. דער דראַנג צו האָבן אַ גײַסטיקן צענטער באַוועגט אונדז, אין ליטע, צו קומען אַהער און צו אַרבעטן פֿאַרן ייִוואָ. 50 געסט פֿון ליטע, וואָס זענען געווען אין וועג צום צוזאַמענפֿאָר, האָבן נישט געקענט אַרײַנקומען אין ווילנע. אַ וואַרעמען גערוס פֿון זיי און ברכות, די אַרבעט פֿון ייִוואָ זאָל העלפֿן אָפּשאַפֿן די גרענעצן, וואָס שטערן דער אַנטוויקלונג פֿון אַן אַלמענטשלעכער וועלטלעכער קולטור.

נח פּרילוצקי:

איך האָב דעם כּבֿוד און פֿאַרגעניגן צו באַגריסן דעם יובֿל־צוזאַמענפֿאָר אין נאָמען פֿון ייִדישן פּען־קלוב. עס איז דאָ אַ פֿעדעראַציע פֿון פּען־קלובן, וואָס רעפּרעזענטירט די נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן לויטן טעריטאָריעלן פּרינציפּ. די ייִדישע ליטעראַטור האָט נישט געקענט געהערן צום פּען־קלוב, ווײַל די ייִדישע נאַציע איז עקסטריטאָריעל. דאָך איז דורכגעזעצט געוואָרן, אַז די ייִדישע ליטעראַטור זאָל אָנערקענט ווערן אַלס אַ באַשטאַנדטייל פֿון דער פֿעדעראַציע. ייִדיש אַליין איז אָנערקענט געוואָרן אַלס טעריטאָריע, די אַנאַרכישע רעפּובליק מיטן זיצאָרט אין ווילנע. דער ייִוואָ איז די וויסנשאַפֿטלעכע אַקאַדעמיע פֿון דער טעריטאָריע „ייִדיש". נישטאָ קיין גרינדונגס־דעקרעט און דאָך עקסיסטירט אַ ייִוואָ מיט דובנאָוון און נאָך אַנדערע מיטבויער. ווער עס האָט געוואָלט העלפֿן, איז געקומען און געהאָלפֿן בויען דעם ייִוואָ. שוין דאָס אַליין אימפּאָנירט. עס קומט אויס עפּעס מאָדנע: איך בין געקומען באַגריסן זיך אַליין (אַליין מיטגליד פֿון דער צענטראַלער פֿאַרוואַלטונג). די שפּראַך און די ליטעראַטור איז אַן אָביעקט פֿון וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט, און צוריק — די וויסנשאַפֿט שפּײַזט די ליטעראַטור. דעריבער קרייצן זיך דער ייִוואָ און דער פּען־קלוב אַלס סוביעקט און אָביעקט.

מען האָט געקענט מיינען, אַז הײַנטיקע צײַטן וואָלט וויסנשאַפֿט קיין פּעולה נישט באַדאַרפֿט האָבן. ווי זאָגט שלום־עליכמס ייִדינע: שמאָכטעס!

פֿאַר וואָס זשע איז דער היינטיקער צוזאַמענפֿאָר אימפּאָזאַנטער ווי דער ערשטער מיט 6 יאָר צוריק? איך געדענק פֿון די סטודענטישע יאָרן אין תּפֿיסה, פֿלעגט פֿון פֿרי ביז אין דער נאַכט הילכן דער „טשערוואָני שטאַנדאַר". דאָ האָט געהערשט דאָס ליד, פֿאַר וועלכן מען איז געגאַנגען אין תּפֿיסה. דאָס איז געווען אַ פֿאָרם פֿון קאַמף, ווייל דאָס שטאַרקסטע מיטל אין קאַמף פֿאַר פֿרייהייט איז דאָס וואָרט. דערפֿאַר פֿלעגט מען אַמאָל פֿאַר פֿרייע ווערטער בוכשטעבלעך אויסשניידן די צונג, היינט מאַכט מען עס סימבאָליש. אין דער צייט, ווען מען דערשטיקט דאָס פֿרייע וואָרט, ווען יידיש איז שוצלאָז, ווען מען צווינגט דאָס יידישע קינד צו גיין אין פֿרעמדע שולן, ווען מען דערווייטערט אונדז פֿון די עפֿנטלעכע טריבונעס, היינט איז עס אַ פֿאָרם פֿון קאַמף צו לאָזן הילכן דאָס פֿרייע יידישע וואָרט. דעריבער איז דער איצטיקער צוזאַמענפֿאָר אונדזער רויטע פֿאָן, דערפֿאַר איז אַזאַ וואַרעמע שטימונג אַרום איצטיקן צוזאַמענפֿאָר.

אַנטאָן לוצקעוויטש, (אין ווייסרוסיש):

אין נאָמען פֿון דער ווייסרוסישער וויסנשאַפֿטלעכער געזעלשאַפֿט באַגריס איך דעם יידישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט צו זיין יום-טובֿ. דער יידישער וויסנש' אינסטיטוט איז אַ גרויסער קולטור-פֿאַקטאָר. צום ערשטן מאָל האָט איר דורך דעם אינסטיטוט רעאַליזירט וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט פֿאַר זיך. ביז איצט האָבן יידן אַלץ געאַרבעט פֿאַר פֿרעמדע קולטורן, איצט האָט איר אַן אייגענע נאַציאָנאַלע וויסנשאַפֿט. מיר ווייסרוסן שאַצן באַזונדערס אָפּ דעם ענטוזיאַזם, וואָס האָט זיך געשאַפֿן אַרום דעם ייוואָ, ווייל אויך מיר זענען געווען אין דער זעלבער לאַגע, ווען אונדזערע וויסנשאַפֿטלער האָבן געאַרבעט פֿאַר רוסן, פֿאַר פּאָליאַקן און דאָס אייגענע נישט געפֿאָרשט. מיר פֿרייען זיך, וואָס דווקא אין ווילנע, אויף דעם ווייסרוסישן באָדן, איז אויפֿגעקומען דער צענטער פֿון דער יידישער וויסנשאַפֿט. מיר האָבן אַ סך שותּפֿישע פּראָבלעמען און אינטערעסן פֿון עקאָנאָמישן און קולטורעלן כאַראַקטער. דאָרט ווו עס וווינט קאָנצענטרירט און אין נאָענטסטער שכנות מיטן ווייסרוסישן דאָרף די יידישע מאַסע, איז אויך נאַטירלעך דער גייסטיקער קאָנטאַקט צווישן זיי; שפּורן דערפֿון געפֿינען מיר אין דער ווייסרוסישער קולטור, אין דעם פֿאָלקלאָר. ס'איז זיך צום ווינטשן, אַז די פֿאַרבינדונג און די געמיינזאַמע אַרבעט, וואָס איז געווען אין דעם ניט לאַנג פֿאַרגאַנגענעם פּעריאָד צווישן דער אינטעליגענץ פֿוןביידע פֿעלקער, זאָל אויסגעברייטערט ווערן, און מאַסע מיט מאַסע זאָל קומען אין פֿאַרבינדונג. איך ווינטש אייך ערפֿאָלג און לאַנגע יאָרן אַרבעט ! Vivat.

ד"ר ל. וואָלמאַן:

איך באַגריס דעם צוזאַמענפֿאָר אין נאָמען פֿון „טאָז", „אָזע" און דער „יידישער לאַנדקענטשאַפֿט-געזעלשאַפֿט אין פּוילן". פֿאַר די דריי געזעלשאַפֿטן, אין

װעמענס נאָמען איך רייד, איז די אַרבעט פֿון ייִװאָ ניט נאָר אַ באַזע, נאָר אויך אַ פֿאָרבאַדינג פֿאַר זייער אַרבעט. מײַנע װערטער זײַנען ניט נאָר צוליבן יום־טובֿ, ניין. דאָס זײַנען פּאָסטולאַטן פֿון אונדזער אַרבעט, װאָס זײַנען באַשלאָסן געװאָרן אויף אונדזערע צוזאַמענפֿאָרן, דאָס איז אונדזער אַני מאַמין, דעריבער איז גרויס אונדזער פֿאַראינטערעסירונג מיט די אויפֿטוען פֿון ייִװאָ. איך װינטש אײַך הצלחה, אַז אַלע אײַערע פּלענער פֿון אַרבעט זאָלן זיך אײַנגעבן און מיר זאָלן זײַן עדות און האָבן נחת־רוח פֿון אײַער אויפֿבוי, דאָס װעט זײַן דער בעסטער מאָנומענט פֿון אונדזער צײַט. זאָל לעבן דער ייִדישער װיסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט!

אַדװ׳ יוסף טשערניכאָװ, (איז נאָמען פֿון דער װילנער געזעלשאַפֿט פֿרײַנד פֿון ייִװאָ).

איך האָב געזאָלט ריידן פּויליש פֿאַר פּאָליאַקן, נאָר צו ייִדן רייד איך נאָר ייִדיש, איך באַדויער װאָס איך קען נישט קיין ליטוויש, צו ענטפֿערן ה׳ װיסקאָנט און פֿריי זיך װאָס ה׳ לוצקעװיטש פֿאַרשטייט ייִדיש.

אויב מיר האָבן דעם ייִדישן װיסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט, איז דאָס צו פֿאַרדאַנקען דעם ייִדישן פֿאָלקסלערער. לעבן זאָל דער ייִדישער לערער!

אַ פּאָר װערטער צו די געסט פֿון װײַטן. איך בין אײַך מקנא, װאָס איר קענט קומען אין װילנע זוכן באַגײַסטערונג, עס קומט מיר אויס, אַז איר האָט מער מוט און פֿײַער פֿון אונדז.

איך קאָנסטאַטיר מיט פֿרייד, אַז אין דער אודיטאָריע הערן זיך אַנדערע טענער װי מיט 10 יאָר צוריק. ס׳איז פֿאַר מיר אַ טרייסט די רעדע פֿון ח׳ פֿײַנערמאַן, װאָס האָט אַזוי װאַרעם גערעדט װעגן ייִדישע איבערלעבונגען. מיט 10 יאָר צוריק װאָלט זי אפֿשר נישט געקענט זײַן. מיר מוזן טראַכטן װעגן קיום פֿון ייִדן. אַלץ גייט צו נײַע װעגן. אַ דאַנק די װאָס ריידן אָפֿן. זאָל דער צוזאַמענפֿאָר געפֿינען געדאַנקען און עמאָציעס אַדעקוואַט צו דער טראַגעדיע פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿט.

ז. רייזען:

עס זײַנען אָנגעקומען הונדערטער טעלעגראַמעס און בריװ, װאָס באַגריסן דעם צוזאַמענפֿאָר, אַלץ איבערלייענען דאָ איז נישט מיגלעך, איך װעל בלויז קענען אויסרעכענען טייל פֿון די באַגריסונגען (לייענט די נעמען פֿון אָרגאַניזאַציעס, װאָס האָבן צוגעשיקט באַגריסונגען; פֿון י. ל. כּהן, ניו־יאָרק; נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד — ניו־יאָרק, אונטערגעשריבן דוד פּינסקי; פֿון אַרבעטער־רינג, ניו־יאָרק, אונטערגעשריבן געליבטער, באַסקין און צבֿר׳; לייענט דעם ייִדישן בריװ פֿון עסטאָנישן געלערנטן אין דערפּעט ה׳ פּ. אַריסטע).

מ. ווײַנרײַך:

עס האָבן זיך געמאָלדן אַ סך באַגריסער. מיר קענען לײדער ניט אַלעמען הײַנט אויסהערן. די אַלע אָרגאַניזאַציעס וועלן נאָך קומען צום וואָרט אויף די אַנדערע זיצונגען.

יעקבֿ צבֿי שאַרגעל (חיפֿה, אין נאָמען פֿון ייִדישן ליטעראַטן־און זשורנאַליסטן־קלוב אין ארץ־ישׂראל):

חשובֿער צוזאַמענפֿאָר, זײער חשובֿער פֿרײַנד!

מיר זײַנען איבערצײַגט, אַז די ייִדישע אַרבעטנדיקע מענטשן פֿון גאָר דער וועלט, די ברײטע שיכטן פֿון פֿאָלק, וואָס זעען אין אונדזער שפּראַך, אין דער קולטור אירער, זײער לופֿט צום אָטעמען, זײער מיטגײער אין צער און צאָרן, אין האָפֿענונג און קאַמף קעגן פֿאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם, פֿילן אין דעם איצטיקן אַלוועלטלעכן צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט אַ דערמונטערונג אין זײער שווערן געראַנגל קעגן עקאָנאָמישן און גײַסטיקן קריזיס. דעריבער טאַקע שוועבט דאָ איצט דער גײַסט פֿון די ברײטסטע ייִדישע פֿאָלקסמאַסן פֿון גאָר דער וועלט.

אויך אין ארץ־ישׂראל, ווי אין אַלע איבעריקע לענדער פֿון דער ייִדישער צעשפּרײטונג, לעבן באַדײַטנדיקע מאַסן אַרבעטנדיקע, וועלכע פֿאַרבינדן זײער פֿרײד און לײד מיט דעם ייִדישן לשון און מיט דער מאָדערנער קולטור, וועלכע ווערט אין אים געשאַפֿן.

מיר האַלטן פֿאַר איבעריק צו דערצײלן אײַך אויספֿירלעך וועגן די רדיפֿות, וואָס ייִדיש האָט אויסצושטײן פֿון העברעיִסטישן פֿאַנאַטיזם אין ארץ־ישׂראל. ייִדיש ווערט אין א״י איבערגעוואַלד פֿאַרוואַנדלט אין אַ זשאַרגאָן, וואָס איז נישט ראוי צו קײן שום עפֿנטלעכן אַרויסטריט. דאָס, וואָס באַיקאָט און מאָראַלישער דרוק זענען ניט בכּוח אויפֿצוטאָן, ווילן די שׂונאים פֿון ייִדיש דערגרײכן דורך פֿיזישן טעראָר און געזעצלעכע באַגרענעצונגען. דאָך ווערט ייִדיש גערעדט און געלײענט דורך צענדליקער טויזנטער, אויב נישט דורך דער מערהײט ייִדן אין ארץ־ישׂראל.

די ריזיקע מאַסן נײַע אײַנוואַנדערער, וועלכע קומען אין לאַנד, כּדי עקאָנאָמיש און פּאָליטיש אָנצוהײבן אַ נײַ לעבן, ברענגען מיט זיך די לעבעדיקע ייִדישע שפּראַך.

אין צער און צאָרן קעגן דער אומגערעכטער באַציִונג צו אונדזער פֿאָלקס־לשון מצד דעם הערשנדיקן שיכט פֿון ארץ־ישׂראלדיקן ייִשובֿ קוקן די פֿרײַנד פֿון ייִדיש, פֿון ייִדישער קולטור־אַרבעט מיט געשפּאַנטער האָפֿענונג און אינטערעס אויף דער גרויסער אַרבעט, וואָס ווערט געטאָן דורך דעם ייִוואָ, און זײַנען גרײט, לויט זײערע מעגלעכקײטן, בײַצוטראָגן צו דער דאָזיקער וויכטיקער אַרבעט.

אין דער גרויסער אינטערטעריטאָריאַלער אַרבעט לטובֿת דער אָרגאַניזירונג פֿון אויפֿבוי פֿון דער מאָדערנער ייִדישער קולטור, זאָל נישט און וועט נישט פֿעלן אויך ארץ־ישׂראל.

מיר זענען איבערצײַגט, אַז פֿון דער הויכער טריבונע פֿון איצטיקן אַלוועלטלעכן ייִוואָ־צוזאַמענפֿאָר וועט זיך לאָזן הערן קלאָר און אַנטשיידן דער פּראָטעסט־קול קעגן דער אומווערדיקער באַציִונג צו אונדזער לשון, קעגן די רדיפֿות אויף ייִדיש אין ארץ־ישׂראל.

דער ייִדישער ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־קלוב אין ארץ־ישׂראל באַגריסט צום האַרציקסטן דעם איצטיקן גרויסן אַלוועלטלעכן ייִוו אָ־צוזאַמענ־פֿאָר און ווינטשט אים דערפֿאָלג אין זײַן אַרבעט.

ט אַ מ אַ ר ק י ן (פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿרײַנד פון ייִוואָ אין עסטלאַנד):

מען האָט מיר אָנגעטאָן דעם כּבֿוד און מיך באַפֿולמעכטיקט אײַך צו באַגריסן צום גרויסן געמיינזאַמען יום־טובֿ. אונדזער ישובֿ איז אַ קליינער, ערשט גאָר נישט לאַנג האָבן מיר זיך באַהאָפֿטן מיט דער ייִדישער שפּראַך און קולטור און אָנגעהויבן אַ קאַמף פֿאַר ייִדיש. שוין לאַנג האָבן מיר גע־וואָלט קומען אַהער צו זען דעם ייִוואָ, הײַנט האָבן מיר געהאַט דעם פֿאַר־געניגן אָנצוקוקן דאָס וווּנדערקינד. מיר זײַנען באַגײַסטערט צו זען אַזאַ גרויסע צאָל ייִדישע אינטעלעקטואַלן, וואָס טוען מיט אַזוי פֿיל ענערגיע און עקשנות די אַרבעט פֿאַר ייִוואָ. מיר געקומענע וועלן דערציילן די חבֿרים אין עסט־לאַנד וועגן אײַערע אויפֿטוען. מען דאַרף אויך מאַטעריעלע הילף פֿאַרן ייִוואָ, ביז איצט האָבן מיר ווייניק געהאָלפֿן. מיר זאָגן אָן אַן אַקטיווע מיטאַרבעט.

ד״ר יוליוס גענש האָט פֿאַרעפֿנטלעכט דעם 1טן באַנד פֿון איוואַסעס „ייִדישע פּרעסע אין רוסלאַנד". דאָ האָבן מיר געבראַכט עקזעמפּלאַרן פֿון דעם פֿאַרעפֿנטלעכטן ווערק און אין נאָמען פֿון ד״ר גענש גיבן מיר אײַך דעם כּתבֿ־יד פֿון 2טן באַנד אַ מתּנה דעם ייִוואָ. איך ווינטש ערפֿאָלג דעם ייִוואָ און בעט מען זאָל ניט פֿאַרגעסן אונדזער קליינעם עסטישן ייִשובֿ.

אַבֿרהם מאָרעווסקי:

איך האָב אַ וואָרט אַלס סתּם ווילנער. דער געדאַנק צו ריידן איז בײַ מיר אויפֿגעקומען בעת שאַגאַלס רעדע. איך וויל גאָר אַרויסזאָגן עטלעכע ווּנטשן. ווילנע זאָל קענען דעם ייִוואָ. מען דאַרף זאָגן באַטאָשאַנסקין, אַז דער גרעסטער מהלך איז 5 מינוט גאַנג אויף וויווולסקי־גאַס. די דאָזיקע פֿײַערלעכקייט וואָלט באַדאַרפֿט זײַן אין בנין פֿון אַ גרויסן ייִדישן שטאָט־טעאַטער. צום 20יאָריקן יובֿל פֿון ייִוואָ ווינטש איך, אַז דער שטח צווישן וויסנשאַפֿט און קונסט זאָל זײַן אַ קלענערער. זאָל לעבן ווילנע מיט אַלע אירע גאונות! זאָל לעבן אַ ייִדיש טעאַטער, וואָס זאָל ווערט זײַן דעם ייִוואָ!

מ. ווײַנרײַך דאַנקט אַלע רעדנער, דעם עולם, וואָס איז געדולדיק אויסגעזעסן ביז שפּעט בײַנאַכט, אַנטשולדיקט זיך פֿאַר די נישט געזאָגטע רעדעס. ווער עס אינטערעסירט זיך ווײַטער מיטן צוזאַמענפֿאָר, קען קומען אין קאָנסערוואַטאָריע מאָרגן 10 אַ זייגער. אינפֿאָרמאַציעס וועגן צוזאַמענפֿאָר וועלן זײַן געדרוקט אין דער פּרעסע.

צווייטע זיצונג

פלענום פון צוזאמענפאר

(דאנערשטאג, דעם 15טן אויגוסט 10 פרי)

מ. ווײַנרײַך עפנט די זיצונג און פאַרבעט אין פרעזידיום די ה״ה י. גיטערמאַן, ב. ווירגילי־כהן, ה. גילישענסקי, נח פרילוצקי, ב. פײַנערמאַן, יודל מאַרק, י. ח. ראָזענבוים, יוסף יאַשונסקי, שמואל שמידט, י. שיפּער, מתתיהו מיזיש, יוליוס גענש, יעקב לעשטשינסקי, א. טשעריקאָווער. דערנאָך לייענט מ. ווײַנרײַך איבער די באַגריסונג פון ה. לייוויק (זע די אָפּטיילונג באַגריסונגען צום צוזאַמענפאָר).

דער צוזאַמענפאָר נעמט אָן מיט אַפּלאָדיסמענטן מ. ווײַנרײַכס פאָרשלאָג אָפּצושיקן לייוויקן אַ באַגריסונג מיט אַ ווונטש פון אַ רפואה שלמה.

מ. ווײַנרײַך איז מודיע, אַז היות ד״ר י. שיפּער מוז אַוועקפאָרן, וועט ער זײַן רעפעראַט האַלטן בשעת דער פאַרמיטאָג־זיצונג.

דעם פאָרזיץ נעמט איבער יוסף יאַשונסקי און גיט אַ וואָרט ז. קלמנאָוויטשן פירצוטראָגן דעם באַריכט פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג.

ז. קלמנאָוויטש:

אָרגאַניזאַציע. די צענטראַלע פאַרוואַלטונג פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט האָט זיך קאָנסטיטוירט אויף דער ערשטער זיצונג אויף מאָרגן נאָך דער קאָנפערענץ פון ייִוואָ, דעם 28סטן אָקטאָבער 1929, אין אַזאַ באַשטאַנד: מיטגלידער י. גיטערמאַן, וואַרשע, ד״ר מ. ווײַנרײַך, ווילנע, ד״ר מ. זילבערפאַרב, וואַרשע, א. טשעריקאָווער, בערלין, י. יעפּרויקין, פּאַריז, ב. כהן־ווירגילי, ווילנע, י. לעשטשינסקי, בערלין, י. מאַרק, ריגע, נ. פרילוצקי, וואַרשע, ב. קלעצקין, ווילנע, ז. רייזען, ווילנע, און קאַנדידאַטן צו זיי: נ. גערגעל, בערלין, י. יאַשונסקי, וואַרשע, נ. מײַזיל, וואַרשע, ז. קלמנאָוויטש, ווילנע. אויף דער זעלביקער זיצונג האָט די צענטראַלע פאַרוואַלטונג אויסגעטיילט פון זיך אויף צו פירן די לויפיקע ענינים פון אינסטיטוט דאָס אויפיר־ביוראָ אין באַשטאַנד פון מ. ווײַנרײַך, ב. כהן־ווירגילי, ב. קלעצקין, ז. רייזען (אַלע אין ווילנע) און י. גיטערמאַן, וואַרשע, פאַר זײַן ממלא־מקום ז. קלמנאָוויטש, ווילנע.

די צענטראַלע פאַרוואַלטונג האָט אין משך פון דער צײַט פאַרלאָרן די מיטגלידער נ. גערגעל און מ. זילבערפאַרב, וועלכע זײַנען פריצײַטיק געשטאָרבן. אין אויספיר־ביוראָ זײַנען צוגעצויגן געוואָרן דורך אַ באַשטימונג

פֿון דער צ״פּ א. טשעריקאָווער און ד״ר צ. שאַבאַד. אויך דעם לעצטן האָבן מיר דאָס יאָר פֿאַרלאָרן.

חוץ אַט דער ערשטער סעסיע, האָט די צענטראַלע פֿאַרוואַלטונג אָפּגע־האַלטן נאָך דרײַ סעסיעס: 14 — 16 אָקטאָבער 1930 אין ווילנע, 26 — 27 נאָ־וועמבער 1932 אין וואַרשע און 1 — 2 אָקטאָבער 1934 אין ווילנע. די צענ־טראַלע פֿאַרוואַלטונג איז זיך צונויפֿגעקומען אַ סך זעלטענער, ווי דאָס איז פֿאָרויסגעזען לויטן סטאַטוט (2 מאָל אין יאָר). די סיבה דאַרף זײַן קלאָר פֿאַר אַלעמען: די פֿינאַנציעלע דחקות, וואָס אונטער איר צייכן האָט זיך די גאַנצע צײַט געפֿירט די אַרבעט פֿון ייִוואָ, האָט געצוווּנגען שטאַרק צו באַ־גרענעצן די גאַנצע טעטיקייט, ממילא איז אויך די אַקטיווקייט פֿון דער צ״פּ שטאַרק באַגרענעצט געוואָרן לגבי דעם פּלאַן וואָס האָט זיך אָנגעמערקט אויף דער קאָנפֿערענץ.

מחמת דעם וואָס די אָרגאַניזיר־אַרבעט פֿון ייִוואָ האָט זיך נישט אויס־געברייטערט אין דעם פֿון דער קאָנפֿערענץ פֿאָרויסגעזעענעם פֿאַרנעם, איז אויך ניט צונויפֿגעשטעלט געוואָרן און האָט נישט פֿונקציאָנירט דער ראַט פֿון ייִוואָ. דער ראַט האָט געדאַרפֿט צונויפֿגעשטעלט ווערן אויף דער העלפֿט פֿון פֿאָרשטייער פֿון די געזעלשאַפֿטן פֿרײַנד פֿון ייִוואָ אין פֿאַרשיידענע לענדער, נאָר היות ווי ניט אומעטום זײַנען געווען גענוג אַקטיווע געזעל־שאַפֿטן, האָט אויך ניט געקאָנט קומען צו דער וואַל פֿון פֿאָרשטייער. אַזוי אַרום האָט די צענטראַלע פֿאַרוואַלטונג בהכרח געמוזט נעמען אויף זיך אויך די פֿונקציעס פֿון דעם ראַט. יענע מיטגלידער פֿון ראַט וואָס זײַנען אויסגע־קליבן געוואָרן (פֿון פּוילן: ש. ווינטער, וולאָצלאַוועק; א. זיינפֿעלד, קראָקע; י. טשערניכאָוו, ווילנע; ד״ר ה. קאָוואַרסקי, ווילנע; פֿון לעטלאַנד וו. לאַצקי; פֿון אַרגענטינע ש. באַסטאָמסקי; פֿון די וויסנשאַפֿטלעכע סעקציעס: י. ל. כהן, מ. לערער, מ. שאַליט) האָבן זיך באַטייליקט אין די זיצונגען פֿון צ״פּ.

איבער דעם טעם וואָס די צענטראַלע פֿאַרוואַלטונג איז זיך אַזוי זעלטן צונויפֿגעקומען, איז געוואָרן שווערער און אחריותדיקער די אַרבעט פֿון דעם אויספֿיר־ביוראָ. די מיטגלידער פֿון דער צ״פּ אין וואַרשע און בערלין האָבן פֿאַרשטייט זיך מיטגעהאָלפֿן ווי ווײַט מעגלעך פֿון דער ווײַטנס. דאָס אויספֿיר־ביוראָ איז געשטאַנען מיט זיי אין אַ שטענדיקער קאָרעספּאָנדענץ, אינפֿאָרמירט זיי וועגן גאַנג פֿון דער אַרבעט און בײַ וויכטיקע פֿראַגעס אָנגעפֿרעגט זייער מיינונג דורך אַ שריפֿטלעכן רעפֿערענדום. אַזוי איז דורכגע־פֿירט געוואָרן די גרינדונג פֿון דער אַספּיראַטור, דער ענין ענציקלאָפּעדיע, דער אויפֿנעם פֿון נײַע מיטגלידער פֿון די סעקציעס וכדומה. מיטגלידער פֿון דער צ״פּ און פֿון ראַט האָבן אין פֿאַרשיידענע צײַטן זיך באַטייליקט אין די זיצונ־גען פֿון א״ב. באַזונדערס דאַרף אָנגעצייכנט ווערן די מיטאַרבעט פֿון ד״ר י. שאַצקי, וואָס האָט פֿון ווײַטן ניו־יאָרק מיטגעטראָגן דעם גאַנצן שווערן

עול פֿון דער פֿירונג פֿון ייִוואָ און אין גאָר אַ גרויסער מאָס מיטגעהאָלפֿן דעם אויספֿיר=ביוראָ אין זײַן אַרבעט.

נאָך אַלעמען איז די אחריות פֿאַרן קיום און פֿאַר דער אַרבעט פֿון אינסטיטוט געלעגן אויפֿן אויספֿיר=ביורא צוזאַמען מיטן מיטגליד פֿון קוראַטאָריום ד״ר צ. שאַבאַד. דאָס א״ב האָט געזאָרגט פֿאַר די פֿינאַנצן, אָרגאַניזירט אַקציעס, דורכגעפֿירט דעם בוי צוזאַמען מיטן בוי=קאָמיטעט, אונטערגעהאַלטן די פֿאַרבינדונגען מיט די פֿרײַנד, מיט ווויסנשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס און איינציקע געלערנטע, געפֿירט די פֿאַרלעגערישע אַרבעט, די אינעווייניקסטע וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט אין אינסטיטוט, געשאַפֿן איניציאַטיוופֿאָרשלאָגן אויף צו אַנטוויקלען די טעטיקייט פֿון אינסטיטוט. מיטגלידער פֿון אויספֿיר=ביוראָ האָבן אויך פּערזענלעך דורכגעפֿירט פּראָפּאַגאַנדע= און געלט=אַקציעס: מ. ווײַנרײַך אין ליטע (1930, 1931 צוזאַמען מיט ב. קלעצקינען), אין דער שווייץ (1931), לעטלאַנד (1930), ליטע (1935); א. טשעריקאָווער — אין פֿראַנקרײַך, בעלגיע, ענגלאַנד, דײַטשלאַנד (1930 — 1931); ב. כּהן=ווירגילי אין ביאַליסטאָק (1930), וואַרשע (1394); ז. רייזען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן (1930), אַרגענטינע (1932), אין וואַרשע, לאָדזש, ווּלאָצלאַוועק (1935); אַזוי אַרום איז אויך דער באַשטאַנד פֿון א״ב חדשים לאַנג געווען ניט קאָמפּלעט. אַ גרויסן קלאַפּ האָט דאָס א״ב געליטן דורך דער קראַנקייט פֿון ד״ר מ. ווײַנרײַך, וואָס איז געשעדיקט געוואָרן פֿון אַ פֿאַרברעכערישער האַנט בעת די אומרוען אין נאָוועמבער 1931. סוף 1932 איז ד״ר ווײַנרײַך אַוועקגעפֿאָרן אויף אַ שטודיר=רײַזע קיין ניו=הייוון אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אויף אַ יאָר צײַט און ווידער אַמאָל 34/1933 קיין ווין. פֿאַר דער צײַט האָט אים צום טייל פֿאַרביטן ד״ר צ. שאַבאַד, וואָס האָט ביז דעם לעצטן אויגנבליק פֿון זײַן לעבן געטרײַ מיטגעשאַפֿן אין פֿרייד און לייד. מיט טיפֿער דאַנקבאַרקייט וועט דער ייִוואָ שטענדיק היטן דעם אָנדענק פֿון זײַן גרויסן פֿרײַנד און מיטגרינדער.

אַן אָפּצווײַג פֿון א״ב, וואָס האָט אויפֿגעטאָן אַ גרויסע אַרבעט פֿאַר דער פּראָפּאַגאַנדע פֿון אינסטיטוט און פֿאַר זײַן גאַנצער אָרגאַניזאַציע און וואָס מען האָט פֿון דעם געקאָנט אַרויסקוקן אויף נאָך גרעסערע אויפֿטוען להבא, איז געווען דאָס מערבֿ=אייראָפּעיִשע ביוראָ מיטן זיץ אין בערלין אונטערן אָנפֿיר פֿון א. טשעריקאָווער. דאָס ביוראָ איז געעפֿנט געוואָרן לויט אַ באַשטימונג פֿון דער צ״פּ דעם 1טן אַפּריל 1930 און האָט דורכגעפֿירט אַקציעס אין דײַטשלאַנד, פֿראַנקרײַך, ענגלאַנד, אײַנגעשטעלט פֿאַרבינדונגען מיט געלערנטע און מיט אינסטיטוציעס, אויסגעפּועלט סובסידיעס (פֿון דער בערלינער קהילה א״אַ), אַרויסגעלאָזן אַ דײַטשע פּראָפּאַגאַנדע=בראָשור און אַ בולעטען אין דײַטש. דאָס ביוראָ האָט עקסיסטירט פֿאָרמעל ביזן יאָר 1931. צום באַדויערן האָט דער פֿינאַנציעלער מצבֿ נישט דערלויבט אונטערצוהאַלטן לענגער דעם דאָזיקן אָפּצווײַג. די רעזולטאַטן פֿון די געלט=אַקציעס זענען געווען

קלענער ווי מען האָט פֿאָרויסגעזען. שפּעטער האָט פּ׳ א. טשעריקאָווער אין אַ באַגרענעצטער מאָס אויסגעפֿירט די פֿונקציעס פֿון ביוראָ, און מיר האָבן נישט אָפּגעלאָזן די האָפֿענונג צו באַנײַען די דאָזיקע נוצוועדיקע אַרבעט אין אַ ברייטן פֿאַרנעם. עס איז אָבער אָנגעשטאַנען דער חורבן פֿון דעם ייִדישן קיבוץ אין בערלין, און מיר האָבן דערווײַל געמוזט זיך אָפּזאָגן פֿון דעם געדאַנק צו שאַפֿן אַ ביוראָ פֿאַר מערבֿ־אייראָפּע און מוזן וואַרטן אויף בעסערע צײַטן.

די געזעלשאַפֿטן פֿרײַנד פֿון ייִוואָ. דער אויפֿבוי פֿון ייִוואָ ווי אַ וועלט־אינסטיטוציע האָט צוועקגעשטעלט ווי איינע פֿון די וויכטיקסטע אויפֿגאַבן פֿון דעם א״ב אונטערצוהאַלטן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די פֿרײַנד אין פֿאַרשיידענע לענדער און מיט פֿיל אינסטיטוציעס און פּערזאָנען פֿון דער ייִדישער און ניט־ייִדישער געזעלשאַפֿט. פֿון די אויסגעשטעלטע דיאַגראַמעס איז צו זען, ווי אַזוי עס איז געגאַנגען די קאָרעספּאָנדענץ פֿון ייִוואָ אין משך פֿון די יאָרן. די דיאַגראַמעס און ציפֿערן באַווײַזן אָבער נישט גענוג, ווער זענען געווען די קאָרעספּאָנדענטן פֿון דעם ייִוואָ. דאָס זײַנען צום גרעסטן טייל מענטשן פֿון פֿאָלק און פֿאָלקסטימלעכע אָרגאַניזאַציעס. דאָס זענען הונדערטער און הונדערטער זאַמלער, דער עיקר יוגנטלעכע, וואָס האָבן איינצלנע אָדער אָרגאַניזירט אין זאַמל־ און שטיק־גרופּעס מיט באַגײַסטערונג אויפֿגענומען דעם רוף פֿון אינסטיטוט צו העלפֿן אים, איטלעכער לויט זײַן יכולת, זאַמלען און אויפֿהיטן די רעשטן פֿון ייִדישן פֿאָלקסשאַפֿן פֿון אַמאָל און די אַרויסווײַזן פֿון ייִדישן לעבן הײַנט, וואָס דאָס זאָל געבן דעם מאַטע־ריאַל פֿאַר אַ וויסנשאַפֿטלעכן סינטעז פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון ייִדישן פֿאָלק. עס איז פֿון פֿאַרשיידענע זײַטן אויפֿגעוואָרפֿן געוואָרן דעם ייִוואָ, אַז ער איז אָפּגעריסן געוואָרן פֿון רעאַלן ייִדישן לעבן, אַז ער האָט זיך אַרײַנגעלאָזט אין „אַקאַדעמישע״ דרכים, אַז ער זאָל כּלומרשט האָבן אָפּגעטראָטן פֿון זײַן ערשטן פּרינציפּ „צו דינען די ייִדישע מאַסן אין דעם קאַמף פֿאַר זייער קול־טורעלער עמאַנסיפּאַציע״. די קאָרעספּאָנדענץ פֿון ייִוואָ באַווײַזט, אַז די טענה איז נישט מער ווי אַ פֿאַרבלענדעניש.

ווער עס וועט זיך באַקענען מיט דער קאָרעספּאָנדענץ פֿון ייִוואָ, וועט מוזן מודה זײַן, אַז זײַן וויסנשאַפֿטלעכע טעטיקייט איז דירעקט פֿאַרבונדן מיטן לעבן און ווערט געטראָגן פֿון די כּוחות, וואָס געוועלטיקן אין ייִדישן לעבן. דער ייִוואָ שטרעבט צו דינען דעם לעבן מיט מעשׂים, מיט פּראַקטי־שער אַרבעט, אָבער ער האָט קיין דעקלאַראַציעס נישט אַרויסגעגעבן, ווײַל די צ״פּ האָט געהאַלטן, אַז לויט זײַן עצם אויפֿבוי קאָן דער ייִוואָ נישט אַרויסטרעטן מיט דעקלאַראַציעס, וואָס זענען געבויט אויף אַפּריאָריסטישע הנחות, אויף פּאַרטיקע מיינונגען, ווי ריכטיק זיי זאָלן נישט אויסווײַזן דעם אָדער יענעם פֿרײַנד פֿון ייִוואָ, דער אָדער יענער געזעלשאַפֿטלעכער גרופּי־רונג, וואָס האַלט אים אונטער. זײַן אַרבעט־מעטאָדע איז צו שאַפֿן פֿאַקטן

און לאָזן ריידן די פֿאַקטן פֿאַר זיך. ער גייט אַרויס פֿון דער הנחה, אַז עס איז מיגלעך און נויטווענדיק וויסנשאַפֿט, וואָס פֿאַר איר איז קיין פּניה און משא=פּנים נישט גילטיק. און דער, וואָס האָט געהאַט דעם ווילן נאָכצוגיין דער אַרבעט פֿון אינסטיטוט אין משך פֿון דער באַריכטצײַט, וועט מוזן מודה זײַן, אַז גראָד דער גאַנג האָט פֿאַר אים געשאַפֿן דעם צוטרוי און די סימפּאַטיע פֿון די ברייטסטע קרײַזן.

ווי דערמאָנט, האָט זיך נישט אײַנגעגעבן צו שאַפֿן אַקטיווע געזעלשאַפֿטן פֿרײַנד אין דער מאָס, ווי עס איז געווען פֿאָרויסגעזען און ווי דאָס וואָלט געווען געווּנטשן, כּדי צו פֿאַרזיכערן די רעגולערע פֿונקציאָנירונג פֿון אינסטיטוט. די גרעסטע מניעה אין דעם פּרט איז, וואָס מען האָט נישט געקאָנט שאַפֿן קיין אינהאַלט פֿאַר דער אָרטיקער טעטיקייט פֿון די געזעלשאַפֿטן. צי עס האָט נישט אָפּגעגליקט צו געפֿינען אַלע מאָל די פּאַסיקע מענטשן, צי די סיבה ליגט אין דער צעריסנקייט פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכקייט, וואָס דערלאָזט נישט די צונויפֿשליסונג פֿון אַקטיווע עלעמענטן צוליב איין צוועק, צי זײַנען דאָס געווען אויסווייניקסטע מניעות, אָדער עס איז בכלל נאָך נישט גענוג צײַטיק די אידעע פֿון אַ ייִדישער וויסנשאַפֿט אין אַזאַ פֿאָלקספֿאַרנעם, ווי עס וואָלט זיך געוואָלט,— נאָר אַ פֿאַקט איז, אַז די געזעלשאַפֿטן פֿרײַנד פֿון ייִוואָ האָבן נישט אַלע מאָל באַרעכטיקט די האָפֿענונגען, וואָס מען האָט געקאָנט אויף זיי לייגן. אמת איז אויך, אַז די צ״פּ און דאָס א״ב איז נישט געווען גענוג שטאַרק אונטערצוהאַלטן די געזעלשאַפֿטן דורך אַ פּערזענלעכן קאָנטאַקט, דורך באַזוכן, אינסטרוירונג, רעפֿעראַטן. מער נישט בעת געלט=אַקציעס האָט דער ייִוואָ געקאָנט זיך ווענדן צו די געזעלשאַפֿטן, און עס מוז מיט צופֿרידנקייט און דאַנק באַשטעטיקט ווערן, אַז אַלע האָבן געהאָלפֿן, איטלעכע לויט איר יכולת. אָבער דער קאָנטאַקט פֿלעגט געוויינטלעך נאָך דער אַקציע איבערגעריסן ווערן. עס וועט זײַן איינע פֿון די אויפֿגאַבעס פֿון דעם איצטיקן צוזאַמענפֿאָר לכל הפּחות אָנצומערקן די וועגן, ווי אַזוי די געזעלשאַפֿטן פֿרײַנד צו אַקטיוויזירן און פֿאַרשטאַרקן אַזוי אַרום דעם געזעלשאַפֿטלעכן באַזיס פֿון אינסטיטוט.

איך הייב אָן פֿון פּוילן. פֿון די איינציקע געזעלשאַפֿטן פֿרײַנד וואָלט די גרעסטע שטיצע פֿאַרן ייִוואָ באַדאַרפֿט זײַן די געזעלשאַפֿט אין וואַרשע, דעם גרעסטן ייִדישן צענטער אין מזרח. געוויס האָט די וואַרשעווער געזעלשאַפֿט אַ גרויסן אַקטיוו אין דער אָפּגעטאָנענער אַרבעט, שוין דערמיט אַליין, וואָס דאָרטן זיצן אַ גרויסע צאָל מיטגלידער פֿון דער צ״פּ און אויך חשובֿע וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטער אין אַלע צווײַגן פֿון דער ייִוואָ=טעטיקייט. און עס זײַנען טאַקע אין פֿאַרשיידענע צײַטן געמאַכט געוואָרן פּרוּוון אויפֿצונעמען אָרגאַניזירט אַזאַ אַרבעט. צום באַדויערן אָבער קאָן מען נישט זאָגן, אַז די אָרגאַניזאַציע פֿון אָט דער אַרבעט איז קאָנסאָלידירט אין דער מאָס, ווי עס האָט געזאָלט זײַן לגבי די פֿאַראַנענע כּוחות. פֿינאַנציעל האָט וואַרשע געוויס

געהאָלפֿן דעם ייִוואָ (די אונטערשטיצונג פֿון וואַרשעווער מאַגיסטראַט אין דער סומע פֿון 10.000 גילדן, וואָס איז געווען אַ רעזולטאַט פֿון די באַמיִונגען פֿון אונדזערע וואַרשעווער פֿרײַנד צוזאַמען מיט די פֿראַקציעס פֿון „בונד" און לינקע פּועלי־ציון אין וואַרשעווערשטאָטראַט; אויך אייניקע אַקציעס), אָבער לגבי די מעגלעכקייטן אין אַזאַ עיר ואם בישראל איז דאָס געווים געווען צו קליין.

אין לאָדזש האָט די גאַנצע צײַט עקסיסטירט אַ געזעלשאַפֿט פֿרײַנד פֿון ייִוואָ, וואָס איז אָבער ביז דער לעצטער צײַט נעווען גאָר ווינציק אַקטיוו. ערשט הײַער האָט לאָדזש אין דער אַקציע פֿון פּ׳ רייזען אַרײַנגעטראָגן אַ פֿײַנעם צושטײַער פֿאַרן ייִוואָ, און עס איז צו האָפֿן, אַז די אַקטיווקייט וועט אויך ווײַטער אָנהאַלטן. די געזעלשאַפֿט אין ביאַליסטאָק האָט אונטערגעהאַלטן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיטן ייִוואָ, עטלעכע מאָל דורכגעפֿירט געלט־אַקציעס אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דעלעגאַטן פֿון א״ב, געטאָן אַ גאַנץ פּרוכפּעריקע זאַמל־אַרבעט אויף פֿאַרשיידענע געביטן, פֿאַרשפּרייט די אויסגאַבעס און פֿון צײַט צו צײַט אַרײַנגעשיקט מיטגליד־אָפּצאָלן. אין דער צײַט פֿון אַקציעס האָבן געאַרבעט אויך די געזעלשאַפֿטן אין קראָקע און לעמבערג. אין אַנדערע ערטער (בריסק, לובלין, פּינסק, קוטנע א״אַ) זײַנען די געזעלשאַפֿטן געווען לויזע פֿאַרבינדונגען און האָבן די לעצטע צײַט נישט פֿונקציאָנירט. די גאַנצע צײַט איז געווען אַקטיוו די געזעלשאַפֿט פֿרײַנד אין וולאָצלאַוועק אַדאַנק די באַמיִונגען פֿון די געטרײַע פֿרײַנד ש. ווינטער, י. ברייטשטיין און ח. טכורזש; די דערמאָנטע פֿרײַנד שיקן רעגולערע חודשדיקע אָפּצאָלן און באַטייליקן זיך אויף אַ פֿײַנעם אופֿן אין באַשטײַערונגען צו אַלע אַקציעס. אויך אין פּרט פֿון זאַמלונגען האָט די וולאָצלאַוועקער געזעלשאַפֿט זיך שטענדיק אויסגעצייכנט. זאָל אויף דעם אָרט דערמאָנט ווערן אויך דער זאַמלערקרײַז אין כשאַנאָוו.

פֿון די ייִוואָ־אָרגאַניזאַציעס אין אַנדערע לענדער דאַרף קודם־כּל דערמאָנט ווערן דער אַמעריקאַנער אָפּטייל פֿון ייִוואָ, וואָס איז די אמתע שטיצע פֿון דער ייִוואָ־אַרבעט אין משך פֿון דער גאַנצער באַריכטצײַט. דער אַמאָפּטייל טראָגט נישט בלויז אַרײַן גאָר דעם גרעסטן טייל פֿון די געלטמיטלען (דאָס באַווײַזט קלאָר די סכעמע פֿון די הכנסות), אָרגאַניזירט די אַקציעס (פֿאַר דער צײַט דורכגעפֿירט געוואָרן 4 אַקציעס דורך שלוחים פֿון דער צ״פּ), ניט בלויז פֿאַרשפּרייט ער ביז 800 עקזעמפּלאַרן פֿון די ייִוואָ־בלעטער און אויך אַנדערע אויסגאַבעס, נאָר אויך גאָר אַ גרויסער טייל פֿון די זאַמלונגען פֿון ייִוואָ אין דער ביבליאָטעק, דעם אַרכיוו און טעאַטער־מוזיי שטאַמען פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, פּערזענלעכע בײַשטײַערן פֿון די אייגענע זאַמלונגען פֿון די פֿרײַנד און צונויפֿגענומענע פֿון גאַנצן לאַנד אַדאַנק די באַמיִונגען פֿון דעם זאַמלערקרײַז בראש מיט ש. מענדעלסאָן. אויך די וויסנשאַפֿטלעכע און פֿאַרלעגערישע אַרבעט פֿון ייִוואָ ווערט געשטיצט דורך די פּ״פּ ד״ר י. שאַצקי, י. ל. כּהן א״אַ. אין דער אָרגאַניזיר־אַרבעט פֿון דעם

אַמאָפּטייל האָט די גרעסטע פאַרדינסטן פּ׳ נ. פייערמאַן, דער סעקרעטאַר פון דער עקזעקוטיווע אין משך פון יאָרן.

דער אמאָפּטייל פון ייוואָ שטיצט זיך צום גרעסטן טייל אויף די ברייטע שיכטן פון אַמעריקאַנער ייִדנטום, אויף דער מיטגלידערשאַפט פון די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס ווי דער ארבעטער־רינג און דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד, שלום־עליכם־פאָלקס־אינסטיטוט און קולטור־געזעלשאַפט. צום טייל איז אים אָבער אויך געראָטן צו פאַרבינדן זיך מיט אַנדערע קרייזן פון דער אַמעריקאַנער ייִדישער געזעלשאַפט. אַ פּרווו צוצוציִען די ייִדישע אַקאַדעמישע אינטעליגענץ פון אַמעריקע צו הילף דעם ייִוואָ איז געמאַכט געוואָרן אין 1933, בעת ד״ר ווײַנרײַך איז געווען אויף זײַן שטודיר־רײַזע אין ניו־הייוון. לויט דער איניציאַטיווע פון דעם מיטגליד פון ערן־פּרעזידיום פון קוראַטאָריום פּראָפ׳ ע. סאַפּיר איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער „אַמעריקאַנער אינטעראוניווער־סיטעטישער קאָמיטעט פאַר ייִדישער סאָציאַלער וויסנשאַפט צו שטיצן די אַרבעט פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט״. עס זײַנען אַרײַן אין קאָמי־טעט פּראָמינענטע געלערנטע, מען איז עטלעכע מאָל זיך צונויפגעקומען, עס איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו פון פּראָפּאַגאַנדע דורך קאָרעספּאָנדענץ. צו קיין ממשותדיקע רעזולטאַטן האָט דערוויַיל די אַרבעט נישט געבראַכט. אָבער מען מעג רויִק זאָגן, אַז סימפּאַטיעס פאַרן ייִוואָ איז פאַראַן אויך אין די אַקאַדע־מישע קרייזן, און דער פּרווו אָט די ענערגיע צו אָרגאַניזירן וועט מוזן באַ־נײַט ווערן.

אין דרום־אַמעריקע איז די טעטיקייט פון דעם אַרגענטינער אָפּ־טייל אויפגעוועקט געוואָרן דורך דער אַקציע פון ז. רייזען אין יאָר 1932 און דורך דער אַקציע פון ה. גילישענסקי אין 1934. אויך מאָנטעווידעאָ איז געוואָרן באַרירט פון די אַקציעס. אין בראַזיל און טשילע זײַנען איצט דורך דער איניציאַטיווע פון ה. גילישענסקי געגרינדעט געוואָרן געזעלשאַפטן פרײַנד. עס וועט זײַן איצט אונדזער אויפגאַבע די געשאַפענע פאַרבינדונגען אונטער־צוהאַלטן.

אין איירָאָפּע האָט ביז דער היטלער־תּקופֿה געווירקט אַ געזעלשאַפט פרײַנד פון ייִוואָ אין בערלין. זי האָט בשעתּה געהאַט אַ גרויסן באַטײַט פאַרן ייִוואָ, ווײַל בערלין איז געווען דער זיצאָרט פון צוויי סעקציעס, דער עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישער און דער היסטאָרישער, און אויך אַ געוויסע צײַט פון דעם ביוראָ פאַר מערבֿ־איירָאָפּע. אין דער צײַט, ווען די געזעלשאַפט האָט עקסיסטירט, זײַנען געמאַכט געוואָרן התחלות פון אָרגאַניזיר־אַרבעט, עס זײַנען דורכגעפירט געוואָרן אַקציעס, עס זײַנען אײַנגעשטעלט געוואָרן פאַרבינדונגען מיט פּערזאָנען און אינסטיטוציעס, עס זײַנען אויסגעפּועלט גע־וואָרן סובסידיעס פון די קהילות אין בערלין, מינכן א״אַ, שוין אָפּגערעדט פון די וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, וואָס זײַנען דורכגעפירט געוואָרן. עס זײַנען געווען אויסקוקן פאַר אַ ברייטער אַנטוויקלונג פון דער ייִוואָ־אַרבעט. די צע־

שטערונג פֿון דעם בערלינער צענטער איז געווען אַ גרויסער קלאַפּ פֿאַר דעם ייִוואָ און אַ וויכטיקער גורם פֿון דעם קריזיס, וואָס האָט געטראָפֿן דעם ייִוואָ אין 1933.

געזעלשאַפֿטן פֿרײַנד האָבן ספּאָראַדיש געווירקט אויך אין פּאַריז, לאָנדאָן, ווין, בוקאַרעשט, טשערנאָוויץ, יאַס, אָבער צו אַ סיסטעמאַטישער אַרבעט איז נישט געקומען. דאָ איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן די פֿאַרבינדונג מיט איינציקע פֿרײַנד און אין אַקציעס אָדער איינציקע ענינים האָט דער ייִוואָ געהאַט אונטערשטיצונג פֿון זיי.

צו קיין ממשותדיקער טעטיקייט איז נישט דערגאַנגען די געזעלשאַפֿט פֿרײַנד אין ריגע איבער סיבות פֿון אָרטיקן כאַראַקטער. אַ שטענדיקע פֿאַרבינדונג מיט די פֿרײַנד פֿון ייִוואָ אין עסטלאַנד איז געווען דורך דער געזעלשאַפֿט פֿרײַנד אין טאַרטו. סיסטעמאַטיש האָט געאַרבעט די געזעלשאַפֿט פֿרײַנד אין קאָוונע, וואָס האָט אין משך פֿון דער צײַט געגעבן אַ מאַקסימאַלע מאַטעריעלע הילף דעם ייִוואָ סײַ דורך רעגולערע חודשדיקע אָפּצאָלן, סײַ דורך לפֿי ערך אָפֿטע אַקציעס. אַדאַנק דער איבערגעגעבנקייט פֿון אונדזערע ליטווישע פֿרײַנד ד״ר מ. סודאַרסקי, דעם פֿאַרשטאָרבענעם עוזר פֿינקלשטיין א״אַ איז דער אָנטייל פֿון ליטע אין די הכנסות פֿון ייִוואָ, ווי עס איז צו זען פֿון די סכומעס, לפֿי ערך אַ גאָר היפּשער.

פֿאַרבינדונגען. — דער ייִוואָ איז אין משך פֿון דער צײַט געשטאַנען אין פֿאַרבינדונג מיט פֿיל צענדליגער אינסטיטוציעס און פּערזאָנען, ייִדישע און ניט־ייִדישע. די פֿאַרבינדונג איז באַשטאַנען קודם־כּל אין אויסבײַט פֿון די אויסגאַבעס, אין קעגנזײַטיקער אינפֿאָרמאַציע, אין אויסלײַען וויסנשאַפֿטלעכע מאַטעריאַלן. די פֿאָלקלאָר־קאָמיסיע שטעלט צו מיט דער הילף פֿון דער ביבליאָגראַפֿישער צענטראַלע דעם ביבליאָגראַפֿישן מאַטעריאַל וועגן ייִדישן פֿאָלקלאָר און עטנאָגראַפֿיע פֿאַר די אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָגראַפֿישע יאָרביכער, וואָס עס גיט אַרויס פּראָפֿ׳ האָפֿמאַן־קרייער פֿון באַזל. די היסטאָרישע סעקציע האָט זיך באַטייליקט אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן היסטאָרישן קאָנגרעס אין וואַרשע 1933. די עקסטאַטסעקציע האָט באַדינט מיט סטאַטיסטישע ידיעות אייניקע אינסטיטוציעס און פּערזאָנען. פֿאַראַיאָרן, בעת דאָ איז געווען די וויסנשאַפֿטלעכע עקספּעדיציע פֿון פּראָפֿ׳ קאָראַדאָ דזשיני פֿון רוים אויף אויסצופֿאָרשן די קאַראַימען, וואָס אין איר האָט זיך אגב באַטייליקט אויך דער מיטגליד פֿון דער עקסטאַט סעקציע פּראָפֿ׳ ל. הערש פֿון זשענעווע, האָט דער אינסטיטוט איר צוגעשטעלט אַ ביבליאָגראַפֿיע פֿון דער ליטעראַטור וועגן די קאַראַימער. לויט דער ווענדונג פֿון דער פּויזנער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק האָט די ביבליאָגראַפֿישע צענטראַלע פֿון ייִוואָ צוגעגרייט אַ רשימה פֿון אַלע אויסלענדישע צײַטשריפֿטן, וואָס געפֿינען זיך אין אונדזער פּרעסע־אַרכיוו. די דאָזיקע פֿאַרבינדונגען האָבן אויך מיטגעהאָלפֿן צו הייבן די חשיבֿות פֿון דעם ייִוואָ אין דער געלערנטער וועלט.

פראָפּאַגאַנדע. — דער אינסטיטוט, וואָס איז געבויט געוואָרן אָן צוגעגרייטע פאָנדן און אָן אַ זיכערן מקור צו דעקן דעם בודזשעט, איז פאַרשטייט זיך געווען אין גאַנצן אָנגעוויזן אויף דער עפנטלעכער מיינונג, אויף די סימפּאַטיעס, וואָס מען האָט געקאָנט אַרויסרופן ביי דער ברייטער געזעלשאַפטלעך־קייט. די פּראָפּאַגאַנדע פאַרן אינסטיטוט איז בכן געווען איינע פון די גרונד־אויפגאַבעס פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג. פון פאַרשיידענע זייטן איז אָנגעוויזן און ווערט אָנגעוויזן דערויף, אַז מיר זענען געבליבן אין אַ סך פּרטים הינטערשטעליק. עס איז אונדז ניט געראָטן אַזוי פיל מפורסם צו מאַכן דעם אינסטיטוט, וועדליג ער האָט דאָס פאַרדינט לויט זיינע פּאַקטישע אויפטוען און וועדליג ער האָט זיך גענייטיקט, בכדי צו קאָנען אויספירן זיין גרויסע אויפגאַבע. מען מוז מודה זיין, אַז אין אַ סך פּרטים איז די דאָזיקע קריטיק אַ ריכטיקע. איבער דער שטענדיקער ענגשאַפט אין מיטלען האָט די פּראָפּאַגאַנדע ניט געקאָנט געפירט ווערן אין דער נייטיקער מאָס. קודם כל זענען מיר געווען באַגרענעצט אין געדרוקטע מאַטעריאַלן. דאָך איז לויט מעגלעכקייט געפירט געוואָרן אַ פּראָפּאַגאַנדע פאַרן יִוואָ ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן און אין פאַרשיידענע עקן וועלט.

צוליב דער פּראָפּאַגאַנדע איז פאַרשפּרייט געוואָרן דער באַריכט פון דער ערשטער קאָנפערענץ, עס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן בראָשורן אין ענגליש (דורכן אַמאָפּטייל), פּויליש, דייטש (דורך דעם ביוראָ פאַר מערב־אייראָפּע), „ידיעות" פון יִוואָ ווערן צעשיקט אויף איינצלנע טויזנט אַדרעסן אייגענע און דורך די „ליטעראַרישע בלעטער", צוזאַמען 6000 עקזעמפּלאַרן, עס ווערן צעשיקט דורך דער יִטאַ קאָמוניקאַטן וועגן אַלע וויכטיקע געשעענישן אין יִוואָ, עס זענען אויך געדרוקט געוואָרן אויפרופן פון ערן־פּרעזידיום פון קוראַטאָריום אָדער ווענדונגען פון איינציקע מיטגלידער, ווי א. איינשטיין, ש. דובנאָוו, ע. סאַפּיר. עס זענען אויסגענוצט געוואָרן אויך אַרטיקלען אין ניט־יידישע צייטשריפטן, ווי למשל דער אַרטיקל פון ד"ר ווייַנרייך אין דער „מינערוואַ־צייטשריפט" אאַ"וו.

אַ גרויסע ווירקונג האָט געהאַט די פּראָפּאַגאַנדע בעת די פאַרשיידענע אַקציעס. אָט זענען די גרעסערע אַקציעס, וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן זינט דער קאָנפערענץ פון 1929 אין כראָנאָלאָגישן סדר: י. טשערניכאָוו — רומעניע סוף 1929, ז. רייזען — די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע 1930, א. טשעריקאָווער — דייטשלאַנד, פראַנקרייך, בעלגיע, ענגלאַנד 1930—1931, מ. ווייַנרייך — לעטלאַנד און ליטע 1930—1931 (צוזאַמען מיט ב. קלעצקין), שווייץ 1931, ד"ר גערשוני — פּוילן 1930—1931, מ. שור — פּוילן 1931, י. טשערניכאָוו—עסטלאַנד 1931, מ. גראָס—טשעכאָסלאָוואַקיי 1931, ז. רייזען — אַרגענטינע 1932, מ. שור — ליטע 1932, פ. הײלפּערין — פּוילן 1931—32—33, 35, רומעניע 1932, מ. שור — פּוילן 1933, ה. גילישענסקי — לאָנדאָן 1933, אַרגענטינע, אורוגוויי, טשילע, בראַזיל 1934—35, מ. שור —

פאראייניקטע שטאטן, קאנאדע און קובע 1934, יודל מארק—פאר' שטאטן און קאנאדע 1935, מ. ווײַנרײַך — קאָוונע 1935, ז. רייזען — װאַרשע, לאָדזש און װלאָצלאַװעק 1935. אַט די אַקציעס האָבן געשאַפן דעם פינאַנציעלן יסוד, וואָס אויף אים האָט זיך געשטיצט די אַרבעט פון ייִוואָ אין משך פון דער גאַנצער צײַט.

ווי אַ פּראָפּאַגאַנדע־מיטל האָבן געדינט די באַזוכן אין אינסטיטוט פון יחידים און עקסקורסיעס, וואָס האָבן זיך באַקענט מיט די זאַמלונגען און מיט דער אַרבעט און האָבן אַזוי אַרום געקאָנט פאַרשפּרייטן ידיעות אין זייערע קרײַזן. פאַר ווילנע גופא און דער נאָענטער סביבה האָבן אין דעם פּרט געהאַט אַ באַזונדערע באַדײַטונג די אויסשטעלונגען פון די זאַמלונגען פון ייִוואָ, וואָס זענען אײַנגעאָרדנט געוואָרן אין פאַרשיידענע צײַטן. דעם 3—12 אָקטאָבער איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן אַ ביכער־אויסשטעלונג, דאָס איז געווען נאָך אין אַלטן געדונגענעם לאָקאַל. עס זענען אויסגעשטעלט געוואָרן איבער 5000 ביכער, דער עיקר נײַע אויסגאַבעס, אין ייִדיש און העברעיִש, אײַנגע־טיילט לויט די אָפּטיילונגען. די אויסשטעלונג האָבן באַזוכט איבער 2000 מענטשן. אַ צווייטע אויסשטעלונג איז געווען אין מערץ 1933 אין די צימערן פון נײַעם בנין אונטערן טיטל „די ייִדישע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען". עס זענען געווען אויסגעשטעלט ביכער, צײַטשריפטן, אויפרופן, האַנטשריפט־לעכע דאָקומענטן, פאָטאָגראַפיעס אאַז"וו, וואָס האָבן אילוסטרירט די געשיכטע פון דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט אין אַלע אירע ריכטונגען אין משך פון די לעצטע צענדליגער יאָרן. בעת דער אויסשטעלונג זענען געהאַלטן געוואָרן אינפאָרמירנדיקע רעפעראַטן וועגן די איינציקע ריכטונגען. די אויסשטעלונג האָט צוגעצויגן 4000 באַזוכער. אין אַפּריל 1934 איז אײַנ־געאָרדנט געוואָרן אַ שלום־עליכם־אויסשטעלונג, וואָס האָט געוויזן שלום־עליכמס ווערק אין די פאַרשיידענע אויסגאַבעס אין אָריגינאַל און איבערזע־צונגען, שלום־עליכמס כתבֿ־ידן און בריוו און אַנדערע מאַטעריאַלן פון די זאַמלונגען פון ייִוואָ, וואָס האָבן אַ שײַכות צו שלום־עליכמען און זײַן תקופֿה. די אויסשטעלונגען האָבן געפונען אַ לעבעדיקן אָפּקלאַנג אין דער פּרעסע און האָבן געהאָלפן פּאָפּולאַריזירן דעם ייִוואָ אין פאַרשיידענע קרײַזן.

בײַ דער געלעגנהייט זאָל אויך דערמאָנט ווערן די קאָנפערענץ וועגן ייִדישן אויסלייג, וואָס עס איז צונויפגערופן געוואָרן אין ווילנע 24 און 25 מאַי 1931 לויט דער איניציאַטיווע פון דער פילסעקציע, בכדי אָרומצורײדן די פראַגע ווי אַזוי צו פאַראייניקהײַטלעכן דעם ייִדישן אויסלייג. חוץ איר דירעקטן ציל, וואָס וועגן דעם וועט זײַן די רייד אין דעם באַריכט פון דער פילסעקציע, האָט די קאָנפערענץ, וואָס האָט צונויפגעקליבן אַ היפּשע צאָל דעלעגאַטן און געסט פון פוילן און אויך פון אויסלאַנד (ליטע, לעטלאַנד, אַמעריקע), געהאַט אַ באַטײַט פאַר דער פּראָפּאַגאַנדע פון ייִוואָ, ווײַל עס האָט געגעבן די געסט די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט דער אַרבעט פון דעם ייִוואָ בכלל.

פֿינאַנצן. — אין דער באַגײַסטערונג פֿון דער ערשטער קאָנפֿערענץ פֿון ייִוואָ האָט די דעמאָלטיקע פֿינאַנץ־קאָמיסיע אין באַוווסטזײַן פֿון די גרויסע אויפֿגאַבעס וואָס האָבן זיך אָנגעמערקט פֿאַרן ייִוואָ פֿאָראויסגעזען אַ יאָריקן בודזשעט פֿון 66.000 דאָלער. בעת אָבער די צענטראַלע פֿאַרוואַלטונג איז צוגעטראָטן צו רעאַליזירן דעם פֿינאַנץ־פּראָיעקט, האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז ער איז גאָר ניט אין אַן ערך איבערגעטריבן. מען האָט געמוזט זיך באַלד אַראָפּלאָזן צו אַ פֿיל־פֿיל באַשיידענער סומע (אַזוי איז שוין פֿאַר 1930/31 געווען פֿאָרויסגעזען נאָר אַ הכנסה פֿון 28.000 דאָלער) און אויך די קלענערע בודזשעטן, וואָס פֿלעגן זײַנט דעמאָלט אָנגענומען ווערן, זענען דאָס רובֿ ניט געדעקט געוואָרן אין אַ פֿולער מאָס. ווערדליג עס איז שוין אויבן אָנגעוויזן געוואָרן, האָט די אַקטיוויטעט פֿון די געזעלשאַפֿטן פֿרײַנד פֿון ייִוואָ זיך ניט אַנטוויקלט אין דעם געווונטשענעם פֿאַרנעם.

די סובסידיעס ווידער פֿון עפֿנטלעכע אַנשטאַלטן, ווי מאַגיסטראַטן און קהילות, וואָס איין צײַט האָט אויסגעוויזן, אַז זיי וועלן דעקן אַ היפּשן טייל פֿון דעם בודזשעט פֿון ייִוואָ, — עס איז געווען אַ מאָמענט, ווען עס איז קאָנסטאַטירט געוואָרן, אַז די דאָזיקע סובסידיעס בילדן 25 פּראָצענט פֿון די הכנסות פֿון אינסטיטוט און עס איז געווען אַן אויסקוק, אַז דער דאָזיקער טייל זאָל נאָך שטײַגן — האָבן בהדרגה גענומען אַלץ מער אײַנשרומפּן, אין דער מאָס ווי עס איז געוואַקסן דער אַלגעמיינער קריזיס. בײַ הײַנטיקן טאָג איז דער דאָזיקער טייל פֿון די הכנסות דערגאַנגען צום מינימום.

די גאַנצע פֿינאַנציר־אַרבעט איז בכן געלעגן אויף דער צ״פּ, גענויער אויף דעם א״ב, און דאָס א״ב איז נישט געווען בכוח צו מאָביליזירן דעם נייטיקן סכום ענערגיע אויף אויסצופֿירן זײַנע התחייבֿותן לגבי דעם בודזשעט. אין דער הכנסה פֿון ערשטן יאָר, 1930, זענען נאָך אַרײַן סומעס, וואָס זענען געזאַמלט געוואָרן אין דער אַקציע פֿון ד״ר מ. ווײַנרײַך אין די פֿאַר׳ שטאַטן אין יאָר 1929 פֿאַרן בויפֿאָנד. אויך אין די ווײַטערדיקע אַקציעס פֿאַרנעמען די סומעס פֿאַר דעם בויפֿאָנד אַ גרויסן אָרט. און עס איז נאַטירלעך, אַז דער בנין האָט געפֿאָדערט די גרעסטע פֿינאַנציעלע אָנשטרענגונג. בײַם אָנהייב פֿון בויסעזאָן 1930 האָט מען אָנגעהויבן בויען מיט די סומעס וואָס זענען שוין געווען צונויפֿגעקליבן פֿון פֿריִער און אין אויסקוק אויף נײַע הכנסות. אָבער שוין אָנהייב יולי ד״י איז געוואָרן באַשלאָסן אָפּצושטעלן דעם בוי, מחמת די געהאָפֿטע הכנסות זענען נישט אַרײַנגעקומען. אָנהייב דעם זעלביקן יאָר איז אויף אַ זיצונג פֿון א״ב פֿעסטגעשטעלט געוואָרן, „אַז דער פֿינאַנציעלער מצבֿ פֿון ייִוואָ איז אַ שווערער, אָבער נישט קיין קאַטאַסטראָפֿאַלער“, אָבער דעם 31 נאָוועמבער 1931 איז געוואָרן פֿעסטגעשטעלט אַ קאַטאַסטראָפֿאַלע לאַגע פֿון די פֿינאַנצן. עס וואָלט צו פֿיל פֿאַרנומען אָרט, ווען מען זאָל וועלן דערציילן די גאַנצע געשיכטע פֿון די מאַטערנישן וואָס דער ייִוואָ האָט דורכגעמאַכט אויפֿן פֿינאַנציעלן געביט

פֿון יעמאָלט אָן. עס איז צו פֿאַרדאַנקען דער איבערגעגעבנקייט פֿון איינציקע פֿריינד און גרופּעס און דער אָפּערוויליקייט פֿון די שטענדיקע מיטאַרבעטער, וואָס דער ייִוואָ האָט לא די וואָס אויסגעהאַלטן די גאַנצע צייט פֿון אַ כּמעט פּערמאַנענטן קריזיס, נאָר האָט זיך אויך געבויט און אַנטוויקלט. אין דער ערגסטער צייט איז אַריינגעשפּרונגען אַן אַקציע אָדער די הילף פֿון די אַמעריקאַנער פֿריינד. אין יאָר 1932 האָט אַ גרויסע דערמונטערונג אַריינגעבראַכט דער ערפֿאָלג פֿון ז. רייזענס אַקציע אין אַרגענטינע. די אַקציע איז געפֿירט געוואָרן אונטערן לאָזונג פֿון אַ „דאַך פֿאַרן בנין פֿון ייִוואָ", און עס איז טאַקע אַ דאַנק אָט דער אַקציע געראָטן צו פֿאַרענדיקן דעם בנין צו אַזאַ צושטאַנד, אַז מען האָט צום אָנהייב 1933 געקאָנט אַריבערפֿירן דעם אינסטיטוט אין זײַן אייגענעם בנין. עס איז געווען די העכסטע צייט, ווײַל עס האָט געקומט אַ גרויסע סומע דירה־געלט, און דער אינסטיטוט איז געשטאַנען פֿאַר דער סכּנה פֿון עקסמיסיע, ד"ה פֿון פֿולן חורבן.

נאָכן אַריבערגיין אין אייגענעם בנין איז אמת די עקסיסטענץ פֿון אינסטיטוט געווען מער געזיכערט, אָבער די פֿינאַנציעלע שוועריקייטן זענען נאָך ניט געווען אויסגעלעבט. עס איז געבליבן אויפֿן אינסטיטוט אַ לפּי ערך גרויסער חובֿ: עס האָט געקומט די מיטאַרבעטער שכירות פֿאַר ניין חדשים, עס זענען געווען אויסגעשטעלט וועקסלען פֿאַרן בוי און פֿאַר דרוקאַרבעט אויף אַ גרויסער סומע, מען איז געווען שולדיק גרעסערע סומעס גמילת־חסדים ווילנער פֿריינד, עס איז געשטאַנען אַ גרויסער חובֿ פֿאַר סאָצ' פֿאַרזיכערונג. נאָך דעם 1טן נאָוועמבער 1932 האָט מען רעדוצירט די שכירות פֿון פּערסאָנאַל. אין האַרבסט 1933 האָט דאָס א"ב אונטערגענומען אַן „אויסלייז־אַקציע" אויף אַראָפּצוּוואַרפֿן די גרויסע משא חובֿות, וואָס האָט געדריקט אויפֿן ייִוואָ. מען האָט זיך געווענדט צו די נאָענטע פֿריינד מיט דער בקשה צו ברענגען אַן איינמאָליקן גרעסערן מאַטעריעלן קרבן. די היגע פֿריינד, ווי ד"ר צ. שאַבאַד, ד"ר ה. קאָוואַרסקי, יר. שאַפּיראָ, ד"ר מ. ווײַנרײַך, ט. בונימאָוויטש, ב. קלעצקין, י. טשערניכאָוו האָבן מוותר געווען אויף דעם מזומנעם חובֿ אָדער האָבן זיך גענומען אויסצאָלן דעם טייל וועקסלען, וואָס זיי האָבן געהאַט זשירירט. עס זענען געקליבן געוואָרן ספּעציעלע סומעס אין די פֿאַר' שטאַטן, פּוילן, ליטע פֿאַר דעם צוועק. מען האָט אָפּגעזאָגט אַ טייל געצאָלטע מיטאַרבעטער מיטן תּנאַי זיי אויסצוצאָלן אַזוי גיך ווי מעגלעך זייער חובֿ מיט 3 חדשים קאָמפּעסאַציע, מען האָט אַ צווייט מאָל פֿאַרקירצט די שכירות בײַ די מיטאַרבעטער וואָס בלײַבן מיטן תּנאַי, אַז דאָס אויסצאָלן דעם אַלטן חובֿ ווערט אָפּגעלייגט, מען איז אויך מושווה געוואָרן מיט די אַנדערע קרעדיטאָרן. עס זענען אויך דורכגעפֿירט געוואָרן אַ ריי אַקציעס, און אַ דאַנק דעם האָט זיך איינגעגעבן צו באַפֿרײַען דעם ייִוואָ פֿון דעם גרויסן חובֿ. געבליבן איז נאָר דער אַלטער חובֿ פֿון די מיטאַרבעטער, וואָס די קומענדיקע צ"פּ וועט מוזן רעגולירן, און דער חובֿ פֿאַר דער פֿאַרזיכערונג פֿון די אָנגע־

שטעלטע, וואָס וועט אויך אַדאַנק די נײַע באַשטימונגען זיך לאָזן אויסצאָלן ביסלעכווײַז. די לעצטע זיצונג פֿון דער צ״פ האָט שוין געקאָנט קאָנסטאַטירן אַ פֿאַרגרינגערונג אין דעם פֿינאַנציעלן מצבֿ פֿון ייִוואָ. עס בלײַבט אָבער פֿאָרט באַשטיין דער פֿאַקט, אַז דער בודזשעט פֿון אינסטיטוט איז זייער באַגרענעצט: עס קלעקט נישט אויף דער פֿאַרלאַג־אַרבעט, עס איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט רעגולער אַרויסצוגעבן די „ייִוואָ־בלעטער“ און די „ידיעות“, עס ליגן יאָרן לאַנג מאַטריצן פֿון ביכער, וואָס קאָנען ניט ווערן אָפּגעדרוקט, עס ליגן פֿאַרטיקע כּתבֿ־ידן, וואָס קאָנען נישט ווערן געזעצט. דער צוזאַמענפֿאָר וועט מוזן איצט באַזײַטיקן אָט דעם צושטאַנד און שאַפֿן אַ וועג צו פֿאַרגרעסערן די הכנסות פֿון ייִוואָ, כּדי זײַן פֿאָרש־ און פֿאַרלאַג־אַרבעט זאָל קאָנען געפֿירט ווערן ווי ווײַט מעגלעך אָן אַ שטער.

פֿ אַ ר לאַ ג ־ אַ ר ב ע ט. — בײַ די גרויסע פֿינאַנציעלע שוועריקייטן מוז מען מודה זײַן, אַז די פֿאַרלאַג־אַרבעט פֿון ייִוואָ איז געווען אַ גאַנץ אָנזעעוודיקע. פֿאַר דער באַריכטצײַט זענען פֿאַרטיק געוואָרן: 1) דאָס ביבליאָגראַפֿישע יאָרבוך פֿאַר 1927, עס איז אויסגעזעצט און מאַטריצירט 40 בויגן אין משך פֿון יאָר 1930. אָפּדרוקן האָט מען שוין נישט געקאָנט. נעמענדיק דערצו אין אַכט, אַז דער ערשטער באַנד, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם פֿאַרלאַג „קולטור־ליגע“, האָט זיך שלעכט פֿאַרקויפֿט, האָט דאָס נישט געקענט צוגעבן קיין חשק אַרײַנצולייגן נײַ געלט אין אַזאַ אויסגאַבע.

עס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן דער באַריכט פֿון דער קאָנפֿערענץ פֿון ייִוואָ, 12 בויגן, די פֿאַקסימילע פֿון לעפֿינס „קהלת“, דער אַרכיוו פֿון ייִד׳ טעאַטער ב׳ 1 (40 בויגן מיט אַ ספּעציעלער אונטערשטיצונג, געשאַפֿן דורך ד״ר י. שאַצקי), דער 2טער באַנד עק׳ שריפֿטן, אַ פֿאַרקלענערטער לגבי דעם פֿאָרויסגעזעענעם, „די טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפֿערענץ“, זאַמלבוך וועגן ייִדישן אויסלייג (עס האָט זיך אָנגעהויבן זעצן אַ צווייטער זאַמלבוך, אָבער האָט נישט געקאָנט פֿאַרענדיקט ווערן), דער 1טער באַנד פּסיכאָל׳ פּעדאַג׳ שריפֿטן, ש. דובנאָווס געשיכטע פֿון חסידיזם, דער 1טער באַנד אין פֿאַרלאַג פֿון ב. קלעצקין, דער 2טער אין אונדזער אייגענעם פֿאַרלאַג (דער דריטער באַנד האָט נאָך ביז איצט ניט געקאָנט ווערן אָפּגעדרוקט), צו לעצט דאָס בוך פֿון מ. ווײַנרײַך „דער וועג צו אונדזער יוגנט“. מיט די „ייִוואָ־בלעטער“, „ידיעות“ און די בראָשורן פֿון דעם אָפּטייל „אָרגאַניזאַציע פֿון דער ייִד׳ וויסנשאַפֿט“, זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן אַרום 380 דרוקבויגן. חוץ דעם ביבליאָגר׳ יאָרבוך ליגן נאָך מאַטריצן פֿון 15 בויגן פֿאָלקלאָר־באַנד און 15 בויגן יוסף פּערלס שריפֿטן. צוגעגרייט צום דרוק ווערן איצט פֿון דער היסטאָרישער סעקציע אַ צווייטער באַנד היסטאָרישע שריפֿטן צום 75סטן געבוירנסטאָג פֿון ש. דובנאָוו (בײַ 40 בויגן) און אַ זאַמלבוך צו דער געשיכטע פֿון די התחלות פֿון דער ייִד׳ אַרבעטער־באַוועגונג (25 בויגן). דער דרוק פֿון אָט די צוויי ביכער איז כּמעט געזיכערט. ד״ר י. שאַצקי האָט צוגעגרייט אַ צווייטן באַנד

פֿון דעם אַרכיוו צו דער געשיכטע פֿון יידישן טעאַטער, וואָס זײַן אָפּדרוק שטייט אויך אויפֿן סדר-היום.

צום פּונקט פֿאַרלאַג-טעטיקייט פֿון ייִוואָ דאַרף נאָך דערמאָנט ווערן דער פֿאָנד, וואָס עס האָט בדעה צו גרינדן בײַם ייִוואָ ד"ר י. מעריסאָן מיטן ציל אַרויסצוגעבן איבערזעצונגען פֿון וויסנשאַפֿטלעכע גרונדווערק. דער פֿאָנד אויפֿן נאָמען פֿון פֿאַרשטאָרבענעם פֿרײַנד ה. מינדלין אין ניו-יאָרק, וואָס וועגן זײַן גרינדונג איז בשעתו געמאָלדן געוואָרן, איז לײדער נישט צו שטאַנד געקומען דערווײַל.

לויטן באַשלוס פֿון דער צ"פּ איז צום 70סטן געבוירנסטאָג פֿון ש. דובנאָוו געגרינדעט געוואָרן דער דובנאָוו-פֿאָנד, מיטן ציל אַרויסצוגעבן וויסנשאַפֿטלעכע ווערק. נאָך אונטערהאַנדלונגען מיט די בערלינער פֿרײַנד איז שפּעטער באַשלאָסן געוואָרן צו קאָנצענטרירן די אויפֿגאַבע פֿון דעם דובנאָוו-פֿאָנד אויף דער אַרויסגאַבע פֿון אַ יידישער ענציקלאָפּעדיע, וואָס דאָס איז אויך אָנגעמערקט געוואָרן דורך דער ערשטער קאָנפֿערענץ. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דער פּלאַן פֿון דער אויסגאַבע פֿון דער ענציקלאָפּעדיע, ווי עס איז אָנגעמערקט געוואָרן דורך דעם דובנאָוו-פֿאָנד, וואָלט פֿאַרלאַנגט אַזעלכע מיטלען, וואָס דער ייִוואָ האָט נישט געקאָנט אויסרעכענען, אַז ער וועט זיי קאָנען מיטטראָגן. דעריבער איז געבליבן בהסכם פֿון אַלע, אַז דער דובנאָוו-פֿאָנד ווערט אַן אומאָפּהענגיקע אינסטיטוציע און נעמט איבער אויף זיך די אויסגאַבע פֿון דער ענציקלאָפּעדיע. דער ייִוואָ העלפֿט מיט דער אויסגאַבע לויט מעגלעכקייט. אַזוי האָט דאָס א"ב אָפּגעלאָזט אויף אַ צײַט פֿון 8 חדשים ז. קלמנאָוויטשן, בכדי ער זאָל העלפֿן אין דער צוגרייטונג פֿון די ערשטע צוויי בענד. די טערמינאָלאָגישע קאָמיסיע האָט מיטגעהאָלפֿן און העלפֿט מיט מיט איר מאַטעריאַל אאַז"וו. דער אַמאָפּטייל האָט גענומען אויף זיך די פֿאַרשפּרייטונג פֿון דער ענציקלאָפּעדיע אין די פֿאַר' שטאַטן און קאַנאַדע.

עס איז קלאָר, אַז די פֿאַרלאַג-טעטיקייט פֿון ייִוואָ האָט לחלוטין נישט געקאָנט באַפֿרידיקן די באַדערפֿעניש פֿון אונדזערע וויסנשאַפֿטלער צו פֿאַרעפֿנטלעכן זייערע אַרבעטן, און דאָס האָט געמוזט שאַפֿן אין טייל קרײַזן אַ געוויסע אַנטטוישונג אין דעם ייִוואָ. דער צוזאַמענפֿאָר וועט דאָס געוויס נעמען אין אַכט און איינע פֿון זײַנע הויפּט-אויפֿגאַבעס וועט זײַן צו געפֿינען די וועגן און מיטלען, ווי אַזוי צו שטאַרקן די פֿאַרלאַג-טעטיקייט.

אין דעם צוזאַמענהאַנג זאָל דערמאָנט ווערן דער וויכוח, וואָס פֿירט זיך אין די קרײַזן פֿון אונדזערע נאָענטע פֿרײַנד און מיטאַרבעטער וועגן כאַראַקטער פֿון אונדזער זשורנאַל. פֿאַר טייל איז ער צו פֿיל ספּעציאַליסטיש, פֿאַר אייניקע אפֿשר צו ווייניק ספּעציאַליסטיש. אַלע אָבער זענען מסכים, אַז ער איז צו קליין אין פֿאַרנעם, ער זאָל קאָנען באַדינען אַלע אונדזערע סעקציעס. והשנית קאָן מען אים אויפֿוואַרפֿן, וואָס ער איז בעצם מער זאַמל-

בוך ווי פּעריאָדישע צײַטשריפֿט, ווײַל ער גייט נישט אַרויס רעגולער, ווײַל צום גרעסטן טייל זענען די נומערן צונויפֿגעשטעלט אַזוי, אַז עס מערקט זיך נישט געגנוג די פֿירנדיקע האַנט פֿון דער רעדאַקציע. מען וועט נישט מגזם זײַן, ווען מען וועט זאָגן, אַז די אָנגעמערקטע חסרונות זענען אַ פּועל יוצא נאָר פֿון דער מאַטעריעלער נויט. מען קאָן נישט זײַן פּינקטלעך אין אַרויס-געבן, ווען מען האָט נישט צו צאָלן דער דרוקער און פֿאַר פּאַפּיר, מען קאָן נישט אַרבעטן מיט אַ פּלאַן און באַשטעלן אַרבעטן, ווען מען קאָן נישט צאָלן אַפֿילו דעם באַשיידענעם האָנאָראַר, וואָס מען האָט זיך אָנגעמערקט. מען האָט אַ שטייגער געהאַט באַשלאָסן הײַער אַרויסצוגעבן: אַ פּרק-נומער, אַ נומער צום 100סטן געבוירנסטאָג פֿון ממו"ס, אַ נומער צום 400סטן יאָר פֿון ייִדישן בוך אין פּוילן. דערפֿון איז דערווײַל גאָרנישט געוואָרן. עס זענען פֿאַראַן אין פּאָרטפּעל פֿון דער רעדאַקציע אַרטיקלען פֿאַר אַלע די דאָזיקע נומערן, בפֿרט פֿאַרן פּרק-נומער, אַלץ ביז גאָר וויכטיקע אַרבעטן, און אָן ספֿק וואָלטן געקאָנט אַרויסקומען זייער שיינע נומערן. אָבער נישט מען האָט געקאָנט באַשטעלן אַנדערע אַרטיקלען, וואָס פֿעלן נאָך, נישט עס איז געווען אַ רעאַלער אויסקוק אָפּצודרוקן די נומערן. אין דער איצטיקער לאַגע קאָנען מיר האָבן נאָר איין טרייסט: אויב איצט, ווען מיר באַשטעלן זעלטן, ווען מיר צאָלן קיין מאָל נישט קיין האָנאָראַר, האָבן מיר דאָך אין גרעסטן טייל פֿאַלן אַרבעטן, וואָס איטלעכע פֿאַר זיך איז גוט, — איז דאָס געוויס אַ סימן, אַז מיר פֿאַרמאָגן אַ גרויסע וויסנשאַפֿטלעכע ענערגיע, אַז אַ טייל פֿון איר איז דער ייִוואָ שוין געווען בכּוח צו קאָנצענטרירן אַרום זיך. אַזוי אַז מיר קאָנען זיכער זײַן: זאָל נאָר די מאַטעריעלע לאַגע זיך אַ ביסל פֿאַרבעסערן, וועלן מיר קאָנען אַרויסלאָזן אַ זשורנאַל אָן די אויבן דערמאָנטע חסרונות. צו פֿאַרענדיקן מיט דעם איז צו באַמערקן, אַז דער זשורנאַל האָט אויך געטרײַע אַבאָנענטן, וואָס האַלטן אים פֿון דעם ערשטן נומער אָן.

די וויסנשאַפֿטלעכע צווײַגן. — באַריכטן וועגן דער אַרבעט פֿון די וויסנשאַפֿטלעכע סעקציעס וועלן אָפּגעבן די געהעריקע וויסנשאַפֿט-לעכע סעקרעטאַרן. מכּוח די צווײַגן וואָס זענען טעטיק אין דעם ייִוואָ-בנין זאָלן דאָ אָפּגעגעבן ווערן קורצע באַריכטן.

א. די ביבליאָטעק — פֿון ייִוואָ איז בהדרגה געוואַקסן. עס זענען אַרײַנגעקומען שענקונגען פֿון ביכער-זאַמלונגען און איינציקע אויסגאַבעס, עס זענען אויך צוגעקומען די נײַע ביכער, וואָס גייען דורך דורך דער ביבליאָ-גראַפֿישער צענטראַלע. דער גרעסטער טייל ביכער זענען געקומען פֿון אַמאָפּטייל. מחמת מיר זענען שטאַרק באַגרענעצט אין פּערסאָנאַל און מחמת מיר האָבן ניט געקאָנט מאַכן געגנוג פּאָליצעס, איז די קאַטאַלאָגירונג פֿון די ביכער צוגעגאַנגען אין זייער אַ לאַנגזאַמען טעמפּ. ביז איצט זענען פֿאַר-רעגיסטרירט איבער 18.000 נומערן ביכער זענען פֿאַראַן מער ווי נאָך אַ מאָל

אַזוי פֿיל. טייל זענען אויסגעשטעלט אין פּאָליצעס. טייל ליגן נאָך פֿאַרפּאַקט, ווײַל עס איז פֿאַר זיי קיין אָרט ניטאָ. מחמת דוחק אין אַרבעטער איז אויך די אײַנשאַפֿונג=אַרבעט נישט געגאַנגען אַזוי ענערגיש ווי דאָס וואָלט געקאָנט גיין. מיר ווענדן זיך אויך דאָ צו די פֿאַרזאַמעלטע צו שענקען ביכער. מיר האָפֿן, אַז איצט וועלן מיר מיט דער הילף פֿון די צוגעקומענע יונגע כּוחות פֿון די אַספּיראַנטן קאָנען גיכער דורכפֿירן די קאַטאַלאָגירונג.

ב. פּרעסע=אַרכיוו. אויך דער פּרעסע=אַרכיוו איז כּסדר געוואַקסן. חוץ די איבער 400 לויפֿיקע צײַטשריפֿטן, וואָס קומען צו יעדעס יאָר, זענען אויך אַרײַנגעקומען עלטערע אויסגאַבעס. מיר האָבן איצט אַ שטייגער אַ סך יאָרגענג „המליץ", „הצפֿירה", קאָמפּלעט דעם „הײַנט" און „מאָמענט אַז"וו. לעצטנס האָבן מיר אַרײַנגעקראָגן דורך א. טשעריקאָווערן אַ גאָר גרויסע זאַמלונג פֿון פּעריאָדישע אויסגאַבעס, אַ מתּנה פֿון דעם אַרכיוו פֿון די ייִד' דעלעגאַציעס אין פּאַריז. זאָל אויך אויף דעם אָרט געזאָגט ווערן דעם קאָמיטעט אַ ייִשר=כּוח. די גרייס פֿון דער זאַמלונג איז שוין צו זען דערפֿון, וואָס אַליין דער טראַנספּאָרט פֿון פּאַריז קיין ווילנע האָט אָפּגעקאָסט 1000 גילדן. דער רעגיסטריר=צושטאַנד פֿון דעם אַרכיוו אין לפֿי ערך אַ גוטער. ווינציקער געאָרדנט, מחמת דעם גרויסן סכום מאַטעריאַל, איז דער אָפּטייל ניטפּעריאָדישע דאָקומענטן. אָבער אויך אין דעם פּרט ווערט אָפּגעטאָן אַ גרויסע אַרבעט.

ג. אויסגעוואַקסן איז שטאַרק דער מאַנוסקריפּטן=אָפּטייל. עס זענען אַרײַן די אַרכיוון פֿון אייניקע קהילות פֿון מערבֿ=פּוילן, ש. דובנאָווס אַרכ·וו, דינעזאָנס אַרכיוו, אַ טייל פֿון די אַרכיוון פֿון ממו"ס און שלום=עליכם, מ. ספּעקטאָר, דוד פּינסקי. ב. גאָרין. אַ זאַמלונג בריוו פֿון א. מאַפּו (מיר האָבן דערלויבט ב. דינאַ בורגן צו פֿאַרעפֿנטלעכן זיי אין פֿאַרלאַג „דבֿיר" תּל=אבֿיבֿ), אַ גרויסער טייל פֿון דעם אַרכיוו פֿון גריידיצער רבין (ר' אליהו גוטמאַכער), אַן אַרכיוו צו דער געשיכטע פֿון די אָנהייבן פֿון דער אַרגענטינער קאָלאָניזאַציע, דער אַרכיוו מיט די מאַטעריאַלן וועגן די פּאָגראָמען אין אוקראַיִנע בעת דעם בירגערקריג אין רוסלאַנד. פֿאַראַן זייער פֿיל דאָקומענטן צו דער געשיכטע פֿון ייִדן אין רוסלאַנד פֿון די 80ער יאָרן און ווײַטער. לויטן ווילן פֿון פּ' נ. פּרילוצקי, וואָס שענקט אַוועק דעם ייִוואָ זײַן אַרכיוו, ווערט אַוועקגעשטעלט אַ באַזונדער אַלמער מיט דעם אַרכיוו. באַזונדער דאַרף נאָך באַצייכנט ווערן דער כּ"י פֿון ד"ר ט. הערצלס טאָגבוך 1882—87. די כּתבֿ=ידן ווערן בהדרגה אינווענטאַריזירט און געאָרדנט. אייניקע כּתבֿ=ידן (פּנקסים) זענען אויסגעליען געוואָרן דורך אוניווערסיטעט=ביבליאָטעקן (קאָלומביע=אוניוו' ניו=יאָרק, וואַרשעווער אוניווערסיטעט) צוליב שטודיר=צוועקן. די בריוו און אַ כּתבֿ=יד פֿון ח. נ. ביאַליק זענען אויסגעליען געוואָרן דורך דעם ירושלימער אוניווערסיטעט פֿאַר דער ביאַליק=אויסשטעלונג.

ד. די ביבליאָגראַפֿישע צענטראַלע האָט די גאַנצע צײַט רעגולער געאַרבעט. עס איז געזאַמלט און רעגיסטרירט געוואָרן די לויפֿיקע דרוק־פּראָדוקציע, ביכער און צײַטשריפֿטן, דערבײַ איז דער ייִדישער טייל פֿאַרטראָטן כמעט פֿול, פֿון העברעיִש אַ סך ווינציקער, ווײַל ניט געקוקט אויף די פֿיל ווענדונגען האָבן גאָר ווינציק ארץ־ישראלדיקע פֿאַרלאַגן זייערע אויסגאַבעס געשיקט. אויך די יודאַיקאַ אין אַנדערע שפּראַכן איז נישט גענוג פֿאַרטראָטן. די ביבל' צענטראַלע האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַרבעטן אין די פּסיכ' פּעד' שריפֿטן און אין די „ייִוואָ־בלעטער", צ"אַ אַ רשימה פֿון ייִדישע לערנביכער 1900—33.

ה. דער טעאַטער־מוזיי א"נ פֿון אסתר־רחל קאַמינסקי האָט צוגעקראָגן אַ סך נײַע מאַטעריאַלן, ווי דער ווינאָגראַדאָוו־אַרכיוו, ראַפּפּעל־אַרכיוו, אַרכיוו פֿון דוד הערמאַן, אַ טייל פֿון דעם אַרכיוו פֿון ווילנער טרופּע, ליפּאָווסקיס אַרכיוו, דעם אַרכיוו פֿון יעקבֿ גאָרדין. ביז פֿעברואַר דאָס יאָר זענען געווען פֿאַררעגיסטרירט 3800 נומערן. דער אויפֿבוי פֿון דעם מוזיי ווערט שטאַרק פֿאַרשוועכט דורך דער פֿינאַנציעלער ענגשאַפֿט. עס קלעקט ניט אויף צו מאַכן די נייטיקע מעבל, ווי אַלמערס, וויטרינעס ווו די עקספּאָנאַטן זאָלן זײַן גענוג געשיצט. דערווײַל ווערן די מאַטעריאַלן געהאַלטן אין טעקעס. עס זענען צונויפֿגעשטעלט געוואָרן עטלעכע קאַרטאָטעקעס וואָס העלפֿן זיך אָריענטירן אין די געזאַמלטע מאַטעריאַלן. עס זענען נאָך געבליבן אַ סך מאַטעריאַלן צום אָרדענען.

דער באַריכט פֿון דער פֿאָלקלאָר־קאָמיסיע און דער טערמינאָלאָגישער קאָמיסיע איז אַרײַנגענומען אין דעם באַריכט פֿון דער פֿילאָלאָגישער סעקציע.

פֿאַר דער באַריכטצײַט זענען צוגעקומען נײַע צווײַגן פֿון דער ייִוואָ־אַרבעט, קודם כּל דער צווײַג יוגנט־פֿאָרשונג. ער האָט נישט געקאָנט אײַנגעגלידערט ווערן אין דער פּסיכ'־פּעד' סעקציע, ווײַל די צילן, וואָס די יוגנט־פֿאָרשונג שטעלט זיך, גייען אַרויס פֿון די ראַמען פֿון דער פּסיכאָלאָגישער וויסנשאַפֿט. זי איז כּולל אויך די פּראָבלעמען פֿון סבֿיבֿה און פּערזענלעכקייט, ממילא איז זי צום טייל אויך אַ קאַפּיטל פֿון דער סאָציאָלאָגיע. די גרינדונג פֿון דעם צווײַג איז פֿאַרבונדן מיט די שטודיען פֿון ד"ר ווײַנרײַך, וואָס האָט די זאַך אָרגאַניזירט מיט דער הילף פֿון אַ סובסידיע, וואָס ער האָט אויסגעפּועלט בײַ דער ראָקפֿעלער־פֿונדאַציע. וועגן די רעזולטאַטן פֿון דער אַרבעט פֿון דער יוגפֿאָר וועט ער אַליין אָפּגעבן אַ באַריכט. דער צווײַג איז געגרינדעט געוואָרן בהסכּם פֿון די וויסנ' סעקרעטאַרן פֿון די סעקציעס לויט אַ באַשטימונג פֿון דער צ"פּ. די צ"פּ האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון פֿון גאָר דער וויכטיקייט פֿון דעם פֿאָרשצווײַג גראָד אין דעם איצטיקן מאָמענט. די יוגנט־פֿאָרשונג האָט אַרײַנגעצויגן אַ נײַעם קרײַז קאָרעספּאָנדענטן און זיי אינסטרויִרט אויך צוליב זאַמל־אַרבעט פֿאַר אַנדערע צווײַגן פֿון ייִוואָ.

דער קונסטמוזיי. — די קאָנפערענץ פון 1929 האָט אויסגעקליבן אַ קאָמיסיע, וואָס האָט באַדאַרפט צוגרייטן די גרינדונג פון אַ קונסטסעקציע בײַם ייִוואָ. די קאָמיסיע האָט צום באַדויערן קיין ממשותדיקע זאַך נישט אויפגעטאָן, אָבער דער געדאַנק וועגן אַ קונסט־סעקציע איז נישט איין מאָל ווידער אַרויפגעשווומען בײַ אונדזערע באַראַטונגען. נאָך אויף דער דריטער סעסיע פון דער צ״פ אין נאָוועמבער 1932 איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע: „אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַריבערגיין אין אייגענעם בנין באַשליסט די צ״פ צו אָרגאַניזירן די קונסטסעקציע פון ייִוואָ, וועלכע זאָל שטרעבן צו אָרגאַניזירן אַ קונסטמוזיי בײַם אינסטיטוט. צו דעם צוועק דאַרף דאָס א״ב באַנײַען די אַרבעט פון דער קאָמיסיע, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן אויף דער ערשטער קאָנפערענץ“. איבער די אויבן דערמאָנטע שווערע תּנאָים, וואָס דער ייִוואָ האָט די גאַנצע צײַט געאַרבעט בײַ זיי, האָט דער באַשלוס נישט געקענט אויסגעפירט ווערן. נאָר אָט האָט זיך געמאַכט, אַז ז. רייזען, וואָס האָט שטענדיק געהאַלטן אין זינען דעם געדאַנק פון דעם קונסטמוזיי, האָט זיך אײַנגעגעבן צו פאַראינטערעסירן מיט דעם ענין די פאַמיליע אייטינגאָן אין לאָדזש (אַדאַנק דער מיטווירקונג פון ד״ר ישראל סאָלאָוויי), וועלכע האָט מסכּים געווען צו געבן די מיטלען צוצופאַסן דעם אייבערשטן גאָרן פון אינסטיטוט־בנין פאַר אַ בילדערזאַל (צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון ריווע אייטינגאָן). די דאָזיקע אַרבעט איז אויסגעפירט געוואָרן אין קנאַפּע עטלעכע וואָכן אַדאַנק דער איבערגעגעבענער אַרבעט פון דעם מיטגליד פון בוי־קאָמיטעט יר׳ שאַפּיראָ. דערמיט איז געמאַכט אַ באַשיידענע התחלה פאַר אַ ייִדישן קונסטמוזיי. לאָמיר האָפן, אַז די ייִדישע געזעלשאַפט און די ייִדישע קינסטלער וועלן אונטערהאַלטן אונדזער איניציאַטיווע און וועלן אונדז העלפן אַנטוויקלען די דאָזיקע אינסטיטוציע צו אַזאַ מדרגה, ווי דאָס פּאַסט פאַר אַ ייִדישן נאַציאָנאַלן מוזיי.

די אַספּיראַנטור. — צולעצט וועגן דער נײַער גרינדונג פון ייִוואָ, וואָס שטייט איצט אין צענטער פון אונדזער אויפמערק. דאָס איז די אַספּיראַנטור א״נ פון צ. שאַבאַד אויסצובילדן ייִדישע געלערנטע. די אַספּיראַנטור איז געגרינדעט געוואָרן אין פעברואַר 1934 לכּבוד דעם 70סטן געבוירנס־טאָג פון ד״ר צ. שאַבאַד. אָט די נײַע גרינדונג דאַרף זיין דער אָנהייב צו פאַרווירקלעכן דעם ווונטש, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן נאָך אויף דער ערשטער קאָנפערענץ, אַז בײַם ייִוואָ דאַרף ווערן געגרינדעט אַ הויכשול, און שוין איצט, אין די באַשיידענע ראַמען פון הײַנטיקן טאָג, וועט זי בילדן אַ נײַעם עטאַפּ אין דער בויונג פון אונדזער אינסטיטוט. מיר האָבן זי פאַרבונדן מיט נאָמען פון אונדזער גרויסן פרײַנד, וואָס האָט אַזוי פיל כּוחות אַרײַנגעלייגט אין בויען דעם אינסטיטוט, אין דער האָפענונג, אַז די אַספּיראַנטור וועט דער נאָמען שאַבאַד טראָגן מיט כּבוד.

די אַספּיראַנטור וועט צוגרייטן יענע קאַדערס וויסנשאַפטלער, וואָס וועלן די אין ייִוואָ אָנגעקליבענע אוצרות פון וויסנשאַפטלעכן מאַטעריאַל באַאַרבעטן און וועלן בכלל די אַרבעט ווײַטער פירן און אַנטוויקלען. מיט דער אַספּיראַנטור ווערט אַזוי אַרום אויסגעשמידט אַ נײַער רינג פון דער ייִוואָ-טראַדיציע, וואָס דאַרף פאַרזיכערן איר קיום אויף דורות.

עס האָט בײַ אונדזערע פאַרהעלטענישן געקאָסט נישט ווייניק מי און אָנשטרענגונג אויף צו פאַרזיכערן די נאָרמאַלע פונקציאָנירונג פון דעם ערשטן יאָר אַספּיראַנטור. אַדאַנק דער מיטהילף פון די פרײַנד פון ייִוואָ אין ווילנע, קאָוונע, וואַרשע, לאָדזש, וולאָצלאַוועק, אַמעריקע א"אַ האָבן מיר דאָס אויסגעפירט. זינט דעם 1טן אויגוסט האָבן מיר שוין דאָ די אַספּיראַנטן, פאַרטיילט צווישן זיי די טעמעס און זיי האָבן שוין אָנגעהויבן אַרבעטן. אַ באַריכט מיט גענויערע פּרטים וועגן דעם פּלאַן פון דער אַספּיראַנטור וועט געגעבן ווערן באַזונדער. מיר זענען זיכער, אַז דער צוזאַמענפאַר וועט באַשטימען די מיטלען, ווי אַזוי די נײַע גרינדונג צו שטאַרקן און מאַכן זי פאַר אַ שטענדיקער אינסטיטוציע.

*

דאָס איז בקיצור דער באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון דער צ"פ פון ייִוואָ זינט דער קאָנפערענץ. מיר זענען מודה, עס איז נאָר אַ קליינע התחלה לגבי דעם, וואָס דער ייִוואָ איז באַרופן צו זײַן און וואָס עס וואַרטן פון אים זײַנע פרײַנד אויף גאָר דער וועלט. אָבער מען קאָן נישט לייקענען, אַז עס איז אַ ממשדיקער אויפטו, בפרט ווען מען נעמט אין אַכט די איצטיקע לעבנס-תנאים בכלל און פון דעם ייִוואָ בפרט. עס איז זיך שווער פאַרצושטעלן, וויפיל ענערגיע עס קומט אויס אָנצווענדן, בכדי אויפצוטאָן די קלענסטע זאַך. איטלעכע פאַרבעסערונג, למשל, אין בנין איז אַ האַרבע פּראָבלעם. מיר זענען אַרײַן אין בנין, בעת עס זענען געווען הוילע ווענט, רוי געקאַלכט, אין וועסטיביל איז קיין דיל נישט געווען, פאַר אייניקע חדרים האָט געפעלט מעבל. מען האָט אַלצדינג צו ביסלעכווײַז פאַרריכט, מען האָט אײַנגעאָרדנט אַ באַקוועמען שטודיר-צימער, מען האָט האַלב אויסגעמעבלירט דעם זאַל פאַר לעקציעס, מען האָט אויסגעבויט פאָליצעס. פאַר אַנדערע אינסטיטוציעס זענען דאָס אַלץ זאַכן, וואָס מען דאַרף וועגן דעם ניט רעדן, וואָס פאַרשטייען זיך פון זיך אַליין. פאַרן ייִוואָ אָבער זענען דאָס אַלץ געווען האַרבע שאלות. מיר דערמאָנען עס דאָ, בכדי צו ווײַזן דער וועלט אויך אָט דעם ווינקעלע פון אונדזער אַרבעט. מיר זאָגן דאָס נישט חלילה אויף צו קלאָגן זיך אויף דער שווערקייט פון דער אַרבעט און נישט אויף צו באַרימען זיך, וואָס אונדז האָט אָפּגעגליקט צו ברענגען דעם ייִוואָ צו דעם איצטיקן שטאַנד. מיר זענען אויסן נאָך אַ מאָל אונטערצושטרײַכן, אַז נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן איז דער ייִוואָ געוואַקסן, און דאָס איז אַ זיכערע ערבות דערפאַר, אַז ער

וועט אויך ווײַטער וואַקסן און סוף־כּל־סוף דערגרייכן צו דעם שטאַנד, וואָס אַלע פֿרײַנד ווינטשן אים.

י. יאַשונסקי: דער באַריכט באַשטייט אייגנטלעך פֿון צוויי טיילן. אין איין טייל זענען געווען — אויפֿן ערשטן בליק — טרוקענע ציפֿערן און פֿאַקטן, אָבער יעדערער פֿון אײַך, חבֿרים דעלעגאַטן, ווייס דאָך אויסגעצייכנט, אַז הינטער זיי שטעקט אַ גרויסע און וויכטיקע אָפּגעטונענע אַרבעט, פֿאַר וועלכער מיר אַלע דריקן אויס אָנערקענונג. דער אַנדער טייל אַנטהאַלט די אַלגעמיינע ליניעס פֿון דער ייִוואָ־אַרבעט און אַרום אים מסתּמא וועט זיך פֿירן די גאַנצע דיסקוסיע.

י. יאַשונסקי גיט איבער דעם פֿאָרזיץ נח פּרילוצקין.

נ. בוקסבוים (ייִשאָ): מײַן באַגריסונג אין נאָמען פֿון דער ייִדישער שול־אָרגאַניזאַציע איז נישט קיין סתּם פֿאַראַד־באַגריסונג. מיר האַלטן, אַז אויפֿן צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִוואָ ליגט אַ גרויסע און שווערע אחריות, נישט נאָר צוליב דעם אינטערעס פֿון די מאַסן פֿאַרן ייִוואָ, נאָר דערפֿאַר קודם־כּל, וואָס פֿאַר אַלע אַרבעטנדיקע און פּראָגרעסיווע שיכטן שטעלט זיך איצט די אויפֿגאַבע צו פֿאַרטיידיקן די קולטור קעגן פֿאַשיסטישן אויפֿמאַרש. מיר, ציִשאָ־דעלעגאַטן, זענען נישט קיין פֿאַראַד־דעלעגאַטן. איז דאָך עס געווען דער צווייטער שול־צוזאַמענפֿאָר, וואָס האָט פּראָקלאַמירט די גרינדונג פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט. ווײַל די שול־אָרגאַניזאַציע נעמט אַרום אַלע לעבעדיקע כּוחות פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכקייט און עס איז נישט קיין צופֿאַל, וואָס מען בויט די העכערע שטאָקן פֿון דעם ייִדיש־קולטור־רעלן לעבן איבער דעם בנין פֿון די ייִדיש־וועלטלעכע שולן. — פֿאַרן צוזאַמענפֿאָר שטייען גרויסע און וויכטיקע אויפֿגאַבן און אַרבעטן. מיר וועלן אויפֿריכטיק און אָפּנהאַרציק קעמפֿן אויפֿן צוזאַמענפֿאָר דערפֿאַר, אַז עס זאָל מנצח זײַן די ריכטונג, וואָס האַלט, אַז בויען ייִדישע קולטור קען מען בלויז אין פֿאַרבינדונג מיטן גערעאַנגל פֿון דער ייִדישער אַרבעטנדיקער מאַסע.

שמואל שמידט (נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פֿאַרבאַנד): פֿרײַנד פֿאָרזיצער, פֿרײַנד דעלעגאַטן! עס איז אַ כּבֿוד בײַצוזײַן דעם קאָנגרעס און אַ דערמוטיקונג פֿאַר ווײַטערדיקער קולטורעלער טעטיקייט צווישן די ייִדישע מאַסן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. איך פֿאַרטרעט די ייִדישע אַרבעטער, וואָס קוקן אויף ייִדישער קולטור אַזוי ווי דובנאָוו האָט עס פֿאָרמולירט אין זײַן עפֿענונגס־רעדע. מיר זעען אין דער ייִדישער קולטור דעם דואַליזם. קולטור שטייט העכער ווי איינצלנע גרופּעס, ווײַל זי ווערט געבויט דורך אַלע גרופּעס. גראָד מיר זענען געווען די ערשטע, וואָס האָבן געשאַפֿן אַ ייִדישן סעמינאַר אין אַמעריקע מיט מלוכה־רעכט.

איך באַגריס דעם צוזאַמענפֿאָר און ווינטש דעם ייִוואָ, ער זאָל סטימולירן יעטווידער אַרויסווײַז פֿון ייִדישער קולטור.

א. טשעריקאָווער (דובנאָוו־פאָנד): שוין פרילוצקי האָט גערעדט וועגן דער אויסטערלישער לאַגע, אין וועלכער אייניקע פון אונדז געפינען זיך, ווען זיי מוזן באַגריסן אייגנטלעך זיך אַליין. צווישן דעם ייִוואָ און דעם דובנאָוו־פאָנד עקסיסטירט אַן ענגע קרובהשאַפט, ווײַל אייגנטלעך טוען זיי ביידע די זעלבע אַרבעט. די ענציקלאָפּעדיע דאָס איז די ייִוואָ־אַרבעט לויטן אלף־בית.

מ. מזאה (ייִדישער אַרטיסטן־פאַראיין): דער ייִדישער אַרטיסט זעט אין ייִוואָ אַ בײַשפּיל פון ענערגישער אַרבעט און וואָס אַזאַ אַרבעט קען אויפטאָן. דער ייִדישער אַרטיסט איז איצט פאַראייניזאַמט, כאָטש זײַן סטיכיע און זײַן שאַפונג איז — קאָלעקטיוו. אָבער מען דאַרף נישט מיינען, אַז דאָס ייִדישע טעאַטער וועט אונטערגיין. אויף להכעיס אַלע פוילונגס־פּראָצעסן, אַסימילאַציע, נאַציזם — וועט וואַקסן אַ נײַע, פרײַע ייִדיש־וועלטלעכע קולטור און אַ טעאַטער־קונסט!

ד״ר יצחק שיפער (וואַרשע) האַלט זיין רעפעראַט אד״ט „מקורים און מעטאָדן צו שטודירן די ייִדישע אויטאָנאָמיע אין פוילן" אויסער דער ריי (דער רעפעראַט איז געוועזן פאָרויסגעזען פאַר דעם וויסנשאַפטלעכן פלענום פון צוזאַמענפאָר).

אין דער דיסקוסיע נעמט אַ וואָרט ד״ר י. שאַצקי. דער רעפערענט ענטפערט.

אַלטע סודאַרסקי אין נאָמען פון דער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט א״נ פון ש. דובנאָוו אין קאָוונע: אונדזער געזעלשאַפט האָט זיך געגרינדעט מיט 5 יאָר צוריק. אונדזער אָרגאַניזאַציע איז אַ באַשיידענע און קאָנקורירט ניט מיטן ייִוואָ. אַ סך היסטאָרישע דענקמעלער גייען בײַ אונדז אונטער מחמת די אַלגעמיינע באַדינגונגען. אונדזער געזעלשאַפט האָט זיך געשטעלט אַ ציל צו ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך. ליידער האָט די גאַנצע פאַרוואַלטונג מחמת סיבות פון אונדז אומאָפּהענגיקע נישט געקענט קומען צום צוזאַמענפאָר, אָבער איך באַגריס אין אַלעמענס נאָמען.

מ. ווײַנרײַך שטרײַכט אונטער, אַז פרוי סודאַרסקי איז איינע פון די געטרײַסטע ייִוואָ־טוערינס אין ליטע. דערנאָך האַלט ער זײַן רעפעראַט וועגן אַקטואַליזירן די וויסנשאַפטלעכע אַרבעט פון ייִוואָ:

איך וויל דאָ איבערגעבן די גרונטגעדאַנקען פון מײַן רעפעראַט וועגן אַקטואַליזירן די וויסנשאַפטלעכע אַרבעט פון ייִוואָ, וועלכן איך האָב געהאַלטן פאַר אַ יאָרן סוף זומער אויפן פלענום פון אונדזער צענטראַלער פאַרוואַלטונג. היות ס'איז יעמאָלט באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער רעפעראַט זאָל אָפּגעדרוקט ווערן אין די ייִוואָ־בלעטער ווי אַ מאַטעריאַל פאַר דיסקוסיע, קען איך זיך דאָ באַנוגענען מיט ראָשי־פּרקים; סײַ ווי סײַ גיי איך נישט פאָרלייגן, אַז מיר זאָלן תיכף מאַכן אַ ראַדיקאַלן שניט אין אונדזער ביזאיצ־

טיקער אַרבעט. אדרבא, איך האָב נאָך נעכטן אין אָוונט גערעדט וועגן דעם, אַז דער אויפֿטו פֿון אינסטיטוט איז זייער אָנזעעוודיק אויך אויפֿן פֿעלד פֿון וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט. עס איז נישט קיין גוזמא, אַז אין משך פֿון אונדזערע 10 יאָר עקסיסטענץ איז אויפֿגעטאָן געוואָרן אין ייִדישער שפּראַך-וויסנשאַפֿט און ליטעראַטור-געשיכטע מער ווי אין די פֿריִערדיקע 400 יאָר. אויפֿן געביט פֿון פֿאָלקלאָר האָבן מיר, אַדאַנק דער מאַסנדיקייט פֿון אונדזער נעץ קאָרעספּאָנדענטן, געקענט דערגרייכן מער, איידער יחידים זאַמלער פֿריִער. אויפֿן פֿעלד פֿון געשיכטע האָבן די פֿאָרשער, וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיטן ייִוואָ, אַרײַנגעבראַכט נײַע מעטאָדן און זײַנען צוגעקומען צו נײַעם שטאָף. חידושים זײַנען אויך אויפֿגעטאָן געוואָרן דורך די פֿאָרשער פֿון אונדזער עקאָנאָמישער געשיכטע און ווירקלעכקייט און (הגם, איבער ספּעציעלע טעמים, אין אַ קלענערער מאָס) בײַם פֿאָרשן פּסיכאָלאָגיע און פּעדאַגאָגיק. דעריבער וועט מיך קיינער נישט חושד זײַן, אַז איך האַלט וועלכן עס איז צווײַג פֿון אונדזער ביזאיצטיקער טעטיקייט פֿאַר איבעריק, אָדער אַז איך האָב בדעה צו פּסלען וועלכע איז אַרבעט, וואָס איז געוועזן בײַ אונדז געדרוקט אָדער איז אָנגעמערקט צום דרוקן. נאָר מיר גייט אין דעם אונטערצושטרײַכן די בײַטיקייט פֿון גיין אין אַ געוויסער ריכטונג.

דאָס וואָס עס פֿעלט מיר אין אונדזער טעטיקייט איז די געהעריקע נאָענטקייט צום לעבן. דאָס איז נישט קיין צופֿאַל — מיר זײַנען געבוירן אין אַ געוויסער ספֿערע, און מיר זײַנען באַדינגט דורך געוויסע טראַדיציעס; מיר גייען דעריבער אויף אַן אײַנגעפֿאָרענעם וועג. אין משך פֿון פֿיל הונדערטער יאָרן זײַנען ייִדן געווען אַ פֿאָלק פֿון ספֿר, און דעריבער איז ספֿר און קולטור, ספֿר-שטודיום און קולטור-אַרבעט געוואָרן היינו-הך. ווי פֿיל וואָלטן מיר זיך דאָ געקענט לערנען פֿון אַמעריקע, און ווי שלעכט איז, וואָס גראָד די פּראַקטישע לעבנס-נאָענטקייט, וואָס עס פֿעלט אונדז, באַקומען מיר נישט פֿון אונדזערע אַמעריקאַנער חבֿרים!

איך בין געווען אין דרום פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אין דעם שטאַט אַלאַבאַמאַ, אין דעם נעגערשן אינסטיטוט, וואָס געפֿינט זיך בײַם שטעטל טאַסקיגי. אָנגעהויבן האָט זיך די אינסטיטוציע ווי אַ נעגערשע פֿאָלקסשול אין אַ האַלב אײַנגעפֿאַלענער הײַזקע מיט אַ לעכערדיקן דאַך; הײַנט איז דאָס אַן אינסטיטוט, וואָס איז אַליין אַ גאַנצער ייִשובֿ, אַ פֿאָלקסשול מיט אַ מיטלשול מיט אַ קאָלעדזש, מיט טעכנישע אָפּטיילונגען, מיט אַ לערער-פּערסאָנאַל אַליין וואָס גייט אַריבער הונדערט. דער טאַסקיגי-אינסטיטוט האָט אויך אַן אויסערשוליקע אָפּטיילונג, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט אינסטרוקטאָרישער אַרבעט צווישן דער נעגערשער באַפֿעלקערונג פֿונעם גאַנצן שטאַט. איך האָב זיך זייער אינטערעסירט מיט דעם, וואָס פֿאַר אַ מין טעמעס די לעקטאָרן ריידן אַרום מיט זייערע צוהערער. לאָזט זיך אויס, אַז זיי ריידן וועגן האָדעווען היינער, וועגן אײַנאָרדענען בעסערע פּליטעס, וועגן מאַכן פֿאַרשיידנאַרטיקער די מע-

ניועז פון די מאַלצײַטן, נישט פֿאַרגרעסערנדיק די הוצאות,—און אַפֿילו, נישט אויסגערעדט זאָל עס זײַן, וועגן אײַנאָרדענען וואַסער-קלאָזעטן אין די ער־טער ווו עס איז נישטאָ קײַן קאַנאַליזאַציע. ווען איך האָב דאָס אַלץ גע־הערט, האָב איך דאָס צוגעגלײַכט צו דער קולטור-אַרבעט, וואָס ווערט גע־פֿירט בײַ אונדז אויף דער פּראָווינץ. מען קען דאָך נישט זאָגן, מיר לייגן דאָך אויך מי און הוצאות אויף צו הייבן דעם ניוואָ פֿון דער פּראָווינץ — אָבער מיט וואָס? מיט דעם, וואָס מיר לייענען פֿאַר איר לעקציעס, צי איז שלום אַש דער גרעסטער יידישער שרײַבער, אָדער וועגן אימפּרעסיאָניזם און עקספּרעסיאָניזם.

בײַ מיר איז קיין ברעקל ספק נישט, וועלכער וועג עס איז דער ריכ־טיקערער.

דאָס זעלבע איז אויפֿן פֿעלד פֿון וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט, און דאָס רופֿט זיך אָפּ אויך אויף אונדזער אינסטיטוט. ווען עס איז געקומען דער יזיוואָ, איז כאָטש ער איז געקומען אין נאָמען פֿון נײַע סאָציאַלע שיכטן און דאָס רוב מיט אַ נײַעם מעטאָדישן צוגאַנג, איז אָבער די טעמאַטיק אין אַ גרויסער מאָס געבליבן באַווירקט פֿון ספֿר. פּונקט דאָס זעלבע — און אפֿשר וואָלט מען געקענט אויפֿווײַזן, אַז נאָך אין אַ גרעסערער מאָס — איז שייך אויך צו דער יידישער וויסנשאַפֿט אין ראַטן-פֿאַרבאַנד: די צעטיילונג פֿון זייערע וויסנשאַפֿטלעכע אינסטיטוטן לויט סעקציעס איז כמעט ווי אָפּגעקאָפּירט פֿון אונדז, און ווען איר קוקט אַדורך זייערע אויסגאַבעס, וועט איר זען דעם זעלבן שוואַכן אינטערעס צו פּראָבלעמען פֿון טאָגטעגלעכקייט, די זעלביקע דיסטאַנץ צווישן וויסנשאַפֿט און לעבן, דעם זעלבן אומפֿאַרשטאַנד פֿון די וויסנשאַפֿטלער, אַז פֿאָרשן דאַרף מען נישט נאָר כדי צו פֿאַרשטיין דאָס לעבן, נאָר אויך כדי עס צו בײַטן. אַן אויסנאַם איז געווען שטיפֿס זשורנאַל „די יידישע שפּראַך", וואָס איז אפֿשר געווען אַ האַר צו דאָגמאַטיש, נאָר דערפֿאַר האָט ער געהאַט אַ געוואַלדיקע מעלה: ער האָט געוואָלט אויף אַ וויסנשאַפֿטלעכן באַזיס געבן פּראַקטיש שפּראַכוויסן. ער האָט דעריבער געהאַט אַן אוי־סערגעוויינטלעכן באַטײַט פֿאַר אויספֿורעמען אַ גוטע יידישע שרײַבשפּראַך. האָט מען אים אָבער באַלד געמאַכט פֿאַר אויס „פּראַקטיש"; די ספֿרדיקייט האָט זיך נוקם געווען. פֿון אַ „זשורנאַל פֿאַר פּראַקטיש יידיש שפּראַכוויסן" איז עס אויפֿן צווייטן יאָר געוואָרן אַ „זשורנאַל פֿאַר יידיש שפּראַכוויסן" סתּם. געמיינט האָט מען מסתּמא צו הייבן דערמיט די חשיבות פֿון דער אויסגאַבע דורך גרעסערער פּרינציפּיעלקייט; פֿאַקטיש האָט מען איר אונטערגעהאַקט די פֿליגלען.

אָבער איך ברענג די בײַשפּילן פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד נאָר אגבֿ אורחא, פֿון אילוסטראַציע וועגן, כדי צו ווײַזן, אַז עס איז נישטאָ בײַ זיי דער גרויסער עיקרדיקער אונטערשייד אין שטעלן פּראָבלעמען. ווען איר וועט אַ קוק טון אונזערע אויסגאַבעס, פֿון וועלכער סעקציע דאָס זאָל נישט זיין, איז אויך

תּמיד דאָס אייגענע: אַ געוואַלדיקע איבערוואָג פון פאַרגאַנגענהייט איבער דער היינטיקייט, פון ווייטע טעמעס איבער נאָענטע. אַזוי גייט דאָס ביי אונדז: וויסנשאַפט איז נאָר דאָס, וואָס עס איז נישט זייער נאָענט צום לעבן; אויב עס איז אַן ענין, וואָס „גייט אין לעבן", איז דאָס נישט ראוי פאַר וויסנשאַפט־לעכער באַהאַנדלונג.

איך וואָלט וועלן, אַז דער יִוואָ זאָל פאַמעלעך איינברעכן דעם דאָזיקן ווידערווילן פון דער יידישער עפנטלעכקייט צו באַטראַכטן רעאַלע לעבנס־באַ־דערפענישן פון אַ וויסנשאַפטלעכן קוקווינקל. איך וועל פרווון ברענגען אַ פּאָר ביישפּילן פון טעמעס, אָבער איך וואָלט בעטן, אַז מער ווי פאַר ביי־שפּילן זאָל מען דאָס נישט אָננעמען.

אַנטיסעמיטיזם איז דאָך געוויס אַ וויכטיקער ענין. אָבער ביי אונדז איז דאָס אַן עסק אָדער פאַר פּובליציסטיק, אָדער פאַר געשיכטע, אָדער פאַר פילאָסאָפיע. פאַר וואָס זאָל מען נישט אויספאָרשן די באַציִונגען צווישן יידן און נישט־יידן, ווי זיי קומען צום אויסדרוק אין טאָגטעגלעכן לעבן, צווישן קאָנקרעטע מענטשן, אין עטלעכע גרעסערע אָדער קלענערע שטעט? אין וואָס באַשטייען די פאַראורטיילן און די שווערקייטן? ווען זיינען די באַ־ציִונגען פיל־ווייניק נאָרמאַל, און פון וואָסערע שוועבעלעך צינדט זיך אָן אַ פייער?

אָדער: לאָמיר אויספאָרשן כאָטש אין עטלעכע פלעצער די שינויים, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין פאַרלויף פון די לעצטע פאַר צענדליג יאָר אין פּרט פון עסן און פון סאָציאַלער היגיענע.

אָדער: לאָמיר אויספאָרשן די אַנטוויקלונג פון געבורטן־קאָנטראָל ביי יידן (סטאַטיסטיק, רעליגיע און געבורטן־קאָנטראָל, פאַקטן וועגן דעם פאַר־קויף פון קאָנטראַצעפּטיווע מיטלען, באַריכטן פון גינעקאָלאָגן).

אָדער: לאָמיר אויספאָרשן די נעמען, וואָס מען גיט נייַ געבאָרע־נע קינדער אין פאַרלויף פון אַ וואָסערע 50 יאָר אין אַ געוויסער שטאָט, כדי דורך דעם אינדעקס צו דערקענען קולטור־אַנטוויקלונגען.

און ווייטער: פאַר וואָס זאָלן מיר נישט אויספאָרשן סיסטעמאַטיש דורך אַ לענגערער צייט אַ געוויסע צאָל היימבודזשעטן אין שטאָט און אין שטעטל? פאַר וואָס ווייסן מיר גאָרנישט וועגן דעם בייט אין דער שטאָף־פאַרטיילונג און אינעם גאַנצן כאַראַקטער פון אונדזערע צייטונגען? פאַר וואָס האָט נאָך קיינער נישט אויסגעפאָרשט דעם אויפשטייג פון ספאָרט און גימ־נאַסטיק ביי יידן? פאַר וואָס האָט זיך קיינער נישט אינטערעסירט מיט אויס־פאָרשן אין איין באַשטימטער סביבה, צי די פרומקייט וואַקסט אָדער פאַלט? ווו זיינען די פּרטימדיקע סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע אויספאָרשונגען פון אַ יידישן דאָרף, פון אַ פראָפעסיאָנעלן פאַראיין, פון אַ סקויטישער אָרגאַניזאַציע, פון אַ הכשרה־פּונקט?

איך מיין, אַז לדוגמא וועט דאָס קלעקן.

איך האָף, מען וועט מיך נישט פֿאַרשטיין אַזוי, אַז דאָס קום איך מיט טענות צו די מיטאַרבעטער פֿון ייִוואָ=אויסגאַבעס, הלמאי האָט פּרילוצקי געשריבן וועגן בבֿא=בוך, אָדער ווײַנרײַך וועגן אַחשוורוש=שפּיל. פֿון אָנבינדן טעמעס האַלט איך נישט. דורך מלוכישן צוואַנג קען מען ברענגען געוויסע פֿאָרשער צום שווײַגן. אויב דער דרוק איז נאָך שטאַרקער, קען מען מסתּמא אויך ברענגען דערצו, אַז וויסנשאַפֿטלער זאָלן אַרבעטן איבער טעמעס, וואָס אינטערעסירן זיי נישט. אָבער קיין גרויסן טעם וועט דאָס נישט האָבן, די אַרבעט וועט זײַן אָן ערפֿאָלג, ווײַל וויסנשאַפֿטלעכע שאַפֿונג פֿאָדערט אינספּיראַציע נישט ווינציקער ווי קינסטלערישע. אָבער איך גלייב יאָ אין דעם, אַז מען קען וועקן דעם אינטערעס און דעם פֿאַרשטאַנד פֿאַר לעבנס=נאָענטקייט, און דאָס בין איך אויסן מיט מײַנע רייד.

אַ צווייטער פּונקט, ווו אונדזער אַרבעט פֿאָדערט, לפֿי דעתּי, אַן אויסברייטערונג, איז דער ענין אַלגעמיינער אָדער ייִדישער מאַטעריאַל. איך דערמאָן זיך אַ שמועס, וואָס מיר האָבן געהאַט מיט פּ׳ פּרילוצקי נאָך אין די צײַטן פֿון דער „ייִדישער פֿילאָלאָגיע“. ער האָט מיר דערציילט, אַז אַן אַבסאָלווענט פֿון וואַרשעווער אוניווערסיטעט האָט פֿאַרטיק עפּעס אַן אַרבעט וואָס ער וואָלט אונדז געקענט געבן פֿאַרן זשורנאַל. אָבער זי באַהאַנדלט אַן אַלגעמיין פֿילאָלאָגישע טעמע, נישט קיין ייִדישע. האָבן מיר באַלד געפּסקנט, אַז דאָס טויג נישט, — אַז פֿונם גדר ייִדישע טעמעס דאַרפֿן מיר נישט אַרויסגיין. ערשט מיט יאָרן שפּעטער האָב איך גענומען טראַכטן: פֿאַר וואָס עפּעס? ריכטיק, מיר קענען נישט פֿאַרוואַנדלען אונדזערע אויסגאַבעס אין אַ מין אַמאָליקן „וויעסטניק זנאַניאַ“, ווו מענטשן פֿלעגן איבערדערציילן, געגנוג אָפֿט נישט געראָטן אויך, דעם אינהאַלט פֿון אַ וויסנשאַפֿטלעכן ביכל, וואָס זיי האָבן איבערגעלייענט. מיר גיבן נאָר זעלבשטענדיקע פֿאָרשונגען. אָבער צווישן אונדז זײַנען דאָך פֿאַראַן מענטשן, וואָס אַרבעטן איבער אַלגעמיינע פּראָבלעמען. אָט האָבן מיר געהאַט אַמאָל אַ בולטן פֿאַל מיט פּראָפֿ׳ ל. הערשן פֿון זשענעווע, מיטגליד פֿון אונדזער עקאָנאָמיש=סטאַטיסטישער סעקציע. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט אונדז ל. הערש צוגעשיקט אַ נאָטיץ וועגן ייִדן אין אַלזשיר, טוניס און מאַראָקאָ אויפֿן סמך פֿון די לעצטע ציילונגען. אָבער אין דער זעלבער צײַט, ווען יענע נאָטיץ איז אָנגעקומען, האָב איך געזען אין אַ פֿראַנצויזישן וויסנשאַפֿטלעכן זשורנאַל אַ גרויסע אַרבעט פֿון פּראָפֿ׳ הערשן וועגן אַלגעמיינע פּראָבלעמען פֿון געבורטיקייט און שטאַרביקייט. האָב איך אַוועקגעשריבן צו פּראָפֿ׳ הערשן אַ בריוו בערך פֿון אַזאַ אינהאַלט: וויסן די צאָל ייִדן אין דער פֿראַנצויזישער צפֿון=אַפֿריקע איז געוויס נייטיק; פֿאַר צושיקן דעם דאָזיקן אַרטיקל קומט אײַך אַ דאַנק. אָבער מיר זײַנען דאָך פֿאַרבונדן מיט אַ באַשטימטער לייענער=סבֿיבֿה, מיר האָבן פֿאַר איר פֿאַרפֿליכטונגען. מיר וועלן זיך נישט טועה זײַן, אויב מיר וועלן זאָגן, אַז נאָר אַ גאַנץ קליינער טייל לייענער פֿון די ייִוואָ=בלעטער האָט

אַ צוטריט צו פֿרעמדשפּראַכיקע וויסנשאַפֿטלעכע זשורנאַלן. טאָ אויף וועמען וועלן מיר זיי איבערלאָזן אין פּרט פֿון וויסנשאַפֿטלעכער אויסבילדונג, אויב מיר וועלן זיי געבן נאָר יידישן מאַטעריאַל און יידישע טעמעס און נישט שטעלן פֿאַר זיי קיין אַלגעמיינע און מעטאָדישע פּראָבלעמען? פּראָפֿ' הערש האָט יעמאָלט נישט איינגעשטימט מיט מיר; אַ גרויסער שאָד, וואָס ער האָט נישט געקענט קומען צו אונדזער צוזאַמענפֿאָר און האָט זיך געמוזט באַנוגענען מיט צושיקן אַ רעפֿעראַט. וואָלט ער געווען דאָ, וואָלטן מיר געהערט זיינע מאָ=טיוון. איצטער טראָג איך אייך אונטער מיינע מאָטיוון, און איך בעט זיך אַרויסזאָגן וועגן דעם. וואָס שייך צום מאַטעריאַל פֿון דער פֿילאָלאָגישער סעקציע, צו וועלכן איך האָב אַ נעענטערע שייכות, וועט איר באַמערקן ביים דורכקוקן די ייִוואָ=בלעטער, אַז דאָ האָבן מיר שוין דורכגעשמועסט פֿון צייט צו צייט אַלגעמיינע טעמעס, נישט וואַרטנדיק אויף קיין פֿאָרמעלן באַשלוס וועגן דעם.

דעם באַריכט פֿון דער פֿילאָלאָגישער סעקציע וועט באַלד אָפּגעבן פֿריינד זלמן רייזען. איך וועל פֿאַרענדיקן מיינע איצטיקע רייד מיט אַ קורצן דין=וחשבון פֿון אָפּצווייַג יוגנט=פֿאָרשונג און נאָך אַ קירצערן פֿון דער פּסיכאָ=לאָגיש=פּעדאַגאָגישער סעקציע.

וועגן דער פּסיכאָלאָגיש=פּעדאַגאָגישער סעקציע רייד איך נאָר דערפֿאַר, ווייל עס איז דאָ נישטאָ קיין אַנדערער, וואָס זאָל ריידן אין איר נאָמען.

די פּעדאַגאָגישע סעקציע (שפּעטער איז איר נאָמען געביטן געוואָרן אויף: פּסיכאָלאָגיש=פּעדאַגאָגישע) איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אויף דער פֿאָר=באַראַטונג פֿון 1925, צוגלייך מיט די איבעריקע סעקציעס. אָבער אָרגאַני=זירט האָט זי זיך צום שפּעטסטן און אויפֿגעטאָן האָט זי צום ווינציקסטן. דער וויסנשאַפֿטלעכער סעקרעטאַר פֿון דער סעקציע, ח' לייבוש לעהרער, איז אין ניו=יאָרק, און זיין אַרבעט באַגרענעצט זיך כמעט אויסשליסלעך מיט רעדאַק=ציאָנעלע פֿונקציעס פֿאַר די שריפֿטן פֿון דער סעקציע; איבעריקנס, ווער עס אָריענטירט זיך אין דער ספּעציפֿישער סיטואַציע, וועט פֿאַרשטיין, אַז דאָס איז גאָרנישט אַזאַ פּשוטע פֿונקציע. כּל=זמן ח' אַ. גאָלאָמב איז געווען אין ווילנע, האָט דאָ געאַרבעט אַ קאָמיסיע אין באַשטאַנד פֿון די צוויי מיטגלי=דער פֿון דער סעקציע גאָלאָמב, ד"ר ה. קאָוואַרסקי און דעם סעקרעטאַר מ. יאָפֿע; און די קאָמיסיע האָט אויפֿגעקליבן אַ היפּשן מאַטעריאַל פֿאַר אַ פּעדאַגאָגישן מוזיי און געטאָן פֿאַרשיידענע רעגיסטריר=אַרבעט. לדוגמא וועל איך ברענגען די וויכטיקע רשימה ייִדישע לערנביכער, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין דעם ערשטן באַנד פֿון אונדזערע פּסיכאָלאָגיש=פּעדאַגאָגישע שריפֿטן און אין די ייִוואָ=בלעטער. אָבער נאָך אַ. גאָלאָמבס אָפּפֿאָר איז נישט געראָטן אויפֿצוהאַלטן די דאָזיקע קאָמיסיע אויך.

יעדער איינער פֿאַרשטייט, אַז די ייִדישע שול מוז האָבן אַ וויסנשאַפֿט=לעכן אונטערבוי, אַז אירע פּראָבלעמען מוזן טעאָרעטיש באַאַרבעט ווערן.

אָבער די אַרבעט איז נישט געגאַנגען פֿון אָרט. ווו שטעקט די סיבה? דאָס גופֿא איז אַ טעמע פֿאַר אַ וויסנשאַפֿטלעכער אויספֿאָרשונג. יעדנפֿאַלס איז קלאָר ווי טאָג, אַז עס וואָלט געווען שווין צו פֿיל פּשטותדיק צו דערקלערן די זאַך מיט דער אומטעטיקייט אָדער מיט דער אומאינטערעסירקייט פֿון ייִוואָ, די מיטגלידער פֿון אונדזער פּסיכפּעדסעקציע האָבן געאַרבעט נאָך ווינציקער, איידער די מיטגלידער פֿון די אַנדערע סעקציעס, זיי האָבן נישט אויסגעניצט אַפֿילו די באַשיידענע מעגלעכקייטן, וואָס דער ייִוואָ וואָלט זיי געקענט געבן; דאָס איז ריכטיק. טאָ אפֿשר זײַנען מיר שולדיק דערמיט, וואָס מיר האָבן נישט צוגעצויגן אַנדערע וויסנשאַפֿטלעכע כּוחות, מער צוגעפּאַסטע? אָבער מיר זעען נישט אַזעלכע כּוחות, ביז איצטער האָבן זיי זיך נישט אַרויסגעוויזן. הייסט עס, די סיבה שטעקט נישט אין ייִוואָ, נאָר ערגעץ טיפֿער — אין אונדזער ייִדישן שולוועזן גופֿא.

דער אָפּצווײַג יוגנט־פֿאָרשונג איז אויסגעוואַקסן פֿון מײַנע איי־גענע סאָציאָלאָגישע פֿאַראינטערעסירונגען, די״ה אומאָפּהענגיק פֿון דער פּסיכ־פּעדסעקציע; אָבער אַזוי ווי ביידע מינים אַרבעטן ליגן אויף איין שטח, קען מען זיי דערמאָנען און סומירן אין איינעם.

דער אָפּצווײַג האָט אָנגעהויבן אַרבעטן ערשט מיט אַ קנאַפּן יאָר צו־ריק. ער האָט דורכגעפֿירט דעם קאָנקורס אויף דער בעסטער אויטאָביאָ־גראַפֿיע פֿון אַ ייִדישן יוגנטלעכן און אויך איבערגענומען יענע עטלעכע צענדליגע פּערזענלעכע דאָקומענטן, וואָס זײַנען אַרײַנגעקומען בעת אַ קאָנ־קורס פֿון דער ווילנער גרופּע־שאַפּט „פֿרײַנד פֿון ייִוואָ" זומער 1932. בײַ הײַנטיקן טאָג פֿאַרמאָגט דער אָפּצווײַג 328 פּערזענלעכע דאָקומענטן פֿון 163 פּונקטן אין 12 לענדער. צוזאַמען האַלט דער מאַטעריאַל איבער 20 טויזנט זײַטן העפֿט. אַ געוויסער באַריכט פֿונעם מאַטעריאַל איז געגעבן אין אונדזערע „ידיעות" נ' 50 און אין מײַן בוך „דער וועג צו אונדזער יוגנט" אויף ז' 65—66, 132 און נאָך אין עטלעכע ערטער.

דער אָפּצווײַג האָט אַרויסגעגעבן דאָס דאָזיקע בוך, וואָס איז אָקאָרשט פֿאַרטיק געוואָרן. עטלעכע אַרבעטן, וואָס זײַנען נאָך נישט פּובליקירט, זײַ־נען שוין פֿאַרענדיקט, אָדער כּמעט ווי פֿאַרענדיקט. איך דערמאָן דרײַ באַ־שרײַבונגען פֿון ייִדישע שטעטלעך, מיט דער יוגנט אין צענטער, דערפֿון איינס אין די צפֿון־מזרחדיקע און צוויי אין די דרום־מזרחדיקע וואָיעוואָדשאַפֿטן פֿון פּוילן; עטלעכע אַנדערע באַשרײַבונגען פֿון שטעטלעך זײַנען אָנגעהויבן געוואָרן לויט דער אינסטרוקציע „וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט אויף די ערטער", וואָס מיר האָבן אויסגעאַרבעט. פֿאַרטיק איז באַשרײַבונג פֿון אַ „פּאָוושעכנער" שול פֿאַר ייִדישע קינדער („שאַבאַסוווקע"). איין אַרבעט, וועגן קינדערשן לייע־נען, איז געמאַכט געוואָרן אויפֿן סמך פֿון צוויי אויספֿאָרשונגען אין ווילנער ייִדישע פֿאָלקסשולן.

פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ איז נאָר אַן אָנהייב, אָבער דער ציל איז קלאָר: דערקענען די סיטואַציע און די פּראָבלעמען פֿון אונדזער ייִדישער יוגנט.

נח פּריל וצקי: דער רעפֿעראַט פֿון מ. ווײַנרײַך איז זייער אינטע־רעסאַנט. עס וואָלט פֿאַר אים נישט געווען שווער אָנצושרײַבן אַ בוך וועגן אונדזער שוואַכקייט צו דער בוכקולטור און מיר וואָלטן רײַכער געוואָרן מיט נאָך אַ בוך. מיר מוזן זיך אָבער אָפּגעבן אַ דין־וחשבון וועגן דער פּראָב־לעם פֿון דער ריינער וויסנשאַפֿט און פֿון דער רעאַלער וויסנשאַפֿט. עס איז אייגנטלעך אַ קינסטלעכע פּראָבלעם. די רעאַלע וויסנשאַפֿט איז אַ קינד פֿון דער ריינער וויסנשאַפֿט. פֿריִער קומט די ריינע וויסנשאַפֿט, די טעאָרעטישע פֿאָרשונג, די וויסנשאַפֿטלעכע אַנטדעקונגען, דערנאָך די פֿאַרווענדערס און פּאָ־פּולאַריזאַטאָרן. כ'וואָלט געקענט ברענגען גענוג בײַשפּילן. נישטאָ קיין סתירה צווישן ריינער און פּראַקטישער וויסנשאַפֿט,ביידע פֿליסן זיי פֿון איין קוואַל. מען זאָל נישט פֿאָרשן די אַלטע ליטעראַטור, ווען מען נישט קענען פֿאַר־שטיין די נײַע. ווען מיר וואָלטן געלעבט אין נאָרמאַלע פֿאַרהעלטענישן, וואָלט די מלוכה אונדז געהאָלפֿן רעגולירן די קעגנזײַטיקע באַציִונגען צווישן זיי. מיר זענען אָבער אָן הילף, זענען מיר אַן אַנאַרכישע אַקאַדעמיע, וואָס מיר האָבן אַליין געשאַפֿן, און מיר שטעלן די פּראָבלעם, ווײַל מען אַטאַקירט אונדז, מען האָט צו אונדז טענות, וועלכע מען שטעלט אַרויס ווי פּרינציפּיעלע פֿאָרוואורפֿן. דער אמת איז אָבער, אַז מיר ווייסן וואָס צו טאָן, נאָר מיר קע־נען עס נישט טאָן, ווײַל מיר האָבן נישט קיין מיטלען. מיר קענען האָבן הונדערטער בויגן פֿון טעאָרעטישער און פּראַקטישער וויסנשאַפֿטלעכער אַר־בעט, אָבער מיר האָבן נישט קיין מעגלעכקייט זיי אָפּצודרוקן. (איין בײַשפּיל: אָט ליגט פֿאַרטיק אַ פּאָפּולערע פֿאָנעטיק — פֿון פּראַקטישן נוצן פֿאַר לע־רער). ס'איז אַ פֿראַגע פֿון געלט. וועט געראָטן צו אָרגאַניזירן די ייִדישע געזעלשאַפֿט, זי זאָל אונטערשטיצן אונדזער אַרבעט אויף אַ קאָנסטרוקטיוון אופֿן, נישט נאָר מיט פֿילאַנטראָפּישער סימפּאַטיע, וועט די פּראַגע זײַן פֿאַרענטפֿערט. די פֿראַגע פֿון פּראַקטיש זיך דערנעענטערן צו דעם מאַסן־לעבן איז אויך נישט אַזאַ פּשוטע. מיר זענען אַ צענטראַלע פֿון עטלעכע צענדליגע לענדער; דאָס וואָס עס האָט אַ פּראַקטישן ברענעדיקן ווערט דאָ, האָט עס נישט, למשל, אין אַמעריקע. די וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט פֿון ייִוואָ קען זיך נישט קאָנצענ־טרירן נאָר אין ווילנע. מיר מוזן שאַפֿן אַרבעט אין די אַלע לענדער, וואָס זענען פֿאַרבונדן מיטן ווילנער צענטער און אָנערקענען זײַן העגעמאָניע. אָט האָט די „געזעלשאַפֿט פֿרײַנד פֿון ייִוואָ" אין וואַרשע זיך געשטעלט אַן אויפֿ־גאַבע צו טאָן לאָקאַלע אַרבעט, נישט נאָר פּראַקטישע, נאָר אויך ריין וויסנ־שאַפֿטלעכע. דער צענטער אין ווילנע דאַרף נאָר קאָנטראָלירן די לאָקאַלע אַרבעט. דאָס וועט צושמידן צום אינסטיטוט די אָפּטיילונגען אין די אַנדערע לענדער.

איין פּונקט אָבער איז אין פּ' ווײַנרײַכס רעפֿעראַט נישט באַריִרט געוואָרן— די פֿראַגע פֿון דער באַזע. מען דאַרף די פּערזענלעכע מיינונגען פֿון דעם יחיד, מעג ער זײַן ווי פֿאַרדינסטפֿול, אָפּטיילן פֿון דער אידעאָלאָגישער שטע־

לונג פֿון ייִוואָ אַלס גאַנצן. איך האָב זיך געפֿילט געטראָפֿן פֿון פּ' דובנאָווס גלײַכשטעלן אונדזער אַרבעט מיט דער העברעיִסטישער. מיר זענען אַנדערש. איך מאַך נישט קיין פֿאָרווורפֿן, איך וויל נאָר, אַז מען זאָל נישט פֿאַרגעסן אין אידעאָלאָגישן באַזיס: ייִדישע וועלטלעכע קולטור און קאָנטאַקט מיט די מאַסן.

יעקב לעשטשינסקי: דאָס וואָס מען האָט באַשטימט צוויי קאָרעפֿערענטן צו מ. ווײַנרײַכס רעפֿעראַט איז אַ באַווײַז, ווי ערנצט דער ענין שטייט. מיר זענען צוגעקומען צו אַ סטאַדיע, ווען מען קען זיך שוין נישט באַנוגענען מיט פֿירן ווײַטער די אַרבעט אין דער זעלביקער ריכטונג און מאָסשטאַב. איך בין נישט מסכּים נישט מיט ווײַנרײַכן און נישט מיט פּרילוצקין. די באַגײַסטערונג פֿאַר זאַמלען איז געווען שעפֿעריש, דער אינסטיטוט האָט אָפּגעטאָן אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט און מען דאַרף זי אויך ווײַטער פֿירן, אָבער דער ייִוואָ קען זיך שוין ווײַטער נישט באַפֿרידיקן מיטן זאַמלען. דער אינסטיטוט קען נישט זײַן אַ הימלישע אַקאַדעמיע מיט קאַלטע מלאכים. מען דאַרף האָבן דעם מוט צוצוגיין נעענטער צו פּראָבלעמען, פּרוּוון באַאַרבעטן וויסנשאַפֿטלעך די אַקטועלע פֿראַגן, און די פּאַרטייען זאָלן דערנאָך מאַכן זייערע אויספֿירן. דעמאָלט וועט דער ייִוואָ ווערן די אמתע צענטראַלע אינסטיטוציע, וואָס פּאָרשט אָביעקטיוו אַלע ברענעדיקסטע פּראָבלעמען. אין דער גאַנצער וועלט איז די ברענעדיקסטע פּראָבלעם די נאַציאָנאַלע. ס'איז דער באַנאַלער נוסח, ווי מען שרײַבט בײַ אונדז וועגן נאַציאָנאַליזם: „די בורזשואַזיע וואַרפֿט אָן אירע שאָוויניסטישע אידעען די מאַסן". ס'זענען דאָ 14—15 פּראָצ' באַזיצנדיקע, ווי אַזוי גיט זיך זיי איין צו פֿאַרדרייען די קעפּ די גרויסע מאַסן? ניין, מיר מוזן טיפֿער פֿאָרשן די נאַציאָנאַלע פֿראַגע. ס'איז פֿאַר אונדז פּשוט אַ פֿראַגע פֿון קיום. איך וואָלט פּראַקטיש פֿאָרגעלייגט צו גרינדן אַ ספּעציעלע סעקציע דערפֿאַר. מיר זענען דאָך לעכערלעך, אויב מיר זאָגן הײַנט אין יאָר 1935 דאָס וואָס אין 1905. עס קומען פֿאָר גרויסע איבערקערענישן. נעמט די פֿאַרהעלטענישן אין אַ יוגאָסלאַוויע, אַ טערקײַ אאַז"וו. עס זענען אויפֿגעקומען נײַע יונגע מלוכות: ליטע, לעטלאַנד אאַז"וו. ווי אַזוי האַלטן זיי זיך? צי שטודירן מיר דאָס? צי ווייסן מיר עפּעס? אין פּסס"ר קומען פֿאָר אויסערגעוויינטלעכע פּראָצעסן, דאַרפֿן מיר זיי שטודירן, כאָטש זאַמלען מאַטעריאַל. מען האָט דאָרט געשאַפֿן גלענצנדיקע באַדינגונגען פֿאַר דער ייִדישער קולטור, ווי אַזוי אַנטוויקלט זי זיך? פּאַלעסטינע איז אויך אַן אינטערעסאַנטער שטודיר-מאַטעריאַל. מען מעג זײַן אַ געגנער, אָבער וויסן דאַרף מען עס. אין ראַטן-פֿאַרבאַנד איז פֿאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע אין דער שפּראַך. האָט מען זיך דערמיט פֿאַראינטערעסירט?

חברים און פֿרײַנד! איך קען נישט פֿאַרענטפֿערן די פּראָבלעמען, אָבער אויב דער אינסטיטוט וויל זײַן אַ וויסנשאַפֿטלעכע צענטראַלע, מוז ער האָבן דעם מוט צוצוגיין צו די לעבעדיקסטע פּראָבלעמען, באַאַרבעטן זיי אָביעק-

טיוו, בכל אופן זאַמלען דעם מאַטעריאַל וועגן אַלע דערשיינונגען פון יידישן לעבן אין דער גאָרער וועלט.

ד״ר יעקב שאַצקי: ביי אונדז אין אַמעריקע ווערט די זעלבע טעמע דיסקוטירט צוויי מאָל אַ חודש אויף אַלע זיצונגען. טייל זאָגן, אַז דער הויפּטראָפּ דאַרף געלייגט ווערן אויף יידישיסטיק: יידישע שפּראַך, ליטעראַטור, טעאַטער, געשיכטע זענען אונדזער געביט. דאָ קען מען זיך נישט פאַרלאָזן אויף אַנדערע פאָרשער. מיר איז אויסגעקומען אין די פריערדיקע יאָרן זיך צו פאַרנעמען מיט אוקראַיִניקאַ. צוריק מיט אַ 30 יאָר האָבן די אוקראַיִנער בלויז איבערגעזעצט. דערנאָך איז געקומען די „פּראָשוויטאַ״ און געשאַפן אַ גרופּע געשולטע פּאָפּולאַריזאַטאָרס. איך וויל, מיר זאָלן זיין אַן אַקאַדעמיע. דערנאָך וועט קומען די פּאָפּולאַריזאַציע־אַרבעט און עס וועט געשאַפן ווערן די בריק צווישן אינסטיטוט און די פאָלקסמאַסן. איך וויל, מיר זאָלן זיין אַ יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט. דאָס איז די מיינונג פון דעם רוב אַמעריקאַנער חברים.

מ. ווײַנרײַך לייענט פאָר אַ רשימה קאַנדידאַטן אין די קאָמיסיעס פאַרן בודזשעט און פאַר רעזאָלוציעס און נאָמינאַציעס.

אין דער קאָמיסיע פאַרן בודזשעט גייען אַריין: ג. אײַזנער, ה. גיליִשענסקי, י. גיטערמאַן, רודאָלף גלאַנץ, יוליוס געגש, י. האַלבריַך, מ. ווײַנרײַך, ש. ווינטער, אַ. זײַנפעלד, א. טשעריקאָווער, יוסף יאַשונסקי, ב. כהן־ווירגילי, בענעדיקט ליבערמאַן, יעקב לעשטשינסקי, יודל מאַרק, נחמן מײַזיל, ישראל סאָלאָווײ, מ. סודאַרסקי, נח פּרילוצקי, נ. פײַנערמאַן, ב. קלעצקין, יר. שאַפּיראָ, מיכאל שול.

אין דער קאָמיסיע פאַר רעזאָלוציעס און נאָמינאַציעס גייען אַריין: י. באָטאָשאַנסקי, דוד בערעזער, י. גיטערמאַן, ה. גילישינסקי, רודאָלף גלאַנץ, ל. וואָלמאַן, מ. ווײַנרײַך, יוסף זעלקאָוויטש, ב. כהן־ווירגילי, א. טשעריקאָווער, יוסף יאַשונסקי, יעקב לעשטשינסקי, ר. מאַהלער, יודל מאַרק, נחמן מײַזיל, ש. מענדלסאָן, מ. סודאַרסקי, נח פּרילוצקי, נ. פײַנערמאַן, ראָזע סימכאָוויטש, ז. קלמנאָוויטש, ז. רייזען, ירמיה שאַפּיראָ, י. שאַצקי.

יעקב פּאַט לייגט פאָר, אַז מען זאָל פאַרלענגערן די צייט פאַר דער דיסקוסיע און איבעררוקן אַ ביסל די אונטערנעמונגען, כדי מען זאָל קענען ברייטער אַרומריידן די זייער וויכטיקע פּראָבלעמען.

מ. ווײַנרײַך אינפאָרמירט, אַז פאַר דער דיסקוסיע איז נאָך רעזערווירט צייט בעת די איבעריקע טעג.

דריטע זיצונג

פֿלענום פֿון צוזאַמענפֿאָר

(דאָנערשטאָג דעם 15טן אויגוסט 16 אַ זייגער)

ש. מענדעלסאָן (וואַרשע) באַגריסט אין נאָמען פֿון דער צענטראַלער יידישער שול-אָרגאַניזאַציע:

אין דער איצטיקער יום-טובֿדיקער אַטמאָספֿערע וועל איך אַרײַנפֿירן אַ וואָכעדיקע שטימונג. איך וועל ריידן אין נאָמען פֿון דער יידיש-וועלטלעכער שול. איך וועל דעריבער ברענגען גרוסן פֿון זאַכן שוין גאָר ניט קיין יום-טובֿדיקע, פֿון אונדזער טאָגטעגלעכן קאַמף אויף אויסצוהאַלטן די שול. אונדזער שול לעבט שוין 20 יאָר. עס האָבן קעגן איר געשטורעמט שונאים פֿון אויסן און אינעווייניק און דאָך האָט די שול אויסגעהאַלטן. די שול אַלס פּרינציפּ האָבן אויסגעקעמפּט די יידישע אַרבעטער, די סאָציאַליסטישע לערערשאַפֿט. די יאָרן 1914—15—דאָס איז דער מאָמענט, ווען זי ווערט ווירקלעכקייט. זי ווערט אויסגעבויט ווי אַ נאַטירלעכע נויטווענדיקייט דורך האָרעפּאַשנע הענט דאָ און דאָרט, אין גאַנץ פּוילן. ערשט שפּעטער קומט דער פּראָצעס פֿון צענטראַליזירונג. איצט זײַנען שוין פֿאַרבײַ 20 יאָר, פֿאַרבײַ איז די ראָמאַנטישע עפּאָכע, אונדזער שול־לעבן סטאַביליזירט זיך, געשמידט און געקאָוועט דורך אַ באַשטימטן גלויבן, דורך אַ באַשטימטן אידעאַל. וואָלט אונדזער שול קיין אידעאַל נישט געהאַט, וואָלט זי לאַנג שוין נישט עקסיסטירט. דער אידעאַל פֿון אַ נײַער וועלט און אַ נײַעם סאָציאַלן יושר האָט זי אויפֿגעהאַלטן בײַם לעבן.

בײַ דער איצטיקער פֿאַשיסטישער פֿאַרווילדערונג איז אונדזער שול, איר עצם עקסיסטענץ אַ פּראָטעסט, אַ וואָרענונג, אַז מיר וועלן אויסהאַלטן, מיר וועלן ניט נאָכגעבן.

די לעצטע עטלעכע חדשים פֿון דעם מאַרטירער-לעבן פֿון אונדזער שול: דאָס באַקומען אַ קאָנצעסיע פֿאַר אונדזערער אַ שול איז פֿאַרבונדן מיט אומבאַזיגלעכע שוועריקייטן: 1) קודם כּל — רעמאָנט. דאָס וואָרט איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קוואַל פֿון לײַדן פֿאַר אונדזער שול. אין 38 שולן זענען געשטעלט געוואָרן פֿאָדערונגען וועגן רעמאָנט, וואָס דאַרף אָפּקאָסטן

קנאַפּע 700 טויזנט גילדן. 2) גאַראַנטירטער בודזשעט. די שול מוז זיכערן דעם בודזשעט און דעם לערער-געהאַלט. ווען אין אַ געוויסער שטאָט האָבן די לערער פאַרזיכערט דער שולמאַכט, אַז זיי האָבן ניט קיין טענות צו דער שול-פאַרוואַלטונג, האָט דער קוראַטאָר געענטפערט, אַז ער קען ניט דערלויבן, מענטשן זאָלן לעבן אויף אַ נידעריקן ניוואָ. 3) יעדע שול דאַרף האָבן אַ דע-לעגאַט, וועלכער באַזיצט אַ פאַרמעגן. האָבן אָבער די פריַינד פון דער ייִדי-שער שול נישט קיין גיטער; די, וועלכע האָבן גיטער, זענען נישט קיין פריַינד פון אונדזער שול. 4) פּאָליטישע קוואַליפיקאַציעס. יעדער קלענסטער אויסרייד דינט פאַר אַ מיטל אויף צו באַזיַיטיקן לערער פון דער שול. 5) אָרעמקייט. אונדזער שול איז אַרומגערינגלט מיט אַ דראָט-פאַרצוימונג פון אָרעמקייט. פון די 450.000 גל' סובסידיעס, וואָס אונדזער שול האָט פריִער געהאַט, זענען בלויז פאַרבליבן 9 טויזנט גל' אין ביאַליסטאָק. אין ווילנע קאָמאַסירט דער מאַגיסטראַט די צוויי גרעסטע שולן. 6) שוועריקייטן פון אינעווייניק, פון דער ייִדישער זיַיט. מיר לעבן אין אַ ביטערער ציַיט. דאָס ייִדישע בירגערטום האָט אַרומגעכאַפּט אַ נערוואָזיטעט, אַ פּאַנישע אומ-זיכערקייט. דאָס אַסימילאַטאָרישע מינערווערטיקייט-געפיל האָט פאַרנומען דעם אָרט פון מוטיקן קאַמף. דאָס בירגערטום בעטלט, שנאָרט פון פּוילישן קולטורטיש. אין דער אַטמאָספערע פון אינדולגענץ-האַנדל, ציניזם, גאָט-לאָזיקייט קומט אויס צו שאַפן.

פונדעסטוועגן פאַרמאָגט אונדזער שול אַ מחנה פריַינד, אַן איבער-געגעבענע אַרמיי. אין וואַרשע איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן קנאַפּע 30 טויזנט גילדן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, פון 5- און 10-גראָשנדיקע אָפּצאָלן. אמתע אַנאָנימע העלדן, איבערגעגעבענע פריַינד געפינען זיך אין יעדער שטאָט און שטעטל. די פּראָטעסט-בויגנס האָבן אין אַ קורצער ציַיט אונטערגעשריבן 19 טויזנט מענטשן, וועלכע האָבן דערמיט ריזיקירט מיט זייער פּערזענלעכער פריַיהייט. 15 הונדערט קינדער געפינען זיך היַיער אין די זומער-קאָלאָניעס. אויף להכעיס די שונאים לעבט אונדזער שול. ד"ר שיפער האָט געשילדערט די טראַגישע לאַגע פון אַ ייִדישן וויסנשאַפטס-מאַן, וועלכער איז געצוווּנגען פאַרבײַטן מאַטעריעלע מיטלען אויף אינ-טויציע. — וואָס זאָל שוין זאָגן דער ייִדישער שולבויער!

נאָך דעמאָלט, ווען די אונטערשטע געביַידע וועט זיַין אַ געזונטע, וועט מעגלעך זיַין צו בויען די אייבערשטע שטאָקן!

יעקב לעשטשינסקי (וואַרשע) גיט אָפּ דעם באַריכט פון דער עקאָנאָמיש-סטאַטיסטישער סעקציע: די עקאָנאָמיש-סטאַטיס-טישע סעקציע איז די פאַראַנטוואָרטלעכסטע און די טיַיערסטע. זי רירט דאָך אָן די בלוטיקסטע פראַגן פון ייִדישן טאָגטעגלעכן לעבן, אָבער כּדי צו פאָרשן און שטודירן דאָס דאָזיקע לעבן, כּדי צו זאַמלען די גייטיקע מאַטע-

ריאַלן, דאַרף מען האָבן גרויסע געלטער, וועלכע די סעקציע האָט קיין מאָל נישט געהאַט און איצט צום ווייניקסטן. מיר מוזן זיך באַנוגענען מיט דעם מאַטעריאַל, וואָס די אָפּיציעלע סטאַטיסטישע אַמטן שטעלן אונדז צו. די דאָזיקע אַמטן אײַלן זיך אָבער נישט, און פֿיר יאָר נאָך דער פּוילישער פֿאָלקסציילונג ווייסן מיר נאָך אַפֿילו נישט גענוי, וויפֿיל ייִדן ס'איז געווען אין יאָר 1931 אין פּוילן.

אַן איבעררײַס אין דער אַרבעט האָט אויך אַרויסגערופֿן מײַן געצוווּנגענער אָפּפֿאָר פֿון בערלין און דאָס אַרומוואַנדערן איבער לענדער און מלוכות שוין גאַנצע דרײַ יאָר. פֿונדעסטוועגן גייט די אַרבעט פֿון דער סעקציע אָן ווײַטער און מיר האָפֿן, אַז מיר וועלן האָבן די מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן דעם דריטן באַנד עקאָנאָמישע שריפֿטן. מאַטעריאַלן פֿאַר אַזאַ באַנד איז דאָ די והותר. חוץ אַרטיקלען פֿון איינצלנע מחברים האָט זיך אָנגעקליבן אַ קאָלאָסאַלער מאַטעריאַל אין אַרכיוו פֿון דער סעקציע. דער מאַטעריאַל נעמט אַרום די באַפֿעלקערונג־באַוועגונג, דאָס שולוועזן, די עמיגראַציע, די קרימינאַליטעט און אַ סך אַנדערע פֿראַגן. דער דאָזיקער מאַטעריאַל איז אפשר וויכטיקער פֿון אַנדערע אַרטיקלען, ווײַל ער גיט אונדז אַ לעבעדיק בילד פֿון די פּראָצעסן אין ייִדישן לעבן פֿון דער סאַמע לעצטער צײַט. אויפֿן סמך פֿון אַזעלכע מאַטעריאַלן האָב איך אָנגעהויבן דרוקן אַ גרעסערע אַרבעט אין די „ייִוואָ־בלעטער" וועגן ייִדישע סטודענטן. ביז גאָר וויכטיק איז דער מאַטעריאַל וועגן דער ייִדישער דיִעטיק, אין וועלכער ס'מערקט זיך אַ וויכטיקער איבערבראָך אין פֿאַרגלײַך מיט דער פֿאַרמלחמהדיקער צײַט.

דאָס זאַמלען מאַטעריאַל פֿון אָפּיציעלע אויסגאַבן, וואָס נעמט אַרום די ייִדן פֿון דער גאָרער וועלט, בלײַבט ווײַטער אין צענטער פֿון דער אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער סעקציע.

מיר האָבן ווײַטער געגעבן נאָטיצן פֿאַר דער פּרעסע וועגן מאַטעריאַלן, וואָס באַלײַכטן ברענענדיקע פֿראַגן פֿון לעבן. ליידער האַלט אונדזער פּרעסע נישט פֿאַר נייטיק אַפֿילו זיך אַרײַנצוטראַכטן אין אינהאַלט פֿון די דאָזיקע נאָטיצן. אַנדערש איז נישט צו פֿאַרשטיין, ווי מען קען נישט דרוקן אַ נאָטיץ וועגן דעם וווּקס פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין פּוילן, וועגן דעם פֿאַלן פֿון פּראָצענט ייִדן אין די שטעט, וועגן דעם הויכן פּראָצענט ייִדן, וואָס האָבן אָנגעגעבן ייִדיש פֿאַר זייער מוטערשפּראַך.

דאָס ייִדישע לעבן מאַכט דורך אַן עוואָלוציע, וואָס מיט קיין פֿאָרמל קען מען זי דערווײַל נישט אַרומנעמען. אַ סך נײַע פּראָצעסן; אַ סך נײַע איבערבראָכן; אַ סך אָנהייבן פֿון נײַע ענדערונגען. ס'וואַרפֿט זיך אין די אויגן, אַז אין דער באַציִונג צו אַרבעט, צו דער שווערסטער און אומרייניסטער אַרבעט, איז בײַ די ייִדישע מאַסן פֿאָרגעקומען אַ טיפֿער איבערבראָך. מען

קען אויך קאָנסטאַטירן אַ דראַנג צו לאַנדווירטשאַפֿט. עמיגראַציע איז די ברענעדיקסטע פּראָבלעם, און די ייִדישע מאַסע שפּאַרט אָן, אויף אייגענער אחריות און כמעט אָן הילף מצד אָרגאַניזירטע כּוחות, ממש אין אַלע עקן וועלט, און זי פֿאַרלייגט טאַקע אין אַלע עקן וועלט נײַע ייִדישע ישובֿים, נײַע קיבוצים.

די אַרויסשטויס־פּראָצעסן זײַנען אין די לעצטע יאָרן געוואָרן אַ טרויעריקע ווירקלעכקייט, וואָס קיינער קען נישט לייקענען. אָט די אַלע דערשײַנונגען באָכקוקן, באַאַרבעטן און פֿאָרשן איז די וויכטיקסטע אויפֿגאַבע פֿון דער ייִדישער עקאָנאָמישער וויסנשאַפֿט און אין דער ערשטער ריי פֿון דער גרופּע עקאָנאָמיסטן, וואָס געהערן צו דער עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישער סעקציע. לײדער זענען זיי צעוואָרפֿן איבער אַ סך לענדער און נאָר דורך נײַע וויסנשאַפֿטלעכע אויסגאַבעס קען מען זיי כאָטש וויפֿיל נישט איז צוזאַמענבינדן. מיר מוזן דעריבער אָנשטרענגען אַלע כּוחות אויף אַרויסצוגעבן דעם נײַעם באַנד עקאָנאָמישע שריפֿטן. צום גליק קענען מיר אײַך און זיך אַליין אָנזאָגן די בשורה, אַז אַזאַ מעגלעכקײַט ווײַזט זיך. אונדזער מיטגליד און נאָענטער מיטאַרבעטער ד״ר ה. לאַנדוי פֿון פּאָנעוועזש זאָגט צו פֿאַרזיכערן מיט געלט די אויסגאַבע פֿון דעם דריטן באַנד „שריפֿטן“.

א. טשעריקאָווער (פּאַריז) גיט אָפּ דעם באַריכט פֿון דער היסטאָרישער סעקציע: די היסטאָרישע סעקציע האָט פּונקט ווי די עקסטאַטסעקציע אַליין געמוזט שאַפֿן אירע מיטלען און דאָס איז געווען זייער שווער. דערצו האָט די סעקציע אויך געמוזט אָפּריכטן גלות, בײַטן איר זיצאָרט פֿון בערלין אויף פּאַריז, זאָרגן פֿאַר ראַטעווען די אַרכיוון אירע. דאָס איז די סיבה וואָס די אַרבעט האָט זיך נישט אַנטוויקלט אין דעם לכתחילה געפּלאַנטן פֿאַרנעם. אָבער נישט געקוקט אויף אַלע צרות, איז דאָך נישט ווייניק דערגרייכט געוואָרן, קודם־כּל שוין דאָס, וואָס אַרום דער סעקציע האָבן זיך גרופּירט די ייִדישע היסטאָריקער און דער עיקר — אַ סך יונגע קרעפֿטן, וואָס אַרבעטן אויפֿן געביט פֿון דער ייִדישער געשיכטע.

עס איז, אָנגעהויבן פֿון 1930, געפֿירט געוואָרן אַ לויפֿיקע ביבליאָגראַפֿיע פֿון דער ייִדישער געשיכטע אין אַלע שפּראַכן (אין בערלין דורך ד״ר ח. באָראָדיאַנסקי); מחמת דוחק אין מיטלען איז די דאָזיקע אַרבעט אָפּגעשטעלט געוואָרן, אָבער זי וועט מוזן באַנײַט ווערן בײַ דער ערשטער מעגלעכקייט, פּונקט ווי דאָס ביבליאָגראַפֿירן דעם היסטאָרישן מאַטעריאַל פֿון אַלטע צײַטשריפֿטן. אַזוי האָט די היסטאָרישע קאָמיסיע בײַ דער פּאַריזער געזעלשאַפֿט „פֿרײַנד פֿון ייִוואָ“ אונטערן אָנפֿיר פֿון ס. פּאָזנער געפֿאָרשט די אַרכיוון פֿון די פּאַריזער ייִדישע געזעלשאַפֿטן („אַליאַנס“, צענטראַלע קאָנסיסטאָריע א״אַ) און רעגיסטרירט דעם מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פֿון די ייִדן אין מזרח־אייראָפּע, וואָס איז פֿאַרעפֿנטלעכט אין די צענדלינגער יאָרגענג פֿון דעם זשורנאַל Revue des Études Juives און פֿון דעם זשורנאַל

Archives Israélites. די דאָזיקע אַרבעט צו אַנטפּלעקן פאַר דער שײַן פאַר־שטעלטע אוצרות פון ייִדישן היסטאָרישן מאַטעריאַל איז זייער אַ וויכטיקע.

די סעקציע האָט אויך בלויז אָנגעהויבן, אָבער נישט געהאַט די מעג־לעכקייט צו רעאַליזירן די געפּלאַנטע היסטאָרישע כרעסטאָמאַטיע אין 4 בענד, וואָס זאָל אַרומנעמען די ייִדישע געשיכטע פון דער עלטסטער תקופה ביזן 20סטן י"ה, פאַר די צוועקן פון זעלבסטבילדונג, פאַר שילער פון לערער־סעמינאַרן און פאַר די עלטערע קלאַסן פון מיטלשולן. עס איז שוין אין דעם אַ סך געטאָן געוואָרן בײַם אָנטייל פון פּראָפ' ש. דובנאָוו. דאָס גלײַכן וועט נאָך דאַרפן רעאַליזירט ווערן דער פּלאַן פון אַ רײ מאָנאָגראַפיעס צו דער ייִדישער געשיכטע, בפרט צו דער געשיכטע פון ייִדישע קהילות. די היסטאָרישע סעקציע האָט אָבער געהאַלפן מיט אָנווײַזונגען דער פּריוואַטער איניציאַטיווע אויף דעם געביט, וועלכע איז אויפגעקומען אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך נאָך דער דערשײַנונג פון דעם אויסגעצייכנטן „פּנקס פון דער שטאָט פּרוזשענע". צום באַדויערן האָבן די קהילות, צו וועלכע די סעקציע האָט זיך געווענדט וועגן סובסידירן אַזעלכע מאָנאָגראַפיעס, זיך נישט אָפּגערופן.

צו די אויפטוען פון דער סעקציע געהערט די אײַנשאַפונג פון אַ היס־טאָרישן אַרכיוו פון ערשטראַנגיקן באַטײַט, וואָס שטעלט זיך צונויף פון דעם דובנאָוו־אַרכיוו (געזאַמלט אין אַ משך פון 50 יאָר), די אַרכיוו־מאַטעריאַלן פון באַראָן גינצבורג, פון מ. ווינאַווער, פון קעשעניעווער פּאָגראָם, פון סטאָק־האָלמער הילפס־קאָמיטעט, פון ייִדישן סטודענטן־פאַרבאַנד אין אויסלאַנד, אַ גרויסע קאָלעקציע מאַטעריאַלן וועגן די רדיפות אויף ייִדן אין רוסלאַנד אין דער צײַט פון דער וועלט־מלחמה א"א.

ס'דאַרף אויך דערמאָנט ווערן דער אָנטייל פון דער היסטאָרישער סעקציע אין אינטערנאַציאָנאַלן היסטאָריקער־קאָנגרעס אין וואַרשע 1933. נישט געקוקט דערויף, וואָס דער אינטערנאַציאָנאַלער היסטאָריקער־קאָמיטעט עקסיסטירט שוין צײַט 1900 און עס זײַנען שוין פאַראַן פאַרשיידענע ייִדישע היסטאָרישע געזעלשאַפטן, איז דאָך דער ייִוואָ געווען די ערשטע ייִדישע וויסנשאַפטלעכע קערפּערשאַפט. וועלכע האָט זיך אויסגעקעמפט אַן אָרט אין דעם היסטאָריקער־אינטערנאַציאָנאַל. שוין די ערשטע קאָנפערענץ פון ייִוואָ אין ווילנע (אָקטאָבער 1929) האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אַז די אַרבעט פון ייִוואָ און זײַנע סעקציעס דאַרף געשטעלט ווערן אין פאַרבינדונג מיט די געהעריקע אינטערנאַציאָנאַלע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. בײַם צו־טרעטן צום אינטערנאַציאָנאַלן היסטאָריקער־קאָמיטעט איז אויסגעקומען גובר צו זײַן געוויסע פאָרמעלע שוועריקייטן, וועלכע זענען באַשטאַנען אין דעם, וואָס לויטן סטאַטוט פון היסטאָריקער־פאַרבאַנד קענען אין אים זײַן פאַר־טראָטן בלויז לענדער און נישט קיין פעלקער. די דעלעגאַציע פון ייִוואָ אויפן קאָנגרעס איז באַשטאַנען פון די ווײַטערדיקע פּערזאָנען: פּראָפ' ש. דובנאָוו

(די העגעמאָניע=צענטערס אין דער ייִדישער געשיכטע), יעקבֿ לעשטשינסקי
(די קאָנצענטראַציע און פּראָדוקטיוויזאַציע פֿון ייִדישן פֿאָלק אין לעצטן יאָר=
הונדערט), ד"ר י. שאַצקי (ביבליאָגראַפּיע פֿון דער ייִדישער געשיכטע=שרײַ=
בונג אין אַמעריקע), ד"ר י. שיפּער (די פּראָבלעמען פֿון דער ייִדישער
ווירטשאַפֿטס=געשיכטע), א. טשעריקאָווער (דער אָנהייב פֿון דער סאָציאַליס=
טישער באַוועגונג צווישן די ייִדן אין רוסלאַנד, פּוילן, ענגלאַנד, פֿאַראייניק=
טע שטאַטן), פּראָפּ' מ. הלוי (די השפּעה פֿון פּוילן אויף דעם רומענישן
ייִדנטום אין 17טן און 18טן י"ה), ד"ר ר. מאַהלער (די טעאָריעס פֿון דער ייִדי=
שער קולטור=אַנטוויקלונג אין דער ייִדישער היסטאָריאָגראַפּיע), רחל ווישני=
צער (העברעיִשע מיטלעלטערלעכע אילומינירטע כּתבֿ=ידן), ד"ר י. ברוצקוס
(די כּוזרים און דאָס קיִעווער רוסלאַנד) און ד"ר ע. רינגעלבלום (די סאָציאַלע
און ווירטשאַפֿטלעכע געשיכטע פֿון די ייִדן אין פּוילן בעתן 18טן י"ה). מחמת
די רדיפֿות אויף ייִדן אין דײַטשלאַנד האָבן נישט געקענט קומען צום קאָנ=
גרעס: ש. דובנאָוו, י. לעשטשינסקי, א. טשעריקאָווער, י. ברוצקוס און
ר. ווישניצער (זיי האָבן צוגעשיקט זייערע רעפעראַטן שריפֿטלעך פֿאַר די פּראָ=
טאָקאָלן פֿון קאָנגרעס). די דעלעגאַציע פֿון ייִוואָ איז אַלזאָ באַשטאַנען פֿון ד"ר י.
שיפּער, פּראָפּ' מ. הלוי, ד"ר ר. מאַהלער און ד"ר ע. רינגעלבלום. אויף דעם
קאָנגרעס זײַנען אויסגעטיילט געוואָרן צוויי ספּעציעלע זיצונגען פֿאַר ייִדישע
פֿראַגן. פֿאָרזיצערס פֿון די ייִדישע זיצונגען זענען געווען פּראָפּ' סאַלאָ
באַראָן פֿון ניו=יאָרק און פּראָפּ' מ. הלוי פֿון בוקאַרעשט, סעקרעטאַרן — ד"ר
ע. רינגעלבלום און א. דוקער פֿון ניו=יאָרק. די מיטגלידער פֿון ייִוואָ האָבן
זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די באַראַטונגען פֿון די ייִדישע אָנטייל=נעמער אין
קאָנגרעס. אויף דער באַראַטונג איז אויסער דער פֿראַגע פֿון די היטלער=
רדיפֿות באַטראַכט געוואָרן די פֿראַגע וועגן שאַפֿן אַן אַלוועלטלעכע ייִדישע
וויסנשאַפֿטלער=אָרגאַניזאַציע, ווי אויך די פֿראַגע פֿון אַ סעקציע פֿאַר ייִדי=
שער געשיכטע.

אין דער צוגרייטונג פֿון אונדזער אָנטייל אין דעם היסטאָריקער=קאָנגרעס
האָט גענומען דעם אַקטיווסטן אָנטייל די היסטאָרישע קאָמיסיע (היס=
טאָריקער=קרײַז) בײַ דער „געז' פֿרײַנד פֿון ייִוואָ" אין וואַרשע, וועלכע האָט
בכלל אַרויסגעוויזן אַ רירעוודיקע טעטיקייט זינט איר גרינדונג אין יאָר
1929: געפֿירט אַ היסטאָרישע ביבליאָגראַפּיע, באַזונדערס פֿון די פּוילישע
מקורים; אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פֿון מאָנאָגראַפֿיעס וועגן די ייִדישע קהילות
אין פּוילן; אין פֿאַרבינדונג מיט דער צענטראַלער קאָמיסיע צו פֿאָרשן די
ייִדישע אַלטערטימלעכקייטן דורכגעפֿירט אַן עקספּעדיציע אונטער דער אָנפֿי=
רונג פֿון ד"ר ר. מאַהלער אין לובלין און באַקומען אַ סך מאַטעריאַלן, אויך
באַטראַכט פּלענער פֿון ווײַטערע עקספּעדיציעס און ווי אַזוי אָפּצוראַטעווען פֿון
אונטערגאַנג די ייִדישע אַלטערטימלעכקייטן אין פּויזנער און אין פּאָמערנער
קאַנט; צראַנזשירט אַ גאַנצע ריי וויסנשאַפֿטלעכע רעפֿעראַטן פֿון די מיטגלידער;

אַרויסגעגעבן זאַמלביכער („דער יונגער היסטאָריקער"; „היסטאָרישע בלעטער"); פֿאַרעפֿנטלעכט אַנקעטעס וועגן זאַמלען יידישע היסטאָרישע מאַטעריאַלן אאַז"וו.

די היסטאָרישע קאָמיסיע אין וואַרשע גרופּירט אַרום זיך 40 יונגע היסטאָריקער און האָט אויך צוגעגרייט אַ סך וויכטיקע פּלענער, וואָס קענען צום באַדויערן נאָך נישט רעאַליזירט ווערן מחמת מאַנגל אין מיטלען.

היסטאָרישע קאָמיסיעס און קרײַזלעך האָבן פֿונקציאָנירט אויך אין אַנדערע ערטער, למשל, אין ווילנע.

עס איז געשאַפֿן געוואָרן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע בײַ דער סעקציע צו זאַמלען מאַטעריאַלן און פֿאָרשן די געשיכטע פֿון די יידן אין רוסלאַנד (פֿאָנד צום יובל פֿון ה. סליאָזבערג).

פֿאַר דער עקספּעדיציע צו די קאַראַימען פֿון דעם „אינטערנאַציאָנאַלן קאָמיטעט צו פֿאָרשן די באַפֿעלקערונגס־פּראָבלעמען" אונטערן אָנפֿיר פֿון פּראָפֿ' קאָראַדאָ דזשיני (רוים) האָט די סעקציע צונויפֿגעשטעלט אַ ביבליאָגראַפֿיע פֿון דער ליטעראַטור איבער די קאַראַימען.

די היסטאָרישע סעקציע האָט אײַנגעאָרדנט די פֿײַערונגען פֿון דעם 70יעריקן יובל פֿון איר ערן־פֿאָרזיצער פּראָפֿ' ש. דובנאָוו, וואָס זענען פֿאָרגעקומען אין דער גאַנצער וועלט. איצט קלײַבן מיר זיך צו פֿײַערן דובנאָווס 75סטן געבוירנס־טאָג און מיר גרייטן לכּבֿוד דעם בעל־היובֿל דעם צווייטן באַנד היסטאָרישע שריפֿטן נאָך דעם ווי דער ערשטער באַנד איז אויפֿגענומען געוואָרן מיט פֿרייד אין די פֿאַראינטערעסירטע קרײַזן און געפֿונען גרויס אָנערקענונג אין דער וויסנשאַפֿטלעכער וועלט. מיר גרייטן אויך אַ גרויס זאַמלווערק צו דער געשיכטע פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג (ביז 1897, דעם גרינדונגס־יאָר פֿון „בונד"). איך וועל צושטעלן צו דעם באַריכט דעם (נאָך נישט ענדגילטיקן) אינהאַלט פֿון די דאָזיקע צוויי גרויסע אויסגאַבעס פֿון אונדזער סעקציע.

ריידנדיק פֿון אונדזער פֿאַרלאַגס־טעטיקייט, וועל איך אויך דערמאָנען די זייער וויכטיקע אויסגאַבע פֿון פּראָפֿ' ש. דובנאָוו „געשיכטע פֿון חסידיזם" (אַרויס 2 בענד), פֿון ד"ר ב. וואַכשטיינס מאָנאָגראַפֿיע „אַ יידיש קהל אין 18טן י"ה", אַחוץ די אַרבעטן, וואָס זענען פֿאַרעפֿנטלעכט אין די „ייוואָ־בלעטער" — אַ גאָר היפּשער צושטײַער צו אונדזער היסטאָרישער וויסנשאַפֿט. עס איז אויך פֿאַרטיק צום דרוק ד"ר יעקבֿ שאַצקיס מאָנאָגראַפֿיע וועגן די גזרות ת"ח ות"ט אויפֿן סמך פֿון גאַנץ נײַע מאַטעריאַלן (אַלס אַרײַנפֿיר צו דער יידישער איבערזעצונג וו. לאַצקי־בערטאָלדיס פֿון „יון מצולה").

צום סוף וויל איך ספּעציעל דערמאָנען, אַז מ. יעוווזעראָוו, דער מיטאַרבעטער פֿון יידישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט, וואָס פֿירט זינט 1925 אַ ביבליאָגראַפֿיע צו דער געשיכטע פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, ספּעציעל פֿון „בונד", האָט פֿאַררעגיסטרירט פֿאַר דעם משך צײַט פֿון 1896

ביז 1935: 1) צײַטונגען און זשורנאַלן, אַרויסגעגעבן פֿון „בונד"—52 אומלעגאַלע (8 אין רוסיש, 1 אין פּויליש, 43 ייִדישע) און 294 לעגאַלע (פֿון זיי 13 רוסיש, 20 פּויליש און 161 ייִדיש); 2) ביכער און בראָשורן: אומלעגאַלע 191 (פֿון זיי 43 רוסיש, 8 פּויליש), לעגאַלע 293; 3) ביבליאָגראַפֿיע וועגן „בונד" 1382 נומערן; 4) ייִדישע אויסגאַבעס פֿון פּפּ"ס: אומלעגאַלע 24 און לעגאַלע 14; 5) ייִדישע אויסגאַבעס פֿון די ס"ר — אומלעגאַלע 13.

ד"ר יעקבֿ שאַצקי דערגאַנצט דעם באַריכט פֿון דער היסטאָרישער סעקציע מיט אַ רײ מיטטיילונגען וועגן דער אַרבעט פֿון דער סעקציע אין אַמעריקע: מיטן אַמאָפּטייל איז פֿאַרבונדן אַ גרופּע יונגע ייִדישע היסטאָריקער, אייניקע פֿון זיי געבוירענע אין אַמעריקע, וואָס שרײַבן ייִדיש און גיבן זיך ספּעציעל אָפּ מיט דער פֿאָרשונג פֿון דער ייִדישער געשיכטע אין דער נײַער וועלט. כּדי אָפּצושאַצן די באַדײַטונג פֿון דער אַרבעט פֿון דער דאָזיקער גרופּע, דאַרף מען נעמען אין אַכט, אַז די אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן (אַחוץ דעם קאָלומביע־אוניווערסיטעט אין ניו־יאָרק) נעמען נישט אָן קיין דיסערטאַציעס אויף ייִדישע טעמעס. דאָס איז אויך געווען דער סטימול פֿאַר מיר צו שאַפֿן אַ פּריוואַטן סעמינאַר פֿאַר ייִדישער געשיכטע, וואָס איך האָב יאָרן לאַנג אָנגעפֿירט. שפּעטער איז ער אַריבער צו דעם ייִדישן לערער־סעמינאַר אין אַמעריקע. עס זענען באַאַרבעט געוואָרן אַ רײ זייער וויכטיקע און זייער אינטערעסאַנטע טעמעס פֿון דער ייִדישער געשיכטע אין אַמעריקע אין פֿאַרבינדונג מיט דער אַלטער היים, לחלוטין אומבאַקאַנטע, ווי, למשל, פּרוּוון פֿון ייִדישער אַגראַריזאַציע און קאָלאָניזאַציע אין אַמעריקע, די באַציִונג פֿון דער אַמעריקאַנער רעגירונג צו די ייִדישע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, קאַנטאָניסטן וואָס זענען געקומען קיין אַמעריקע איבער יאַפּאָניע אאַז"וו. די דאָזיקע אַרבעטן וועלן פֿאַרעפֿנטלעכט ווערן אין די „ייִוואָ־בלעטער" אָדער אין די שריפֿטן פֿון ייִוואָ.

עס ווערן צוגעגרייט היסטאָרישע ביבליאָגראַפֿיעס וועגן די מזרח־ייִדן אין אַמעריקע, ביבליאָגראַפֿיע וועגן ייִדישיסטיק אין אַמעריקע א"אַ. דער אַמאָפּטייל האָט באַשטימט אַרויסצוגעבן אַ זאַמלבוך צו דער געשיכטע פֿון די ייִדן אין אַמעריקע און די געשיכטע פֿון דער ייִדישער פּרעסע אין אַמעריקע. וואָרעם וויכטיק איז נישט נאָר די טעמאַטיק, נאָר אויך די מעטאָדאָלאָגיע, וועלכע איז אין אונדזערע אַרבעטן אַ ריין סאָציאָלאָגישע און פּראָגרעסיווע. ס'דאַרף אויך דערמאָנט ווערן די אַרבעט צו שאַפֿן בײַם אַמאָפּטייל פֿון ייִוואָ אַ צענטראַלן אַרכיוו און ביבליאָטעק פֿאַר דער געשיכטע פֿון די ייִדן אין אַמעריקע.

ז. רײזען גיט אָפּ דעם באַריכט פֿון דער פֿילאָלאָגישער סעקציע:

אָט זיצט דאָ אין פּרעזידיום מתתיהו מיזעס, וואָס זײַן וווּנדערלעכן רעפֿעראַט האָט דער ייִוואָ אָפּגעדרוקט מיט אַ פֿאַרשפּעטיקונג פֿון איבער 20 יאָר אין די פּראָטאָקאָלן פֿון דער טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ. שוין אין דעם אַ

רעפּעראַט איז דער יחוס פון ייִדיש געגוג קלאָר פּעסטגעשטעלט געוואָרן. נישט זוכן איצט אַרגומענטן פאַר ייִדיש, נאָר דורכאַרבעטן די פאַקטן פון דעם וווקס פון אונדזער שפּראַך, פעסטשטעלן די געזעצן פון איר אַנטוויקלונג און געברויך, צונויפזאַמלען אירע אוצרות און זיי אויספאָרשן — דאָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע די פילאָלאָגישע סעקציע פון ייִוואָ.

פאַר די 6 יאָר זינט דער ערשטער קאָנפערענץ, אויף וועלכער די פילאָלאָגישע סעקציע האָט זיך קאָנסטיטויִרט, איז אָנגעגאַנגען אַ שטילע, אָבער ווערטפולע אַרבעט. דער פאַרנעם פון דער אַרבעט האָט געליטן דערפון, וואָס די ווילנער מיטגלידער פון דער סעקציע זענען פאַרנומען מיט דער זיך אַלץ מער צעוואַקסנדיקער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט, אויך דער דוחק אין מיטלען האָט געשטערט אין דער אויסברייטונג און פאַרטיפונג פון דער אַרבעט. דאָך איז נישט ווייניק אויפגעטאָן געוואָרן.

ד"ר מ. ווײַנרײַך, דער וויסנשאַפטלעכער סעקרעטאַר פון דער סעקציע, האָט אויסגעאַרבעט ראשי־פּרקים צו אַן אַרבעטספּלאַן פון דער פילאָלאָגישער סעקציע און אַלע אירע קאָמיסיעס: דער עטנאָגראַפישער, אָרטאָגראַפישער, טערמינאָלאָגישער און לינגוויסטישער, אָבער מחמת די אויבן דערמאָנטע סיבות איז דער פּלאַן נאָר טיילווײַז רעאַליזירט געוואָרן.

די עטנאָגראַפישע קאָמיסיע איז אָנגעגאַנגען מיט דער זאַמלאַרבעט, האָט פאַרעפנטלעכט אַנקעטעס (וועגן מלחמה־פאָלקלאָר, דעם מנהג פון אָפּשערעניש), זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט נײַע ייִדישע ישובים (ווי קאַרפּאַטן־רוסלאַנד — איינער פון די געצײלטע געגנטן, ווו ס'לעבט נאָך דער אַלט פאַרצײַטיקער ייִדישער שטייגער, ווו מען קען נאָך הײַנט לײַכט צונויפזאַמלען אוצרות ייִדישן פאָלקסשאַפן, אָבער צום באַדויערן איז ביזן ייִוואָ דאָרט קיין שום זאַמלערישע אַרבעט נישט געטאָן געוואָרן); האָט אָרגאַניזירט קאָנקורסן אויף די בעסטע פאָלקלאָריסטישע זאַמלונגען מיט זייער גוטע רעזולטאַטן. י. ל. כהן האָט דורכגעפירט אַ זייער גרינדלעכע אויספאָרשונג פון דעם ייִדישן פאָלקלאָר אין בורגנלאַנד (פאַרעפנטלעכט די רעזולטאַטן אין די „ייִוואָ־בלעטער").

אַ געוויסע צײַט האָט אַן אינטענסיווע זאַמל־אַרבעט געפירט דער אַן—סקי־זאַמלערקרײַז אין וואַרשע, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן 18 נומ' פון אַ געשריבענעם זשורנאַל „דער פאָלקלאָריסט" מיט 4000 נומערן פון 50 זאַמלער. אין אַ געוויסער פאַרבינדונג מיט דעם אַן—סקי־קרײַז איז געפירט געוואָרן אַ סעמינאַר פאַר ייִדיש־פאָרשונג פון נח פּרילוצקי. זייער אַ גרויסע באַדײַטונג פאַר דער גאַנצער אַרבעט פון דער קאָמיסיע האָט געהאַט די באַראַטונג פון די זאַמלער, צונויפגערופן קיין ווילנע הארבסט 1930, בשעת דעם באַזוך פון י. ל. כהן אין ווילנע און אונטער זײַן אָנפיר. די ביבליאָטעק פון ייִוואָ איז באַרײַכערט געוואָרן מיט אַ גאַנצער ריי ווערטפולע ביכער אויפן געביט פון עטנאָגראַפיע, קודם־כל אַדאַנק דעם קאָנטאַקט, וואָס

איז אײַנגעשטעלט געוואָרן מיט אַ ריי וויסנשאַפֿטלעכע אַנשטאַלטן, ווי די פֿינישע אַקאַדעמיע פֿאַר וויסנשאַפֿטן, די אוקראַיִנישע וויסנשאַפֿטלעכע געזעלשאַפֿט א״נ פֿון ט. שעווטשענקאָ, „שווייצערישעס אַרכיוו פֿיר עטנאָגראַפֿיע", „אינטערנאַציאָנאַלעס אַרכיוו פֿיר עטנאָגראַפֿיע" (לײדען—האָלאַנד) א״אַ. לויט דער בקשה פֿון פּראָפֿ' ע. האָפֿמאַן-קרײער האָט די עטנאָגראַפֿישע קאָמיסיע איבערגענומען צוצושטעלן דעם ייִדישן מאַטעריאַל פֿאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער „פֿאָלקסקונדליכע ביבליאָגראַפֿיע", און די לעצטע בענד אירע ברענגען שוין, צום ערשטן מאָל, די ייִדישע פֿאָלקלאָריסטישע פּובליקאַציעס. עס איז איבעריק אָנצווײַזן, ווי וויכטיק עס איז פֿאַר דער ייִדישער פֿאָרשאַרבעט צו זײַן רעפּרעזענטירט אין אַזאַ מין אינטערנאַציאָנאַלן אָנווײַזער. די קאָמיסיע איז אויך ווײַטער אָנגעגאַנגען מיט זאַמלען מאַטעריאַל פֿאַר אַ בילדער-אַלבאָם פֿון ייִדישע שולן, שול-חפֿצים אאַז״וו.

די טערמינאָלאָגישע קאָמיסיע פֿאַרנעמט אין ייִוואָ-בנין דעם קלענסטן צימער, אָבער די אַרבעט איז פֿון אַ זייער גרויסן פֿאַרנעם און באַטײַט פֿאַר אונדזער שפּראַך. זי האָט באַקומען 680 טערמינאָלאָגישע זאַמלונגען פֿון העכער 100 פֿאַכן און וויסנשאַפֿטלעכע דיסציפּלינען מיט אַ פֿאַרמעגן פֿון 25,000 אויסדרוקן. איך וויל נאָך דערמאָנען די אַרבעט אויפֿן ייִדישן געאָגראַפֿישן אינדעקס. איך לייג צו צו די פּראָטאָקאָלן פֿון צוזאַמענפֿאָר דעם באַריכט פֿון דעם סעקרעטאַר פֿון דער טערמינאָלאָגישער קאָמיסיע מ. קאַהאַנאָוויטש, וועט איר קענען געוואָר ווערן די פּרטים פֿון דער באמת זייער וויכטיקער אָפּגעטאָנענער אַרבעט.

ס'איז איבעריק דאָ צו ריידן וועגן דער וויכטיקייט פֿון דער אָרטאָגראַפֿישער קאָמיסיע, וואָס איר אַרבעט האָט אַרויסגערופֿן אָפּט אַזאַ לײַדנשאַפֿטלעכע פּאָלעמיק. זינט דער גרינדונג פֿון דער פֿילסעקציע איז די אַרבעט איבער פֿאַראיינהייטלעכן דעם ייִדישן אויסלייג געשטאַנען אין צענטער פֿון איר אויפֿמערקזאַמקייט.

דעם 24סטן און 25סטן מאַי 1931 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ווילנע אַן אָרטאָגראַפֿישע קאָנפֿערענץ מיטן אָנטייל פֿון 56 מיטגלידער, בתוכם פֿאָרשטייער פֿון אַמאָפּטייל (ש. ניגער), פֿון דער ייִדישער קולטור-געזעלשאַפֿט אין אַמעריקע (י. אָפּאַטאָשו), פֿון ליטע, פֿון לעטלאַנד. צו דער קאָנפֿערענץ איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ זאַמלבוך וועגן איינהייטלעכן ייִדישן אויסלייג. די רעקאָמענדאַציעס פֿון דער קאָנפֿערענץ זענען אַריבער ווי מאַטעריאַל צו דער פֿילאָלאָגישער סעקציע (זע „ידיעות" נומ' 34), וועלכע איז ווײַטער אָנגעגאַנגען מיט איר אַרבעט אַרום פֿאַראײַנהײַטלעכן די ייִדישע אָרטאָגראַפֿיע.

נאָך אַ אינטענסיווער דיסקוסיע אין משך פֿון עטלעכע יאָר האָט די אָרטאָגראַפֿישע קאָמיסיע דורך אַ רעפֿערענדום אײַנגעשטעלט 150 כּללים פֿון ייִדישן אויסלייג, וואָס זענען דורך אַ באַשלוס פֿון דער צ״פּ אָנערקענט געוואָרן פֿאַר אויסלייג-תּקנות פֿון ייִוואָ, און אָפּגעדרוקט און פּראָקלאַמירט גע-

וואָרן צום 10טן גרינדונגסטאָג פֿון אינסטיטוט. איצט דאַרף זיך אָנהייבן דער צווייטער עטאַפּ—דורכצופֿירן די דאָזיקע 150 כּללים פֿון איינהייטלעכן ייִדישן אויסלייג אין לעבן. ווי ס'איז אָנגעוויזן אין דער דאָזיקער בראָשור („די אויסלייג־תּקנות פֿון ייִדיש, סעריע „אָרגאַניזאַציע פֿון דער ייִדישער ווּיסנשאַפֿט" נומ' 14, ווילנע 1935), ווערט די אַרבעט אויף אַנדערע פֿראַגעס פֿון ייִדישן אויסלייג און אויף אַן אָרטאָגראַפֿישן ווערטערבוך געפֿירט ווײַטער.

זייער אַ וויכטיקע און נייטיקע אַרבעט האָט אָפּגעטאָן די לינגוויסטישע קאָמיסיע אין דעם ענין פֿון נאָרמירן דעם גראַמאַטישן מין אין ייִדיש. בשעתו האָט די קאָמיסיע אויסגעאַרבעט און פֿונאַנדערגעשיקט אַן אַנקעטע וועגן מין פֿון סובסטאַנטיוו אין ייִדיש. בסך־הכּל זענען געדעקט געוואָרן 211 פּונקטן פֿון פּוילן, 21 פֿון רומעניע, 72 פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד, 5 פֿון לעטלאַנד, 4 פֿון טשעכאָסלאָוואַקײַ, 3 פֿון ליטע און 1 פֿון עלזאַס־לאָטאַרינגיע. עס איז אָפּגעליטאָגראַפֿירט געוואָרן אַ מאַפּע, עס זענען אַרויסגעטראָגן געוואָרן אַלע פּונקטן, פֿונוואַנען עס זענען אָנגעקומען די ענטפֿערס, און מען האָט אָפּגעקאַרטאָגראַפֿירט דעם גאַנצן מאַטעריאַל. איצט ווערט צוגעגרייט דער טעאָרעטישער סך־הכּל פֿון דער דורכגעפֿירטער אַרבעט צוזאַמען מיט פּראַקטישע פֿאָרשלאָגן, ווי אַזוי דעם גראַמאַטישן מין אין ייִדיש סוף־כּל־סוף צו נאָרמירן.

אויפֿן געביט פֿון פֿאַרלעגערישער טעטיקייט האָט די פֿילסעקציע אַחוץ דעם זאַמלבוך וועגן איינהייטלעכן אויסלייג פֿון ייִדיש (אַ צווייטער זאַמלבוך וועגן אויסלייג איז האַלב אויסגעזעצט, אָבער מחמת דוחק אין מיטלען נאָך נישט אָפּגעדרוקט) און די „אויסלייג־תּקנות פֿון ייִדיש" אויסגעזעצט דעם גרעסטן טייל (17 דרוקבויגן) פֿון פֿאָלקלאָרבוך (ווערט איצט פֿאַרענדיקט אונטער דער רעדאַקציע פֿון י. ל. כּהן), אַרויסגעגעבן די מאָנאָגראַפֿיע פֿון ד"ר שלמה בירנבוים „די היסטאָריע פֿון די u־קלאַנגען אין ייִדיש", צוגעגרייט צום דרוק די „געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור" פֿון ד"ר יצחק שיפּער, פֿאַרטיק געמאַכט די ייִדישע כּתבֿים פֿון יוסף פּערל, מ'האַלט אין צוגרייטן אַ פּערטן באַנד פֿילאָלאָגישע שריפֿטן, אַ פּרק־בוך און אַ מענדעלעבוך א"אַ. אַ ריי אַרבעטן זענען פֿאַרעפֿנטלעכט אין די „ייִוואָ־בלעטער", וואָס צוויי נומערן פֿון דעם זשורנאַל זענען ספּעציעל געווען אָפּגעגעבן פֿאַר פֿילאָלאָגיע (לכּבֿוד דעם 70יעריקן יובֿל פֿון דעם ערן־מיטגליד פֿון דער סעקציע אַלעקסאַנדער האַרקאַווי און צום אָנדענק פֿון נחום שטיף).

פֿאַר דער פֿילאָלאָגישער סעקציע שטייען צ"אַ די דאָזיקע אויפֿגאַבעס: מער אַכט צו לייגן אויף דער אַרבעט פֿון דער לינגוויסטישער קאָמיסיע אויף צו רעגולירן די ליטעראַטור־שפּראַך; רעאַליזירן דעם באַשלוס פֿון דער צ"פּ וועגן אַרויסגעבן אַ זשורנאַל פֿאַר פּראַקטישע פֿראַגעס פֿון שפּראַכבאַנוץ; ווײַטער אָנגיין מיט דער אַרבעט אַרום די ספֿק־פֿראַגעס פֿון אויסלייג; פֿאַרענדיקן די אַרבעט אַרום נאָרמירן דעם געברויך פֿון גראַמאַטישן מין; שאַפֿן די שוין לאַנג באַשלאָסענע קאָמיס"ע פֿאַר דער נײַער ייִדישער ליטע=

ראַטור; צוּוּעקשטעלן אויפֿן סדר־היום די פֿראַגע פֿון ייִדישן ווערטערבוך אין שייַכות מיט דער אַרבעט איבערן אויסשדרן דאָס ייִדיש־ווערטערבוך פֿון ד״ר אַלפֿרעד לאַנדוי, וואָס גייט אַריבער צוזאַמען מיט זייַן ביבליאָטעק אין רשות פֿון ייִוואָ. די דאָזיקע אַלע אויפֿגאַבעס וועלן קענען רעאַליזירט ווערן נאָר אין דעם פֿאַל, ווען דער ייִוואָ וועט געפֿינען די געהעריקע אונטער־שטיצונג פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿט, וועלכע דאַרף זייַן ספּעציעל פֿאַראינ־טערעסירט אין דער טעטיקייט פֿון דער פֿילסעקציע, וואָס שטרעבט דורך אָרגאַ־ניזירטער אַרבעט איבער דער ייִדישער שפּראַך צו הייבן קולטורעל די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן, ממילא אויך צו שטאַרקן זייער נאַציאָנאַלן פּרעסטיזש און דעם ווידערשטאַנדס־כּוח זייערן קעגן דער סכּנה פֿון אַסימילאַציע און קולטורעלער צעפֿאַלונג.

י. ח. ראָזענבוים (ריגע) באַגריסט אין נאָמען פֿון דער „געז׳ פֿרייַנד פֿון ייִוואָ״ אין לעטלאַנד: צו קליין איז די אַרבעט פֿון דער לעטלענדישער ייִוואָ־גרופּע, אַז מיר זאָלן אייגנטלעך מעגן באַגריסן. ביז נישט לאַנג איז וויסנשאַפֿט געווען אַן ענין פֿון אַ קליינער גרופּע. הייַנט צו טאָג איז עס אַן ענין פֿון דער ברייטער מאַסע. ווייל מען די ברייטע מאַסן צוציִען — דאַרף מען נעמען אַ בייַשפּיל פֿון דאָרט, ווו די ייִדישע וויסנשאַפֿט געניסט פֿון אַלע רעכט און אונטערשטיצונגען. וויסנשאַפֿט איז נישט לשם וויסנ־שאַפֿט און קונסט איז נישט לשם קונסט. זיי דאַרפֿן אויסגענוצט ווערן פֿאַרן הייבן דעם ניוואָ פֿון די מאַסן.

באריכט פון בוי־קאָמיטעט

צוגעשטעלט דעם צוזאַמענפאָר פון דעם מיטגליד פון בוי־קאָמיטעט
י. ר. שאַפּיראָ

אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון ייוואָ, דעם 26סטן אָקטאָבער 1929, איז אָפּגעגעבן געוואָרן אַ באַריכט וועגן דער גרינדונג פון דעם בוי־קאָמיטעט און דאַן איז אויך געלייגט געוואָרן דער גרונדשטיין פאַר דער אייגענער היים פון ייוואָ. די בויאַרבעט האָט זיך באַלד אָנגעהויבן, אָבער אויס דוחק אין מיטלען האָט מען עטלעכע מאָל געמוזט אָפּשטעלן דעם בוי. ערשט די אַקציע פון ז. רייזען אין אַרגענטינע אין יאָר 1932, וועלכע איז געפירט געוואָרן אונטערן לאָזונג „אַ דאַך פאַרן בנין פון ייוואָ", האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט צו פאַרענדיקן דעם בנין לכל־הפּחות אויף אַזוי פיל, אַז מען זאָל זיך קענען אין אים אַריינציִען. אָנהייב 1933 זענען די אַרכיוון, מוזייען, ביבליאָטעק און די אַרבעטס־צימערן פון ייוואָ שוין אַריבער אין דער אייגענער היים און די אוצרות פון דעם יידישן לעבן און שאַפן, וואָס זענען צונויפגעזאַמלט געוואָרן דורך דעם אינסטיטוט, זענען ענדלעך באַוואָרנט אין דעם פייערזיכערן מאַגאַזין פון דעם בנין.

אין משך פון דער צייט האָט מען זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע כּוחות ביסלעכווייז צו ברענגען די צימערן און זאַלן אין ייוואָ־בנין אין דער געהעריקער אָרדענונג. עס איז געוואָרן איינגעאָרדנט און געהעריק אויסגעשטאַט דער שטודיר־צימער א"נ פון פּ. אַן־מאַן־ראָזענטאַל מיט 15 ספּעציעלע אַרבעטספּלעצער פאַר די באַנוצער פון דער ביבליאָטעק און פון די אַרכיוון פון ייוואָ; דער וועסטיבול איז אויסגעלייגט געוואָרן מיט קלינקער־פּאַרקעט; עס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אַ גאַנצע ריי וויטרינעס און טישקאַסטנס אונטער גלאָז אאַז"וו.

ערב דעם צוזאַמענפאָר, אַדאַנק אַ ספּעציעלער סובסידיע פון אַמאָפּטייל, פון אינזש' אַנטאָני אייגער, דיר' קוטען, מעטשיסלאַוו זאַגייסקי און קלענערע ביישטייערונגען, איז דער בנין אָפּגעפרישט געוואָרן; עס איז דורכגעפירט געוואָרן אַ צעמענטענער גאַנג פון גאַס ביז צום בנין, פוןביידע זייטן באַפלאַנצט מיט ביימלעך, איינגעשטעלט געוואָרן אַ גאַרדעראָב־צימער פאַר קרוב 200 הענגערס, אויסגעמעבלירט געוואָרן די אודיטאָריע מיט געהעריקע זיצערטער אאַז"וו.

אַזוי אַרום האָט דער לאָקאַל פון ייוואָ, וואָס האָט זיך ביזן 15טן מאַי 1926 געפונען אין מ. ווינרייכס אַ פּריוואַט צימערל פון 12 קווּמ און שפּעטער פאַרנומען אַ געדונגענע דירה אין „יידישן קולטורהויז" (ביזן 1טן אָקטאָ־

בער 1927 — 2 צימערן מיט אַ שטח פֿון 47,5 קוום, ביזן 1טן דעצעמבער 1928 — 6 צימערן פֿון 136,8 קוום, ביזן 25סטן דעצעמבער 1932 — 11 צימערן פֿון 354,8 קוום), — צו דעם מאָמענט פֿון צוזאַמענפֿאָר פֿאַרנומען אַ שטח פֿון 1030,3 קוום. איצט איז אויך פֿאַרטיק געוואָרן דער זאַל פֿאַרן קומעדיקן ייִדישן קונסטמוזיי אַ דאַנק דער ביישטייערונג פֿון דער פֿאַמיליע אייטינגאָן (לאָדזש) צום אָנדענק פֿון ריווע אייטינגאָן (געשט' 1935), און דער שטח איז געוואַקסן צו 1152,8 קוום.

אין דעם בנין פֿון ייִוואָ געפֿינען זיך איצט אָט די צימערן און זאַלן:

קעלער־גאָרן:

מאַגאַזין	צימער	1
סייף	"	2

ערשטער גאָרן:

דובלעטן־אַרכיוו	"	3
טעאַטער־מוזיי א"נ פֿון א.־ר. קאַמינסקי	"	4
אַרכיוו	"	5, 6
ביבליאָטעק	"	7
פֿאָלקלאָר־קאָמיסיע	"	8
אַרבעט־צימער פֿון טעאַטער־מוזיי	"	9
ביבליאָגראַפֿישע צענטראַלע	"	10

צווייטער גאָרן:

אַרבעט־צימער	"	11
סעקרעטאַריאַט	"	12, 13, 14
זיצונגזאַל	"	15
טערמינאָלאָגישע און לינגוויסטישע קאָמיסיע . .	"	16
שטודיר־צימער א"נ פֿון ד"ר פּ. אַנ—מאַן־ראָזענטאַל	"	17
יוגנט־פֿאָרשונג	"	18
אַספּיראַנטן־צימער	"	19
פּסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישע סעקציע	"	20
ביכער־לאַגער	"	21

דריטער גאָרן:

בילדערזאַל א"נ פֿון ריווע אייטינגאָן	"	22
ערשטער אַרבעט־צימער	"	23
צווייטער אַרבעט־צימער	"	24

עס איז נאָך געבליבן גענוג צו באַזאָרגן דעם בנין סײַ אינעווייניק, סײַ אויסן, ווי אײַזערנע לאָדנס און טירן צום פֿײַערזיכערן מאַגאַזין, פֿײַערקאַסעס פֿאַרן סייף, מינימאַקסן, פּאָליצעס, שענק און קאַרטאָטעקעס פֿאַר די פֿאַרשיידענע אָפּטיילונגען, אויספּלאַנירונג און באַפּלאַנצונג פֿון פּלאַץ, אַוועקשטעלן אַ פּאַסיקן טויער און פּאַרקאַן אַרום פּלאַץ אאַז"וו. אָבער בײַ די באַדינגונגען, אין וועלכע עס קומט אויס צו אַרבעטן דעם ייִוואָ, מעגן מיר זײַן צופֿרידן, וואָס דער ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט האָט כאָטש אַ באַשיידענע, אָבער אײַגענעמע ליבלעכע היים מיט גערוימע, זוניקע און לופֿטיקע אַרבעט־צימערן, מיט צענטראַלער באַהייצונג און אַלע באַקוועמלעכקייטן.

פֿאַר דעם קומט אַ האַרציקן דאַנק אַלע פֿרײַנד פֿון דעם ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט אין דער גאַנצער וועלט. די פֿרײַנד, וואָס האָבן זיך בײַגעשטײַערט מיט סומעס פֿון 100 דאָלאַר און מער, זענען פֿאַררעכנט געוואָרן פֿאַר די גרינדער פֿון דעם ייִוואָ־בנין. אָט איז

די רשימה גרינדער פֿון דעם ייִוואָ־בנין

(ביזן 15טן אויגוסט 1935):

אָזשעך, מ., וואַרשע. אײַזנער, גוסטאַוו, ניו־יאָרק. אײַלבערג, אײַזיק, מעמעל. אינטערנעשאָנעל ליידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן, ניו־יאָרק. אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסעל, פּאַריז. אַמאַלגאַמייטעד קלאָדהינג וואָרקערס יוניאָן, ניו־יאָרק. אַרבעטער־רינג, בילדונגס־אָפּטיילונג, לאָנדאָן. אַרבעטער־רינג, בראַנטש 3, לאָנדאָן. אַרבעטער־רינג, בראַנטש 14, לאָנדאָן. אַרבעטער־רינג, ניו־יאָרק. אַרבעטער־רינג, בראַנטש 367, ניו־יאָרק. באַמבערגער, לויִס, נוואַרק. בונימאָוויטש, טובֿיה, ווילנע. בײַטלער, נפֿתּלי און אידע, לאָנדאָן. ביעלאָוו ס. און מ., לאָנדאָן. בענזשאַמען, אהרן, פּאַריז — ניו־יאָרק. בעער, פֿיליפּ, ציריך. בערג, יעקבֿ, ניו־יאָרק. בראָד, ל., ניו־יאָרק. ברייטשטיין, יחזקאל, וולאָצלאַוועק. גאַווענסקי, משה, בוענאָס־אײַרעס. גאָלדענבערג, ה., בוענאָס־אײַרעס. גינזבורג, איסר, ד"ר, ניו־יאָרק. גענש, נפֿתּלי ד"ר, צום אָנדענק פֿון איטע גענש, דערפּעט. געפּנער, א., וואַרשע. דאָברי, ל. און א., צום אָנדענק פֿון הערמאַן באַראַץ, פּאַריז. דובאָוו, י. א., שיקאַגאָ. דזשאָינט, פּאַריז. האָראָוויטש י., ניו־יאָרק. האָרוויץ, משה, ניו־יאָרק. העללער, י., ד"ר, ניו־יאָרק. הערץ, ווילִיאַם, ניו־יאָרק. וואָלף, איסר־בער, קאָוונע. וואָלף, גריגאָרי, ד"ר, קאָוונע. ווײַנרײַך, סאָפֿיע, 1933.IX.11. ווייס, איזידאָר, קאָוונע. ווילנער רעליף, ניו־יאָרק. ווינאָגראַדאָוו, יוסף, ניו־יאָרק. ווינטער, שמואל, וולאָצלאַוועק. וולאַדעק, ב., ניו־יאָרק. זאַסלאַווסקי, יעקבֿ, בוענאָס־אײַרעס. זינגער, יואל, ד"ר (בוענאָס־אײַרעס), צום אָנדענק פֿון זײַנע עלטערן, די ייִדישע קאָלאָניסטן פֿון ענטרע־

ריִאָס — משה און גיטל זינגער. חבֿרה קדישא, בוענאָס=אײַרעס. טאָנקאָנאָגאָוו,
פֿאַמיליע, לאָנדאָן=פּאַריז. טוי, היינריך, ווין. טכורש, ח. ש., וולאָצלאַוועק.
טשערניכאָוו, יוסף, אַדוו׳, ווילנע. טשעריקאָווער, אליהו, פּאַריז. יודייקין, י.,
ריגע. ייִדיש=נאַציאָנאַלער אַרבעטער=פֿאַרבאַנד, ניו=יאָרק. ייִדיש=פּוילישער פֿאַר=
באַנד (ה׳ פֿרידמאַן, פּרעזידענט), בוענאָס=אײַרעס. ייִדיש=פּוילישער פֿאַרבאַנד
(מ. טינסקי, פּרעזידענט), מאָנטעווידעאָ. ייִדישע געמיינדע, בערלין. ייִדישע
האַנדלס=געזעלשאַפֿט, בוענאָס=אײַרעס. ייִדישע האַנדלס=קאָרפּאָראַציע, בוענאָס=
אײַרעס. ייִדישע פֿאָלקסבאַנק, בוענאָס=אײַרעס. ייִדישע צענטראַל=באַנק, קאָוונע.
פּערסאָנאַל פֿון דער ייִדישער צענטראַל=באַנק, קאָוונע. ייִדישע קהילה, טשערנאָ=
וויץ. ייִדישע שרײַפֿטזעצער = יוניאָן, ניו=יאָרק. געזעלשאַפֿט פֿרײַנד פֿון ייִוואָ,
בוענאָס=אײַרעס. פֿרײַנד פֿון ייִוואָ, גרופּע, קיבאַרט. יעדוואַבניק, א., ריגע.
צום אָנדענק פֿון קאַטערינע יעוזעראָוו = מעריסאָן, ניו=יאָרק.
יעפּרויקין, ישראל, פּאַריז. כהן, א., קליוולענד. כהן, יהודה=לייב, ניו=יאָרק.
לאַסקער, עדוואַרד, ניו=יאָרק. לוריע, ס., לאָנדאָן. ליבערמאַן, בענעדיקט, ד״ר,
סטאַניסלאָוו. ליבערמאַן, בנימין, פּאַריז. ליכטענשטיין, ישראל, דאַנציק. לעווי=
טאַס, זלמן, ריגע. לעווין, לאָרענס, ניו=יאָרק. לעווקאָוויטש, טובֿיה, ווילנע. מאַ=
טיס, מ., ד״ר, קאָוונע. מאַיאָפּיס, רפֿאל (געב׳ 21 יאַנואַר 1908 — געשטאָרבן
2 מערץ 1930 אין אַרכאַנגעלסק). מאָיסעיעף, לעאָן, ניו=יאָרק. מאַרשאַל, עליאַס
און אַננאַ (געב׳ האָכמאַן), בוענאָס=אײַרעס. מוקדוני, א., ד״ר, ניו=יאָרק. מײַ=
זעל, מאַקס ב., ניו=יאָרק. מינדלין, ה., ניו=יאָרק. מעלופּ, ש., וואַרשע. מען,
נחום, וואַרשע. מעריסאָן, י. א., ד״ר, ניו=יאָרק. נײַמאַן, עמנואל, אינזש׳ (פּאַריז).
נירנבערג, אינזש׳, בוענאָס=אײַרעס. סאָבאָלעוויטש, א., ריגע. סאַטאַנאָווסקי, מ.,
ד״ר, בוענאָס=אײַרעס. סאָלאָווייטשיק, אהרן, ד״ר, וואַרשע. סאָלאָמאָן, אליהו,
קאָוונע. סאָלאָמאָן, סאָלאָמאָן און פֿרוי, בוענאָס=אײַרעס. סודאַרסקי, מ., ד״ר
און פֿרוי, א., קאָוונע. סטוירמאַן, אָסקאַר, באָסטאָן. צום אָנדענק
פֿון א ל. סידער, ניו=יאָרק. סימאָנסען, ד., ד״ר, פּראָפֿעסאָר, קאָפּנ=
האַגן. סערעס, י. און פֿרוי, לאָנדאָן. עלמאַן, משה, בוענאָס=אײַרעס. פּאָליאַק,
סאַוועלי, פּאַריז. פּאָליאַקאָף, מ., בוענאָס=אײַרעס. פּוליק, ס. ניו=יאָרק. פּעטשעק,
אָ., פּראָג. פּערניקאָוו, יעפֿים, פּאַריז. י״ל פּרץ=שרײַבער=פֿאַראיין, ניו=יאָרק. י״ל
פּרץ=שרײַבער=פֿאַריין, שיקאַגע. „פֿאָרווערטס“=אַסאָציאַציע, ניו=יאָרק. פּערסאָנאַל
פֿון „פֿאָרווערטס“, ניו=יאָרק. פֿייגענבוים, ל., אינזש׳, וואַרשע. פֿײַנערמאַן,
ב., ניו=יאָרק. פֿינקעלשטיין, יעקבֿ, קאָוונע. פֿינקעלשטיין, יצחק, קאָוונע. פֿינקעל=
שטיין, עוזר (קאָוונע). פֿרענקעל, יעקבֿ, שאַוול. קאַהאַן, אַב., ניו=יאָרק. קאָהן,
מײַקעל, ד״ר, ניו=יאָרק. קאָוואַרסקי, הערץ, ד״ר, ווילנע. קאַזשעס, דוד,
בוענאָס=אײַרעס. קאָמיטעט פֿאַרן ייִדישן פֿאָלקסטעאַטער, בוענאָס=אײַ=
רעס. קאַמײַקאָ, ז. ב., שיקאַגע. קאַנטאָר, סימאָן, אַדוו׳ און פֿרוי
דעליאַ, געב׳ פֿרישמאַן, בוענאָס = אײַרעס. קאַסטעלאַנסקי, א., לאָנדאָן=
תּל=אָבֿיבֿ. קאַפּלאַן, ראָזאַ און גר., קאָוונע. קאַפּלאַן = קאַפּלאַנסקי, דוד, ווילנע.

קאָפּעלאָוו, י., ניו־יאָרק. קאַצענעלסאָן, וו., אַדוו', טאַלין. קינברום און פּרוי, לאָנדאָן. קליינהענדלער־קאָאָפּעראַטיוו — מיטגלידער, מאָנטעווידעאָ. קלעצקין, באָריס, ווילנע. קצין, א., ד"ר, קאָוונע. קראָנשטאַד, מאַקס, ניו־יאָרק. ראָוו־נער, ראובן, ד"ר, רעסיסטענסיע (אַרגענטינע), צום אָנדענק פון זיין פאָטער יואל ראָוונער, געשט' אין עלטער פון 57 יאָר אין דער קאָלאָניע ווישאַ מאָנטעראָ אין יאָר 1928. ראָזען, יוסף, ד"ר, בערלין—ניו־יאָרק. „ריטי", געזעלשאַפט, ריגע. רייזען, הירש, נואַרק. רינג, וויקטאָר, צום אָנדענק פון זיין זון זלמן רינג, אומ־געקומען 6.IX.1930, בוענאָס־אײַרעס. שאַבאַד, צמח, ד"ר, ווילנע. שאַפּירא, ירמיהו, ווילנע. שאַפּראַן, איזידאָר, מאָנטרעאַל. שאַך, א., פילאַדעלפיע. שאַצקי, יעקב, ד"ר, ניו־יאָרק. שאַקאָוו, י., קאָוונע. שוואַרץ, מאָריס, ניו־יאָרק. שוויי־צער, ד., בערלין. שטיין, ל. מ., שיקאַגאָ. שלום־עליכם־פאָלקס־אינסטיטוט, שיקאַגאָ. שליט, מ., לאָנדאָן. שענברון, ש., וואַרשע.

פֿערטע זיצונג

פלענום פֿון צוזאַמענפֿאָר

(פֿרײַטאָג דעם 16טן אויגוסט, 10 אַ זייגער)

אויפֿן סדר־היום: וויכּוחים וועגן די באַריכטן.

פֿאָרזיצער נ. פֿײַנערמאַן. מ. ווײַנרײַך: עס זענען ווידער אָנגעקומען אַ סך טעלעגראַמעס, צ״אַ פֿון יידישן לערער־סעמינאַר אין ניו־יאָרק, פּראָף׳ שלום־עליכם, יעקבֿ לעווין. ב. כּהן־ווירגיליַ לייענט די באַגריסונג פֿון דער צ״פּ פֿון „אָרט״ אין פּאַריז.

מען דערגאַנצט דעם פּרעזידיום מיט ש. מענדעלסאָן, ד״ר ה. לאַנדוי.

נ. בוקסבוים: איך האָב שוין אין מײַן באַגריסונג געזאָגט, אַז מיר, די דעלעגאַציע פֿון ייִשאָ, זענען געקומען מיט גאַנץ האַרבע טענות צו דער ריכטונג פֿון ייִוואָ. מען האָט שוין געזאָגט, אַז מיר, די פֿאָרשטייער פֿון ביידע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען, אויף וועלכע די ייִשאָ שטיצט זיך, זענען געקומען ווי ברוגזע, ווילן זיך טשעפּען. דאָס איז נישט ריכטיק. מיר זענען נישט קיין ברוגזע מחותּנים, מיר באַציִען זיך מיט אַ געפֿיל פֿון אַחריות צו דער אַרבעט פֿון ייִוואָ, קוקן זיך צו די גאַנצע צײַט זייער אויפֿמערקזאַם צו דער דאָזיקער אַרבעט. מיר זענען זייער נאָענט, ווײַל מיר האַלטן, אַז דער ייִוואָ איז פֿאַר די אַרבעטער־מאַסן. ח׳ ווײַנרײַך האָט נעכטן גערעדט וועגן אַ געוויסער סבֿיבֿה. פֿאַר וואָס האָט ער נישט געזאָגט קלאָר וועלכע סבֿיבֿה? מיר האַלטן, אַז ס׳איז נישטאָ קיין מחיצה צווישן ריינער און פּראַקטישער וויסנשאַפֿט. מיר ווילן נישט דיקטירן די יחידים אין ייִוואָ וועגן וואָס צו שרײַבן. עס גייט אין דעם, וואָס פֿאַר אַ ריכטונג דאַרף האָבן דער ייִוואָ אַלס אינסטיטוציע. אין דער ייִשאָ האָבן מיטגעאַרבעט פֿאַרשיידענע ריכטונגען, אָבער דער טאָנגעבער איז געווען די ריכטונג פֿון די אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער־מאַסן. דער ייִוואָ גייט אָבער אין אַ פֿאַרקערטער ריכטונג פֿון דער־ווײַטערן זיך פֿון די אַרבעטער, דערנעענטערן זיך צום בירגערטום. איר ווילט זײַן אומקלאָר, ווײַל איר גלייבט, אַז איר וועט קריגן בײַ זיי אונטערשטיצונג. דערפֿאַר איז ניט קיין צופֿאַל, וואָס דער ייִוואָ אַלס אַזעלכער האָט ניט פּראָטעסטירט קעגן דעם פּאָגראָם אויף יידיש אין פּאַלעסטינע. איך האַלט, אַז ס׳איז ניט בלויז די מיינונג פֿון די לינקע פּ״צ. דער יסוד פֿון ייִוואָ איז

בלויז ייִדיש. ווער ס׳וויל אַרבעטן פֿאַר ייִדיש, מוז גיין מיט די אַרבעטער און פֿאָלקס־מאַסן.

ד״ר ר. מאַהלער: פֿרײַנד און חבֿרים! געווען אַ מיינונג, אַז דער ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט דאַרף זײַן ווײַט פֿון יעדער ריכטונג. געווען אַ צווייטע, אַז וויסנשאַפֿט קען נישט זײַן אָן אַ ריכטונג. אָט די פֿראַגע שטייט ווידער פֿאַרן אינסטיטוט. דעם ייִוואָ איז נישט געראָטן צו ווערן אַ פֿאָלקס־אינסטיטוט, צונויפֿזאַמלען אַרום זיך די מאַסן. די אַרבעט, וואָס דער ייִוואָ האָט געטאָן, האָט געקענט גאַנץ גוט געטאָן ווערן דורך עמעצן אַנדערש אויך, דורך דעם ירושלימער אוניווערסיטעט, למשל. עס גייט נישט דערין, אַז מען זאָל נישט אָננעמען אַרבעטן פֿון די אָדער יענע וויסנשאַפֿטלער, עס גייט נישט וועגן אַ פּאַרטיייִשער דעקלאַראַציע. דער אינסטיטוט דאַרף זײַן אַ טעאָרעטישער אינסטיטוט און דאָ בין איך גראָד קעגן ד״ר ווײַנרײַכס פּראַקטישקייט. איינע פֿון די וויכטיקסטע אויפֿגאַבן, למשל, איז אויסצופֿאָרשן די ייִדישע פֿאַרגאַנגענה״ט. עס גייט נאָר וועגן דעם, ווי אַזוי מען זאָל אויספֿאָרשן. מען דאַרף אויספֿאָרשן די דינאַמיק פֿון דער ייִדישער פֿאַרגאַנגענהייט. מען דאַרף באַטראַכטן די ייִדישע געשיכטע פֿון שטאַנדפּונקט פֿון קלאַסנקאַמף. ייִדן זענען אַלע מאָל געווען אַ דיפֿערענצירט פֿאָלק. מען דאַרף געבן אַ סטימול צו דער אַרבעט אין דער ריכטונג. דער ייִוואָ דאַרף פֿעסטשטעלן די פּראָבלעמען, סטימולירן די אַרבעט אין דער ריכטונג פֿון די פּראָבלעמען, וואָס זענען פֿאַרבונדן מיט סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן באַפֿרײַונגסקאַמף פֿון די ייִדישע מאַסן, און דאַן וועלן די ייִדישע מאַסן זען אין אינסטיטוט אַן אייגענעם בנין.

יעקבֿ פּאַט: חבֿרים, פֿרײַנד דעלעגאַטן און געסט! מיר זענען באַגרענעצט אין צײַט און מיר מוזן אויסטיילן דאָס וויכטיקסטע. עס הערשט אַן אײַנדרוק, מער ווי אַן אײַנדרוק, אַז עס האָבן זיך געשאַפֿן צוויי צדדים: מיר און איר. איר, ד״ה דער ייִוואָ, און מיר, די ייִדישע אַרבעטער. איך וואָלט וועלן רײַן מאַכן דעם טיש. דאָ איז געפֿאַלן אַ וואָרט, אַז מיר זענען קאָנסערוואַטיווע מענטשן, מיר האָבן זיך אַזוי אַוועקגעשטעלט אויף אַ פּונקט צוריק מיט אַ 30—40 יאָר. פֿאַרפֿאַלן, אַזוי זענען מיר שוין, ווײַל דאָס זענען עיקרים. פֿאַר מײַנע אויגן שטייט דער צווייטער צוזאַמענפֿאָר פֿון דער ייִשאָ אין 1925. ער האָט רעקאָמענדירט דעם צב״ק, ווילביג צוזאַמען מיט דער עקזעקוטיווע פֿון דער ייִשאָ צוצוטרעטן צו דער אָרגאַניזירונג פֿון אינסטיטוט. ח׳ כמורנער האָט אויף דער קאָנפֿערענץ אין 1929 געזאָגט, אַז, מיר, די ייִדישע שולן, זענען דער ערשטער גאָרן פֿון בנין און איר—דער צווייטער. בײַם לייגן דעם גרונדשטיין האָט אַ דעלעגאַציע פֿון ייִדישן לערער־סעמינאַר א״נ פֿון וו. מעדעם געזאָגט, אַז מיר זענען דער אייבערשטער טייל פֿון ערשטן גאָרן. ח׳ זרובבֿל האָט געזאָגט, אַז מיר זענען צוויי צווײַגן פֿון איין שטאַם. אָט אַזוי זענט

איר געבוירן געוואָרן. אַזוי האָבן מיר אײַך געבוירן.
(פּ' טאַבאַטשינסקי גיט איבער זײַן וואָרט פּאַטן):

אַלס כאַראַקטעריסטיק פון יִוואָ וועל איך דערמאָנען די הײַנטיקע באַגריסונג פון ד"ר יהושע גאָטליב (אין „מאָמענט"): „פריִער זענט איר געווען יִדישיזם און איצט זענט איר אַ הויז פאַר אַלעמען". דער יִוואָ האָט זיך דערלויבט צו מאַכן קאָנצעסיעס דעם העברעיִזם. פאַר וואָס האָט איר, למשל, נישט רעאַליזירט דעם באַשלוס צו נאַטוראַליזירן די העברעיִזמען? עס איז דאָך געוויס נישט צוליב אומוויסנשאַפטלעכקייט. מיר האַלטן נישט, אַז דער יִוואָ איז פאַרלוירן. מיר האָבן גרויס דרך-ארץ פאַר דער אַרבעט, וואָס איז אַרײַנגעלייגט געוואָרן, פאַרן מסירת-נפש. מיר גלייבן, אַז מיר האָבן נישט געהאַט קיין טעות, אַז מיר האָבן צוגעבויט אַ צווייטן, אַ דריטן שטאָק. אויב איר ווילט, אַז עס זאָל ווײַטער זײַן אַזוי, דאַרפט איר מיטן פּנים זיך ווענדן צו די מאַסן. דער אינסטיטוט דאַרף ווערן דאָס אָרט פאַר דער יִדיש-וועלטלעכער מאַסן-קולטור.

יוסף טשערניכאָוו קריטיקירט שאַרף די אַרבעט פון דער היסטאָרישער סעקציע און פון דער עקאָנאָמיש-סטאַטיסטישער.

ש. מענדעלסאָן: אונדזער פּאָלעמיק איז שוין אַזוי אַלט ווי אונדזערע רייד וועגן אַרבעטער. אַ מאָדנע זאַך: עס איז, דאַכט זיך, אַ וויסנשאַפטלעכער צוזאַמענפאָר און דאָך האָט ער אַרויסגערופן אַזאַ גרויסן אינטערעס. פונוואַנען קומט עס? ווײַל די מאַסן ווילן, אַז דער יִוואָ זאָל ווערן דער אינסטרומענט פון דער יִדישער מאַסן-קולטור. אירקאָנט נישט דאָס גרינג שאַצן. איר דאַרפט זיך רעכענען מיט דער פאַראינטערעסירונג צום יִוואָ. איך וויל נישט לייקענען, אַז די עקסיסטענץ פון אינסטיטוט איז אַ פאַקטאָר, וואָס שטאַרקט אונדזער קאַמף פאַר יִדיש. אָבער דאָס איז ווייניק. די פירער מוזן אויך האָבן דעם באַוווסטזײַן, וואָס זיי ווילן, וווּהין זיי גייען. הײַנט איז שוין נישט כּדאַי צו רעדן פון ריינער וויסנשאַפט. יעדע וויסנשאַפט איז געבונדן מיט פּאָליטיק. עס גייט הײַנט אַ שווערער קאַמף צווישן צוויי כּוחות און יעדער איינער מוז זיך באַשטימען. מיר מיינען נישט, אַז דער יִוואָ זאָל ווערן אַ פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע. מיר ווילן נאָר, אַז זײַנע אַרבעטן זאָלן האָבן אַ קלאָרע פאַרב, עס זאָל נישט זײַן קיין שום צווייפל, וועמ דער יִוואָ איז. דאָ האָט באַגריסט אַ פאָרשטייער פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער-פאַרבאַנד און ער האָט געזאָגט, אַז מיר שטייען אויפן באָדן פון דואַליזם. הײַנט איז אַזאַ צײַט, אַז דואַליזם איז אונדזער גרויסער שונא.

א. טשעריקאָווער: איך פאַרשטיי טעאָרעטיש דעם שטאַנדפּונקט פון די פאָרשטייער פון לינקס. איך פאַרשטיי אָבער נישט די טענות פון פּ' טשערניכאָוו. ער האָט אַ סך מאָל געלויבט די אַרבעטן פון דער היסטאָרישער סעקציע. וואָס זשע איז געשען, וואָס פּ' טשערניכאָוו איז אַרויסגעטראָטן

מיט זײַן שאַרפֿער רעדע אויפֿן צוזאַמענפֿאָר? כ׳וואָלט אויך וועלן וויסן, וואָס פֿאַר אַ נײַס, וויסנשאַפֿטלעך, ר. מאַהלער האָט אַרײַנגעבראַכט מיט זײַנע אַרבעטן? פּ׳ מאַהלער ווייסט אויסגעצייכנט, אַז מיר אַלע ווילן אויספֿאָרשן די סאָציאַלע טרײַבקרעפֿטן פֿון יידישן לעבן. עס איז אָבער אָפּהענגיק פֿון די כּוחות, וואָס מיר האָבן אין אונדזער רשות.

יוסף יאַשונסקי: להיפּוך צו די פֿריִערדיקע רעדנער קום איך ניט מיט פֿאַרטיקע רעצעפּטן. איך דערלויב זיך אָבער צו זאָגן, אַז ס׳איז ניטאָ קיין אָביעקטיווע וויסנשאַפֿט, ניט נאָר, למשל, אין געשיכטע, נאָר אַפֿילו אין די עקזאַקטע וויסנשאַפֿטן. פּונקט אַזאַ חילוק ווי צווישן אַנטאָקאָלסקין און שאַגאַלן איז דער אונטערשייד צווישן דער פֿיזיק אָדער ביאָלאָגיע פֿון 1895 און 1935; עס זענען דאָ איצט פֿיזיקער וואָס גייען אין שאַגאַלס וועג, און עס זענען פֿאַרהאַן איצט פֿיזיקער, וואָס גייען אין די וועגן פֿון דער פֿיזיק פֿאַר אַנטאָקאָלסקיס צײַטן. איך שייד זיך אונטער פֿון די פֿרײַנד פֿון לינקס, וואָס מיינען, אַז אַ לינקע פּראָגראַם פֿון וויסנשאַפֿט גיט אַלס אַ פּראָדוקט אַ לינקע וויסנשאַפֿט. דאָס איז אַ מכּה וואָס איז נאָך ערגער ווי די מכּה פֿון עפּיגאָנען. אין יידישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט פֿילט זיך אַ זעלבסטצופֿרידקייט פֿון דער ריינער וויסנשאַפֿט אָנשטאָט אַ דראַנג צו אַ נײַעם וועלטבאַנעם. די ריינע וויסנשאַפֿט קען אָבער ניט באַשטימען דעם פּנים פֿון ייִוואָ. צי איז דען דאָס קריטעריום פֿון ריינער וויסנשאַפֿט אַזוי קלוג, אַז עס קען ווײַזן וואָס מען דאַרף יאָ פֿאָרשן און וואָס ניט? אויף אַלץ צו פֿאָרשן איז ניטאָ קיין מיטלען, דאַרפֿן די געזעלשאַפֿטלעכע דעזידעראַטן באַשטימען דעם אינהאַלט פֿון דער ייִוואָ-אַרבעט.

יעקבֿ באָטאָשאַנסקי: איך וויל אַרויסזאָגן די מיינונג פֿון דעם רובֿ חבֿרים פֿון אַרגענטינע. די אידילע פֿון אַלע שטאָקן! די צעשפּליטערטקייט פֿון די אונטערשטע שטאָקן מאַכט אוממעגלעך אויסצוהאַלטן דעם אייבערשטן שטאָק. איך קום פֿון אַרגענטינע, וואָס האָט אַ סך געהאָלפֿן דעם ייִוואָ, און די וואָס האָבן מיך געשיקט אַהער, האָבן מיר באַפֿולמעכטיקט צו זאָגן אײַך: איר קענט גיין אויף הנחות און פּשרות, אָבער איינס זאָלט איר ניט טאָן — איר זאָלט „ניט אויסבײַטן דאָס רענדל״ (ווי ס׳האָט דער טאַטע אָנגעזאָגט דעם זון אין יענעם מעשהלע). דער ייִוואָ מעג אַפֿילו זײַן ניט ייִדישיסטיש, אָבער יידיש זאָל ער זײַן! איך האָב פֿאַרשטאַנען דעם חשובֿן היסטאָריקער דובנאָוו, וואָס זעט דאָס אַלטע ירושלים, דאָס נײַע זעט ער אָבער ניט. ווען אין פּאַ-לעסטינע מאַכט מען אַ פּאָגראָם אויף יידיש — טאָר דער ייִוואָ ניט שווײַגן! ווילנע רופֿט מען: ירושלים. אָבער ווען ירושלים פּאָגראָמירט ווילנע, קען מען ניט שווײַגן. אַזוי זאָגט אײַך אַן אַרגענטינע, וואָס איז אויך פּאַלעסטינע (און וואָס ווייניקער ציוניסטן עס גיעלטן געווען בײַ אונדז, אַלץ מער פּאַלעסטינע וואָלט דאָרטן געווען). מיר האָבן ליידער אויך ניט געהערט קיין פּראָטעסט

פֿון ייִוואָ קעגן פּאַשיזם. עס זענען מעגלעך הנחות און פּשרות, אָבער מען קען ניט אַריבערטרעטן די גרענעץ און ניט וועלן פּראָטעסטירן קעגן פֿאַשיזם, ווײַל אויב עס וועט חלילה קומען דער פֿאַשיזם — וועט גאָרניט העלפֿן און קיין ייִוואָ וועט ניט זײַן!

ז. רייזען: מיר, וואָס שטייען נאָענט צום ייִוואָ, מעגן זיך פֿאַרגינען צו זאָגן, אַז איינער פֿון אונדזערע גרעסטע אויפֿטוען איז אויך דאָס, וואָס מיר האָבן אויפֿגעבויט אָט די טריבונע, וואָס אויף איר טרעטן מיר אַלע דאָ אויף. פֿאַר וואָס האָט איר, קריטיקירער, ניט געשאַפֿן אַזאַ טריבונע? אין דער געהייבענער אַטמאָספֿערע פֿון אַלוועלטלעכן צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִוואָ זאָל מען ניט פֿאַרגעסן וואָס עס טוט זיך אויף די ערטער. אַלע, וואָס האָבן איצט טענות, ווו זענען זיי געווען בעת דער טאָגטעגלעכער אַרבעט? מען וואַרפֿט איצטער דעם לאָזונג: שוץ פֿון קולטור! אָבער שוץ פֿון קולטור קען נאָר זײַן מיט אַרבעט. איך בין ניט מסכּים מיט ז. קלמנאָוויטשעס שטעלונג אין דער שפּראַכפֿראַגע. איך בייג אָבער מײַן קאָפּ פֿאַר זײַן ערלעכקייט, ווען ער זאָגט, אַז ער קען ניט פּראָטעסטירן קעגן די שענדלעכע רדיפֿות אויף ייִדיש אין פּאַלעסטינע, ווען ער זעט די גלײַכגילטיקייט צו דער ייִדישער קולטור דאָ בײַ אונדז. דער ייִוואָ זוכט צונויפֿצונעמען אויך די נאַציאָנאַלע כּוחות די ייִדישע און דורך דעם שאַפֿן אַ שיצוואַנט פֿאַר דער ייִדישער קולטור. דער ייִוואָ דורך זײַן עקסיסטענץ, דורך זײַן אַרבעט שטאַרקט די ייִדישע קולטור, שאַפֿט ייִדישע קולטורווערטן.

ד"ר ברונאָ קאַרמאַן: נאָך דער רעדע פֿון ז. רייזען געפֿינען זיך מענטשן, וואָס פֿילן זיך שולדיק. איך בין אויך צווישן זיי, דערפֿאַר וועל איך פּרווון אַרײַנפֿירן אַ טאָן פֿון באַרויִקונג. דער ייִוואָ איז אַ אינסטיטוציע פֿון קולטור־וויסנשאַפֿט (לויט דער אײַנטיילונג פֿון ריקערטן: נאַטור-וויסנשאַפֿטן און קולטור־וויסנשאַפֿטן). דער ייִוואָ דאַרף שאַפֿן ווערטן. ווערט איז אַ סאָציאַל-סוביעקטיווער פֿאַקטאָר. מען דאַרף די פֿראַגע, וועלכע ווערטן צו שאַפֿן, אָוועקשטעלן אין צענטער. דער ייִוואָ דאַרף אויך זײַן די אייבערשטע אינסטאַנץ, וואָס דאַרף באַפּרוכפּערן די קולטור־אַרבעט. דער עיקר איז מעטאָדאָלאָגיע — די וויסנשאַפֿטלעכע פּערספּעקטיווע. דעם ייִוואָ פֿעלט אַן אײַנשפּריץ פֿון מאַרקסיסטישער וויסנשאַפֿט. מען האָט דאָ גערעדט וועגן דער שווערער מאַטעריעלער לאַגע פֿון ייִוואָ. דאָס איז, נאַטירלעך, זייער ניט גוט, אָבער אַ ווירקונג אויף דעם כאַראַקטער פֿון דער אַרבעט קען דאָס ניט האָבן. אַ ווילנער פּוילישער זשורנאַליסט האָט אין זײַנע אײַנדרוקן פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד דערציילט זײַנעם אַ שמועס מיט אַ קאָמיוגיסט. דער זשורנאַליסט האָט אים געפֿרעגט, ווי אַזוי קען ער זײַן אידעיִש, ווען ער טראָגט צעריסענע הויזן. האָט אים דער קאָמיוגיסט געענטפֿערט: אָן הויזן קען מען לעבן, אָבער אָן אַ פּערספּעקטיווע — ניט. דובנאָוו זעט ווילנע און ירושלים, ער זעט אָבער

ניט ראַטן-פֿאַרבאַנד. לעשטשינסקי וויל שוין זײַן אָביעקטיוו, ווײַזט ער אָן, אַז פּונקט ווי עס שאַפֿן זיך ווערטן אין ראַטן-פֿאַרבאַנד, אַזוי ווערן זיי אויך געשאַפֿן אין ארץ-ישראל. ווײַנרײַך איז גערעכט, אַז דער ייִוואָ דאַרף זײַן אַ ריינער וויסנשאַפֿטלעכער פֿאָרשונגס-אינסטיטוט אויף צו דערקענען דעם הײַנט. דער אַפּאַראַט אָבער צו דערקענען די ייִדישע ווירקלעכקייט דאַרף זײַן אַ מאַרקסיסטישער.

י. גיטערמאַן: איך האָב זיך פֿאַרשריבן צו אַ וואָרט וועגן קאָנקרעטער אַרבעט, אָבער די דעבאַטע איז אַריבער אויף וועגן, וואָס פֿאַרלירן די דירעקטע שײַכות מיט דער פּראַקטישער אַרבעט. איך האָב ניט מורא, אַז ש. מענדעלסאָן זאָל זיצן אין אויספֿיר-ביוראָ פֿון ייִוואָ. דערפֿון וועט זיך די ליניע פֿון ביוראָ ניט בײַטן. אַ פֿאַקט, אַז כהן-ווירגילי איז אין דער אָנפֿירונג און עס האָט זיך גאָרניט געענדערט. פֿראַגן בעת מען אַבסטראַהירט זיי — וואַקסן זיי אויס צו געוואַלדיקע קאָמפּספּראָבלעמען. דאָ איז געפֿאַלן אַ פֿאַרגלײַך: אייבערשטער שטאָק און אונטערשטער שטאָק. נאָך ריכטיקער וואָלט געווען צו פֿאַרגלײַכן: אַרמיי און גענעראַל-שטאַב. די שול-אָרגאַניזאַציע איז אויך ניט די אַרמיי, דאָס זענען די פּאַרטייען. אָבער קיינער זאָגט דאָך ניט, אַז דער שטאַב האָט געשטערט אַרבעטן. פֿאַרקערט, מענדעלסאָן האָט אָנגעוויזן, וויפֿיל דער אינסטיטוט האָט אויפֿגעטאָן. דער ייִוואָ איז אײַנגעשטעלט אויף רעאַלער אַרבעט, אָבער אין די ראַמען פֿון זײַנע מעגלעכקייטן. דער ייִוואָ האָט אויפֿצוטאָן אומגעהײַער וויכטיקע אַרבעטן פֿאַר אונדזער טאָגטעגלעכן קאַמף. למשל, די פֿאָלקסציילונג פֿון 1921 האָט פֿעסטגעשטעלט דעם ערד-באַזיץ פֿון ייִדן אין פּוילן; וואָלט דער ייִוואָ געהאַט מיטלען בײַצײַטנס דעם מאַטעריאַל צו באַאַרבעטן, וואָלט מען אים געקענט פֿאַרגלײַכן מיט דעם מאַטעריאַל פֿון דער פֿאָלקסציילונג פֿון 1931 און וויסן, ווי מיר האַלטן מיטן ייִדישן ערדבאַזיץ. איצט איז שוין פֿאַרפֿאַלן, ווײַל די מאַטעריאַלן פֿון 1921 זענען פֿאַרניכט געוואָרן. זייער וויכטיק, למשל, וואָלט געווען דורכצופֿירן אַן אויספֿאָרשונג פֿון דעם עקאָנאָמישן אויסראָטונגס-קאַמף קעגן די ייִדן אין גאַליציע; אויב דער ייִוואָ האָט עס ניט געטאָן, איז נאָר אויס מאַנגל אין מיטלען. אַרבעטן אויף די פֿאַך-טערמינאָלאָגיעס איז אַ טאָגטעגלעכע אַרבעט, זאָרגן פֿאַר אַ קאָרעקטער ייִדישער שפּראַך — אויך. דער ייִוואָ שטייט ניט ווײַט פֿון לעבן, דאָס רענדל האָט ער ניט אויסגעביטן. עס איז נאָר אַ פֿראַגע פֿון טאַקטיק. אין טאַקטיק וועט מען זײַן פּשרהדיקער, אָבער אין דער אַרבעט וועט מען זאָרגן פֿאַר דעם עצם. מען וועט אָננעמען אַלע אײַערע אָנווײַזונגען, אויב זיי זענען אַרויסגעדרונגען פֿון אַן איבערגעגעבנקייט צו דעם ייִוואָ. און די דאָזיקע איבערגעגעבנקייט איז דאָ.

די זיצונג ווערט געשלאָסן מיט לייענען פֿאַרשיידענע מעלדונגען צו די דעלעגאַטן און אַ באַגריסונג פֿון די לייבישקער ייִדישע לאַנדווירטן (אַפּלאָדיסמענטן).

באַערונג פֿון ד"ר צ. שאַבאַדס אָנדענק אויף זײַן קבר

(פֿרײַטאָג דעם 16טן אויגוסט 1935)

נאָך 12 אַ זייגער בײַ טאָג האָט דער עולם דעלעגאַטן און געסט זיך פֿאַרזאַמלט אויפֿן בית-עולם צו באַערן דעם אָנדענק פֿון ד"ר צ. שאַבאַד בײַ זײַן קבֿר.

אין נאָמען פֿון צוזאַמענפֿאָר האָבן יוסף יאַשונסקי, יעקבֿ לעשטשינסקי און ז. רייזען געלייגט אויפֿן קבֿר אַ קראַנץ לעבעדיקע בלומען. דאַן האָבן געהאַלטן רעדעס:

אַדוו' יוסף טשערניכאָוו:

שטייענדיק אויפֿן קבֿר פֿון ד"ר צמח שאַבאַד פֿרעגט מען זיך קודם-כל, אין וואָס איז באַשטאַנען דער אומגעווייגלעכער רייץ פֿון זײַן פּערזענלעכקייט, וואָס איז געווען די גרונד-סיבה פֿון דער אומגעווייגלעכער ליבע, מיט וועלכער מענטשן פֿון אַלע לאַגערן האָבן אַרומגערינגלט דעם מנוח.

די נאַטור האָט ד"ר שאַבאַדן באַשאָנקען מיט אַ ריין האַרץ און מיט אַ גאָט געבענטשטער אינטויִציע. דאָס האָט אים געמאַכט פֿאַר אַזאַ גרויסן רופֿא-חולים און מיט דעם דאָזיקן וועג איז ער אויך געגאַנגען אין געזעל-שאַפֿטלעכן לעבן, געשטעלט די דיאַגנאָזן און פֿאָרגעפּילט די פּראָגנאָזן פֿון דעם ייִדישן קיום.

צו זײַנע הויפּטגעדאַנקען און אידעען איז ד"ר שאַבאַד ניט געקומען מיט איין מאָל; זײַן גײַסטיק לעבן האָט זיך אַנטוויקלט אָרגאַניש, בהדרגה. ער איז געגליכן געווען צו אַ בוים, וואָס וואַקסט אויף דער פֿרײַ, וואָס ווײַטער—אַלץ העכער און פֿאַרצווײַגטער.

אַ יונגער מעדיקער, אַ תּלמיד פֿון באַרימטן פּיראָגאָוו, איז ד"ר שאַבאַד אין זײַן יוגנט דורכגעדרונגען געוואָרן אין צענטער פֿון רוסלאַנד, אין מאָסקווע, מיט די ראַדיקאַלע געדאַנקען און הומאַניטאַרע עמאַציעס פֿון דער דעמאָלט גרויסער און פֿײַנער רוסישער אינטעליגענץ. די אַטמאָספֿערע, וואָס איז געווען אין יענע יאָרן אַרום דער באַרימטער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", איז געווען די לופֿט, מיט וועלכער ער האָט געאָטעמט אין זײַן יוגנט און אין

איר פֿאַרבליבן ביז צום לעצטן טאָג פֿון זײַן לעבן. דאָ שטעקן די וואָרצלען פֿון ד״ר שאַבאַדס גײַסטיקן און מאָראַלישן פּרצוף.

שוין אין מאָסקווע, אין די קרײַזן פֿון דער ייִדישער סטודענטנשאַפֿט, די חובֿבֿי ציון און „אַרגענטינער״ (מיט וועלכע שאַבאַד האָט אין זײַן יוגנט סימפּאַטיזירט), באַגעגנט זיך אונדזער מנוח מיט די פּראָבלעמען פֿון ייִדישן לעבן, פֿון ייִדישן קיום.

אָבער ערשט צוריקקומענדיק אין זײַן היימשטאָט, קיין ווילנע, האָט זיך שאַבאַד באַגעגנט מיט די ייִדישע מאַסן און איז אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין די פּראָצעסן פֿון ייִדיש-געזעלשאַפֿטלעכן שאַפֿן.

די קאַטאַסטראָפֿע פֿון דער וועלט-מלחמה האָט ד״ר שאַבאַדן אַוועקגעשטעלט אין צענטער פֿון דער ווילנער מאַסע, וואָס האָט אין משך פֿון יאָרן געשמאַכט אונטערן שווערן שטיוול פֿון דער דײַטשער אָקופּאַציע. אָבער אונטער די שווערע לײַדן איז געשען דאַן דער נס פֿון אויפֿבלי פֿון דער ייִדישער קולטור, דער דראַנג צו שאַפֿן אין ייִדיש נײַע עסטעטישע פֿאָרמען פֿון אייגענער קולטור. אין די שווערע זאָרגן פֿאַר דער מאַטעריעלער עקסיסטענץ פֿון די געפּלאָגטע מאַסן, וואָס איז געלעגן אויף די פּלייצעס פֿון דעם גרויסן ווילנער ייִדישן געזעלשאַפֿטלעכן טוער, האָט זיך ד״ר שאַבאַד באַהעפֿט — און אויף שטענדיק! — מיט אָט דעם ייִדישן קולטור-שאַפֿן, געוואָרן איינער פֿון זײַנע פּראָמינענטסטע און טרײַסטע טרעגער.

און פֿון קולטור צו דער פּראָבלעם פֿון סאָציאַלן קיום. די לעצטע צען יאָר פֿון דעם לעבן פֿון מנוח (אין משך פֿון וועלכע מיר זענען אידעיִש געווען פֿאַרבונדן) זענען געווען געווענדט צום זוכן די דאָזיקע וועגן. צוזאַמען מיט ד״ר שאַבאַד און ה. ד. נאָמבערג זענען מיר געקומען צום „פֿרײַען געדאַנק“, צום שטרעבן סאָציאַל אויפֿן אָרט איבערצובויען דאָס מזרח-אייראָפּעיִשע ייִדישקייט. ניט ווײַט פֿון דאַנען, אויף יענער זײַט ווילייע, האָט שוין געהאַלטן בײַם אויפֿגעבויט ווערן די ערשטע נײַע ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָלאָניע, אַ לעבנספּאַקט און אַ סימבאָל, וועלכע מיר פֿלעגן אין טרוים און אין האָפֿענונג אָנרופֿן „ראשון לפּוליה“...

דאָס לעבן האָט ניט געלאָזט זיך אויף דעם אָפּשטעלן און ד״ר שאַבאַד איז געגאַנגען ווײַטער... די לעצטע ליטעראַרישע אַרבעט, וועלכע שאַבאַד האָט געשריבן, שוין בײַם סוף פֿון זײַן טראַגישער קראַנקייט, אין שווערסטע לײַדן און יסורים, האָט געזאָלט קרוינען, פֿאַרבינדן די „אַרגענטינישע“ טרוימען פֿון דעם יונגען שאַבאַד, זײַן טרײַקייט צו דער ייִדישער פֿאָלקסקולטור דורכן „פֿרײַען געדאַנק“ מיטן ווײַטערן ענדציל, מיט „פֿרײַלאַנד“...

אָט אַזוי איז געווען דער וועג, פֿול מיט האַרמאָניע און עכטער ערלעכקייט, פֿון ד״ר שאַבאַד, וואָס ס'האָט אים געמאַכט פֿאַר איינע פֿון די שענסטע, איידלסטע געשטאַלטן אין אונדזער פֿאָלקסלעבן.

הייליק דאַרף זײַן די ערד, אין וועלכער עס רוט ד״ר צמח שאַבאַד!

ד״ר יעקב שאַצקי:

בעת ס'איז אָנגעקומען אין אַמעריקע די ידיעה וועגן טויט פון ד״ר צ. שאַבאַד, איז דער באַוויַז פון זיַן פּאָפּולאַריטעט געווען דער פאַקט, וואָס די ציַטונגען האָבן וועגן אים אַזוי פיל געשריבן, געדרוקט לייטאַרטיקלען, זכרונות. דער אַמאָפּטייל פון ייִוואָ האָט געמאַכט אַ הזכרה, אויף וועלכער עס איז געקומען אַ גרויסער עולם. זעלטן ווער עס איז אַזוי פאַרהערלעכט געוואָרן ווי ד״ר צ. שאַבאַד.

עס זענען דאָ צוויי טיפּן דאָקטוירים: דער קלינישער דאָקטאָר און דער סאָציאַלער דאָקטאָר. דער קלינישער אינטערעסירט זיך בלויז מיט דער קראַנקייט פון יחיד. דער סאָציאַלער דאָקטאָר פאָרשט דעם סאָציאַלן אָרגאַניזם, אין וועלכן די קראַנקייט אַנטוויקלט זיך, פאָרשט די פאַרבינדונג פון דער קראַנקייט פון יחיד מיט דער קראַנקייט פון דעם סאָציאַלן אָרגאַניזם. אין רוסלאַנד איז אַנטשטאַנען דער טיפּ פון דעם סאָציאַלן דאָקטאָר. רוסלאַנד, דאָס אָפּגעשטאַנענסטע לאַנד, איז געווען דאָס וויגעלע פון דער סאָציאַלער מעדיצין. אין רוסלאַנד פלעגן די מעדיצינישע קאָנגרעסן זיַן אַ רעוואָלוציאָנערער געשריי קעגן צאַריזם. אָט פון דעם טיפּ דאָקטוירים איז געווען ד״ר צ. שאַבאַד. דעריבער איז זיַן אַרבעט וועגן דער ייִדישער שטערבלעכקייט אין ווילנע דורך דער דיַטשער אָקופּאַציע-מאַכט געוואָרן קאָנפיסקירט. שאַבאַד איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער אָן פראַזן. ער איז געווען אַן אידעאַלער סאָציאַלער רופא. ער האָט געהאַט אַ פילאָסאָפיע און אַ וועלט-אָנשויונג און זי דורכגעפירט אין לעבן. אַזעלכע מענטשן זענען זייער זעלטן. ער איז דער רופא, וואָס פרייט זיך, ווען פּאַציענטן קומען ניט און ניט—ווען ער האָט אַ סך חולאים. ד״ר שאַבאַד איז אַן אידעאַל פון אַ רופא, אַ מוסטער פון אַ סאָציאַלן רופא, וואָס היט דעם קערפּער און קעמפט קעגן די קראַנקייטן פון דער געזעלשאַפט.

מיר האָבן אַ מעדיצינישן אוצר אין ייִדיש, וואָס איז נאָך ניט באַקאַנט דעם עולם. שאַבאַד האָט אַריַנגעפירט ניַע טערמינען, ער איז דער פאָטער פון דער מאָדערנער מעדיצינישער טערמינאָלאָגיע אין ייִדיש, דאָס איז זיַן אומפאַרגעסלעכער פאַרדינסט.

אין נאָמען פון אַמאָפּטייל בייג איך דעם קאָפּ פאַר דעם לעבעדיקן טויטן. איך בין אים מקנא, וואָס ער ליגט דאָ אין ווילנע צווישן איַך. נעמט פון אים אינספּיראַציע!

ד״ר ל. וואָלמאַן:

חבר אונדזערער, שאַבאַד! היַנט נאָך אַ האַלבן יאָר, ווי דו ביסט פון אונדז אַוועק, ווי דו האָסט אונדז פאַרלאָזן, געדענקען מיר דעם זוניקן לוויה-טאָג און איך בין ביַ דיַן קבר נידערגעשלאָגן און געבראָכן, ווי אין יענעם טאָג מיט זעקס חדש'ם צוריק. כ'ברענג דיר אַ גרוס פון אונדזערע אָרגאַניזאַציעס „אָזע״ און „טאָז״, פול מיט טרויער און ווייטאָג, אַ גרוס פון צענדליגנגער

שטעט און פון דײַנע חבֿרים און מיטאַרבעטער, פון דײַנע אָנהענגער, אַ גרוס, אַ נדר, אַז דײַן ירושה איז אונדז טײַער און דײַן צוואה הייליק.

אַ גרוס דיר פון הונדערטער אָרעמע קינדער — נעכטן זענען מיר גע-ווען אין דער קינדער-קאָלאָניע פון „טאָז", וווּ מיר האָבן געפילט, ווי עס פלאַטערט דײַן גײַסט אין דײַן געשטאַלט. איך מעלד דיר, אַז כ'בין געקומען קיין ווילנע מיט אַ שליחות צו באַהעפטן אונדזער אַרבעט און באַוועגונג מיט דער אַרבעט פון יִוואָ. דאָס איז זיכער דײַן רצון.

כ'בייג דעם קאָפּ פאַר דײַן קבֿר, וואָס איז אונדז טײַער, און ווייס, אַז איך טו דײַן אַרבעט. כ'האָב דעם קאָפּ, ווײַל כ'דערפיל טײלווײַז דײַן ווילן, כ'פיל, אַז ס'באַגלייט מיך דײַן רצון און דײַן הסכּמה. ערע און כּבֿוד דיר, ליבער און טײַערער ד"ר צמח שאַבאַד, רבי אלופי!

אבֿרהם מאָרעווסקי:

איך ווייס... (וויינט)... עס קען אויסווײַזן, אַז ס'איז שוישפּילערישע טעכ-ניק, אָבער אויף שאַבאַדס לוויה בין איך ניט געווען. צווישן די מתּנות, וואָס דערהייבן דעם מענטשן, איז דאָ אַ געפּערלעכע: דאָס וואָרט. שווער צו זײַן אַ ליגנער אָן ווערטער. טרויער און טרייסט איז chanson sans mots. אויף שטילע בית-עלמינס, צווישן קבֿרים, ווו עס דערמאָנט זיך דער לויף פון פאַרגאַנגענע לעבנס, נעמט אָן אַ קינאה צו די שטילע גרינע גרעזעלעך און ביימער, וועלכע זענען מיטן וואָרט ניט באַשאָנקען. ווי געפינט מען טענער און ווערטער, וואָס אין זיי ווערן ווערטער פאַרשוואונדן? ווען גרעזעלעך און מצבֿות וואָלטן רעדן, וואָלטן זיי געוועזן צו באַשיידן, בכדי צו קענען רעדן וועגן מעשׂים פון טויטע — אַזוי אויך בין איך צו באַשיידן צו קענען דער-ציילן זײַנע מעשׂים. כ'וויל לאָזן הערן מײַן פּערזענלעכן זיפֿץ אויף דעם, וואָס פון שאַבאַדן איז געוואָרן אַ קבֿר מיט בלומען.

בעת שאַבאַדס לוויה בין איך געווען אין לאָדזש, וווּ איך האָב געשפּילט אַ פּאַראַליזירטן קראַנקן במשך פון 10 מינוט און געטראַכט וועגן אים, וועגן שאַבאַדס שמייכל, צי וועט ער זיך באַווײַזן. ווען כ'בין אַראָפּ פון דער בינע, האָט מען מיך אָנגעזאָגט, אַז שאַבאַד איז געשטאָרבן. געטראַכט פון אים און געוואָר געוואָרן פון זײַן טויט. דער טרויער האָט אַרומגענומען מײַן ווילנער ייִדיש האַרץ. איך בין אַ יחיד, אָבער די מאַסע באַשטייט דאָך פון יחידים — שאַבאַד איז געווען באַשיידנקייט און שטילקייט. דערמאָנט זיך די סובטעלע איראָניע, וואָס פלעגט אַראָפּריידן פון שאַבאַדס שמייכל. ריידן וועגן שאַבאַדן, פאַרטרעטירן אים, וועלכער איז געווען אַזוי שטיל און באַשיידן — ווי שווער!

דער אײנציקער, וואָס האָט מיר געגעבן די אמתע מעדיצינישע מענטש-לעכע עצה, איז געווען שאַבאַד. בעת די דאָקטוירים האָבן מיר פאַרווערט צו

ריידן, האָט מיר שאַבאַד געגעבן אַן עצה: רעדט שעפּטשענדיק, פּליסטערט! דאָס איז געווען די עצה, די עצה פון דעם ריז.

מיינס אַן אַרטיקל האָב איך פאַרענדיקט אַזוי: אָנשטאָט שאַבאַדן וועט אין ווילנע אויסוואַקסן זיין מצבֿה. מיט פוסטע ווערטער באַערן זיין אָנדענק? ניין, ניט ווערטער, נאָר טראַכטן און האָפן און גיין אין זיינע דרכים... שאַבאַדס קבֿר איז דער סימבאָל פון יידישקייט מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ. דער קבֿר איז אַ סימן, אַז די טראַדיציעס פון שאַבאַדן וועלן מיר ווייטער פירן און ווייטער וועבן זיינע חלומות, נאָכטאָן זיינע מעשים. מיר וועלן גיין אין זיינע וועגן און ניט אויפהערן צו גיין אין די וועגן פון זיין וווּנדערלעכן שמייכל. מיטן זכרון פון ד"ר שאַבאַד וועלן מיר ניט אַריינפאַלן אין יאוש. ד"ר שאַבאַד האָט געלעבט און זיין זאַך וועט אויך ניט שטאַרבן.

פּראָפ׳ שמעון דובנאָוו:

פּונקט מיט אַ יאָר צוריק אין אַזעלכע הייסע טעג בין איך געווען אין ווילנע זיין גאַסט. צוזאַמען געלעבט, געשמועסט, וועגן אַלטע זכרונות און נייע פּלענער.

מיר זענען געווען אַלטע באַקאַנטע, פריינד פון העכער 30 יאָר. געשמועסט וועגן רעשדיקן יאָר 1905, ווען מיר האָבן געהאָפט אויף גרויסע ענדערונגען פאַרן יידישן צענטער אין רוסלאַנד. מיר האָבן געהאָפט, אַז פון דער רעוואָלוציע וועלן זיין ענדערונגען פאַרן נייעם יידישן לעבן אין רוסלאַנד. מיר פלעגן וועגן דעם שמועסן, ביז פּאָליציי איז דערגאַנגען, אַרעסטירט שאַבאַדן און דערנאָך פאַרשיקט אים קיין אויסלאַנד. פון יענער צייט קען איך אָפּשאַצן זיין איידעלע נאַטור, זיין אינטערעס פאַר אַלץ, וואָס איז גוט און שיין אין סאָציאַלן און אינדיווידועלן לעבן. מיט אַ יאָר צוריק האָבן מיר שטיל און רויק אין צייט פון אומרו און פיין גערעדט וועגן פאַרשיידענע פּראָבלעמען פון יידישן לעבן. אַריבער אַ יאָר און איצט שטיי איך ביים קבר פון אַלטן פריינד און הער די שטילע שטימע שאַבאַדס פון קבר אין שאַרך פון די ביימער און ער רופט און ער זאָגט: מיינע פריינד, יידישע קינדער! פירט ווייטער דעם קאַמף פאַר אונדזער פאָלק, קעגן אונדזער געמיינזאַמען שונא, אָבער ניט צווישן זיך, צווישן פאַרטייען און קרייזלעך, צעברעקלט זיך ניט! עס מוזן זיין מיינונגען, אָבער הייַנט צערייסן זיך אַלע פאַרטייען אויף צען ריכטונגען — דאָס איז געפערלעך און דאָס איז אים פרעמד געווען. מיר מוזן אויף זיין קבר געבן דעם צוזאָג פון טאָלעראַנץ פון איינעם צום צווייטן אין דער סכנותפולער תקופה. לאָמיר זיך ניט צעשיידן! לאָמיר געבן דעם צוזאָג! שלום לעפרו!

פינפטע זיצונג

ערשטער וויסנשאַפטלעכער פּלענום

(פרײַטאָג דעם 18טן אויגוסט 18 אַ זייגער)

פֿאָרזיצער פּראָפ׳ שמעון דובנאָוו און א. טשעריקאָווער. בײַ אַ פֿול געפּאַקטן זאַל ווערן געהאַלטן די דאָזיקע רעפֿעראַטן*):

פּראָפ׳ ש. דובנאָוו (ריגע): „די אויפֿגאַבן פֿון דער ייִדישער היסטאָריִאָגראַפֿיע“.

ד״ר י. שאַצקי (ניו־יאָרק): „די ייִדישע היסטאָריִאָגראַפֿיע אין אַמעריקע“.

ד״ר פֿיליפּ פֿרידמאַן (לאָדזש): „די אָרגאַניזאַציע פֿון דער ייִדישער היסטאָרישער וויסנשאַפֿט און פֿון די ייִדישע היסטאָריקער“.

פּראָפ׳ מ. הלוי (בוקאַרעשט): „דער קאַמף פֿאַר ייִדישער עמאַנציפּאַציע אין רומעניע“.

ד״ר ה. לאַנדוי (פּאָנעוועזש): „די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פֿון דער אומאָפּהענגיקער ליטע און איר ווירקונג אויף דער ייִדישער באַפֿעלקערונג“.

ד״ר מ. ווײַכערט (וואַרשע): „די אויפֿגאַבן פֿון דער ייִדישער טעאַטער־פֿאָרשונג“.

נאָך ד״ר מ. ווײַכערטס רעפֿעראַט האָט ד״ר י. שאַצקי אָפּגעגעבן אַ ערקלערונג, אַז ער האָט געבראַכט אַלע מאַנוסקריפּטן פֿון צווייטן באַנד פֿונעם „טעאַטער־אַרכיוו“, האָט אַנטדעקט אין אַמסטערדאַם 18 פֿלאַקאַטן פֿון אַ ייִדישן אָפּערן־טעאַטער, וואָס האָט עקסיסטירט אין אַמסטערדאַם פֿון סוף אַכצעטן יאָרהונדערט ביז 1816 און געגעבן פֿאָרשטעלונגען אין ייִדיש אויך פֿון אַלגעמיינעם רעפּערטואַר ווי, למשל, מאָצאַרטס „די פֿאַרכישופֿטע פֿלייט“. ער האָט אין זײַן באַזיץ די פֿולשטענדיקע, נאָך קיינמאָל ניט פֿאַרעפֿנטלעכטע אויטאָביאָגראַפֿיע און 53 פּיעסן־מאַנוסקריפּטן פֿון אברהם גאָלדפֿאַדען, וואָס זײַן 100סטער געבורטסטאָג פֿאַלט אויס אין 1940. אין רשות פֿון אַמאָפּטייל געפֿינט זיך איצט

---

*) די וויסנשאַפֿטלעכע רעפֿעראַטן, געהאַלטן אויפֿן צוזאַמענפֿאָר, וועלן פֿאַרעפֿנטלעכט ווערן אין די „ייִוואָ־בלעטער“ אָדער אין די שריפֿטן פֿון ייִוואָ.

אויף דער פּוילער אַרכיוו פֿון יעקבֿ גאָרדין פֿ‏ין אַ פּאָר טויזנט אָביעקטן, וואָס ווערט איצט באַאַרבעט און וועט אַריבערגיין צום טעאַטער-מוזיי ביים ייִוואָ. (שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן).

* *
*

פֿרײַטאָג אין אָוונט איז לכּבֿוד דעם אַלוועלטלעכן צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִוואָ געגעבן געוואָרן דורך דעם ייִדישן מוזיקאַלישן אינסטיטוט מאַניושקאָס אָפּערע „האַלקאַ" אין ייִדיש (איבערזעצונג: ל. סטאַצקי). דער „פֿאָלקס-טעאַטער" איז געווען איבערגעפּאַקט מיט די דעלעגאַטן און געסט צום צוזאַמענפֿאָר און אַ ווילנער עולם, וואָס איז געקומען זען די פֿײַערלעכע פֿאָרשטעלונג. דער עולם האָט נאָך דער פֿאָרשטעלונג געמאַכט אַ שטורמישע אָוואַציע די זינגער, דעם דירעקטאָר פֿון אינסטיטוט רפֿאל רובינשטיין און דעם רעזשיסער א. ווילינסקי.

דריטער טאָג פֿון צוזאַמענפֿאָר

(שבת דעם 17טן אויגוסט)

אין דער פֿרי האָט דער צענטראַלער בילדונגס-קאָמיטעט געגעבן לכּבֿוד דעם ייִוואָ-צוזאַמענפֿאָר אַ גרויסן שול-פֿרימאָרגן. אין „פֿאָלקס-טעאַטער" איז געקומען אַ ריזיקער עולם, דעלעגאַטן, געסט און שולקינדער. די רײַכע פּראָגראַם האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ קאָנצערט פֿון י. גערשטיינס כאָר בײַ דער „געזעלשאַפֿט פֿרײַנד פֿון רעאַל-גימנאַזיע". די „געזעלשאַפֿט פֿרײַנד" האָט ספּעציעל צו דעם שול-פֿרימאָרגן אָפּגעדרוקט פּראָגראַמען מיט די טעקסטן פֿון די לידער, קורצע ביאָגראַפֿיעס פֿון די קאָמפּאָזיטאָרן, אַ באַגריסונג צו די געסט און אַ רשימה פֿון די כאָריסטן. אין שול-פֿרימאָרגן האָבן אָנטייל גענומען די שילער פֿון דער ייִדישער רעאַל-גימנאַזיע, ל. גורוויטש-שול, שלום-עליכם-שול, דער בלאָז-אָרקעסטער פֿון דער ייִנגלשול „מפיצי השׂכּלה" א"נ פֿון ד"ר צ. שאַבאַד.

אין נאָמען פֿון דער ייִשאָ האָט יעקבֿ פּאַט געהאַלטן אַ רעדע, באַערט דעם אָנדענק פֿון פֿאַרשטאָרבענעם פֿאָרזיצער פֿון דער שול-אָרגאַניזאַציע יוסף לעשטשינסקי און גערופֿן צו אַ געמיינזאַמען קאַמף פֿאַר דער ייִדישער שול. נאָכן אויפֿטריט פֿון דעם כאָר האָט י. גראָסמאַן דערמאָנט, אַז דער כאָר האָט שוין צוויי מאָל געזונגען אין ראַדיאָ און בײַ דער געלעגנהייט גערופֿן דעם עולם צו פֿאַרשטאַרקן די קאַמפּאַניע פֿאַר ייִדישע אודיציעס אין ראַדיאָ. דער רוף איז אויפֿגענומען געוואָרן מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן פֿון גאַנצן זאַל.

פֿיר אַ זייגער איז אויף דער רודער-סטאַנציע פֿון „מכבי" אויף דער ווילייע פֿאָרגעקומען אַ ספּאָרט-יום-טובֿ לכּבֿוד דעם ייִוואָ-צוזאַמענפֿאָר. עס איז אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אויפֿן וואַסער אַ נײַ שפּאַצירשיפֿל וואָס האָט באַקומען

דעם נאָמען „יִוואָ", פֿאַראייניקט מיט אַ דעפּילאַדע פֿון דער גאַנצער מעבּי־פּלאָטיליע, רודער־ און שווים־פֿאַרוועטונגען. עס זענען געווען פֿאַרשטייער פֿון יִוואָ און אַ היפּשער עולם דעלעגאַטן און געסט פֿון יִוואָ־צוזאַמענפֿאָר, צווישן זיי דער דיכטער ז. ס ע ג א ל א ו י ט ש. די אַנטהילונג פֿון דעם שיפֿל האָט דורכגעפֿירט יעקבֿ באָטאָשאַנסקי (בוענאָס־אײַרעס) און געהאַלטן דערבײַ אַ רעדע. אַרײַנגעשטעלט די פֿאָן האָט גוסטאַוו אײַזנער (ניו־יאָרק). באַגריסונגס־רעדעס פֿאַר דעם יִוואָ האָבן געהאַלטן דער פֿאָרזיצער פֿון דער רודער־סטאַנציע, ד"ר קיניגסבערג און ג. גינזבורג. די געסט פֿון צוזאַמענפֿאָר האָבן אויך באַקוקט דעם בנין פֿון דער רודער־סטאַנציע מיט אַלע זײַנע אינעווייניקסטע אײַנריכטונגען. אַלץ מיט אַנאַנדער האָט געמאַכט אַ רושם.

טאָג פֿון דער יִדישער ליטעראַטור

אָרגאַניזירט פֿון יִדישן פּען־קלוב

(שבת דעם 17טן אויגוסט 4 אַ זייגער נאָך מיטאָג)

עס זענען געהאַלטן געוואָרן די דאָזיקע רעפֿעראַטן:

נ ח פּ ר י ל ו צ ק י — די ראָלע פֿון ליטעראַטור אין קאַמף פֿאַר פֿרײַהייט.

מ. ו ו אַ נ ו ו י ל ד — יִדיש אַלס נאַציאָנאַלע לעבנס־פֿאָרם.

ד"ר י ע ק ב ש אַ צ ק י — די יִדישע ליטעראַטור אין אַמעריקע.

א י צ י ק מ אַ נ ג ע ר — די יִדישע דיכטונג.

מ ש ה ש אַ ל י ט — די אָרגאַניזאַציע פֿון די יִדישע פּען־קלובן.

נ ח מ ן מ ײַ ז י ל — 20 יאָר יִדישע ליטעראַטור.

ל ע אָ פֿ י נ ק ע ל ש ט י י ן — ה. לייוויקס „גאולה־קאָמעדיע".

ז. ר י י ז ע ן — די יִדישע פּרעסע.

י ע ק ב ב אָ ט אָ ש אַ נ ס ק י — די יִדישע ליטעראַטור אין אַרגענטינע.

ד"ר י ש ר א ל ר ו ב י ן — די יִדישע ליטעראַטור אין ארץ־ישראל.

ד"ר מ. ד י אַ מ אַ נ ט — די יִדישע פּען־גרופּע אין טשערנאָוויץ.

אַ ל ט ע ר ק אַ צ י ז נ ע — די אויפֿגאַבן פֿון יִדישן שרײַבער.

20 אַ זייגער האָט זיך אָנגעהויבן דער עפֿנטלעכער אָוונט פֿון יִדישע שרײַבער מיטן אָנטייל פֿון נ. באָמזע, מ. בורשטין, מ. גאָלדמאַן, מ. גראָסמאַן, בער האָראָוויץ, א. וואָגלער, רייזל זשיכלינסקי, דניאל טשאַרני, א. מאָרעווסקי, ל. מלאך, י. פּערלע, ק. שמערקע א"אַ. עס איז אויך באַגריסט געוואָרן דער דיכטער שמואל־יעקבֿ אימבער.

זעקסטע זיצונג

רעפֿעראַטן אין די וויסנשאַפֿטלעכע סעקציעס

(זונטאָג דעם 18טן אויגוסט 10 אַ זייגער*)

די זיצונגען קומען פֿאָר אין די זאַלן פֿון ייִוואָ-בנין; אין אַלע סעקציעס איז געקומען זייער אַ גרויסער עולם, וואָס האָט מיט גרויס אינטערעס אויסגעהערט די רעפֿעראַטן און דיסקוסיעס.**)

זיצונג פֿון דער פֿילאָלאָגישער סעקציע.

פֿאָרזיצער **נח פּריל וצקי** עפֿנט די זיצונג פֿון דער סעקציע פֿאַר שפּראַך, פֿאָלקלאָר און עטנאָגראַפֿיע.

עס ווערן געהאַלטן די דאָזיקע רעפֿעראַטן:

ד״ר פֿראַנץ בעראַנעק (ייִנדריכאָוו הראַדעץ): „ייִדיש אין טשעכאָסלאָוואַקײַ“. אין דער דיסקוסיע נעמען אָנטייל: נח פּרילוצקי, מ. ווײַנרײַך, ד״ר ב. קאָרמאַן.

ד״ר יוסף דאַווידסאָן (קאָפּנהאַוון): „פֿאַרגלײַכנדיקע מעטאָדע אין דער פֿאָרשונג פֿון קולטורעלע ענינים“. אין דער דיסקוסיע נעמען אָנטייל: מ. ווײַנרײַך, נח פּרילוצקי, ד״ר ב. קאָרמאַן.

ד״ר מאַקס דיאַמאַנט (טשערנאָוויץ): „די ייִדישע פֿאָלקסקונסט“. אין דער דיסקוסיע נעמען אָנטייל: בער האָראָוויץ, מ. ווײַנרײַך.

נפֿתּלי ווײַניג (ווילנע): „געשיכטע און פּראָבלעמען פֿון דער ייִדישער פֿאָרעמיאָגראַפֿיע“. אין דער דיסקוסיע נעמט אַ וואָרט נח פּרילוצקי.

יודל מאַרק (קאָוונע) לייענט דעם צוגעשיקטן רעפֿעראַט פֿון יודאַ א. יאַפֿע (ניו-יאָרק): „ייִדיש אין אַמעריקע“.

---

*) צוליב מאַנגל אין צײַט זענען די רעפֿעראַטן פֿון רבקה נאַטיק און פֿיליפּ פֿרידמאַן געהאַלטן געוואָרן מאָנטאָג פֿאַר מיטאָג און ד״ר גאָלדע פּאַץ האָט אין גאַנצן צוריקגעצויגן איר רעפֿעראַט.

**) וועלן פֿאַרעפֿנטלעכט ווערן אין די „ייִוואָ-בלעטער“ אָדער אין די שריפֿטן פֿון ייִוואָ.

זיצונג פון דער היסטאָרישער סעקציע.

פאָרזיצער ד״ר יעקב שאַצקי (ניו־יאָרק) עפנט די זיצונג, דריקט אויס די האָפענונג, אַז צוליב דער גרויסער צאָל פאַראינטערעסירטע און פאָרשער פון דער יידישער געשיכטע וועט זיך מיט דער צייט שאַפן אַרום דעם ייוואָ דער יידישער היסטאָריקער־אינטערנאַציאָנאַל: „די יידישע געשיכטס־פאָרשונג איז צעשפּליטערט אין אַ שיעור שפּראַכן; איך בין איבערצייגט, אַז יידיש וואָלט געקענט זיין די שפּראַך פון דעם דאָזיקן יידישן היסטאָריקער־אינטערנאַציאָנאַל״.

עס ווערן געהאַלטן די דאָזיקע רעפעראַטן:

ד״ר רפאל מאַהלער (וואַרשע): „וועגן נאַציאָנאַל־סאָציאַלן כאַראַקטער פון דער קאַראַימישער באַוועגונג אין איר אָנהייב־תקופה״.

ד״ר רודאָלף גלאַנץ (ווין): „די אונטערשטע שיכטן פון דייטשן יידנטום אין 18טן יאָרהונדערט״.

אדוו׳ פנחס קאָן (ווילנע): „די אינווענטאַריזירונג פון אַרכיוו־מאַטעריאַלן מכוח יידן אין אַלגעמיינע און יידישע אַרכיוון אין מזרח־אייראָפּע״.

ד״ר מ. העלער (ווילנע): „אַ יידיש שטעטל אין דער ליטע אין 18טן יאָרהונדערט״.

ד״ר ע. רינגעלבלום (וואַרשע): „צו דער קולטור־ און שטייגער־געשיכטע פון די וואַרשעווער יידן אין 18טן יאָרהונדערט״.

ד״ר פיליפ פרידמאַן (לאָדזש): „אינדוסטריאַליזאַציע ביי יידן אין קאָנגרעס־פּוילן 1800—1870״.

ד״ר רבקה נאָטיק (ווילנע): „צו דער געשיכטע פון האַנטווערק ביי ליטווישע יידן״.

אין דער דיסקוסיע נעמען אַן אָנטייל צו די רעפעראַטן פון דער היסטאָרישער סעקציע ד״ר י. שאַצקי, ד״ר ר. מאַהלער, ד״ר מ. העלער, פּראָפ׳ מ. א. הלוי, ד״ר מ. דיאַמאַנט, א. טשעריקאָווער, ד״ר פיליפ פרידמאַן, ג. איזנער, י. הירשאָוויטשקי, ד״ר ע. רינגעלבלום.

פּראָפ׳ הלוי (בוקאַרעשט) טראָגט אַריין אַ פאָרשלאָג, אַז יעדער מיטגליד פון דער היסטאָרישער סעקציע זאָל נעמען אויף זיך אַ געוויסן טייל פון דער היסטאָרישער ביבליאָגראַפיע; דער פאָרשלאָגער נעמט אויף זיך די ביבליאָגראַפישע אַרבעט בנוגע רומעניע.

זיצונג פון דער פּסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישער סעקציע.

פאָרזיצער ד״ר ה. קאָוואַרסקי, וועלכער ווייזט אָן אין זיין אַריינפיר־וואָרט, אַז די פּסיכאָפּעדסעקציע דאַרף צוליב דער אַקטועלקייט פון איר

ארבעט זיין די לעבעדיקסטע צווישן די סעקציעס פון יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט, עס איז די סעקציע, וואס האט זיך געשטעלט פאר א ציל צום ערשטן מאל אין דער געשיכטע פון אונדזער קולטור צו באהאנדלען די פסיכאלאגיש-פעדאגאגישע ענינים, וואס זענען נוגע דעם יידישן קינד. צום באדויערן האבן זיך ארויסגעוויזן גרויסע שוועריקייטן ביים רעאליזירן די אויפגאבעס פון דער פסיכפעדסעקציע, ביים איינשטעלן א קאנטאקט מיט דער פראקטישער שולארבעט. איצט וועט מען דארפן זיך ענערגישער נעמען צו דער רעאליזירונג פון די אויפגאבעס. א געוויסע ראלע וועט אין דעם קענען שפילן די ד"ר צ. שאבאד-אספיראנטור ביים ייווא.

לעא פינקעלשטיין (ווארשע) רעפערירט א קיצור פון זיין רעפעראט „מיטאס, אלעגאריע, מעטאפיזיק" — צו דער אנטוויקלונגס-געשיכטע פון דער יידישער פילאסאפיע („פון פילא יודעוס ביז משה מענדעלסאן"), מיט דער באמערקונג, אז ער האלט זיין רעפעראט אין דער פסיכאלאגיש-פעדאגאגישער סעקציע, עס איז שוין אבער צייט צוצוטרעטן צו דער גרינדונג פון א סעקציע פאר יידישער פילאסאפיע ביים יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט.

ד"ר ישראל רובין (תל-אביב) רעפערירט וועגן דעם יידישן קינד אין ארץ-ישראל.

ד"ר ליבע קאנעל (ביאליסטאק) האלט א רעפעראט: „פאך-קאנסולטאציע און דער יידישער עקאנאמישער אויפבוי".

ד"ר מ. וויינבערג (פיטסבורג) רעפערירט וועגן די אויסזיכטן פאר יידישע פארשונגען אויפן פסיכיאטרישן פעלד.

ראזע סימכאוויטש (ווארשע) גיט אפ א באריכט פון אן אנקעטע וועגן דער מאראליטעט פון די יידישע שולקינדער אין ווילנע. אן ארייַנפיר צו דעם באריכט גיט ד"ר מ. וויינרייך וועגן אן ענלעכער אויספארשונג איבער פוילישע שולקינדער (לויט דעם באריכט אין דעם פוילישן זשורנאל Sprawy Nauczycielskie דעצעמבער 1934).

אין דער דיסקוסיע נעמען אן אנטייל פר' האלצמאן, ד"ר מאריע שאפירא, ד"ר ה. קאווארסקי, מ. ריינהארץ (סוועגציאן), ד"ר י. רובין, ד"ר ל. קאנעל.

פּראָקלאַמירונג פֿון דעם קונסטמוזיי בײַם ייִוואָ

(זונטאָג, דעם 18טן אויגוסט, 14 אַ זייגער)

צו דער פֿײַערלעכער פּראָקלאַמירונג פֿון דעם קונסטמוזיי בײַם ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט האָט זיך אין דעם, צום אָנדענק פֿון ריווע אייטינגאָן נײַ אויפֿגעבויטן זאַל אין בנין פֿון ייִוואָ פֿאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם פֿון דעלעגאַטן און געסט ווי אויך די ייִדישע קינסטלער. דער בילדערזאַל האָט זיך געעפֿנט מיט אַן אויסשטעלונג פֿון גראַוויורן פֿון מאַרק שאַגאַל אין דער געגנוואַרט פֿון דעם באַרימטן קינסטלער, דעם איניציאַטאָר פֿון דעם קונסט-מוזיי בײַם ייִוואָ (די ציקלען גראַוויורן: „פֿון חומש“, „לאַפֿאָנטענס משלים“, גאָגאָלס „טויטע נפֿשות“, „מײַן לעבן“).

ד״ר ישראל סאָלאָוויי, דער פֿאָרשטייער פֿון דער פֿאַמיליע איי-טינגאָן (לאָדזש), וואָס אַדאַנק אים איז רעאַליזירט געוואָרן דער פֿאָנד אויף דעם אויפֿבוי פֿון דעם בילדערזאַל, האָט איבערגעגעבן פּראָפֿ׳ ש. דובנאָוון איבערצושנײַדן דעם באַנד צום אַרײַנגאַנג אין זאַל.

פּראָפֿ׳ ש. דובנאָוו האַלט די עפֿנונגס-רעדע, באַגריסט מאַרק שאַגאַלן און ערקלערט דעם זאַל פֿון קומענדיקן קונסטמוזיי פֿאַר געעפֿנט.

ז. רייזען זאָגט צ״אַ, אַז דער 18טער אויגוסט 1935 וועט בלײַבן אַ דאַטע אין דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער קונסט. דאָ אין דעם בילדער-זאַל פֿון ייִוואָ וועט מיט דער צײַט קאָנצענטרירט און געפֿאָרשט ווערן דער ייִדישער קונסטאײַגנס פֿון דער גאָרער וועלט. ער דערמאָנט אויך די אַרבעט פֿון קינסטלער ב. זאַלקינד בײַם אײַנאָרדענען די אויסשטעלונגען.

ד״ר מאַקס דיאַמאַנט שטעלט זיך אָפּ אויף די פּראָבלעמען פֿון דער ייִדישער קונסט און די אויפֿגאַבעס פֿון דער ייִדישער קונסטפֿאָרשונג.

יעקבֿ שער (אין נאָמען פֿון די ווילנער ייִדישע פּלאַסטיקער): עס איז דער גרעסטער יום-טובֿ פֿאַרן ייִדישן יונגן קינסטלער צו זען שאַגאַלן. שאַגאַל איז דער חלום פֿון יעטוועדן יונגן קינסטלער. די ווילנער קינסטלער האָבן דערלעבט צו זען מיט זייערע אויגן שאַגאַלן און הערן אים ריידן אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער שפּראַך, אויף דעם עספּעראַנטאָ, וואָס רופֿט זיך: ייִדישע קונסט.

י. שער דאַנקט אויך זלמן רייזענען, וואָס האָט צו שטאַנד געבראַכט די גרינדונג, און רופֿט מאַרק שאַגאַלן צו וועקן דעם אינטערעס פֿאַרן ייִוואָ בײַ יענע ייִדישע קינסטלער פֿון פּאַריז, וואָס באַהאַלטן זייערע ייִדישע נעמען. דער ייִדישער פּאַריזער קינסטלער מוז זיך אָפּרופֿן אויף דעם אויפֿטו פֿון ייִוואָ, וואָס איז רעאַליזירט געוואָרן אַדאַנק דעם ערשטן ייִדישן מעצענאַט אייטינגאָן.

י. שערס פֿאָרשלאָג אויסצוקלײַבן פֿאַר אַן ערן-פֿאָרזיצער פֿון דער קונסטסעקציע פֿון ייִוואָ דעם קינסטלער מאַרק שאַגאַל איז אויפֿגענומען געוואָרן מיט אַפּלאָדיסמענטן.

יעקבֿ באָטאָשאַנסקי באַגריסט מאַרק שאַגאַלן. שאַגאַלס קונסט איז ניט עספּעראַנטאָ, זי איז — די ייִדישע שפּראַך, אויף וועלכער ער רעדט צו דער וועלט. מיט אַ צײַט צוריק ווען דער רעדנער האָט געלייענט, אַז שאַגאַל זאָל האָבן געוואָלט מיט זײַנע ווערק פֿאַרלייגן אַ קונסטמוזיי אין פּאַלעסטינע, האָט ער דאָס ניט געוואָלט גלייבן, ווײַל שאַגאַלס קונסט איז דורך און דורך ייִדיש און פּאַסט זיך צום בעסטן אַרײַן אין ווילנע, אין דער הויפּטשטאָט פֿון ייִדיש-לאַנד.

עס האָט נאָך אויך גערעדט א. מאָרעווסקי און דאַן האָט ז. רייזען געשלאָסן די פֿײַערונג פֿון דער פּראָקלאַמירונג פֿון דעם קונסטמוזיי און דער עולם האָט באַקוקט די אויסגעשטעלטע שאַגאַל-גראַווירן.

גלײַכצײַטיק האָט זיך אין די זאַלן פֿון ייִוואָ אויך געעפֿנט די אויסשטעלונג פֿון ייִדישע פּלאַסטיקער לכּבֿוד דער פּראָקלאַמירונג פֿון דעם קונסטמוזיי. אין דער אויסשטעלונג האָבן זיך באַטייליקט די קינסטלער: יאַנקל אַדלער, דיסלדאָרף (איצט וואַרשע); בענגיס, וואַרשע; הדסה גורעוויטש, ווילנע; מאָטל גלאָצער, ווילנע; האַררי דאַניעלס, ניו-יאָרק; בער האָראָוויץ, סטאַניסלאָוו; לייב הערשדערפֿער, סקאָלע; וואָלף וויטאַל (קאַפּלאַנסקי), ווילנע; יעקבֿ ווײַנלעז, וואַרשע; בער זאַלקינד, ווילנע; זאַמעטשעק, ווילנע; ה. חײַמאָוויטש, לאָדזש; יעקבֿ טשאַרנאָצקי, ווילנע; רפֿאל כוואָלעס, ווילנע; משה לייבאָווסקי, ווילנע; יצחק ליכטענשטיין, פּאַריז; אליהו לעבעד, ווילנע; אבֿרהם מאַניעוויטש, ניו-יאָרק; האָרסט מאָראַץ, בערלין; יעקבֿ מאַרקעל, לאָדז; י. מיטלער, לאָדזש; בענציע מיכתּם, ווילנע; מאַוריצי מינקאָווסקי ע״ה; רחל סוצקעווער, ווילנע; יוסף סערלין, יאַלעווקע; שיינע עפּראָן, ווילנע; משה פּרעזמאַן, ווילנע; ש. פֿינקעלשטיין, לאָדזש; בנציון צוקערמאַן, ווילנע; שמואל ציגלער, בענדין; יאָסל קאַגאַנס, ווילנע; יוסף קאָוונער, לאָדזש; אסתּר קאַרפּ, וואַרשע; אָ. ראָזאַנעצקי, ביאַליסטאָק; איסר ראָזשאַנסקי, ווילנע; אַרטור שיק, לאָדזש; יעקבֿ שער, ווילנע; נתן שפּיגעל, ראַדאָמסק.

די אויסשטעלונגען זענען באַזוכט געוואָרן פֿון פֿיל הונדערטער מענטשן, פֿון די ייִדישע שולן און האָבן געפֿונען וואַרעמע אָפּקלאַנגען אין דער פּרעסע.

זיבעטע זיצונג

צווייטער וויסנשאַפֿטלעכער פּלענום

(זונטאָג, דעם 18טן אויגוסט, 17 אַ זייגער)

פֿאָרזיצער י. גיטערמאַן.

א. טשעריקאָווער (פּאַריז): לייענט אַ רעפֿעראַט „די מעטאָדן צו פֿאָרשן די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג".

נח פּרילוצקי (וואַרשע): רעפֿערירט אד"ט „מיט וואָס איז ייִדיש אָפּגעטיילט פֿון דײַטש".

ז. רייזען לייענט פֿאָר אַ מעלדונג פֿון דער איניציאַטיוו-גרופּע פֿאַר דער גרינדונג פֿון אַ ייִדיש-ליגע. מאַכט אַ ריי באַמערקונגען צו נח פּרילוצקיס רעפֿעראַט. אין דער דיסקוסיע נעמט אַן אָנטייל מתתיהו מיזעס.

י. גראָסמאַן (ווילנע): אין נאָמען פֿון דער אָרגאַניזירטער לערער-שאַפֿט פֿון די ייִדיש-וועלטלעכע שולן אין ווילנע לייענט אַ דעקלאַראַציע, וואָס שטעלט אַרויס אַ ריי פֿאָדערונגען דעם ייִוואָ אויפֿן געביט פֿון דעם ייִדיש-וועלטלעכן שולבוי און שולקאַמף. די ייִדישע לערערשאַפֿט איז געשטאַנען בײַם גרינדן דעם ייִוואָ און דאָ אויפֿן צוזאַמענפֿאָר זענען די לערער געסט און ניט קיין באַרעכטיקטע מיטגלידער. די ייִדיש-וועלטלעכע שול איז דער יסוד, וואָס אויף דעם קענען עקסיסטירן די ייִדישע קולטור-אינסטיטוציעס, בתוכם דער ייִוואָ, מוז די שולאַרבעט זײַן אַ אינטעגראַלער טייל פֿון דער אינסטיטוט-אַרבעט. דער ייִוואָ האָט ניט פּראָטעסטירט קעגן די רדיפֿות אויפֿן ייִדיש-וועלטלעכן שולוועזן, קעגן אָפּמעקן די ייִדישע שול אין לעטלאַנד, קעגן די רדיפֿות אויף ייִדיש אין פּאַלעסטינע. מיר שאַצן הויך די גרויסע אַרבעט פֿון ייִוואָ אויפֿן געביט פֿון אָרגאַניזירן און אַנטוויקלען די ייִדישע וויסנשאַפֿט און קולטור, אָבער ער דאַרף זיך ווענדן צו די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן, וואָס טראָגן אויס די ייִדיש-וועלטלעכע קולטור. ער דאַרף אויך אָננעמען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו דער ייִדישער מאַסן-קולטור אין ר"פּ.

יעקבֿ לעשטשינסקי (וואַרשע): האַלט זײַן רעפֿעראַט „די איצטיקע סטאַדיע אין דער וועלטווירטשאַפֿט און די פּערספּעקטיוון פֿון דער ייִדישער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג".

ד״ר ר. מאַהלער (וואַרשע) אָפּאָנירט קעגן אייניקע אויספירן פון רעפערענט.

פּראָפ׳ פּישל שניאורסאָן (וואַרשע): מחמת דעם גרויסן דרך־ארץ צום ייִוואָ, צום צוזאַמענפאָר וויל איך ניט אָראָפּנעמען מײַן פּאָרטראָג „די עמאַנציפּאַציע פון דער ייִדישער וויסנשאַפט״, וואָס כ׳קלײַב זיך צו האַלטן, כאָטש ער איז אַ ריין אַקאַדעמישער און פּאַסט אפשר ניט פאַר דער אָנגע־גליטער אַטמאָספערע. ס׳איז דאָך צו באַגריסן דעם ייִוואָ, וואָס אים קומט אויס צו אַרבעטן אין אַזאַ צעהיצטער סבֿיבֿה, וועלכע רעאַגירט אַזוי שטאַרק אויף יעדער אַרויסטרעטונג. אַפילו ריין אַקאַדעמישע פּאָרטראָגן רופן אַרויס הייסע דיסקוסיעס. אין גאָגאָלס „טאַראַס בולבאַ״ ווערט געשילדערט ווי טאַראַס פּרוווט זיך שלאָגן מיט זײַנע ביידע זין, די קאָזאַקן. די זין גיבן אָבער דעם טאַטן גוטע קלעפּ און וואָס מער זיי שלאָגן דעם טאַטן אַלץ פרייט ער זיך מערער און שרייט: — גוטע קאָזאַקן!

די טוער פון ייִוואָ דאַרפן זײַן צופרידן, וואָס זיי האָבן ניט באַגעגנט בײַם עולם קיין גלײַכגילטיקייט און באַקומען קלעפּ נאָך קלעפּ. דאָ זיצן אין זאַל גוטע קאָזאַקן.

לאָמיר אָבער געדענקען דאָ און דערמאָנען דעם עיקר, אַז די הויפּט־אויפגאַבע פון ייִוואָ איז די עמאַנציפּאַציע פון דער ייִדי־שער וויסנשאַפט, וואָס שטייט איצט אויפן סדר־היום פון דער געשיכטע ווי אַ ברענפראַגע פון דער ייִדישער וועלט־קולטור.

די עמאַנציפּאַציע, די נאַציאָנאַלע פאַרזעלבסטשטענדיקונג, האָט זיך צו ערשט אָנגעהויבן אין דער ייִדישער ליטעראַטור, האָט זיך באַלד אַריבער־געוואָרפן אויף ייִדישער פּעדאַגאָגיק און סאָציאַלער מעדיצין, אויף איינצלנע פּאָרשונגסצווײַגן. אויף אָט די אַלע געביטן האָט די עמאַנציפּאַציע זיגרײַך געוועקט און געבראַכט צום אויסדרוק די שעפערישע פאָלקס־כוחות. די שנעל אויסגעוואַקסענע אָריגינעלע ייִדישע ליטעראַטור ווערט ניט ווייניק איבערגע־זעצט אויף אַנדערע שפּראַכן, די ריזיקע דערגרייכונגען פון דער ייִדישער פּעדאַגאָגיק און סאָציאַלער מעדיצין רופן אַרויס ניט ווייניק באַוווּנדערונג. איז שוין די צײַט לאַנג רייף געוואָרן פאַר דער אַלגעמיינער עמאַנציפּאַציע פון דער ייִדישער וויסנשאַפט, וואָס איז דאָך די הויפּטבאַזע פון דער וואַקסנדיקער ייִדישער קולטור.

אָבער דאָ שטייען מיר פאַר אַן אומגעריכטער שוועריקייט. ס׳ווײַזט זיך גאָר אַרויס, אַז די וויסנשאַפט, וואָס שאַפט מעטאָדן פאַר אַלע אירע געביטן, האָט אָבער זיך אַליין, אַלס גאַנצקייט, פאַרגעסן און פאַרטיילט. זי האָט נאָך ניט פאַרענטפערט, אַפילו ניט געשטעלט די פראַגע: ווי אַזוי פאַרפלאַנצט מען

די וויסנשאַפֿט אין אַ קאָלעקטיוו? וועלכע זענען די מעטאָדן און פּרינציפּן? און בײַ אַן ערשט אויפֿשטייענדיקער קולטור, ווי אונדזערע, קומט נאָך די פֿראַגע: צי איז שוין בכלל פֿאַראַן אַ ייִדישע וויסנשאַפֿט? ס׳זענען דערווײַל פֿאַראַן איינצלנע פֿאָרשונגען אויף געוויסע געביטן — צי זענען עס בלויז יחידישע אַרבעטן אָדער אָנהייבן און טיילן פֿון אַן אָרגאַנישער קאָלעקטיוו־שאַפֿונג?

אין דער ריכטונג געפֿינען מיר אין דער געשיכטע פֿון דער וויסנשאַפֿט בלויז קנאַפּע איינצלנע פּרווון. ווי באַקאַנט, האָט דער שאַפֿער פֿון דער סאָציאָלאָגיע, אָ ג י ס ט ק אָ נ ט, אויפֿגעשטעלט דאָס געזעץ פֿון די דרײַ פּעריאָדן אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער וויסנשאַפֿט (דער טעלעאָלאָגישער, מעטאַפֿיזישער און עמפּירישער). ס׳קומט אויס, אַז די וויסנשאַפֿט האָט אירע אייגענע, אימאַנענטע טענדענצן פֿון אַנטוויקלונג, וואָס מ׳מוז באַרעכענען בײַם אויפֿבוי פֿון דער וויסנשאַפֿט. מאַכן מיר אַ שריט ווײַטער. ווי מ׳זאָל זיך ניט באַציִען צו דער פֿיל באַצווייפֿלטער טיילונג פֿון קאָנט, איז אָבער קלאָר, אַז ער האָט פֿאַרזען דעם פֿערטן פּעריאָד אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער וויסנשאַפֿט, נעמלעך — דעם הײַנטיקן, וואָס מ׳קאָן באַצייכענען אַלס פּאָליטישן. דער דראַנג פֿון היסטאָרישע געשעענישן אין דער נײַער צײַט איז אַזוי גוואַלדיק, אַז די וויסנשאַפֿט, ווי די קונסט, מוזן זיך צופּאַסן, כּמעט אויף אַ זייער „קאָרעקטן״ כּשרן אופֿן, ד״ה ניט, חלילה, דורך פֿאַלשקייט (ווי דאָס טוען בלויז די אויסוווּרפֿן פֿון דער וויסנשאַפֿט בײַ יעדן רעזשים), נאָר פֿון פֿילע גלײַך אָנגענומענע געביטן און מעטאָדן ווערן י ע נ ע „מער״ (אָבער ניט אויסשליסלעך) אַרויסגערוקט אין פֿאָדערגרונט, וו אָ ס זענען מער צוגעפּאַסט פֿאַר די געגעבענע סאָציאַלע באַדינגונגען.

און אָט איז אַ צווייטער זײַטיקער פּרווו.

אין דײַטשלאַנד האָט נאָך פֿאַר דער מלחמה ש מ י ד ־ ק ו נ צ ע אויפֿגעשטעלט ווי אַ באַזונדערע דיסציפּלין די הויכשול־פּעדאַגאָגיק, וואָס ער באַצייכנט מיט דעם ספּעציעלן נאָמען אַנדראַגאָגיע (ד״ה די וויסנשאַפֿט פֿון דער דערציִונג פֿון דערוואַקסענע צום אונטערשייד פֿון פּעדאַגאָגיק, וואָס באַציט זיך אויף קינדער). שמיד־קונצע האָט דאָ געמאַכט בלויז אַן אָנהייב. מ׳מוז נאָך דאָ אויסטיילן דאָס געביט פֿון פֿאָלקסבילדונג אָדער פֿאָלקס־אַנדראַגאָגיע (פֿאָלקס־אוניווערסיטעטן, אָוונטקורסן אאַז״וו) און דאָס סאַמע קאָמפּליצירטע און ווערטיקע געביט, נעמלעך — די נאַציאָנאַל־פּעדאַגאָגיק פֿון דער וויסנשאַפֿט (אָדער, דערלויבט מיר דעם אַזוי שווערן אויסדרוק, די נאַציאָגאָגיק פֿון דער וויסנשאַפֿט), ד״ה די מעטאָדן ווי אַזוי צו פֿאַרפֿלאַנצן די וויסנשאַפֿט אין אַ פֿאָלקס־קאָלעקטיוו.

באַטראַכטן מיר די אַנטוויקלונג פֿון דער וויסנשאַפֿט בײַ פֿאַרשיידענע פֿעלקער, קאָנען מיר אינדוקטיוו אויפֿשטעלן אייניקע פּרינציפּן און טענדענצן, וואָס האָבן פֿאַר אונדז אויך אַ פּראַקטישע באַדײַטונג.

צו ערשט איז עס דער פּרימאַט פֿון פֿילאָלאָגישע און היסטאָרישע וויסנשאַפֿטן. די מעשה איז, וואָס שפּראַך און געשיכטע זענען די ערשטע כּלי-זיין בײַ דער עמאַנציפּאַציע פֿון אַ נאַציאָנאַלער קולטור. די פֿילאָלאָגן און היסטאָריקער זענען ממילא די פֿאָרקעמפֿער און וואָרטפֿירער. בײַ אַלע זייערע אומגעהײַערע פֿאַרדינסטן, ברענגען אָבער די לעצטע די געפֿערלעכע טענדענץ צו אַ היפּערטראָפֿיע אָדער איינזײַטיקער איבעראַקצענטוירונג פֿון פֿילאָלאָגישע און היסטאָרישע וויסנשאַפֿטן אויפֿן חשבון פֿון אַנדערע וויסנשאַפֿטן. נאָך אין פֿאָריקן יאָרהונדערט האָט דער באַרימטער נאַטור-פֿאָרשער ווילהעלם אָסטוואַלד אין דײַטשלאַנד געקעמפֿט קעגן די אַלץ באַהערשנדיקע פֿילאָלאָגן, וואָס פֿאַרדרענגען אַ זײַט די נאַטור-וויסנשאַפֿטן. נאָר בײַ מלוכה-פֿעלקער זענען די סאָציאַלע באַדינגונגען צו גינסטיק פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון נאַטור-וויסנשאַפֿטן, וואָס ווערן דורכן לעבן אַליין אַרויסגערוקט אויפֿן געהעריקן פּלאַץ. מיעוטים-פֿעלקער אָבער, ווי ייִדן און אוקראַיִנער, טיילן די אַלגעמיינע אַכטונג צו נאַטור-וויסנשאַפֿטן אין דער הערשנדיקער קולטור, אָבער אין דער אייגענער קולטור לאָזן זיי זיך איינזײַטיק באַהערשן פֿון היסטאָריש-פֿילאָלאָגישע וויסנשאַפֿטן. דאָס האָט פּאַסירט מיט דער אוקראַיִנישער געזעלשאַפֿט, דאָס קומט אויך פֿאָר אין ייִוואָ, ווו נאָך צען יאָר אַנטוויקלונג איז נאָך ניטאָ קיין סעקציע פֿאַר סאָציאַלער מעדיצין, דערבײַ זענען פּעדאַגאָגיק און פּסיכאָלאָגיע מעשה כּורך פֿאַרוויקלט צוזאַמען אין איינער פֿון די פֿיר סעקציעס בײַם ייִוואָ.

ס'איז כּדאַי צו דערמאָנען אַ כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד. אויף דער ערשטער גרינדונג-זיצונג פֿון ייִוואָ אין בערלין בײַ שטיינבערגן זענען געווען שטיף, לעשטשינסקי, טשעריקאָווער און איך. ווען שטיף האָט דורכגעלייענט די פּראָגראַם, האָב איך אים פֿאַרגעוואָרפֿן, למאַי פֿאַרפֿילאָלאָגעוועט ער די ייִדישע וויסנשאַפֿט. דערויף האָט לעשטשינסקי צוריק געענטפֿערט: וואָס דען, מ'זאָל זי פֿאַרפּסיכאָלאָגעווען?

לאָמיר אָבער אינדוקטיוו אַרויסשיילן די אויפֿגאַבן און פּרינציפּן פֿון דער וויסנשאַפֿט-עמאַנציפּאַציע.

די ערשטע אויפֿגאַבע איז צו מאַכן די וויסנשאַפֿט צוגענגלעך פֿאַרן פֿאָלק. גלײַכצײַטיק קומט די צווייטע אויפֿגאַבע צו מאַכן די שאַפֿונגס-כּוחות פֿון פֿאָלק פֿרוכטבאַר פֿאַר דער וויסנשאַפֿט. די ערשטע אויפֿגאַבע איז ניט בלויז אַ ריין אוטיליטאַריסטישע, ד"ה, אויפֿקלערן די פֿאָלקס-מאַסן און באַוואָפֿענען זיי מיט דעם שטאַרקן געווער פֿון וויסנשאַפֿט אינעם שווערן עקסיסטענץ-קאַמף. ס'איז ניט ווייניקער וויכטיק, וואָס פֿאָלקסבילדונג ברענגט גײַסטיקע נערונג דעם פֿאָלק, וועקט און באַפֿרידיקט די העכערע אינטערעסן פֿון די פֿאָלקסמאַסן. די מענטש-וויסנשאַפֿט האָט שוין באַוויזן בײַם געזעץ פֿון פּסיכישן סקאָרבוט, אַז אויב דער נאַטירלעכער נשמה-דראַנג קאָן ניט באַפֿרידיקט ווערן דורך העכערע גײַסטיקע אינטערעסן, קומט עס אין אינדיווידועלן און סאָציאַלן

לעבן צו נעווראַזישקייט און דעגענעראַציע. וויסנשאַפֿט פֿאַרן פֿאָלק איז דערפֿאַר ניט בלויז אַן אידעאַלע שטרעבונג, נאָר אַ פֿאָדערונג פֿון פּסיכישער פֿאָלקס־געזונטקייט. דערמיט איז ענג פֿאַרבונדן די צווייטע אויפֿגאַבע צו פּראָדוקטיוויזירן די כּוחות פֿונעם פֿאָלק פֿאַר דער וויסנשאַפֿט, וואָס מ׳קאָן צום בעסטן אילוסטרירן דורך אַזאַ מין פֿאַקט פֿון דער וויסנשאַפֿט־געשיכטע: ווען דער ענגלישער געלערנטער דייווי האָט געלייענט פּאָפּולערע וויסנשאַפֿטלעכע לעקציעס, האָט זיך איינער אַ צוהערער, מיט דעם נאָמען פֿאַראַדיי, אַליין אַן אײַנבינדער, זיך פֿאַראינטערעסירט מיט די לעקציעס, איז געוואָרן אַ דינער אין דייוויס לאַבאָראַטאָריע, האָט זיך דאָרט אַנטוויקלט און איז געוואָרן דער שאַפֿער פֿון דער מאָדערנער פֿיזיק. ווער ווייסט וויפֿיל פֿאַראַדייס עס געפֿינען זיך צווישן אונדזערע פֿאָלקסמאַסן, וואָס אַן עמאַנציפּאַציע פֿון דער וויסנשאַפֿט וואָלט געקענט אויפֿוועקן און אַרויספֿאַנגען. קורץ געזאָגט: וויסנשאַפֿט פֿאַרן פֿאָלק ברענגט פֿאָלק פֿאַר דער וויסנשאַפֿט.

בהסכּם מיט די דערמאָנטע אויפֿגאַבן קומען די פּרינציפּן, וואָס מיר וועלן כאָטש קורץ סקיצירן. דער ערשטער שריט פֿון דער עמאַנציפּאַציע איז די פֿאָלקסשפּראַך, ד״ה דאָס פֿאַרפֿלאַנצן די וויסנשאַפֿט אין דער פֿאָלקסשפּראַך, וואָס מאַכט די וויסנשאַפֿט אַרײַנוואַקסן אינעם נאַציאָנאַלן באָדן. אַזוי האָט ווונדט מיט רעכט באַהויפּט, אַז די דײַטשע פֿילאָסאָפֿיע האָט זיך אָנגעהויבן מיט לייבניצן, וועלכער האָט דער ערשטער אָנגעהויבן שרײַבן פֿילאָסאָפֿיע אויף דער דײַטשער שפּראַך. ניט סתּם ווערק פֿון פֿאַרשיידנשפּראַכיקע יידישע וויסנשאַפֿטלער, נאָר אין יידיש געשאַפֿענע וויסנשאַפֿטלעכע ווערק העלפֿן דער עמאַנציפּאַציע פֿון דער יידישער וויסנשאַפֿט. דער צווייטער פּרינציפּ איז די רעאַלישקייט, ד״ה די אויפֿוואַכנדיקע וויסנשאַפֿט מוז זיך קאָנצענטרירן קודם־כּל אויף די געביטן, וואָס זענען פֿאַרבונדן מיטן רעאַלן פֿאָלקסלעבן. ווײַל נאָר דורך דעם וועט די וויסנשאַפֿט שלאָגן וואָרצלען אינעם פֿאָלקסלעבן. אָט אַזוי באַהויפּטן מיר, אַז דאָס יידישע שולוועזן (פּעדאַגאָגיק), סאָציאַלע מעדיצין, סאָציאָלאָגישע, פּסיכאָלאָגישע און פּסיכאָפּאַטאָלאָגישע אַקטועל־פּראָבלעמען מוזן פֿאַרנעמען אַנטשפּרעכנדיקע סעקציעס אינעם ייוואָ, אויב ער וויל זײַן אין קאָנטאַקט מיט דעם גאַנצן לעבעדיקן פֿאָלקסלעבן. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט קומט דער שאַפֿונגס־פּרינציפּ, ד״ה די סטימולירונג פֿון אָריגינעלער שאַפֿונג. פֿון איין זײַט האָבן זיך אויף אַלע געביטן אָנגעזאַמלט ריזיקע מאַטעריאַלן און דערגרייכונגען, וואָס וואַרטן אויף אַ וויסנשאַפֿטלעכער אָביעקטיווירונג. (ס׳איז באַקאַנט דער אויסדרוק וועגן דעם פֿאַרהאָרעוועטן מתמיד, אַז „ער לערנט אַזוי פֿיל, אַז ער האָט ניט קיין צײַט צו קענען״. אַזוי זענען אונדזערע אינסטיטוציעס אַזוי פֿאַרכאַפּט פֿון דער טאָגטעגלעכער אַרבעט, אַז זיי האָבן קיין צײַט ניט צו פֿאַראַרבעטן וויסנשאַפֿטלעך

זייערע אייגענע דערגרייכונגען). פֿון דער אַנדערער זײַט געפֿינען זיך אויף יעדן געביט גענוג פֿעיִקע און טאַלענטירטע, וואָס מ׳דאַרף זיי שאַפֿן אַ צוגאַנג צו אָריגינעלער וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט. און דאָ קומען מיר צום לעצטן וויכטיקן פּונקט: דער שאַפֿונגס־פּרינציפּ לאָזט זיך פּאַקטיש ניט פֿאַרווירקלעכן אין אַ נאַציאָנאַלער קולטור אָן דעם אַנטשיידנדיקן שריט גובֿר צו זײַן דעם „דרויסנדיקן" אויטאָריטעט. די נאַציאָנאַלע פּעדאַגאָגיק (נאַציאָגאָגיק) פֿון דער וויסנשאַפֿט שטויסט זיך דאָ אָן דער אַלגעמיינער פּראָבלעמאַטיק פֿון דערציִונג. יעדער דערציִער רופֿט אַרויס דאָס נאַטירלעכע געפֿיל פֿון אויטאָריטעט. בײַ רעאַקציאָנערער צוואַנג־דערציִונג איז דער אויטאָריטעט אַרויפֿגעצוווּנגען, בײַ פֿרײַער דערציִונג איז דער אויטאָריטעט פֿונעם באַליבטן לערער אינערלעך אָנערקענט. אָבער יעדער אויטאָריטעט האַמעוועט די שעפֿערישע איניציאַטיווע — דאָס איז די דיאַלעקטישע קרײַזיסט פֿון דער דערציִונג. די באַוועגונג פֿון שאַצקיס פֿרײַער דערציִונג אין רוסלאַנד איז אייגנטלעך געווענדט קעגן אָט דעם אונטערדריקנדיקן אויטאָריטעט, וואָס ליגט דיאַלעקטיש אינעם וועזן פֿון דערציִונג. ער פֿאַרלאַנגט דערפֿאַר אַ „דע־ציִערלאָזע" דערציִונג. נאָך שאַרפֿער איז אָט די פּראָבלעמאַטיק בײַ דער אויפֿוואַכנדיקער נאַציאָנאַלער וויסנשאַפֿט, ווען מען מוז די ערשטע צײַט פֿיל איבערנעמען און לערנען בײַ פֿאָרגעשריטענע פֿעלקער, וואָס זייער אויטאָריטעט ווערט אומבאַמערקט אײַנגעוואָרצלט און אונטערדריקט די שעפֿערישע איניציאַטיווע פֿון פֿאָלק. מ׳מוז דערפֿאַר זייער פֿרי אויפֿשטעלן און אַנטקעגנשטעלן דעם אייגענעם פֿאָלקס־אויטאָריטעט. מ׳מוז זיך בײַצײַטנס נעמען דאָס רעכט פֿון געבן „סמיכה". מ׳מוז געבן פּרעמיעס ניט פֿאַר געלונגענע איבערזעצונגען, נאָר פֿאַר געוואַגטע אָריגינעלע ווערק. פֿון דעם שטאַנדפּונקט איז שעדלעך, וואָס אין קוראַטאָריום פֿון ייִוואָ זענען אַזוי פֿיל דרויסנדיקע אויטאָריטעטן. נאָר דער גלויבן אין אייגענע פֿאָלקס־כּוחות וועט אונדז פֿירן צו דער גלאָריע פֿון פֿאָלקסשאַפֿונג, צו דער אמתער עמאַנציפּאַציע פֿון דער ייִדישער וויסנשאַפֿט.

*

זונטאָג אין אָוונט איז אין זאַל פֿון דער ייִדישער רעאַל־גימנאַזיע פֿאָרגעקומען אַ באַנקעט לכּבֿוד די דעלעגאַטן און געסט פֿון צוזאַמענפֿאָר. עס זענען בײַגעווען בײַ אַ 200 מענטשן. טאָסטמײַסטער איז געווען נ. פֿיינערמאַן. רעדעס האָבן געהאַלטן: יודל מאַרק (קאָוונע), אידע יפה־פֿײַנערמאַן (ניו־יאָרק) — אין נאָמען פֿון די לערער פֿון די אַרבעטער־רינג־שולן, יוליוס גענעש (טאַרטו), יוסף דאַווידסאָן (קאָפּנהאַוון), דניאל טשאַרני (ווילנע), איציק מאַנגער (וואַרשע), שמואל לעהמאַן (וואַרשע), ש. מענדעלסאָן (וואַרשע), י. האַלבערײַך (אין נאָמען פֿון דער עסטישער דעלעגאַציע), א. טשעריקאָווער, ר. גלאַנץ (ווין), י. רובין (תּל־אָבֿיבֿ), נ. פּרילוצקי. פֿרוי האַלבערײַך האָט רעציטירט מיט גרויס ערפֿאָלג פֿון ייִדישע שרײַבער. עס איז אויך דורכגעפֿירט געוואָרן אַ זאַמלונג, וואָס האָט אַרײַנגעבראַכט אַ היפּשע סומע פֿאַרן ייִוואָ.

אַכטע זיצונג

פּלענום פֿון צוזאַמענפֿאָר

(מאָנטאָג דעם 19טן אויגוסט 10 אַ זייגער)

מ. ווײַנרײַך עפֿנט די זיצונג, אַנטשולדיקט זיך פֿאַר דער פֿאַרשפּעטיקונג — טייל דעלעגאַטן זענען געווען פֿאַרנומען ביז 6 פֿאַר טאָג מיט דער אַרבעט אין די קאָמיסיעס; לייענט אַ ריי באַגריסונגען, צ״אַ פֿון פּראָפ׳ קאָראַדאָ דזשיני, פּראָפּ׳ מאַריאַן דזיעכאָווסקי, שלום אַש, ברוך גלאַזמאַן, ש. ניגער, מאַנע קאַץ, פֿון ייִדישע עמיגראַנטן אויפֿן וועג קיין דרום־אַמעריקע (אַפּלאָדיסמענטן).

י. גיטערמאַן זאָגט זיך אָפּ צו האַלטן זײַן רעפֿעראַט „די פּראָדוקטיווירונג פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין פּוילן“, כּדי מען זאָל תּיכּף צוטרעטן צום המשך פֿון דער אַלגעמיינער דעבאַטע.

גרשון פּלודערמאַכער (ווילנע) הייבט אָן פֿון דעם ווערטל, אַז די ייִדישע שול איז דער ערשטער גאָרן און דער ייִוואָ — דער צווייטער. דאָס ווערטל פּאַסט זיך ניט. עס פּאַסט בעסער צו זאָגן, אַז דער ייִוואָ און די ייִדישע שול זענען קינדער פֿון איין מאַמען. מען האָט אַמאָל געטראַכט צו שאַפֿן אַן אַלגעמיינעם קולטור־צענטער. אָט פֿון דער מאַמען זענען געבליבן צוויי קינדער: דער ייִוואָ און די שול־אָרגאַניזאַציע. ביז 1925 האָט די ייִשאָ באַשטימט די אָרטאָגראַפֿיע פֿון ייִדיש, רעפּרעזענטירט דעם ייִדישיזם לגבי דער וועלט, געפֿירט אַן אויפֿקלער־אַרבעט. מיט צען יאָר צוריק זענען די פֿונקציעס אַריבער צום ייִוואָ. עס איז קלאָר, אַז צווישן ביידן האָט זיך באַדאַרפֿט איינשטעלן אַ קאָנטאַקט, ליידער איז דאָס אָבער ניט געשען און דאָס האָט געבראַכט אַ סך שאָדן. דער ייִוואָ האָט ניט באַפֿרידיקט אונדזערע קולטורנויטן, ניט געשאַפֿן, למשל, קיין ייִדישע גראַמאַטיק פֿאַר דער ייִדישער שול. די ייִוואָ־טוער האָבן געהאַלטן, אַז דאָס דאַרפֿן טאָן די לערער און די לערער — פֿאַרקערט. דער סוף איז, אַז אין די ייִדישע שולן קען מען פּוילישע גראַמאַטיק בעסער פֿון ייִדישער. עס איז דאָ אַ נײַער לימוד: דעמאָגראַפֿיע און אויך אַ לערנבוך פֿון דעם נײַעם לימוד קומט אויס דעם לערער אַליין צוזאַמענצושטעלן. עס איז נייטיק אַרויסצוגעבן אַן אַקאַדעמישע אויסגאַבע פֿון

די יידישע קלאַסיקער מיט דערקלערונגען פאַרן לערער און אינטעליגענטן לייענער. טייל לערער לייגן אַפילו פאַר צוליבן מאַנגל פון אַזאַ אויסגאַבע אַרויסצוואַרפן פון דער שול-פּראָגראַם מענדעלען, ווייל ער איז שוין פאַר-עלטערט. דער ייִוואָ קלערט אָבער ניט וועגן דעם, ווי אַזוי צו באַקעמפן די דאָזיקע ביטול-באַציִונג צו אונדזערע קלאַסיקער. דאָס איז אַלץ דערפאַר, ווייל עס איז ניטאָ קיין קאָנטאַקט, און אין דעם איז שולדיק סיי די ייִשאָ, וואָס איז ניט גענוג אַקטיוו דאָס זיך צו דערשלאָגן, סיי דער ייִוואָ, ווו עס פילט זיך אַ געוויסער אַריסטאָקראַטיזם. דער ייִוואָ פאַרענטפערט זיך, אַז ער טאָר ניט אַרויסגעבן קיין ביליקע פּאָפּולערע ליטעראַטור, דאַרף מען טראַכטן וועגן אַרויסגעבן גוטע. צו אָט די אומנאָרמאַלע באַציִונגען צווישן ייִשאָ און ייִוואָ מוז נעמען אַ סוף. אַ רעזולטאַט פון אָט דער באַציִונג איז די שוואַכסטע סעקציע — די פּעדאַגאָגיש-פּסיכאָלאָגישע. דער סעקרעטאַר פון דער סעקציע לייבוש לערער איז אין אַמעריקע און קומט ניט אַהער, איז אָפּגעריסן פון אונדז. יעדן אַרטיקל האָט מען געמוזט שיקן אויף יענער זייט ים, דער-נאָך צוריק, שפּעטער ווידער שיקן די קאָרעקטורן. צי דען האָט זיך ניט געקענט געפינען אַ מענטש דאָ אויפן אָרט? לכתחילה האָט אַ. גאָלאָמב געטאָן די אַרבעט, אָבער אַז ער איז אַוועקגעפאָרן, זענען שוין מער קיין פּאַסיקע מענטשן ניט געווען. איז ממה-נפשך, אויב גאָלאָמב איז געווען דער איינ-ציקער, האָט מען דאָך געדאַרפט אָננעמען מיטלען, ער זאָל ניט אַוועקפאָרן, ווייל מיר ווייסן דאָך, אַז אַ. גאָלאָמב איז קיין פּאַלעסטינע אַוועקגעפאָרן ניט פון פאַרגעניגן וועגן. ד״ר מ. ווײַנרײַך האָט דאָ געזאָגט, אַז דער ייִוואָ דאַרף זיך שטעלן מיטן פּנים צום לעבן, אָבער צו דעם טייל לעבן, וואָס הייסט יידישע שול-אָרגאַניזאַציע, האָט דער ייִוואָ זיך ניט געשטעלט.

איך לייג פאָר מען זאָל דאָ ניט אָננעמען קיין אַלגעמיינע רעזאָלוציעס אַז „מען דאַרף פירן אַן אויפקלערונגס-אַרבעט פאַר די מאַסן“ און דאָס גלײַכן, נאָר מען זאָל אָננעמען קאָנקרעטע פאָרשלאָגן. מײַן פאָרשלאָג איז: עס זאָל געשאַפן ווערן בײַם ייִוואָ אַ סעקציע פאַר שול און דערציִונג. אויף איר וועט ליגן דער חוב צו באַדינען וויסנשאַפטלעך די שול. די ייִשאָ קען עס ניט טאָן בײַם בעסטן ווילן אַפילו. קיין צוויי צענטערס קענען מיר ניט אויסהאַלטן. די סעקציע וועט זיך דאַרפן פאַרנעמען מיט דער פאָרגעלייגטער אַרבעט. ייִוואָ מוז העלפן שאַפן די נייטיקע לערנביכער, אַרויסגעבן פּאָפּולער-וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור, אַרויסגעבן פאַר די מאַסן אויפקלערונגס-ליטעראַטור וועגן דעם ווערט פון יידיש. די אַרבעט פון ייִוואָ אין קאָנטאַקט מיט דער ייִשאָ זאָל ברענגען צו שאַפן דעם יידישן קולטור-צענטער—די קולטור-ליגע.

ש. באַסטאָמסקי (ווילנע): די טויער פון ייִוואָ האָבן מורא פאַר קריטיק אין ווערכער עס איז פאָרם. ייִוואָ איז געוואָרן אַ געוואַלדיקער כּוח אין אונדזער לעבן, אַ שטאַרקע פעסטונג. מיר מוזן וואָרענען די ייִוואָ-טוער

פֿאַר זייער טאַקטיק. מען דאַרף שאַפֿן דרינגענדיקע זאַכן, אין וועלכע מען נייטיקט זיך און וואָס לאָזן ניט וואַרטן. איר שאַפֿט וויסנשאַפֿט, אָבער פֿאַר וועמען וועט זײַן די וויסנשאַפֿט? איר האָט אָנגענומען אויסלייג-תּקנות, למשל, זייער גוטע, אָבער נוח פּרילוצקיס בלאָט דרוקט זיך מיט דער סאַמע פֿאַר־עלטערטסטער אָרטאָגראַפֿיע. די תּקנות מוז מען דורכפֿירן. די נאַטוראַליזאַציע פֿון די העברעיִשע ווערטער אין יִדיש ווערט אײַנגעפֿירט ספּאָראַדיש אין פֿאַר־שיידענע ערטער, ווי אַרגענטינע, למשל, האָט דאָס געטאָן, אָבער איר בלײַבט הינטערשטעליק און איר פּרוּווט זיך אַפֿילו ניט פֿאַרענטפֿערן פֿאַר וואָס איר פֿירט ניט אײַן דעם באַשלוס פֿון דער אויסלייג-קאָנפֿערענץ אין 1931. דער יִוואָ מוז זיך שטעלן מיטן פּנים צו דער יִדישער מאַסע, צו דער יִדישער שול, נעענטער צום לעבן.

ד"ר ר. גלאַנץ לייגט פֿאָר צו באַגרענעצן די רעדנערצײַט אויף 5 מינוט און שליסן די רעדנער-ליסטע. (אָנגענומען).

ד"ר יעקב שאַצקי: איך האָב אויסגעהערט אַ סך טענות צום יִוואָ, אָבער ווען מען וועט זיך קלאָר מאַכן די אויפֿגאַבן פֿון יִוואָ, וועלן די טענות קיין טענות ניט זײַן. עס קומט אויס, אַז דער יִוואָ איז אַ אינסטיטוט פֿאַר סאָציאַלע פּראָבלעמען. מיטן מאָמענט וואָס דער יִוואָ פֿאַרלירט זײַן אַקאַדע־מישן כאַראַקטער — פֿאַרלירט ער אַלץ. ספּעציעל אין אַמעריקע פֿאַרלירט ער אין גאַנצן — סײַ מאַטעריעל, סײַ מאָראַליש. ווײַזט מיר, ווו עס איז דער טעאָלאָגישער גײַסט פֿון יִוואָ! דער יִוואָ דאַרף ניט שאַפֿן קיין פּאָפּולערע ליטעראַטור, נאָר צוגרייטן מאַטעריאַל און וויסנשאַפֿטלעך אים אויספֿאָרשן. מיט אַזעלכע טענות, ווי מען קומט דאָ צום יִוואָ, וועט מען צום אוקראַיִנישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט ניט קומען. מיטן פּנים צו דער ווירקלעכקייט? אָבער בעת מען האָט דאָ געהאַלטן רעפֿעראַטן פֿון אַזאַ אינהאַלט, איז די מערהייט פֿון עולם אַרויס פֿון זאַל (צווישנרוף: ניט ריכטיק!) עס איז ריכטיק. איך האָב דאָס גוט באַמערקט.

איך בין פֿאַר דער נאַטוראַליזאַציע פֿון העברעיִזמען, אָבער ווען דער יִוואָ, וואָס האָט ניט קיין מלוכה-מאַכט, וואָלט דאָס געוואָלט אײַנפֿירן, וואָלט ער זיך אין גאַנצן בלאַמירט, ווײַל דאָס קען אײַנפֿירן נאָר אַ מלוכה, ווי ס'איז געווען, למשל, אין ראַטן-פֿאַרבאַנד. פּשרהדיקייט איז אַ סימן פֿון לעבן. ווען איך האָב געהערט ווי דעלעגאַטן פֿון דער יִישאָ האָבן גערעדט אין אַמעריקע, האָב איך געמיינט, אַז מגידים רעדן וועגן שטיצן אַ יתומים-הויז (יעקב פּאַט: דאָס איז רכילות!) און איך האָב זיי פֿאַרשטאַנען, ווײַל מען דאַרף אָפֿט גיין, צוליב דעם ציל, אויף קאָמפּראָמיסן. מיר זענען ניט אַזוי טענטיטיוו, מיר קענען אויסהערן קריטיק, אָבער זאַכלעכע און ניט אַז יעדער זאָל קענען אויסלאָדן דעמאַגאָגיע און האַלב-דעמאַגאָגיע.

י. שאַרגעל (חיפה): איך בעט מײַנע ווערטער ניט אויסטײַטשן ווי אַ שנאה צו יענעם לאַנד פֿונוואַנען איך קום. איך האָב עולה-רגל געווען פֿון

ירושלים אָהער קיין ירושלים דליטע, כדי זיך אָפּצופרישן, כדי זיך צו שטאַרקן, אײַנזאַפּן אין זיך דעם הויך פֿון אַזאַ גרויסן חשובֿן צונויפֿקום פֿון ייִדישע וויסנשאַפֿטלער, שרײַבער און קולטור-טוער, וועגן וועלכן איך האָב אַזוי פֿיל געטרוימט. איך קום פֿון אַ לאַנד, וווּ פֿאַר בלויז רעדן ייִדיש עפֿנטלעך ווערט מען צעשלאָגן און צעבלוטיקט. איך קום פֿון אַ לאַנד, וווּ די ליבלעכע חבֿרים פֿון די אַמעריקאַנער פֿרײַנד, ווי ח' שמידט, די „הסתדרות" — האָט געשאַפֿן אַ געזעץ פֿאַר דער דאָרטיקער אַרבעטערשאַפֿט, אַז נאָך צוויי יאָר זײַן אין לאַנד טאָר מען שוין מער ניט אַרויסרעדן קיין וואָרט ייִדיש, אַפֿילו ווען מען קומט בעטן אַ טאָג אַרבעט. איך קום פֿון אַ לאַנד, וווּ איינער פֿון די וויכטיקסטע אַרבעטער-פֿירער י. בן-צבֿי האָט באַרעכטיקט אַ פּאָגראָם אויף אַ קינאָ-פֿילם בלויז דערפֿאַר, וואָס דאָרטן זענען געזונגען געוואָרן לידלעך אין ייִדיש. אָט ווי עס שרײַבן דאָרטן וועגן אונדז און וועגן אונדזער לשון העברעיִשע שרײַבער אין ערנסטע העברעיִשע זשורנאַלן (לייענט אויסצוגן פֿון ר. זעליגמאַנס אַן אַרטיקל אין „גליונות" סיוון, תּרפּ"ח).

ד"ר ב. קאָרמאַן: מען דאַרף זיך קלאָר מאַכן וואָס דער ייִוואָ וויל אויפֿטאָן און פֿאַר וועמען וויל ער טאָן. מען הערט דאָ: ייִדיש פֿאָלק, ייִדישע קולטור, אָבער ווער איז דער טרעגער פֿון דער דאָזיקער קולטור? אַ וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט דאַרף ניצן פּרעציזע טערמינען. ווען דער ייִוואָ וועט זיך קלאָר מאַכן וועמען ער וויל דינען און וועמען ער דינט, וועט ער זיך אײַנהיטן פֿון אַן אָנגריף מצד דעם קלאַס, וועמען ער דאַרף דינען, דעם אַרבעטער-קלאַס. ווען אויף דער גאַס שטורעמט, איז אויסגעשלאָסן, אַז אין ייִוואָ זאָל זײַן רויִק. מען דאַרף זײַן געלערנטע און ניט קיין פּראָפֿעסאָרן. דער חילוק צווישן אַ פּראָפֿעסאָר און אַ געלערנטן איז, וואָס בײַם פּראָפֿעסאָר רינט אין די אָדערן טינט און בײַם געלערנטן — בלוט. איך בין מסכּים מיט ד"ר שאַצקין, אַז מען מוז גיין צום אורקוואַל, אָבער מען מוז וויסן דעם פּרינציפּ. מען קען ניט זײַן אָפּגעריסן פֿון דעם אַרום. די סבֿיבֿה פֿון קולטור-באַרבאַריזם ווירקט אויף אונדז און מיר מוזן אָננעמען צו איר אַ שטעלונג. דער ייִוואָ ווײַזט אַרויס אַ געוואַלדיקן דרך-ארץ פֿאַר אייראָפּע און אירע געלערנטע. אויב אַזוי, דאַרף דער ייִוואָ אויך אַזוי זיך באַציִען צו דעם לעצטנס פֿאָרגעקומענעם שרײַבער-קאָנגרעס אין פּאַריז... (גיט איבער דעם פֿאָרזיצער אַ רעזאָלוציע).

יודל מאַרק (קאָוונע): אַלע וואָס האָבן טענות צום אינסטיטוט, ווילן דאָך דער ייִוואָ זאָל ווײַטער לעבן. די טענות זענען אָבער מאָדנע. עס איז פֿאַראויסגעזען, למשל, אַרויסצוגעבן נאָר 70 דרוקבויגן און אויב מיר וועלן פֿאַרנעמען די בויגנס מיט פּאָפּולערע ווערק, וועט ניט בלײַבן קיין אָרט פֿאַר וויסנשאַפֿט. דעם עול פֿון אינסטיטוט טראָגן געציילטע מענטשן און זענען ניט ביכולת אויסצוטראָגן דאָס וואָס מען וויל אויף אים איצט אַרויפֿלייגן.

אויב דער ייִוואָ זאָל זיך שטעלן אויף דער באַזע פֿון דער ייִשאָ, מוז מען זיך אָפּזאָגן פֿון אָנטייל פֿון אַ דובנאָוו, פֿון אַ שיפּער. דער אָנטייל פֿון די מאַרקסיסטן אין ייִוואָ איז אָפּהענגיק פֿון זיי גופא. פֿאַרגלײַכט דעם וועג פֿון דער ייִשאָ און פֿון ייִוואָ פֿאַר די לעצטע 10 יאָר און לייגט פֿאָר, וועלכן וועג האָבן מיר אויסצוקלײַבן.

ד"ר גלאַנץ (ווין): אַ וויסנשאַפֿטלעכער אָרגאַניזם האָט זײַנע געזעצן. דער ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט מוז האָבן זײַן אייגן שטרעבן. מיר האָבן גערופֿן אַפֿילו די וויסנשאַפֿטלער פֿון מערב אונדז צו העלפֿן. איך וועל ציטירן סטאַלינס אַ וואָרט וועגן פּאָליטיק: וואָס מער לינקס, אַלץ רעכטער. אויב איר ווילט, אַז אונדזער גרויסע זאַך זאָל זיגן, מוזט איר שטיצן דעם ייִוואָ.

יר. שאַפּיראָ (ווילנע): די פּרעטענזיעס וואָס מען האָט צום ייִוואָ דערמאָנען די פּרעטענזיעס פֿון מחותּנים אויף אַ ניטהיגער חתונה, וואָס מען האָט זיי פֿאַרטיילט כּיבוד. פּשרות מוז מען מאַכן, אַפֿילו לויט באָטאָשאַנסקי. דער ייִוואָ דאַרף פֿאָרשן די ווירקונג פֿון דער העברעיִשער דערציִונג אויפֿן ייִדישן קינד, פֿאַרגלײַכן די פֿיזישע אַנטוויקלונג פֿון די ייִדן אין גלות און אין א"י. די גלות־ייִדן נעמען אַפֿילו ספּאָרט־רעקאָרדן, איז כּדאַי אויך די דאָזיקע דערשײַנונג אויסצופֿאָרשן.

טרעמבאָוועלסקי (טשאָרטקאָוו): מען דאַרף לעבן אין גאַליציע, כּדי צו פֿאַרשטיין, מיט וואָס פֿאַר אַ שטימונג מיר זענען געפֿאָרן קיין ווילנע אויף דעם דאָזיקן יום־טובֿ פֿון דער ייִדישער קולטור. שוין באַלד 3 צענדליגער יאָר טיילן אונדז אָפּ פֿון דער ייִדישער שפּראַך־קאָנפֿערענץ אין טשערנאָוויץ און ווי דעמאָלט שוועבט אויך הײַנט דאָ אין זאַל דער דואַליזם און די ניט געענדיקטע קלאָרע שטעלונג אין קאַמף פֿאַר ייִדיש און דער ייִדיש־וועלטלעכער קולטור. מיר וואָס טוען פּראַקטישע קולטור־אַרבעט ווייסן גאַנץ גוט, אַז אָן פּשרות קען מען קיין שום אַרבעט ניט פֿירן. אָבער די פּשרות טאָרן ניט אָנרירן דעם עצם יסוד. דאָס וואָס דער ייִוואָ האָט ניט גענומען קיין שטעלונג צו די רדיפֿות אויף ייִדיש אין א"י, צו דעם קאַמף פֿאַר דער ייִדיש־וועלטלעכער שול אין פּוילן — איז מער ווי אַ פּשרה. דער ייִוואָ טאָר ניט זײַן אַ יודאַיִסטישער אינסטיטוט אויף ייִדיש. מיר לעבן אין גאַנץ אַנדערע קולטור־באַדינגונגען ווי אַנדערע פֿעלקער, ייִדיש איז פֿאַר אונדז דער נאַציאָנאַלער אַטריבוט, ייִוואָ — איז פֿאַר אונדז דער אַלוועלטלעכער ייִדישער קולטור־צענטער און אַלס אַזוינער מוז ער זײַן דער פּוסק אחרון אין אַלע פֿראַגן און פּראָבלעמען וואָס האָבן אַ שייכות צום ייִדישן שאַפֿן און צום ייִדישן לעבן. ניט קוקנדיק אויף אַלע חסרונות, וואָס מיר קענען אויסזעצן דעם ייִוואָ, בייג איך מײַן קאָפּ פֿאַר די טוער פֿון ייִוואָ, וואָס האָבן געשאַפֿן אַזאַ קולטור־בנין, און איך האָף, אַז אויף דעם קומעדיקן אַלוועלטלעכן צוזאַמענפֿאָר וועט מען שוין ניט פּטרן די צײַט אויף טענות.

ד״ר ע. רינגעלבלום (וואַרשע): א. טשעריקאָווער האָט געהאַט אַ טענה צו ד״ר ר. מאַהלער, ווו איז אין זײַן אַרבעט „דער צאָל־רעגיסטער פֿון 16־טן י״ה" די מאַרקסיסטישע ליניע. ד״ר מאַהלער ווירקט אָבער אויף די יונגע היסטאָריקער אין מאַרקסיסטישן זינען. נאָר אַדאַנק מאַהלערן האָבן מיר איצט אין פּוילן אַ ריי יונגע מאַרקסיסטשע געלערנטע. אויף דעם אינטער־נאַציאָנאַלן היסטאָריקער־קאָנגרעס אין וואַרשע איז מאַהלערס רעפֿעראַט געשטאַ־נען אין צענטער. דער חילוק צווישן מאַרקסיסטן און ניט־מאַרקסיסטן איז ניט אין דער טעמע. אויך אַן אַרבעט וועגן צאָל־רעגיסטער קען זײַן אַ מאַרקסיסטישע. מיר זענען ניט קעגן אַ צוזאַמענאַרבעט מיט געלערנטע פֿון אַנדערע ריכטונגען, אַפֿילו מיט די יאַהודיסטישע היסטאָריקער דאַרפֿן מיר שטיין אין אַ קאָנטאַקט. עס איז צו באַדויערן, וואָס מיר זענען ניט פֿאַרבונדן מיט די היסטאָריקער פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד. עס איז אוממעגלעך צו פֿאָרשן די געשיכטע פֿון די ייִדן אין פּוילן, ניט קענענדיק די דאָרטיקע אַרכיוון. איצט וועט מעגלעך זײַן אַ דער־נעענטערונג. עס איז דאָ אַ קאָמיסיע צו פֿאָרשן די סאָציאַלע באַוועגונגען בעתן 19טן און 20טן י״ה. די דאָזיקע קאָמיסיע פֿון פּוילן איז אַ טייל פֿון אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָמיסיע, וועלכע איז טעטיק בײַ דעם אינטערנאַציאָנאַלן היסטאָריקער־קאָמיטעט, וואָס האָט צונויפֿגע־רופֿן דעם היסטאָריקער־קאָנגרעס.

אין פּוילישן קאָמיטעט גייען אַרײַן די אוניווערסיטעט־פּראָפֿעסאָרן האַנדעלסמאַן, גאָנשאַראָווסקאַ, טשאַרנאָווסקי, אַרנאָלד און פֿון ייִוואָ—מאַהלער און איך. די סאָוועטישע סעקציע פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמיסיע האָט פֿאָרגעלייגט, אַז זי וועט אַרויסגעבן אַן אַרכיוו צו דער געשיכטע פֿון די סאָציאַלע באַוועגונגען בעתן 19טן און 20טן י״ה, און דער ייִוואָ וועט קענען זײַנע מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג פֿאַרעפֿנטלעכן אין דעם „אַרכיוו". די פּוילישע קאָמיסיע אַרבעט איצט איבער צוויי געביטן:

1) עס ווערן רעגיסטרירט די אַרכיוואַליען פֿון אַ געזעלשאַפֿטלעכן אינהאַלט פֿון דער צווייטער העלפֿט 19טן י״ה, 2) עס ווערן געזאַמלט מאַ־טעריאַלן צו דער געשיכטע פֿון שטרײַקן אין פּוילן אָנהייבנדיק פֿון 8טן יאָרצענדלינג פֿון 19טן י״ה, 3) עס ווערן געזאַמלט מאַטעריאַלן וואָס זענען פֿאַראַן אין די אַרבעטער־קאָרעספּאָנדענצן, וועלכע זענען געדרוקט אין דער אַרבעטער־פּרעסע.

ס׳וועט אַלזאָ זייער פֿרוכפּעריק זײַן די צוזאַמענאַרבעט מיטן ר״פּ.

די פּאָפּולאַריזירונג־אַרבעט דאַרף מען דווקא יאָ טאָן און אויף אַן אָרגאַ־ניזירטן אופֿן. אין דעם פּרט גיי איך זיך פֿונאַנדער מיט שאַצקין. די פּאָפּולאַ־ריזאַטאָרישע אַרבעט וועט סטימולירן די פֿאָרשאַרבעט.

אינפֿאָרמירנדיק וועגן דער אַרבעט פֿון דער היסטאָרישער קאָמיסיע אין וואַרשע, אַפּעלירט דער רעדנער צו די דעלעגאַטן, זיי זאָלן מיטהעלפֿן אויף

די ערטער דער היסטאָרישער סעקציע פֿון ייִוואָ אין דער אַרבעט, ווײַזט אָן אויף דעם אויסגעצייכנטן „פּנקס פֿון פּרוזשענע‟, וואָס די ייִדיש-וועלטלעכע שול אין פּרוזשענע האָט אַרויסגעגעבן, און אַ ריי שטעט און שטעטלעך טוען נאָך איצט דעם בײַשפּיל. די היסטאָרישע קאָמיסיע איז גרייט צו דינען מיט אָנווײַזונגען.

נפֿתּלי ווײַניג (ווילנע): פֿרײַנד רינגעלבלום האָט גוט געטאָן וואָס ער האָט אַרויפֿגעפֿירט די דעבאַטע אויף זײַן ריכטיקן וועג, אויפֿן וויסנשאַפֿטלעכן וועג. וועל איך דאָ זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דער עטנאָגראַפֿישער קאָמיסיע, וואָס איז אַ שײַנדל אין דער אַרבעט פֿון ייִוואָ. אָבער אַזעלכע גרויסע אוצרות, ווי זי האָט צונויפֿגעזאַמלט, האָבן באַדאַרפֿט אַרויסרופֿן אַ דיסקוסיע איבער אַ גאַנצער ריי מעטאָדאָלאָגישע פֿראַגן. צום באַדויערן איז עס אויפֿן צוזאַמענפֿאָר ניט געשען. אויף דער קאָנפֿערענץ אין 1929 איז אָנגענומען געוואָרן מײַן פֿאָרשלאָג וועגן פֿאַרוואַנדלען די פֿאָלקלאָר-קאָמיסיע אין אַ עטנאָגראַפֿישער קאָמיסיע. דאַרף מען איצט זען אַרויסברענגען די אַרבעטן פֿון דער קאָמיסיע; אַ פּלאַן האָב איך צוגעשטעלט דעם צוזאַמענפֿאָר. דער רעדנער כאַראַקטעריזירט דעם צוגאַנג צו עטנאָגראַפֿיע אין ראַטן-פֿאַרבאַנד און אין דײַטשלאַנד.

ג. אײַזנער (ניו-יאָרק): איך פֿאַרטרעט ניט קיין שום ריכטונג, זיך אַלע מאָל פֿאַרנומען אין ייִוואָ מיט ענינים פֿון באַלעבאַטישקייט. אָבער צו מײַן פֿאַרוווּנדערונג האָט קיינער ניט גערעדט וועגן די עקסיסטענץ-מעגלעכקייטן פֿון ייִוואָ. מיר (אַמעריקאַנער) האָבן אַ גרויסע זאָרג וועגן דעם קיום פֿון ייִוואָ. מיר מוזן זיך קאָנסאָלידירן, כּדי אויפֿצוהאַלטן דעם ייִוואָ. אַ שאָד וואָס עס זענען אויך ניט געווען קיין ציפֿערן וועגן דער טעטיקייט פֿון אַמאָפּטייל. מיר האָבן אַ נאָרמאַלע אָרגאַניזאַציע מיט אַ גרויסער מיטגלידערשאַפֿט, מיר האָבן געוויסע פֿאַרפֿליכטונגען לגבי דער אַמעריקאַנער ייִדישער עפֿנטלעכקייט. מען האָט צוגעזאָגט אַרויסצוגעבן אַ באַנד פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער אַרבעטער-באַוועגונג, מוז מען דאָס רעאַליזירן. אָבער ווידער אַ מאָל די זעלביקע מעשה, חבֿרים קריטיקער: מען דאַרף זיך רעכענען מיט די מעגלעכקייטן. דער רעדנער לייגט פֿאָר, אַז אויף די קומענדיקע צוזאַמענפֿאָרן זאָלן ווערן אָפּגעגעבן באַריכטן פֿון די באַזונדערע לאַנד-אָרגאַניזאַציעס.

יעקבֿ פּאַט: איך וויל אויפֿקלערן צוויי עיקרדיקע ענינים. אין משך פֿון דער דיסקוסיע זענען געמאַכט געוואָרן פֿאָרוווּרפֿן דער דעלעגאַציע פֿון ייִוואָ און די עלעמענטן וואָס זיי פֿאַרטרעטן. מצד ח׳ רייזען איז געווען אַ פֿאָרוווּרף, אַז מיר טוען ווייניק פֿאַרן ייִוואָ און דעריבער האָבן מיר ניט קיין רעכט דאָ צו שטערן. מיר טוען די זעלבע אַרבעט אויף צוויי קולטור-אָפּשניטן. אויב מיר פֿאַרטרעטן דעם ייִדיש-וועלטלעכן שולוועזן פֿון פּוילן, האָבן מיר רעכט צו זאָגן דאָ אַ וואָרט. אויב עס זענען דאָ פֿאָלקס-ביבליאָטעקן,

פאָלקס־אוניווערסיטעטן, טויזנטער (דורכן יאָר) קולטור־אונטערנעמונגען, רעפע־ראַטן, — איז דאָס דער פאַרדינסט פון די זעלבע שיכטן. דער ה׳ רייזען איז דעריבער געווען ניט אין אָרדענונג מיטן פאָרוואורף וואָס ער האָט אונדז געמאַכט. איר האָט דאָ געהערט די אַרויסזאָגונגען פון אַ גאַנצער ריי אַלטע קולטור-טוער, מעגט איר זיך צוהערן צו די שטימען. אויב זיי האָבן טענות, איז אַ סימן, אַז די טענות זענען באַרעכטיקטע. די פראַגע איז: וועלכן פּנים האָט דער ייִוואָ? ווען אונדזערע אָבות האָבן געשאַפן חכמת־ישראל, ייִדישע קולטור — האָבן זיי געהאַט אַ שכינה, צוליב וועלכער זיי האָבן דאָס געטאָן. אחד-העם האָט אויך געהאַט אַ שכינה — קיום־האומה. וואָס איז אָבער אײַער אידעע, וואָס באַגײַסטערט אײַך? אין ייִוואָ טאָר ניט זײַן קיין אַנדער שכינה ווי די שכינה פון סאָציאַליזם.

ד״ר י. רובין (תל־אביב): די וואָס זענען געקומען פון דרויסן, קע־נען באַקומען אַ פײַנלעכן אײַנדרוק פון דער קריטיק פון די קריטיקער, וויל איך דעריבער אויפקלערן, אַז אין ווילנע דאַווגט מען אַפילו ביים שמירן די רעדער, ווי יענער בעל-עגלה אין דער מעשהלע פון ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער. רעדער דאַרף מען טאַקע שמירן, אָבער וויסן ווען און ווי אַזוי. פונדעסטוועגן דאַרף מען זיך ניט שרעקן פאַר דעם וואָס מען האָט דאָ גערעדט. דער ייִוואָ בלייבט דער היכל פון דער ייִדישער קולטור.

פ׳ ווײַנרײַך האָט דאָ גערעדט קעגן דער ספר-קולטור. דער ייִוואָ האָט אונדז געגעבן אַ באַנײַטע ספר־קולטור, וואָס וועט שאַפן אונדזער וויסנשאַפט־לעכע קולטור. מיר ווייסן, אַז צו ווייניק כּוחות אַרבעטן פאַרן ייִוואָ, פונדעסט־וועגן דאַרף מען פאָרשן אויך דעם א״י־געביט. די פרײַנד פון ייִוואָ אין א״י וועלן העלפן אין דעם.

ב. כּהן־ווירגילי (ווילנע): די טוער פון ייִוואָ האָבן פײַנלעך אויפגענומען די קריטיק פון דרויסן, אָבער נאָך 10 יאָר אַרבעט האָט מען גע־מוזט קומען מיט קריטיק און פאָדערונגען. מענטשן דינט דאָס רעכט צו זײַן אומצופרידן, בפרט אַז מיר אַליין זענען אויך ניט צופרידן. מיר ווייסן אָבער די מניעות, בשעת די, וואָס האָבן ניט גענומען קיין דירעקטן אָנטייל אין דער אַרבעט, שטעלן זיי זיך אפשר ניט פאָר. פון דער אַנדער זײַט בין איך אָבער זייער ווייט דערפון צו גלייבן, אַז דער ייוואָ איז אַריבער אויף אַנדערע רעלסן. עס איז ניט ריכטיק, אַז ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ אינסטרומענט פון רעאַקציע אאַז״וו. מיר אַלע האָבן ווײַזט אויס אַנדערש פאַרשטאַנען די גרונד-אידעע פון ייִוואָ. פאַר מיר שטייט זי קלאָר, ווי זי איז פאָרמולירט אין דער פרינציפּן - דערקלערונג אונדזערער: דער ייִדישער וויסנ־שאַפטלעכער אינסטיטוט קומט צו דינען די ייִדישע מאַסן אין דעם קאַמף פאַר זייער קולטורעלער עמאַנציפּאַציע. איך גלייב, אַז קיין חילוקי-דעות זענען צווישן אונדז ניטאָ. מיר האָבן נאָר געהאַלטן, אַז דער ווערט פון ייִוואָ ליגט ניט אין

די אָדער יענע אַקטן פון פּאָליטישער אַרויסטרעטונג. דעריבער ווילן מיר ניט קענען באַפרידיקן די יעניקע, וואָס וואָלטן געוואָלט פון אים אַזעלכע אַרויס-טרעטונגען. די באַזע פון ייִוואָ מוז זײַן אַ ברייטערע ווי פון דער ייִשאָ. ער איז אַ אינסטרומענט צו דערהייבן די ייִדישע מאַסן, געשאַפן צום נוצן פון אונדזער גאַנצן באַפרײַונגס-קאַמף, און מחמת דעם האָט דער ייִוואָ ניט גע-טאָרט אַרײַנגיין אין אַזוינע אונטערנעמונגען, וואָס וואָלטן אים געקענט ברענגען צום אונטערגאַנג. אַזוי ווי אָבער געוויסע זאַכן זענען אפשר אָפּגעטעמפּט גע-וואָרן, באַגריס איך די וואָס זענען געקומען און אויפגעמונטערט און דערמאָנט.

א. טשעריקאָווער מאַכט אַ מיטטיילונג פון דער היסטאָרישער סעקציע, אַז בײַ דער קאָמיסיע אין פּוילן פאַר רעגיאָנאַלער פאָרשאַרבעט און פאַר מאָנאָגראַפיעס פון באַזונדערע שטעט איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָנסולטאַציע-קאָלעגיע פון ד״ר מ. העלער (ווילנע), ד״ר ר. מאַהלער (וואַרשע), ד״ר ע. רינגעלבלום (וואַרשע) און ד״ר פ. פרידמאַן (לאָדזש). אַ ספּעציעלע באַראַטונג וועגן דעם קומט פאַר אין בנין פון ייִוואָ.

נ. בוקסבוים: איך האָב געמיינט, אַז ס׳איז ניט נייטיק צו דיסקו-טירן וועגן אַפּאָליטישער אָדער פּאָליטישער וויסנשאַפט, אַ דיסקוסיע, וואָס האָט דאָ אַרויסגערופן אַזוי פיל בייז בלוט. ווען מיר וואָלטן געהאַט דעם מלוכה-אַפּאַראַט, וואָלט ער געזאָרגט פאַר דעם גײַסט פון אינסטיטוט. מיר קע-נען ניט לאָזן די וויסנשאַפטלעכע אַרבעט אָן אַ קאָנטראָלע און דאָס דאַרף זײַן די קאָנטראָלע פון די ייִדישע אַרבעטער- און פאָלקס-מאַסן, ווײַל זיי זענען פאַראינטערעסירט אין אינסטיטוט, באַטראַכטן אים פאַר זייערן. מיר פאָדערן ניט, איר זאָלט דעם מאַרקסיזם אַרײַנפירן אין ייִוואָ, אָבער אַ געוויסע גרע-נעץ מוזט איר אָפּהיטן. זענט איר פאַר דעם, אַז ייִדיש זאָל אויסגעשפּרייט און געשטאַרקט ווערן, מוזן אײַך די אינטערעסן פון די מאַסן זײַן נעענטער ווי פון יחידים, מוזט איר אויסדריקן סימפּאַטיע צו די ייִדישע אַרבעטער, וואָס האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט פאַר ייִדיש. די אַרבעט פון ייִוואָ איז וויכ-טיק, אָבער וויכטיק זענען אויך די רעזאָלוציעס, ווײַל זיי זענען אַ רוף צו די מאַסן, אַן אויסדרוק פון סאָלידאַריטעט מיט זיי.

ג. אורינסקי (פּרוזשענע): איך רייד פון שטאַנדפּונקט פון אַ קול-טור-טוער פון דער פּראָווינץ, איך קום פון דאָרט, וווּ אַזוי פיל ייִדישע שולן זענען חרוב געוואָרן. מיר זענען געקומען אויפן צוזאַמענפאָר שעפן באַגײַסטע-רונג, אָבער מען האָט דאָ אַרײַנגעבראַכט אַ צערייצטן טאָן און ניט נאָר די קריטיקער פון לינקס, נאָר אויך די חברים פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג. אויך מיר אין דער פּראָווינץ פאַרבייגן אָפּט פּריינציפּן צוליב דעם קיום פון אונדזערע אינסטיטוציעס, דערפאַר פאַרשטייען מיר די טוער וואָס ווילן ניט דערלאָזן אין ייִוואָ קיין פּאָליטיק, אָבער געזעלשאַפטלעך איז ניט אַלץ געטאָן געוואָרן. מען האָט דאָ אַ סך גערעדט וועגן די רדיפות אויף ייִדיש אין א״י,

אָבער דער יִוואָ האָט אויך ניט פּראָטעסטירט קעגן דעם פּאָגראָם אויף ייִדיש אין פּוילן. מען דאַרף וויסן, אַז דאָס קינד אין דער תּרבות-שול ווערט דערצויגן אין שנאה ניט נאָר צו ייִדיש, נאָר צו קולטור בכלל (צווישנרוף: „ניט אמת!" אַפּלאָדיסמענטן). מיר וועלן איבערקומען די שווערע צײַטן, מיר אַרבעטן מיט גלויבן, אָבער עס מוז אַרײַנגעבראַכט ווערן פּלאַנמעסיקייט און פּערספּעקטיווע אין אונדזער אַרבעט. עס איז דאָך אַ טראַגעדיע פֿאַר דער ייִדישער שול, וואָס מיר האָבן אַזאַ מאַנגל אין לערערס אויף ייִדישע לימודים.

אינזש' מ. שרײַבער (ווילנע) באַגריסט אין נאָמען פֿון פֿאַרבאַנד פֿון די ייִדישע אינזשעניערן אין ווילנע און פֿון ייִדישן טעכניקום בײַ דער געז' „אָרט". דער טעכניקום האָט פֿאַר די קנאַפּע 15 יאָר פֿון זײַן עקסיסטענץ געשאַפֿן — אפֿשר די ערשטע—טעכנישע ליטעראַטור אויף ייִדיש און דער יִוואָ האָט אין דעם געשפּילט אַ אויסערגעוויינלעכע ראָלע. דער רעדנער כאַראַקטעריזירט די דאָזיקע איינציקע ייִדישע טעכנישע שול אין פּוילן (מיט דער ייִדישער לערנשפּראַך), וואָס איז אויפֿגעבויט לויטן טיפּ פֿון די באַרימטסטע טעכניקומס אין דײַטשלאַנד, אָבער ניט ווי אַ קאָפּיע, נאָר ווי אַן אָריגינעלע, אין גאַנצן ייִדישע לערן-אַנשטאַלט, צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען פֿון ייִדישן לעבן און פֿון דער ייִדישער יוגנט פֿון די לענדער, וווּ די אַבסאָלווענטן קענען אויסקומען צו פֿאַרווענדן די דערוואָרבענע קענטענישן. עס האָט געדאַרפֿט אויסגעאַרבעט ווערן אַ ספּעציעלע פּראָגראַם זייער אַ ברייטע, סײַ אַ טעאָרעטישע סײַ פֿאַר דער פּראַקטישער אַרבעט, מען האָט געמוזט שאַפֿן די נייטיקע לערנביכער אין ייִדיש, אויפֿבויען אַ גאַנצע ריי מעכאַנישע און עלעקטראָטעכנישע וואַרשטאַטן. דאָס אַלץ איז געשאַפֿן געוואָרן דורך אָנגעשטרענגטער אַרבעט פֿון 15 יאָר.

ז. רייזען: אַ גאָר גרויסן חלק אין דעם יִוואָ האָבן די מחנות פֿון זײַנע געטרײַע זאַמלער. זאָל פֿאַר זיי ריידן די באַגריסונג פֿון די חברים פֿון פּרק-פֿאַראיין אין טשאָרטקאָוו. (לייענט די באַגריסונג. אַפּלאָדיסמענטן).

ש. מענדעלסאָן: מען האָט דאָ גערעדט וועגן פֿאַרשיידענע מינים קריטיק, וועגן זאַכלעכער קריטיק און שטערערישער. ווען דער יִוואָ וואָלט נאָר אַרויסגעגעבן זײַנע „שריפֿטן", וואָלטן מיר זיך געקענט באַנוגענען נאָר מיט זאַכלעכער קריטיק. אָבער דער עיקר-ווערט פֿון יִוואָ איז דאָך די אַטמאָספֿערע וואָס ער שאַפֿט. די צוגעבונדנקייט צום יִוואָ שטאַמט דאָך ניט פֿון די בײַכיקע יִוואָ-בענדער. ס'איז דאָ אַ עמאַנאַציע פֿון יִוואָ און אין דער אָ עמאַנאַציע גייט עס אונדז. עס איז ניט מעגלעך אין פּוילן אַ קולטור-בויונג אָן אַ קולטורקאַמף. העכער 60 שולן האָט מען פֿאַרמאַכט, איבער אַ האַלבן מיליאָן סובסידיעס האָט מען געשטראָכן. פֿאַרטראַכט זיך אויף דעם, וועט איר פֿאַרשטיין, פֿונוואַנען עס נעמט זיך אונדזער נערוואָזיטעט. מיר זענען געקומען אַהער אַ גאַנצע דעלעגאַציע פֿון דער ייִשאָ ניט כּדי צו מאַכן בייז בלוט, נאָר

ווײַל מיר באַמערקן, אַז עס הייבט זיך אָן צו שאַפֿן אַן אײַזשיכט אין די געפֿילן פֿון די אַרבעטער צום ייִוואָ, מיר האָבן מורא, ער זאָל ניט פֿאַרלירן די גראַוויטאַציע-קראַפֿט אויף דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. מיר זענען איין אָרגאַניזם און אַז איין טייל איז קראַנק, ווערט עס געפֿערלעך פֿאַרן גאַנצן אָרגאַניזם. מען האָט געזאָגט, אַז מיר זענען געקומען אַרײַנשטעקן שטעקנס אין די רעדער פֿון וואָגן, אָבער ווען דער וואָגן גייט באַרג אַראָפּ, איז אַ טובֿה דאָס צו טאָן.

ד"ר מ. סודאַרסקי (קאָוונע): מען פֿאָדערט פֿון ייִוואָ צו פֿיל. אַלץ דאַרף ער זײַן, אַ אַקאַדעמיע, אַ בילדונגס-דעפּאַרטאַמענט, אַ פּעדאַגאָגישער סעמינאַר. דאָס זענען אַלץ זייער נייטיקע אינסטיטוציעס, אָבער די מעגלעכקייטן זענען דאָך באַגרענעצטע. איך פֿאַרשטיי די געפֿילן פֿון די לערער און קולטור-טוער, וואָס אַרבעטן בײַ אַזעלכע אומדערטרעגלעכע באַדינגונגען. אָבער דער אינסטיטוט מוז זיך באַגרענעצן מיט וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט. פּראָפּ' פּ. שניאורסאָן האָט געזאָגט אַ גוטן וויץ: דער שמש פֿון קלויז גיט מלקות איין מאָל אין יאָר די באַלעבאַטים, אויף וועלכע ער איז אין כּעס. דאָ איז פֿאַרקערט: אַלע באַלעבאַטים זענען געקומען און שמײַסן דעם שמש. אַלע האָבן געזינדיקט קעגן ייִוואָ. מען האָט ניט געטאָרט דערלאָזן, אַז די וויסנשאַפֿטלער זאָלן זיך דאַרפֿן אָפּרײַסן פֿון זייער אַרבעט און פֿאָרן קלײַבן געלט. מען האָט געדאַרפֿט אַליין אַרײַנשיקן. דאָס זעלבע אויך מיט דער ייִדישער שול. זייער ווייניק מענטשן זאָרגן פֿאַר דער ייִדישער קולטור און אַלע טראָגן די שולד פֿאַר אונדזער קולטור-ירידה. ווען אַלע וועלן זיך גרופּירן אַרום אינסטיטוט, וועלן די מניעות באַזײַטיקט ווערן און די טענות וועלן אויפֿהערן.

אַדוו' יוסף טשערניכאָוו (ווילנע): איך וויל פּרוּוון אין פּיאַניסימאָ, וואָס איך האָב מיט אַ פּאָר טעג צוריק געזאָגט פֿאָרטיסימאָ. ווײַל איך האָב צו ווײַט געשאָסן, האָב איך ניט ריכטיק געטראָפֿן. ווי אַ פֿאַכרעדנער באַדויער איך, וואָס איך בין שלעכט פֿאַרשטאַנען געוואָרן. אַ פֿרײַנד האָט מיר געזאָגט, אַז איך זיץ דאָ ווי אַן אָבֿל צווישן מחותּנים. מיט 10 יאָר צוריק האָבן ייִדן אויסגעמאַכט 36 פּראָצ' פֿון דער באַפֿעלקערונג אין ווילנע, איצטער—בלויז 25. מײַן אומרו האָט אויך געבראַכט צום אויסדרוק יעקבֿ לעשטשינסקי, אָבער פֿון זײַנע „100 יאָר אַנטוויקלונג פֿון ייִדישן פֿאָלק" (אין די „עקאָנאָמישע שריפֿטן") ביז זײַן נעכטיקן רעפֿעראַט איז אַ ווײַטער מהלך. עס וואַקסט אומעטום שפֿלות. דער אינסטיטוט טאָר זיך ניט קאָנקרעטיזירן. אויב ער וועט דאָס טאָן, וועט ער פֿאַלן. איך האָב געוואָרנט דעם ייִוואָ, און איצט מוז איך דאָס דאָ אונטערשטרײַכן ווידער.

ב. פּײַנערמאַן (ניו-יאָרק): כ'האָב זיך צוגעהערט צו דער קריטיק און געפּרוּווט מאַכן אַ סך-הכּל. קריטיק איז גוט און נוצלעך, עס דערמאָנט, אַז

ס'איז דאָ אַן אויג וואָס וואַכט. מען מוז אָבער אָפּשיידן קריטיק פון אָנגריף. איך ווענד זיך צו די חברים פון דער ייִוואָ: איר ווייסט, אַז איך בין אַ סאָציאַליסט שוין 30 יאָר, געהער צו דער לינקער פראַקציע, שטעל איך אײַך אייניקע פראַגן, ח' פּאַט: די באַריכטן פון צוזאַמענפאָר אין דער „פאָלקסצײַטונג" זענען קריטיק? זאָלן די פאַרטרעטער פון די פּאָליטישע פּאַרטייען מיר זאָגן, צי מ'קען זיך באַגיין אָן קאָמפּראָמיסן? מען וואָלט געוואָלט מאַכן פון אינסטיטוט אַ פּאָליטישע אינסטיטוציע. דאָס איז אַ געפערלעכע שפּיל. דער ייִוואָ קען צום באַדויערן גאָרנישט טאָן דערצו, וואָס ייִדישע שולן ווערן געשלאָסן. ח' מענדעלסאָן האָט געפירט אַן אַקציע פאַרן „בונד" אין אַמעריקע, האָט ער אויך געמוזט מאַכן קאָמפּראָמיסן. אויב ער האָט עס באַרעכטיקטערהייט געטאָן אין אויסלאַנד, פאַר וואָס איז עס טרייף אין פּוילן? דער ייִוואָ איז ניט קיין פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, נישט קיין אָרגאַניזאַציע פאַר פּראָטעסטירן, ס'איז אַן אינסטיטוט פאַר פּאָזיטיווער אַרבעט. מיר סאָציאַליסטן ווייסן גוט, אַז כּדי צו פאַרשטיין די געגנוואַרט, מוז מען קענען די פאַרגאַנגענהייט. איז די אַנקעטע צו פאָרשן די יוגנט נישט קיין אַרבעט וועגן הײַנט? אַלע, וואָס ווילן העלפן דעם ייִוואָ, זאָלן קריטיקירן נישט ווי פײַנד נאָר ווי פרײַנד.

יוסף אַראָנאָוויטש (ווילנע): זיך פאַרשריבן צום וואָרט צוליב די לעצטע צוויי רעדנער. איך וואָלט פאַרשטאַנען די צערייצטקייט פון די פירער פון ייִוואָ, ווען דאָס וואָלט געווען אַ פּערזענלעכע צערייצטקייט. די צערייצטקייט נעמט זיך פון דעם, וואָס מען רירט אָן די מעטאָדן, די יסודות פון זייער אַרבעט. וואָס האָט געוואָלט ז. רייזען? אַז דער צוזאַמענפאָר זאָל פאָרקומען בײַ אַ קאַלטער זעלבסטצופרידנקייט? ווי אַ פאָרשטייער פון ייִדישן צענטראַלן בילדונגס-קאָמיטעט (צב"ק) אין ווילנע קען איך פעסטשטעלן, אַז מיר אַלע באַציִען זיך מיט דער גרעסטער פרײַנדשאַפט צום ייִוואָ. איך האַלט אונטער דעם ווילנער נוסח פון ח' ווירג'לי-כּהן, אַז דער אינסטיטוט דאַרף שטיין אויף אַ ברייטער באַזע, אָבער די קאָאַליציע מוז זיך שטיצן אויף פרײַנד פון אַרבעטער-קלאַס, די אינטערעסן פון אַרבעטער-קלאַס דאַרפן שטיין אויפן ערשטן אָרט. מיר פאָדערן נישט קיין פּאַרטיייִשע אײַנשטעלונג, אָבער מיר מוזן זיך שטעלן מיטן פּנים צו דער אַרבעטערשאַפט. בעבעל האָט געזאָגט: ווען די שונאים לויבן מיך, איז אַ סימן, אַז איך האָב שלעכט געטאָן. גיט אַ קוק וואָס די ציוניסטישע „צײַט" שרײַבט וועגן ייִוואָ, וועט איר זען ווו איר האַלט. אַלץ וואָס גייט ניט מיט דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט, מוז ווערן רעאַקציאָנער און פאַשיסטיש.

גאָלדע פּאַץ (ווילנע): די קריטיק קומט אַרויס פון דער ליבע צום ייִוואָ. שוין אייניקע יאָר הערשט אַן אומצופרידנקייט מיט דער אַרבעט פון דער פּסיכפּעדסעקציע און פון דער היסטאָרישער סעקציע. די פּסיכאָלאָגישע סעקציע האָט אָנגעוואָרפן אַ סך פּלענער, אָבער נישט אויסגעפירט. די סעקציע וועט קענען אַ סך אויפטאָן, אויב ס'וועלן זיך שאַפן מאַטעריעלע מיטלען. די

יוגנטפֿאַרשונג איז דערפֿאַר אוועק גוט, ווייל זי האָט באַקומען אַ געהעריקע פֿינאַנציעלע אונטערשטיצונג. עס ווערט אַרײַנגעלייגט אַ סך געזעלשאַפֿטלעכע מי אין ייִוואָ און דאָס איז מחייב. מען קען ניט זײַן נייטראַל אין קאַמף צווישן פֿאַשיזם און ליבעראַליזם. דער מעטאָד פֿון דער היסטאָרישער סעקציע דאַרף זײַן פֿון דער מאַטעריאַליסטישער דיאַלעקטיק. די אָנפֿירונג מוז אַריבער־געטראָגן ווערן קיין פּוילן. דאָ צווישן די יונגע היסטאָריקער זענען פֿאַראַן גענוג קרעפֿטן, וואָס וואָלטן אַ סך אַרײַנגעבראַכט. וואָס שייך פּאָפּולאַריזירן וויסנשאַפֿט, ווערט מען עס קענען דעמאָלט, ווען מיר וועלן שאַפֿן דעם אַקאַדעמישן יסוד. מיר וואָלטן פֿאַרשפּאָרט אַ סך נערוון, ווען מיר האָבן טעגלעך די מעגלעכקייט צו קריטיקירן די אַרבעט פֿון ייִוואָ. ז. רייזען, צו וועלכן כ׳האָב די גרעסטע אַכטונג, דערלאָזט עס נישט אונטערן אויסרייד, אַז מען דאַרף נישט קריטיקירן בשעת מען בויט.

פּראָפֿ׳ פּ. שניאורסאָן (וואַרשע): אין דער קריטיק איז יעדנפֿאַלס אויסגעדריקט געוואָרן די אָנערקענונג פֿאַרן ייִוואָ. אין זין פֿון מײַן רעפֿעראַט טראָג איך אַרײַן אַ רעזאָלוציע. (גיט זי איבער שריפֿטלעך).

נח פּרילוצקי: ווען ייִוואָ וואָלט נישט געווען קיין פּריוואַטע אָרגאַניזאַציע, נאָר אַ מלוכה־אַקאַדעמיע, וואָלטן געווען וויסנשאַפֿטלער און געסט. דאָ האָבן מיר אויך דעלעגאַטן. פֿון אַ געוויסן שטאַנדפּונקט איז עס אַ דעמאָקראַטישע דערשײַנונג. דעריבער אָבער האָט זיך געשאַפֿן אַ לאַגע, אַז די פֿרײַנד, וואָס זענען נישט קיין וויסנשאַפֿטלער, פֿאַרלאַנגען פֿון ייִוואָ אַלץ. מען קומט צום ייִוואָ ווי צום רבין. אין דער קריטיק זעט זיך די אומקריטישקייט. צי זענען די טויער פֿון ייִוואָ מכשפֿים? קען דער ייִוואָ עפּעס אויפֿטאָן, אַז מען פֿאַרמאַכט שולן? די טויער פֿון ייִוואָ פֿאַרשטייען, אַז ס׳דאַרף געטאָן ווערן דאָס, וואָס זאָלן ברענגען פּראַקטישע נוצן. עס פֿירט זיך אַ קולטור־קאַמף און דער ייִוואָ איז דער זיצאָרט פֿון שטאַב. אַז דער שטאַב ווערט צעקלאַפּט, ווערט אַלץ חרוב. דער ייִוואָ מוז זײַן מאַבו, פֿאַרפּאַנצערט, טאָר זיך ניט דירעקט אַרײַנמישן אין פּאָליטישן קאַמף ווי אונדזער העכסטע קולטור־פּאָזיציע.

י. גיטערמאַן (וואַרשע): ס׳קומען פֿאָר רײַבונגען ווי צווישן צוויי שכנים וואָס זיצן אונטער איין דאַך. מען מוז אויפֿשטעלן אַ מחיצה. דעם ייִוואָ דאַרף זײַן די רעפּרעזענטאַנץ פֿון דער ייִדישער קולטור און שאַפֿן קולטור, באַדינען די מאַסן. אַז ער רעפּרעזענטירט שלעכט די קולטור, האָט מען ניט געהערט; אַז ער באַדינט ניט גענוג, איז ריכטיק. פֿאַראַן סיבות. קודם־כּל די מאַטעריעלע. אָבער די טענות וועגן קאַמף, פּאָליטישע רעזאָלוציעס, וכדומה — אין דעם קען זיך דער אינסטיטוט ניט אַרײַנצישן. אין ייִוואָ זענען פֿערטרעטן פֿאַרשיידענע ריכטונגען, דאַרף מען זוכן דאָס וואָס פֿאַרייניקט אונדז אַלעמען.

עס ווערט דערקלערט אַ הפֿסקה ביז נאָך מיטאָג.

באַראַטונג פֿון דער היסטאָרישער סעקציע

וועגן רעגיאָנאַל־געשיכטלעכער פֿאָרשונג

האַלב צוויי אַ זייגער האָט זיך אָנגעהויבן אַ ענגע באַראַטונג פֿון דער היסטאָרישער סעקציע מיט פֿאָרשטייער פֿון אַ ריי גרעסערע און קלענערע פּונקטן פֿון דער פּראָווינץ, ווי קאַליש (קאַפּלאַן, זשיוויאַנסקי), טורעק (ה. גאָצמאַן), באַראַנאָוויטש, לידע און אַנדערע, ראַקאָוו בײַ אַלעכנאָוויטש (י. פֿינקעל), וועלכע פֿירן דורך אַ זאַמל־אַרבעט פֿון מאַטעריאַלן פֿאַר היסטאָרישע מאָנאָגראַפֿיעס פֿון זייערע שטעט. דער פֿאָרזיצער פֿון דער באַראַטונג ד״ר עמנואל רינגעלבלום האָט אויפֿגעקלערט די גרויסע וויכטיקייט פֿון דער דאָזיקער רעגיאָנאַל־געשיכטלעכער פֿאָרשונג צוליב וויסנשאַפֿטלעכע, קולטור־דערציִערישע, געזעלשאַפֿטלעכע און ווירטשאַפֿטלעכע טעמים. ביז איצט זענען פֿאַראַן ווייניק רעגיאָנאַלע מאָנאָגראַפֿיעס. אַ ביסל איז באַאַרבעט געוואָרן גרויס־פּוילן (מ. באַלאַבאַן — „די ייִדן אין קראָקע“, פֿ. פֿרידמאַן — „די ייִדן אין לאָדזש“), ייִטע מאַנדלסבערג — אַרבעט איבער אַ מאָנאָגראַפֿיע וועגן לובלין. די ווירטשאַפֿטס־געשיכטע איז אָבער געבליבן פֿאַרנאַכלעסיקט. ד״ר רינגעלבלום האָט אויך געגעבן אַ ריי מעטאָדישע אָנווײַזונגען, ווי אַזוי און אין וועלכער ריכטונג צו פֿירן די פֿאָרשאַרבעט: עס דאַרף געלייגט ווערן אַכט אויף דער ווירטשאַפֿטלעכער און סאָציאַלער געשיכטע, אויף דער שטייגער־געשיכטע, וועלכע גרויסע פּערזענלעכקייטן זענען פֿאַרבונדן מיט דעם געגעבענעם פּונקט, געשיכטע פֿון דער עמיגראַציע; גרויס אַכט דאַרף אויך געלייגט ווערן אויף דער געגנוואַרט.

ד״ר פֿ. פֿרידמאַן גיט אין זײַן קאָררעפֿעראַט צוגאָב־אָנווײַזונגען.

עס אַנטוויקלט זיך אַ לעבעדיקע דיסקוסיע, אין וועלכער עס באַטייליקן זיך ד״ר מ. העלער, ד״ר ר. מאַהלער, מגר׳ דערעוויאַנסקי, מגר׳ מאַנדעלסבערג א״אַ.

עס ווערט באַשלאָסן, אַז די היסטאָרישע סעקציע נעמט איבער די אַפּוטרופּסות איבער דער רעגיאָנאַלער פֿאָרשאַרבעט, ווענדט זיך צו די אַלע פּונקטן וועגן אָנבינדן מיט איר אַ קאָנטאַקט, כּדי צו באַקומען די נייטיקע הילף. אין לאָדזש נעמט איבער די אַפּוטרופּסות ד״ר פֿ. פֿרידמאַן אין פֿאַרבינדונג מיט דער היסטאָרישער סעקציע.

נ י ־ י נ ט ע ז י צ ו נ ג

פ ל ע נ ו ם פ ו ן צ ו ז א מ ע נ פ א ר

(מאָנטאָג דעם 19טן אויגוסט אין אָוונט)

אויפֿן סדר־היום המשך פֿון דער דעבאַטע

פֿאָרזיצער י. באָטאָשאַנסקי: חשובֿע פֿרײַנד! ס׳קומט אויס צו רעדן נית וועגן די באַריכטן, נאָר וועגן די דיסקוסיעס אַרום זיי. איך בין מסכּים מיט אַ סך טענות, זיי זענען אָבער ניט געמאַכט געוואָרן אין דער ריכטיקער צײַט און אויפֿן ריכטיקן אָרט. זאָלן די סאָציאַליסטן, וואָס ציטערן פֿאַרן „באַלעבאַטישן" גײַסט פֿון ייִוואָ, אַ גאַנץ יאָר פֿירן די אַרבעט און זאָרגן פֿאַרן ריכטיקן גײַסט אין ייִוואָ. סאָציאַליסטישע טוער! ווילט איר, אַז דער ייִוואָ זאָל זײַן אין אײַער גײַסט — אַרבעט אַ גאַנץ יאָר!

ס׳האַלט שוין בײַ נעילה. איך וואָלט וועלן, אַז נאָכן אַרויסשטעלן אַלע מעגלעכע און אוממעגלעכע פֿאָדערונגען זאָל מען ניט שעדיקן דעם ייִוואָ דורך בלויזע פּאָליטישע פּניות. דער ייִוואָ איז אַ ריזיקע קולטור־פֿעסטונג, געבויט דורך די פּראָגרעסיווע כּוחות. מען דאַרף האָפֿן, אַז אַזאַ וועט ער בלײַבן. עס וועט איבער דער וועלט צעטראָגן ווערן דער גוטער שם, ניט דער נאָכטעם פֿון דער פּאָליטישער דיסקוסיע. פֿון צוזאַמענפֿאָר האָט מען גענומען פֿײַער. דער ייִוואָ האָט סטימולירט און סטימולירט ווײַטער צו נײַע קולטור־אויפֿטוען.

ד״ר ל. וולמאַן: פּראָפֿ׳ פּ. שניאורסאָן האָט שוין געגעבן אַ שיינעם אַרײַנפֿיר צו מײַן וואָרט וועגן דעם אָרט פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכער מעדיצין. די ייִדישע מעדיצינישע וויסנשאַפֿט — סײַ די אַקאַדעמישע, סײַ די פּראַקטישע — איז געלעגן אָן אַ זײַט פֿון די פֿאַראינטערעסירונגען פֿון ייִוואָ. מיר האָבן ניט קיין טענות, הלמאַי די פֿילאָלאָגישע, היסטאָרישע און סאָציאַל־עקאָנאָמישע פֿראַגן האָבן פֿאַרנומען דעם אויבנאָן, בפֿרט אַז 10 יאָר איז זייער ווייניק. דער וויסנשאַפֿט ווידמעט מען לאַנגע לעבנס, און ניט בלויז פֿון איינצלנע מענטשן, ווי פֿאַראַדיי, כּאַווקין א״אַ. פֿאַר פֿאָרשונגען זענען נייטיק לאַנגע יאָרן אַרבעט, כּדי צו קומען צו אַ רעזולטאַט. מיר ווייסן אויך די שווע־ריקייטן פֿון דער ייִוואָ־אָנפֿירונג.

אײַנזעענדיק די נויטווענדיקייט פֿון ברייטערע אויספֿאָרשונגען אויפֿן געביט פֿון ייִדישער סאָציאַל-מעדיצין, האָט די ייִדישע געזונטשוץ-באַוועגונג („טאָז"-„אָזע"), וואָס איר אויפֿגאַבע איז קאָנקרעטע אוטיליטאַרע אַרבעט, געטאָן אויך וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט. זאָל וועגן איר אורטיילן דער ייִוואָ. מיר ווילן זיך טאַקע באַהעפֿטן מיטן ייִוואָ. זאָל ער אונדזער וויסנשאַפֿט-אַרבעט באַטראַכטן ווי אייגענע אַרבעט, זאָל ער אויספֿאָרשן אונדזערע מאַטעריאַלן. מיר האָפֿן, אַז אונדזער פֿאָרשלאָג וועט דורך דעם צוזאַמענפֿאָר אָנגענומען ווערן. לאָמיר צושטעלן דעם ייִוואָ אַ פּלייצע! און צו דער דעבאַטע בכלל: עס ווערט ניט אַזוי הייס געגעסן, ווי געקאָכט.

ש. ווינטער (וולאָצלאַוועק) לייגט פֿאָר צו שליסן די דעבאַטע, ווײַל אַ ריי דעלעגאַטן דאַרפֿן זיך גרייטן אין וועג. (ניט אָנגענומען, ווײַל די רעזאָלוציע-קאָמיסיע איז נאָך ניט פֿאַרטיק מיט איר אַרבעט). מען פֿאַרגעסט אָן די מעגלעכקייטן פֿון אינסטיטוט — עס איז אָפֿט מאָל ניט געווען קיין הוצאות אויף פּאָסט. ס'איז געווען אַ פֿעלער, וואָס מען האָט ניט צוגעגרייט געהעריק דאָס דורכפֿירן אין לעבן די תּקנות פֿון אויסלייג און דעריבער בלויז פֿאַרגרעסערט דעם מישמאַש אין אויסלייג. ס'איז אַקטועל די פֿראַגע וועגן אַן איינהייטלעכער אויסשפּראַך אויף דער בינע. מען טוט צו ווייניק פֿאַר דער פּאָפּולאַריזאַציע פֿון ייִוואָ. מען וואָלט באַדאַרפֿט אײַנפֿירן שטענדיקע אָפּצאָלן פֿון די „געזעלשאַפֿטן פֿרײַנד פֿון ייִוואָ" אָנשטאָט די צופֿעליקע קאַמפּאַניעס.

ב. טאַבאַטשינסקי (ביאַליסטאָק): אין די דעבאַטן גייט אונדז ניט אין טאָן. פֿאַר אונדז איז ייִוואָ און דער צוזאַמענפֿאָר ניט בלויז אַ יום-טובֿ. פֿאַר אונדז איז עס אַ וויכטיקע פּאָזיציע אין דער מאַסן-קולטור און טאַקע דערפֿאַר קריטיקירן מיר. די סאָציאַליסטן האָבן קיין מאָל ניט קיין מורא פֿאַר קריטיק. מיר טראָגן די זעלביקע קרבנות פֿאַרן ייִוואָ ווי די אַמעריקאַנער אָדער אַרגענטינער חבֿרים. ווער בֿרענגט אַרײַן די אַלע זאַמל-מאַטעריאַלן? עס איז דעריבער פֿאַלש דער פֿאָרוווּרף, אַז מיר וואַרפֿן בלויז לאָזונגען. אגבֿ איז אַ לאָזונג אויך קולטור און אַדאַנק די פּאָליטישע לאָזונגען און פּאָליטישן קאַמף קומט אויך די קולטור-באַפֿרײַונג. אין דעם איצטיקן קאַמף איז ניטאָ קיין פּשרות. ווער עס איז מיטן ייִוואָ, קען ניט זײַן מיטן ירושלימער אוניווערסיטעט. וואָס איז אייגנטלעך די צוואה, ווען מיר פֿאָדערן, אַז דער ייִוואָ זאָל נעמען אַ וואָרט אין קאַמף קעגן דער ייִדישער רעאַקציע. אין אַ בולעטין פֿון ייִוואָ ווערט דערציילט, אַז אַ וועבער האָט געגעבן צוויי גילדן פֿאַרן ייִוואָ. אויף אים דאַרף זיך דער ייִוואָ אָריענטירן.

י. באָטאָשאַנסקי: איך האָב ניט געזאָגט, אַז מען דאַרף ניט קיין לאָזונגען. איך האָב געזאָגט: זײַט בײַ דער אַרבעט און גיט אַכטונג.

זלמן רייזען: די זעלביקע רעדעס, וואָס רעגן אויף די פֿאָרשטייער פֿון דער ייִוואָ, האָב איך אויך געהאַלטן אויף די שול־צוזאַמענפֿאָרן אירע. איינע פֿון די וויכטיקסטע סיבות וואָס צווינגט אונדז אַזוי אָפּצושאַצן די סיטואַציע איז דער מצבֿ פֿון דער ייִדישער קולטור. דער אָפּזאָג פֿון ייִדישער קולטור איז אַן אָפּזאָג פֿון אַ ייִדיש שעפֿעריש לעבן. נאָר די ייִדישע קולטור קען אָרגאַניזרן דאָס ייִדישע לעבן. אָבער בלויז דער סאָציאַלער פּאַטאָס איז נישט גענוג צו בויען די ייִדישע קולטור. אַ באַווייַז איז אויך דער ראַטן־פֿאַרבאַנד, וווּ מען האָט נישט אויסגענוצט די קאָלאָסאַלע מעגלעכקייטן, וואָס די מלוכה גיט פֿאַר ייִדישער קולטור־אַרבעט. איינע פֿון די וויכטיקסטע אויפֿגאַבן פֿון דער קולטור־באַוועגונג אונדזערער איז צונויפֿצושמידן אַ קולטורפֿאָלק. דאָס דאַרף אויך טאָן דער ייִוואָ. אַלץ וואָס מיר טוען איז פֿאַר דעם ציל. מיט די אַרבעטער אַליין נאָר קען מען קיין ייִדישע קולטור נישט אויפֿבויען. דער שוץ פֿון די קולטור־פּאָזיציעס איז אַוודאי דאָס וויכטיקסטע, אָבער מיר זעען דעם שוץ נאָר אין ווערטער. די טרעגער און שעפֿער פֿון דער ייִדישער קולטור זענען פֿאַרשטויסן. ייִדישע אַרבעטער גיבן זיך אויך אונטער דער אַסימילאַטאָרישער ווירקונג פֿון די אַנדערע סאָציאַלע קלאַסן. די באַדייַטונג פֿון דער ייִדישער קולטור אין דער פֿולער מאָס שאַצן אָפּ נאָר אָפּ די פֿירער. ס'איז נישט נאָר קיין פֿראַגע פֿאַר פּוילן, אויך אין אַמעריקע איז אַזוי. די אַרבעטער האָבן ערשט אונטער דער ווירקונג פֿון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער אינטעליגענץ לעצטנס עפּעס אויפֿגעטאָן אויף דעם קולטור־געביט, נאָך דעם ווי זיי האָבן צענדליגער יאָרן זיך נאָכגעשלעפּט נאָך דער אַסימילאַציע. די ייִדישע קולטור־פּראָבלעם איז בײַ אונדז זייער קאָמפּליצירט, דאַרפֿן די אַרבעטער־פֿירער נאָך מער נישט קאָמפּליצירן די לאַגע. די ייִדישע קולטור־באַוועגונג האָט רעכט צו פֿאָדערן פֿון זיי דעם אַ קרבן. די שווערע באַדינגונגען האָבן אונדז געצוווּנגען צו לאַנגזאַמער אַרבעט. דער ייִוואָ וויל אַנזאַמלען אוצרות ייִדישע קולטור, אויף צו איבערצײַגן און געבן די ברייטע מאַסן פּאַטאָס פֿאַר דער ייִדישער קולטור. מען מוז קולטורעל מאַכן די **גאַנצע** ייִדישע סבֿיבֿה.

איציק מאַנגער: אויף דעם אָוונט פֿון די ייִדישע שרײַבער האָט מען אַ ייִדישן שרײַבער נישט געלאָזט לייענען, ווײַל ער האָט געשריבן שונדראָמאַנען. ליטעראַטיש איז דאָס נישט באַרעכטיקט, ווײַל ער האָט געוואָלט לייענען אַ קינסטלעריש ווערק. געזעלשאַפֿטלעך איז דאָס יאָ באַרעכטיקט, אָבער מען דאַרף קעמפֿן קעגן שונד אומעטום: אין דער פּובליציסטיק, אין דער קונסט, אין דער וויסנשאַפֿט. מאַנגער האָט אויך אַ טענה צו ד״ר ווײַנרײַכן, פֿאַר וואָס ער האָט געמאָלדן, אַז דער אָוונט פֿון די ייִדישע שרײַבער איז אָרגאַניזירט געוואָרן פֿון פּען־קלוב און נאָר דער פּען־קלוב טראָגט פֿאַר אים די אַחריות.

דער פֿאָרזיצער באַמערקט דערצו, אַז ער זעט נישט אײַן אין דעם קיין שום עוולה, מעלדעט, אַז די דעבאַטע איז געשלאָסן, גיט אַ שלוסוואָרט י. לעשטשינסקין.

י. לעשטשינסקי אַטאַקירט אין אָנהייב פֿון זײַן שלוסוואָרט י. טשערניכאָוון — אויף אַ פּערזענלעכן אופֿן. איבערגייענדיק צו דער פּאָליטישער ליניע פֿון ייִוואָ כּלפּי פּנים און כּלפּי חוץ, זאָגט דער רעדנער, אַז ס׳איז קלאָר אַז ייִשאָ און ייִוואָ זענען די פֿאָדערשטע פּאָזיציעס. ייִשאָ איז די ערשטע פּאָזיציע און ייִוואָ די צווייטע אָדער דריטע, אָבער מען טאָר ניט שיסן אין דער אייגענער פּאָזיציע. מיר מוזן גיין אויף פּשרות, אויך די ייִשאָ מוז עס. די טראַגעדיע איז ניט נאָר אין די רדיפֿות פֿון די אויסערלעכע שונאים, נאָר אין דער באַציִונג פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿט גופֿא. צווישן 2 מיליאָן ייִדן אין ניו־יאָרק געפֿינען זיך ניט גענונג עלטערן, וואָס זאָלן פֿאָדערן פֿון דער שטאָט־פֿאַרוואַלטונג אַ ייִדישע שול. די לאַגע פֿון ייִדיש אין אַזאַ וואַרשע איז דאָך אײַך אַליין גענוג באַקאַנט. אין אַ האָמעל ווילן די ייִדישע פֿאַבריק־אַרבעטער ניט ריידן קיין ייִדיש. מיר ווילן אין ייִוואָ ווייניקער געשריי, כּדי מיר זאָלן קענען ממשותדיק אַרבעטן. אָבער איך וויל ניט בלײַבן דער רעאַקציאָנער. דעריבער וועל איך שטימען פֿאַר דער רעזאָלוציע פֿון די לינקע. איך וויל, אַז אַלע זאָלן זי אָננעמען, אָבער אַלע זאָלן מיר זײַן פֿאַראַנטוואָרטלעך, אַלע זאָלן מיר מיטטראָגן דאָס אחריות.

ש. מענדעלסאָן גיט אָפּ אַ ערקלערונג, אַז די דעלעגאַציע פֿון דער ייִשאָ האָט געוואָלט איבערלייענען אַ ספּעציעלע דעקלאַראַציע, דאָס פּרעזידיום פֿון צוזאַמענפֿאָר האָט עס אָבער ניט דערלויבט. אין צייכן פֿון פּראָטעסט טרעט ער אַרויס פֿון דער נאָמיניר־קאָמיסיע און פֿון פּרעזידיום פֿון צוזאַמענפֿאָר און לאָזט זיך איבער דאָס רעכט צו באַטראַכטן אין דער פֿאַרוואַלטונג פֿון דער ייִשאָ די פֿראַגע וועגן דעם אָנטייל פֿון די פֿאָרשטייער פֿון דער ייִשאָ אין די אָנפֿירנדיקע אָרגאַנען פֿון ייִוואָ.

מ. ווײַנרייך לייגט פֿאָר אין נאָמען פֿון דער נאָמיניר־קאָמיסיע אויסצוויילן אין דער צענטראַלער פֿאַרוואַלטונג 25 מיטגלידער, לייענט פֿאָר די רשימה פֿון די קאַנדידאַטן:

אַבֿרהם גאָלאָמב, בן־שמן; יצחק גיטערמאַן, וואַרשע; שלמה גילינסקי, וואַרשע; הערץ גילישענסקי, טשערנאָוויץ; יעקבֿ העלמאַן, וואַרשע; לייב וואָלמאַן, וואַרשע; מאַקס ווײַנרײַך, ווילנע; ברוך וולאַדעק, ניו־יאָרק; אליהו טשעריקאָווער, פּאַריז; יוסף יאַשונסקי, וואַרשע; ישׂראל יעפֿרויקין, פּאַריז; ברוך כּהן־ווירגילי, ווילנע; יעקבֿ לעשטשינסקי, וואַרשע; יודל מאַרק, קאָוונע; נחמן מײַזיל, וואַרשע; נח פּרילוצקי, וואַרשע; נפֿתּלי פֿײַנערמאַן, ניו־יאָרק; חיים־שלמה קאַזשדאַן, וואַרשע; זעליק קלמנאָוויטש, ווילנע; באָריס קלעצקין, ווילנע; זלמן רייזען, ווילנע; עמנואל רינגעלבלום, וואַרשע; יעקבֿ שאַצקי, ניו־יאָרק; יצחק־נחמן שטיינבערג, לאָנדאָן; יצחק שיפּער, וואַרשע.

מיט אַ מערהייט פֿון 34 קעגן 2 ווערן די אָנגעמערקטע קאַנדידאַטן אויסגעווײַלט אין דער נײַער צענטראַלער פֿאַרוואַלטונג פֿון ייִוואָ.

מ. ווײַנרײַך לייגט פֿאָר אין נאָמען פֿון דער נאָמיניר־קאָמיסיע:

דער אַלוועלטלעכער צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט האָט באַשלאָסן צו פֿאַרברייטערן דעם ראַט פֿון ייִוואָ. בהסכם מיט דער פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער טעטיקייט פֿון ייִוואָ זאָלן אויסגעוויילט ווערן פֿאָרשטייער פֿון די אַלע לענדער, ווו דער ייִוואָ האָט זײַנע געזעלשאַפֿטן פֿרײַנד. פֿאַר דער איצטיקער קאַדענץ פֿון ראַט ווערן פֿאָרגעלייגט אַלס מיטגלידער:

אויסטראַליע: שמחה ברילִיאַנט, מעלבורן.

אַרגענטינע: יעקב באָטאָשאַנסקי, בוענאָס־אײַרעס; מ. רעגאַלסקי, בוענאָס־אײַרעס.

ארץ־ישראל: וו. לאַצקי־בערטאָלדי, ירושלים; ד״ר ישראל רובין, תל־אָבֿיבֿ.

בראַזיל: ד״ר ש. מאַלאַמוד, ריאָ־דע־זשאַניירא.

טשילי: י. פּילאָווסקי, סאַנטיאַגאָ.

כינע: לאַזאַר עפּשטיין, טיענטזין.

ליטע: ד״ר ה. לאַנדוי, פּאָנעוועזש; ד״ר מ. מאַטיס, קאָוונע; ד״ר מ. סודאַרסקי, קאָוונע.

לעטלאַנד: י. ה. ראָזענבוים, ריגע. (נאָך אַ פּלאַץ רעזערוווירט).

ענגלאַנד: נ. באַרו, לאָנדאָן; ד״ר י. קרופּעניאַ, לאָנדאָן.

עסטלאַנד: ד״ר יוליוס גענס, טאַרטו; ד״ר יעקבֿ פּאַיענסאָן, טאַרטו.

עסטרײַך: ד״ר רודאָלף גלאַנץ, ווין.

פּוילן: ש. באַסטאָמסקי, ווילנע; ד״ר י. בראַס, קראָקע; יעקבֿ הענעפּעלד, קראָקע; ש. ווינטער, וולאָצלאַוועק; א. זײַנפֿעלד, לעמבערג; שמואל לעהמאַן, וואַרשע; ד״ר גרשון לעווין, וואַרשע; זלמן מײַזנער, וואַרשע; ישראל סאָלאָווײ, לאָדזש; נ. פּלודערמאַכער, ווילנע; אַנאַטאָל פּרומקין, לאָדזש; ד״ר הערץ קאָוואַרסקי, ווילנע; ירמיהו שאַפּירא, ווילנע; יעקבֿ שולמאַן, לאָדזש.

פֿאַראייניקטע שטאַטן: י. באַסקין, פּ. געליבטער, י. ל. כהן, לייבוש לעהרער, ד״ר א. מוקדוני, ד״ר י. א. מעריסאָן, ש. ניגער, דוד פּינסקי, אַבֿרהם רייזען, ב. צבֿיון, יוסף שלאָסבערג, ניו־יאָרק; ל. מ. שטיין, שיקאַגע.

פֿראַנקרײַך: שלום אַש, בן־אַדיר (אַבֿרהם ראָזין), פּאַריז; דניאל טשאַרני.

רומעניע: ד״ר מ. דיאַמאַנט, טשערנאָוויץ; ד״ר מ. א. הלוי, בוקאַרעשט. (אַ דריטער פּלאַץ רעזערוווירט).

שווייץ: פּראָפ׳ ל. הערש, זשענעוו; ל. פּעלדשטיין, ציריך.

פֿאַר אַ ריי לענדער, ווי אורוגווײַ, בעלגיע, דרום־אַפֿריקע, מעקסיקע, קאַנאַדע, קובע א״אַ, וועלן די פֿאָרשטייער אין ראַט באַשטימט ווערן נאָך אַ פֿאַרשטענדיקונג מיט די ייִוואָ־פֿרײַנד אויף די ערטער.

פֿאַר דער רשימה פֿון ראַט שטימען אַלע דעלעגאַטן בײַ 3 אָפּגעהאַלטענע, 1 קעגן (אַ קאַנדידאַט אין ראַט, וואָס וויל ניט אָננעמען דעם אַמט).

אין דער רעווידיר-קאָמיסיע ווערן פֿאָרגעלייגט: ד״ר קאַרל איינאייגלער, לעמבערג; אַדוו׳ י. גאָזשאַנסקי, גראָדנע; י. האַלברײַך, טאַלין; ד״ר מ. ווייכערט, וואַרשע; י. ראַדולאַנסקי, קאָוונע.

די פֿאָרגעלייגטע רשימה ווערט אָנגענומען איינשטימיק.

ז. רייזען רעפֿערירט דעם פּראָיעקט פֿון בודזשעט אין נאָמען פֿון דער בודזשעט-קאָמיסיע. מחמת דער רעדוקציע אין 1933 האָט זיך דער פּערסאָנאַל פֿאַרקלענערט, מאַטעריאַל איז אָבער כּסדר צוגעקומען. צוליב דעם איז אַרײַנגעשטעלט געוואָרן אַ ספּעציעלע פּאָזיציע פֿון 10 טויזנט גל אויף צו אינווענטאַריזירן און ברענגען אין אָרדענונג די אַלע אין ייִוואָ צונויפֿגעזאַמלטע מאַטעריאַלן; אויך זאָלן די וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן האָנאָרירט ווערן ווי ווײַט נאָר מעגלעך. די בודזשעט-קאָמיסיע האָט באַשלאָסן פֿאָרצולייגן די איינמאָליקע אינוועסטיציע פֿון 10 טויזנט גל צו צעטיילן: 5000 אויף אינווענטאַריזירן, 5000 אויף האָנאָראַר.

דער בודזשעט און די פֿאָרשלאָגן פֿון דער בודזשעט-קאָמיסיע ווערן איינשטימיק אָנגענומען.

הפסקה אויף 15 מינוט.

שליסונג פֿון צוזאַמענפֿאָר

פֿאָרזיצער נח פּרילוצקי.

יודל מאַרק לייענט פֿאָר די אַרײַנגעטראָגענע רעזאָלוציעס און דעזידעראַטן. דער פֿאָרזיצער שטימט זיי אָפּ אין אָט דעם סדר:

„דער אַלוועלטלעכער צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִוואָ נעמט אָן דעם באַריכט פֿון דער צענטראַלער פֿאַרוואַלטונג און דריקט אויס אַ דאַנק דעם אויספֿיר-ביוראָ פֿאַר זײַן געטרײַער און איבערגעגעבענער אַרבעט״.

ווערט אָנגענומען דורך אַקלאַמאַציע.

„דער צוזאַמענפֿאָר באַשליסט, אַז צו גלײַך מיט ווײַטער פֿירן און פֿאַרטיפֿן די פֿאָרשעריש-וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט זײַנע דאַרף דער ייִוואָ נעמען אויף זיך—אויף אַן אָרגאַניזירטן און סיסטעמאַטישן אופֿן צו באַדינען די קולטור-באַדערפֿענישן פֿון די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן הן אין פּרט פֿון העלפֿן די שולן מיט לערנביכער און אַנדערע הילפֿסמיטלען הן אין פּרט פֿון פּראָפֿעסיאָנעלער קאָנסולטאַציע אאַז״וו. צו דעם צוועק דאַרף די צענטראַלע פֿאַרוואַלטונג אַרײַנטרעטן אין פֿאַרבינדונג מיט די ייִדישע שול-אָרגאַניזאַציעס אין די פֿאַרשיידענע לענדער, מיט די געזעלשאַפֿטן פֿאַרן ייִדישן געזונטשוץ און מיט אַלע אָרגאַניזאַציעס וואָס אַרבעטן אויפֿן געביט פֿון פּראָדוקטיווירונג״. — איינשטימיק אָנגענומען.

„דער צוזאַמענפֿאָר שטעלט פֿעסט, אַז ס׳איז ביז איצט, צום באַדויערן, נישט געלונגען אײַנצושטעלן אַ נאָרמאַלע צוזאַמענאַרבעט צווישן דער לערער-

שאַפֿט פֿון די ייִדישע שולן און דעם ייִוואָ. אויף להבא באַדאַרף צווישן דעם ייִוואָ און דער פּעדאַגאָגישער אָנפֿירונג פֿון די שולן איינגעשטעלט ווערן אַ געהעריקער קאָנטאַקט". — אָנגענומען.

„דער צוזאַמענפֿאָר שיקט זײַן גרוס דער גרויסער איבער דער גאָרער וועלט צעשפּרייטער מחנה זאַמלער און פֿרײַנד, וואָס האָבן מיט זייער שטילער און געטרײַער אַרבעט געהאָלפֿן דערגרייכן דעם איצטיקן שטאַפּל אין דער אַנטוויקלונג פֿון ייִוואָ, און רופֿט זיי ווײַטער מיטצואַרבעטן פֿאַר דעם פֿונאַנדערבוי פֿון אַלוועלטלעכן צענטער פֿון דער ייִדישער וויסנשאַפֿט און קולטור". — איינשטימיק אָנגענומען.

„דער צוזאַמענפֿאָר רופֿט די גאַנצע פּראָגרעסיווע וועלט צום ווידערשטאַנד קעגן דעם באַרבאַרישן נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן רעזשים אין דײַטשלאַנד וואָס טרעט מיט די פֿיס די דערגרייכונגען פֿון דער מענטשלעכער קולטור און פֿירט אַן אויסראָטונגס־קאַמף קעגן דעם ייִדישן פֿאָלק". — איינשטימיק אָנגענומען.

„דער צוזאַמענפֿאָר באַגריסט די הונדערטער לערער, שולטוער און שול־פֿרײַנד, וועלכע האַלטן אויף מיט מוט און מיט גלויבן דעם בנין פֿון אונדזער מאָדערנער שול. דער צוזאַמענפֿאָר באַגריסט דעם אַנטשיידענעם קאַמף פֿאַר די רעכט און דעם קיום פֿון דער ייִדיש־וועלטלעכער שול."

י. פּאַט טראָגט אַרײַן אויסבעסערונגען צו דער רעזאָלוציע. דער צוזאַמענפֿאָר נעמט אָן פֿאַר אַ באַזיס די רעזאָלוציע פֿון דער קאָמיסיע צוזאַמען מיט די אויסבעסערונגען פֿון י. פּאַט. דער ענדגילטיקער נוסח פֿון דער רעזאָלוציע לייענט זיך אַזוי:

„פֿון דעם קומענדיקן דור איז אָפּהענגיק דער גורל פֿון דער ייִדישער קולטור. די ייִדישע שול איז דער יסוד פֿון אונדזער קולטור־בויונג און איר אויפֿשטײַג האָט אַ היסטאָרישע באַדײַטונג אין געראַנגל פֿאַר אַ נײַעם ייִדישן לעבן. דעם צוזאַמענפֿאָר באַגריסט די הונדערטער לערער, שולטוער און שול־פֿרײַנד, וועלכע האַלטן אויף מיט מוט און מיט גלויבן דעם בנין פֿון אונדזער שול. דער צוזאַמענפֿאָר באַגריסט די ייִדישע שול־אָרגאַניזאַציע אין פּוילן און די ייִדישע שול־אָרגאַניזאַציעס אין אַנדערע לענדער. דער צוזאַמענפֿאָר באַגריסט דעם אַנטשיידענעם קאַמף פֿאַר די רעכט און דעם קיום פֿון דער ייִדיש־וועלטלעכער שול. דער צוזאַמענפֿאָר פּראָטעסטירט קעגן דער רעכטלאָזיקייט פֿון דער ייִדישער שול און קעגן די רדיפֿות אויף איר אין פֿאַרשיידענע לענדער. דער צוזאַמענפֿאָר זעט אין די דאָזיקע רדיפֿות אַ שטרעבונג צו פֿאַרניכטן די דערגרייכונגען פֿון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער מינדערהייט בכלל און פֿון די אַרבעטנדיקע מאַסן בפֿרט".

„דער צוזאַמענפֿאָר פּראָטעסטירט קעגן דער מלחמה, וואָס דער קעמפֿנדיקער העברעיִזם פֿירט פּרינציפּיעל און סיסטעמאַטיש קעגן ייִדיש אין ארץ־

ישראל, שטרעבנדיק מיט אַלע מיטלען צו דערשטיקן די ייִדישע שפּראַך אין עפֿנטלעכן לעבן פֿון לאַנד".

ש. מענדעלסאָן טראָגט אַרײַן אַ צוגאָב: „און דריקט אויס סימפּאַטיע די קעמפּפֿער פֿאַר ייִדיש אין פּאַלעסטינע".

די רעזאָלוציע ווערט אָנגענומען מיט דעם צוגאָב פֿון ש. מענדעלסאָן.

יעקבֿ לעשטשינסקי ערקלערט, אַז ער שטימט ניט פֿאַר דער רעזאָלוציע, ווײַל ער האָט ניט קיין סימפּאַטיע צו די עלעמענטן אין א"י, וואָס פֿירן דאָרט דעם קאַמף פֿאַר ייִדיש.

„דער צוזאַמענפֿאָר באַגריסט וואַרעם די אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע אין ייִדיש, וואָס דער דובנאָוו־פֿאָנד גיט אַרויס אונטער די שווערסטע תּנאים, און רופֿט אַלע טוער פֿון ייִוואָ אויף די ערטער, ווי בכלל אַלע פֿרײַנד פֿון דער ייִדישער קולטור צו שטיצן מיט אַלע מיטלען די דאָזיקע אויסגאַבע, וואָס איז איינע פֿון די וויכטיקסטע פּאָזיציעס אין אונדזער קולטור־אויפֿבוי". — איינשטימיק אָנגענומען.

„דער צוזאַמענפֿאָר באַגריסט דעם מיטגליד פֿון ערן־קוראַטאָריום ד"ר חיים זשיטלאָווסקין צו זײַן 70יאָריקן יובֿל און באַשליסט איבערצוגעבן דער צענטראַלער פֿאַרוואַלטונג דעם אויפֿטראָג צו געפֿינען די פּאַסיקע פֿאָרם, ווי אַזוי דער ייִוואָ זאָל דעם יובֿל פֿון ד"ר ח. זשיטלאָווסקי באַצייכענען". — איינשטימיק אָנגענומען.

„דער צוזאַמענפֿאָר באַגריסט דעם מיטגליד פֿון ערן־קוראַטאָריום פֿון ייִוואָ און ערן־פֿאָרזיצער פֿון זײַן היסטאָרישער סעקציע פּראָפֿ' שמעון דובנאָוו צו זײַן נאָענטן 75סטן געבוירנס־טאָג און דריקט אויס דעם ווונטש, אַז דער 2טער באַנד היסטאָרישע שריפֿטן לכּבֿוד דעם בעל־היובֿל זאָל וואָס גיכער אַרויסגעגעבן ווערן". — איינשטימיק אָנגענומען.

„דער צוזאַמענפֿאָר דריקט אויס זײַן פֿרייד צו דעם גרויסן נצחון פֿון דעם ייִדישן לערער־סעמינאַר אין אַמעריקע, וועלכער האָט באַקומען מלוכה־רעכט פֿון אַ קאַלעדזש, און רופֿט אַלע פֿרײַנד פֿון דער ייִדישער קולטור און וויסנשאַפֿט אַקטיוו צו שטיצן אונדזער ברידערלעכע אַנשטאַלט — דעם ייִדישן סעמינאַר־אוניווערסיטעט". — איינשטימיק אָנגענומען.

„דער אַלוועלטלעכער צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִוואָ רעקאָמענדירט אַלע סעקציעס פֿון ייִוואָ צו פֿאַרשטאַרקן דעם וויסנשאַפֿטלעכן קאָנטאַקט מיט די וויסנשאַפֿטלעכע אַנשטאַלטן פֿון די אַנדערע לענדער". — איינשטימיק אָנגענומען.

עס ווערן אויך אָנגענומען אַ ריי דעזידעראַטן, וואָס ווערן איבערגעגעבן דער צ"פֿ צום ענדגילטיקן באַשליסן און רעאַליזירן, הײַנו:

פֿאָרשלאָגן פֿון פּראָפֿ' פּ. שניאורסאָן:

1) „דער ייִוואָ ווענדט זיך מיט אַן אַפּעל צו אַלע ייִדיש שרײַבנדיקע וויסנשאַפֿטלער אין פֿאַרשיידענע לענדער און קומט מיט זיי אין אַן אָרגאַניזאַציאָנעלן קאָנטאַקט".

2) „בײַ דער צענטראַלער פֿאַרוואַלטונג ווערט געגרינדעט אַ ספּעציעלער אַמט פֿאַר דער סאָציאַל־מאָראַלישער אונטערשטיצונג פֿון אָריגינעלע וויסנשאַפֿטלעכע ווערק אין ייִדיש. מיט דער הילף פֿון די געהעריקע ספּעציאַליסטן אין די פֿאַרשיידענע סעקציעס העלפֿט דער אַמט דעם מחבר בנוגע דער ריכטיקער אָפּשאַצונג און פֿאַרשפּרייטונג פֿונעם בוך. אין פּאַסיקע פֿאַלן רעקאָמענדירט דער אַמט דאָס בוך פֿאַר פֿאַרשיידענע אַנשטאַלטן“.

3) „אַחוץ דער גרינדונג פֿון קורסן אין ייִוואָ גופֿא אין ווילנע דאַרף די צענטראַלע פֿאַרוואַלטונג אונטערשטיצן די אויפֿקומענדיקע מעגלעכקייט אין וועלכן ס׳איז לאַנד אויפֿצושטעלן אַ ייִדישע פּעדאַגאָגישע הויכשול אָדער בכלל אַ הויכשול פֿאַר ייִדישער וויסנשאַפֿט“.

פֿאָרשלאָג פֿון ז. רייזען:

„מחמת דער דעזאָרגאַניזאַציע פֿון דעם ייִדישן פֿאַרלאַגס־וועזן און דער צעשטערונג פֿון דעם אַפּאַראַט פֿון ייִדישער ביכער־פֿאַרשפּרייטונג זאָל די צענטראַלע פֿאַרוואַלטונג אויספֿאָרשן די מעגלעכקייטן פֿון גרינדן אַ פֿאַרלאַג, וואָס זאָל אַנטוויקלען אַ סיסטעמאַטישע אַרויסגעבערישע טעטיקייט, לויט אַ פּלאַן, וואָס די צענטראַלע פֿאַרוואַלטונג וועט אַקצעפּטירן“.

פֿאָרשלאָג פֿון ג. אייזנער:

„אויף די ווײַטערדיקע צוזאַמענפֿאָרן פֿון ייִוואָ זאָלן די דעלעגאַטן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער אָפּגעבן אויספֿירלעכע באַריכטן פֿון דער ייִוואָ־טעטיקייט אין זייערע לענדער, צו גלײַך ווי עס גיבן אָפּ זייערע באַריכטן די פֿאַרשיידענע סעקציעס פֿון ייִוואָ“.

פֿאָרשלאָגן פֿון פּראָפֿ׳ ד״ר מ. א. הלוי, בוקאַרעשט:

1) „דער ייִוואָ זאָל שאַפֿן אַ פּערמאַנענטע אינסטיטוציע, — „אַ וועלט־קאָנגרעס פֿון דער ייִדישער קולטור“, וואָס זאָל זיך צונויפֿקומען אַלע 2 אָדער 3 יאָר אין ווילנע אָדער אַפֿילו אין אַן אַנדערן ייִדישן קולטור־צענטער. פֿון דעם דאָזיקן קאָנגרעס זאָל געשאַפֿן ווערן אַ קאָאָרדינירטע וועלט־באַוועגונג, איבערהויפּט וועגן ביבליאָגראַפֿיע, קוועלן־פֿאָרשונג, אייגנהייטלעכע מעטאָדן און פֿאָרשלאָגן פֿון נייטיקע טעמעס צו באַהאַנדלען אין דער וויסנשאַפֿט. איינאיינציקע ייִדישע אַקאַדעמיע איז זייער שווער צו שאַפֿן, אַקאַדעמישע זיצונגען איז כּמעט אוממעגלעך צו האַלטן מיט מיטגלידער פֿון אַרבע כּנפֿות הארץ; אָבער אַ וועלטקאָנגרעס, וואָס זאָל זיך יעדע צוויי־דרײַ יאָר צונויפֿקומען — דאָס איז מעגלעך און לײַכט פֿאַר אַזאַ אָרגאַן ווי דער ייִוואָ.

2) „דער ייִוואָ זאָל קומען אין פֿאַרבינדונג מיט אַלע הויפּטאָרגאַנען וואָס רופֿן צונויף די אינטערנאַציאָנאַלע וויסנשאַפֿטלעכע, ליטעראַרישע א״אַ קאָנגרעסן, אַפֿילו ווען זיי האָבן אין פֿלוג ניט קיין דירעקטע שײַכות מיט די ייִוואָ־סעקציעס, כּדי דער ייִוואָ זאָל אײַנגעלאַדן זײַן אָפֿיציעל צו אַלע קאָנגרעסן און זאָל אויך נעמען אַן אָנטייל, עווענטועל—דורך באַפֿולמעכטיקטע פֿון

די פֿרײַנד וואָס דער אינסטיטוט קאָן האָבן אין דעם לאַנד, ווו דער קאָנגרעס ווערט אָפּגעהאַלטן, כּדי צו פֿאַרשפּאָרן די גרויסע הוצאות״.

פֿאָרשלאָג פֿון ליבע קאַנעל:

„בײַ דער פּסיכאָלאָגיש-פּעדאַגאָגישער סעקציע זאָל געגרינדעט ווערן אַ קאָמיסיע פֿאַר פֿאַך-קאָנסולטאַציע און פֿאַך-סעלעקציע. די אויפֿגאַבעס פֿון דער קאָמיסיע: 1) צו קאָאָרדינירן די אַרבעט פֿון די ייִדישע פֿאַך-קאָנסולטאַציעס, 2) צו זאַמלען אַלע טעסטן, אַנקעטעס און אַנדערע מאַטעריאַלן.״

פֿאָרשלאָג פֿון ע. גערשאַטער (ווילנע):

„דער אַלוועלטלעכער צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִוואָ גיט אויף דעם אויספֿיר-ביוראָ צו קאָנסטיטוירן אַ עספּעראַנטאָ-סעקציע בײַם ייִוואָ, וועלכע זאָל האָבן די אויפֿגאַבע צו פּראָפּאַגאַנדירן דורך עספּעראַנטאָ דעם ייִוואָ-געדאַנק און פֿירן אַ זאַמלונג פֿון ייִדישע ווערק אין עספּעראַנטישער איבערזעצונג. 2) דער ייִוואָ זאָל זיך שטעלן אין פֿאַרבינדונג מיט דעם אינטערנאַציאָנאַלן עספּעראַנטישן לינגוויסטישן קאָמיטעט וועגן קאַנדידאַטן פֿאַר מיטגלידער פֿון דעם דאָזיקן קאָמיטעט, וואָס זאָלן זײַן ראוי צו רעפּרעזענטירן די ייִדישע שפּראַך״.

יעקבֿ לעשטשינסקי: מיט אַ שווער האַרץ בין איך געפֿאָרן צום צוזאַמענפֿאָר, אַ סך ספֿקות האָבן געפּיקט אין מוח און אויפֿן צוזאַמענפֿאָר זענען געווען טאַקע געניג שווערע מאָמענטן, וועלכע באַרעכטיקן די דאָזיקע ספֿקות. און דאָך פֿיל איך, אַז מיר איז פֿאַר די 6 טעג שווערע אַרבעט אויפֿן צוזאַמענפֿאָר צוגעקומען אַ שטיק געזונט.

מאַכט מען אַ חשבון, זעט מען דאָך, אַז אין דער ייִדישער מאַסע איז דאָ אַ גוואַלדיק גרויסער רעזערוו פֿון פּראָדוקטיווער ענערגיע. שוין נאָר די גרויסע גרופּע יונגע ייִדישע געלערנטע האָבן פֿאַרשאַפֿט אַ סך מאָמענטן פֿון תּענוג. פֿאַר אונדזערע אויגן וואַקסט אַ נײַער טיפּ ייִדישער געלערנטער, ניט מער קיין ישיבֿה-בחור, ניט מער קיין חדר-תּלמיד, מענטשן מיט העכערער בילדונג און דאָך אָרגאַניש פֿאַרבונדענע מיט די ייִדישע מאַסן און מיט זייער קולטור.

פֿאַר אונדז זענען דורכגעגאַנגען אַ פּאָר צענדליק רעפֿעראַטן, פֿון וועלכע אַ גאַנץ גרויסע צאָל וואָלט געווען אַ צירונג פֿאַר יעדער אייראָפּעיִשער אַקאַדעמישער טריבונע. ס׳ווערט גרינגער אויפֿן האַרצן, ווען מען זעט, ווי אונדזערע יורשים וואַקסן פֿאַר אונדזערע אויגן און לאָדן אָן אויף זיך דעם יאָך פֿון פֿירן ווײַטער די שווערע, אָבער אַזוי אײַנגענעמע, וויכטיקע אַרבעט.

דער צווייטער ליכטיקער מאָמענט אויפֿן צוזאַמענפֿאָר איז געוויס געווען די באַציִונג פֿון דער גאַס צו אונדזער צוזאַמענפֿאָר. ס׳איז געווען אַ פֿולע האַרמאָניע צווישן אונדזער טריבונע און צווישן ווילנע. ווו מען איז געגאַנגען און ווו מען איז געשטאַנען, האָט מען גערעדט וועגן צוזאַמענפֿאָר. דאָס איז בוסח ווילנע. ווילנע לעבט ייִדיש און מיט ייִדישער קולטור. אָט דער עולם

וואָס האָט אָנגעפילט אַט דעם גרויסן זאַל אין משך פון 6 טעג, זיין האַרציקע אויפמערקזאַמקייט — דאָס איז ווידער אַ באַווייז, ווי ווילנע איז אַריינגעטאָן אין די אינטערעסן פון ייִדישער שאַפונג און ווי נאָענט דער ייִוואָ האָט אָנגערירט די סטרונעס אין די הערצער פון יענע, וועלכע זענען די טרעגער פון דער ייִדישער קולטור. הלוואַי זאָל דער דאָזיקער נוסח ווילנע ווערן דער נוסח בכל תפוצות ישראל פאַר אַ פריי ייִדיש לעבן און שאַפן! לאָמיר לערנען תורה פאַר די ייִדישע מאַסן, כדי פריי צו שאַפן און פריי צו לעבן!

נ. פיינערמאַן: איך דאַנק אייך פאַר אויסוויילן מיך אין דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג. איך פיל דאָס גרויסע התחייבות פון דעם דאָזיקן אַמט. איך וויל אייך דאָ אַנטפּלעקן אַ סוד: דעם צוזאַמענפאָר האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם אַמאָפּטייל. ווילנע איז געווען פּעסימיסטיש, מיר אַמעריקאַנער אָבער—„קאַלטע גזלנים“—האָבן געפּועלט.

וואָס דער אינסטיטוט געפינט זיך אין ווילנע, אין דער שטאָט פון עקאָנאָמישן חורבן, אָבער גייסטיקן קולטור־שאַפן, איז אפשר ניט מער ווי אַ צופאַל, דערפאַר אָבער אַ גליקלעכער צופאַל. דער צוזאַמענפאָר האָט דאָס צום בעסטן דעמאָנסטרירט. דער צוזאַמענפאָר איז געווען אַ סך אַ גרעסערער ערפאָלג ווי זיינע גרעסטע אָפּטימיסטן האָבן דאָס דערוואַרט. די אָנפירערשאַפט פון ייִוואָ האָט זיך אַ היפּש ביסל געשראָקן פאַר די מעגלעכע רעזולטאַטן פון אַזאַ צוזאַמענפאָר: אין אַזאַ אומנאָרמאַלער צייט בפרט, ביי אַזאַ צעטרייסלטן עקאָנאָמישן מצב, ווען דער הײַנט איז אַ נערוועזער און דער מאָרגן כמעט אַ האָפענונגסלאָזער, אין אַזאַ צייט דאַרף מען האָבן אומבאַגרענעצטן גלויבן אין דער זאַך, וואָס מען טוט, כדי זיך צו אַנטשליסן אויף אַזאַ שריט. די מורא פאַר דעם, ווי אַזוי די ייִדישע וועלט און די ייִדישע געלערנטע וועלן ענטפערן אויף דעם רוף צו אַזאַ צוזאַמענפאָר האָט שטאַרק באַאומרויִקט די פירער און טוער פון ייִוואָ. אָבער ווילנע, וואָס האָט שוין אַ סך מאָל געוואַגט, ווילנע, וואָס האָט דעם פאַרדינסט פון אַוועקלייגן דעם ווינקלשטיין פאַר דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, ווילנע, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו גרינדן ייִדיש־וועלטלעכע שולן, ווילנע, וואָס האָט געהאַט די דרייסטקייט אַרויסצולאָזן דעם רוף צו דער ייִדישער וועלט צו גרינדן דעם ייִוואָ, — די זעלבע ווילנע האָט אויך נאָכגעגעבן די „קאַלטע גזלנים“ און צונויפגערופן דעם אַלטוועלטלעכן צוזאַמענפאָר פון ייִוואָ. און די ייִדישע וועלט, די ייִדישע געלערנטע, די ייִדישע אינטעליגענץ, וואָס האָט אין דער איצטיקער שווערער צייט ניט פאַרראַטן די ייִדישע פאָלקסמאַסן און האָט זיך צו זיי ניט אויסגעדרייט מיטן רוקן, האָט געענטפערט אויף דעם רוף פון ייִוואָ. איבער דרייַ צענדליג ייִדישע געלערנטע און עטלעכע צענדליג ייִדישע קולטור־טוער זענען זיך צונויפגעפאָרן פון אַלע וועלטטיילן און מיטן גאַנצן ערנסט און געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער ייִדישער געגנוואַרט און ייִדישער צוקונפט אויסגעלייגט אַ פּלאַן פאַר קאָנסטרוקטיווער בויענדיקער ייִדישער קולטור און וויסנשאַפט.

דער צוזאַמענפֿאָר איז געווען אַ ריזיקע דעמאָנסטראַציע פֿון די פֿאַרבאָרגענע כּוחות און טיפֿע אומאויסשעפּלעכע קוואַלן וואָס זענען באַהאַלטן אין די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן, און פּונקט אַזוי אייגנאַרטיק ווי עס איז דער ייִוואָ, אַ חד במינו, אַזוי אייגנאַרטיק איז אויך געווען דער צוזאַמענשטעל פֿון דעם צוזאַמענפֿאָר. דאָס איז ניט געווען קיין ריין אַקאַדעמישער צונויפֿקום פֿון טעאָרעטישן און אַקאַדעמישן כאַראַקטער, נאָר אַ קאָנגרעס, ווו טעאָריע און פּראַקטיק, אַקאַדעמיע און פֿאָלקסווילן און פֿאַרלאַנג גייען האַנט אין האַנט. זײַט בײַ זײַט מיט אונדזערע געלערנטע און זייערע וויסנשאַפֿטלעכע רעפֿעראַטן, וואָס זיי האָבן געלייענט, זענען אויך געקומען צום אויסדרוק די פֿאַרלאַנגען און אָנווײַזונגען פֿון די ניט־אַקאַדעמיקער וועגן דעם רעאַלן טאָגטעגלעכן לעבן און די זאָרגן פֿון די ברייטע ייִדישע פֿאָלקסמאַסן און אַז די דאָזיקע זאָרגן און נויטן דאַרפֿן קומען צום אויסדרוק אין דער ייִדישער וויסנשאַפֿט. די מיינונגס־פֿאַרשיידנקייטן בנוגע דער ווײַטערדיקער אַרבעט פֿון ייִוואָ און וועגן זײַנע נאָענטע אויפֿגאַבעס זענען דערפֿאַר ווי אַ לאָגישער פּועל־יוצא פֿון דעם ספּעציפֿישן צוזאַמענשטעל פֿון צוזאַמענפֿאָר. דער דאָזיקער צוזאַמענשטעל האָט באין אופֿן ניט פֿאַרטונקלט דעם גלאַנץ פֿון צוזאַמענפֿאָר, נאָר פֿאַרקערט — האָט אים צוגעגעבן אַ פֿאַרשיידנאַרטיקן קאָליר, אַזוי אַז זײַנע פֿאַרבן זענען ניט געווען איינטאָניק.

מיט דעם ייִוואָ־צוזאַמענפֿאָר האָט ווילנע און די ווילנער טוער פֿון ייִוואָ באַוויזן, אַז זיי פֿאַרדינען פֿאַר דעם צוטרוי פֿון דער ייִדישער וועלט, אַז דער ייִוואָ געפֿינט זיך אין זאָרגפֿולע פֿאַראַנטוואָרטלעכע הענט, וואָס קענען אונטער אַזעלכע שווערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען בויען אַזאַ פּראַכטפֿולן בנין, ווי דער ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט!

מ. ווײַנרײַך: מאָרגן קומען זיך צונויף די מיטגלידער פֿון דער צ״פּ און פֿון ראַט כּדי צו באַטראַכטן די רעאַליזאַציע פֿון די ייִוואָ־פּלענער. אַרבעט גייט ניט לאיבוד. פֿון דעם ערפֿאָלג פֿון ייִוואָ, פֿון דעם וואָס אונדזער מחנה וואַקסט פֿון יאָר צו יאָר זעען מיר, אַז עס לוינט צו אַרבעטן. כ״ר זענען ניט אָפּגעטראָטן פֿון אונדזער אַרבעטספּלאַן אויף אַ האָר ניט. איצט שטייען פֿאַר אונדז גאַנצע סכעמעס פֿון נײַע אַרבעטן. אַפֿילו אין די פֿײַערלעכע מינוטן פֿון שליסן דעם צוזאַמענפֿאָר דאַרפֿן מיר ניט פֿאַרגעסן אָן דעם, וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען. אַפֿילו פֿון די קלענסטע אינצידענטן אויפֿן צוזאַמענפֿאָר וועלן מיר האָבן עפּעס אָפּצולערנען. דער הײַנטיקער טאָג פֿון דער הייסטער דעבאַטע האָט מיר פֿאַרשאַפֿט אַ סך מער פֿאַרגעניגן ווי דער ערשטער טאָג, ווײַל אַפֿילו די שאַרפֿסטע קריטיק איז געווען דיקטירט פֿון אַ גוטן ווילן לגבי דעם אינסטיטוט. פּונקט ווי ביז איצט וועלן אויך די פֿרײַנד פֿון דער ייִדישער שול־אָרגאַניזאַציע מיטאַרבעטן מיט אונדז. מײַן ווונטש איז: זאָל דער ייִוואָ מאַכן די נייטיקע טעאָרעטישע אויספֿירן פֿון אונדזער פּראַקטיק!

יודל מאַרק: איך בין געקומען אַהער פֿון אַמעריקע. בין געפֿאָרן אַהינצו אין אַ שליחות פֿון ייִוואָ, האָב איך געמוזט מיטברענגען פֿרישע פּלענער, וואָרעם מען מוז קומען קיין אַמעריקע מיט עפּעס נײַס. די דאָזיקע פּלענער זענען געווען: די ד״ר צ. שאַבאַד-אַספּיראַנטור און דער אַלוועלט-לעכער צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִוואָ. די פֿרײַנד אין אַמעריקע זענען ניט אָפּגעגאַרט געוואָרן: די אַספּיראַנטור און דער צוזאַמענפֿאָר זענען געוואָרן פֿאַקטן. אויב דער צוזאַמענפֿאָר האָט געהאַט נעגאַטיווע מאָמענטן, איז עס קודם-כּל דערפֿאַר וואָס די צײַט איז אַזאַ מאומדיקע.

דער צוזאַמענפֿאָר איז צום טייל אויך ניט געווען דאָס, וואָס ער האָט געזאָלט זײַן. דער צוזאַמענפֿאָר איז געווען פֿאַרטראַכט ווי אַ מיטל אונטערצופֿירן אַ סך-הכּל, וואָס די ייִדישע וויסנשאַפֿט האָט שוין באַוויזן אויפֿצוטאָן אין דערקענען די ייִדישעווירקלעכקייט, אונטערצופֿירן אַ סך-הכּל, ווו אייגנטלעך האַלטן מיר, ייִדן, אין דער וועלט. אָנשטאָט די פּובליציסטישע, אויבנאויפֿיקע אויספֿירן, וואָס מיר געפֿינען זיי אין דער פּרעסע און וואָס זענען געבויט אויף אַזאַ אומזיכערן פֿונדאַמענט ווי אײַנדרוק, וואָס קוואַלן אַרויס פֿון אַזאַ ניט איבערצייגנדיקן מקור ווי פּאַרטייִשע אײַנשטעלונג, — האָט געזאָלט קומען אַן אויספֿיר אַ גרונטיקער, געבויט אויף אָביעקטיווער וויסנשאַפֿטלעכער פֿאָרשונג. מען האָט געפּלאַנט: „דער צוזאַמענפֿאָר וועט אונטערפֿירן אַ סך-הכּל פֿון אונזער וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט, וועט אָנמערקן אירע פּערספּעקטיוון און אויפֿגאַבעס אויף ווײַטער". דאָס איז אין זייער אַ קלענער מאָס דורכגעפֿירט געוואָרן. דער צוזאַמענפֿאָר איז ניט געוואָרן יענער באַלאַנס-מאַכער, ווי מען האָט זיך עס פֿאָרגעשטעלט. אַפּנים, אַז ניט צו יעדער צײַט לאָזט זיך אָפּשליסן אַ באַלאַנס.

דערפֿאַר אָבער איז דער צוזאַמענפֿאָר יאָ געווען אַ זייער געלונגענע דעמאָנסטראַציע פֿון דעם פֿאַרנעם און פֿון די כּוחות פֿון ייִוואָ. דער צוזאַמענפֿאָר האָט באַוויזן, ווי גוואַלדיק, ווי אימפּעטפֿול, ווי ברייט עס איז זיך צעוואַקסן דער ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט במשך די לעצטע זעקס יאָר. פֿון 1929 ביז 1935 האָט דער ייִוואָ געוווּנען נײַע טעריטאָריעס און נײַע מענטשן, איז געוואָרן קרעפֿטיקער און אײַנגעוואָרצלטער.

דער צוזאַמענפֿאָר האָט באַוויזן, אַז מען קען זײַן אומצופֿרידן מיטן ייִוואָ, מען קען אָבער אים ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט, מען קען ניט זיך ניט רעכענען מיט אים. אַפֿילו יענע מענטשן, וואָס האָבן באַנוצט גאַנץ שטאַרקע אויסדרוקן בײַם קריטיקירן די אָנפֿירונג פֿון ייִוואָ, האָבן געהאַלטן פֿאַר אומבאַדינגט נייטיק זיך צו פֿאַרנייגן פֿאַר די אויפֿטוען פֿון וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט, אַזוי אַז עס האָט געשטעקט אַ סתּירה אין דער אויפֿגעשוימטער קריטיק: ווי האָט אַן אָנפֿירונג וואָס איז ווערט נאָר בייזע ווערטער געקענט דערפֿירן צו אויפֿטוען, פֿאַר וועלכע עס פֿאַרנייגן זיך אי רעכטס אי לינקס? גראָד דורך די אָפּט שוין צו היציקע רייד האָט זיך אַרויסגעוויזן די באַציִונג צום ייִוואָ ווי

צו אַן אומגעריכט גרויסן דערגרייך אין אינדזער קולטור-אַרבעט, די באַציִונג צום ייִוואָ ווי צו אַ לײַכטטורעם אין דעם צעכוואַליעטן ים פֿון אונדזער ביטערן איצט. דעריבער איז דער צוזאַמענפֿאָר געווען אַן עטאַפּ אין דעם כּסדרדיקן וואַקסן פֿון ייִוואָ. דער צוזאַמענפֿאָר איז זיכער אַ קוואַל פֿאַר באַנייטן אימפּעט, ער שטויסט צו טיפֿערער און ברייטערער וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט און פֿירט צום בעסערן אָרגאַניזירט זײַן.

אַזוי ווי דער מיטאָלאָגישער העלד באַקומט פֿונסנײַ כּוחות בײַם צורירן זיך צו זײַן מאַמע-ערד, אַזוי באַקומט נײַע כּוחות דער ייִוואָ בײַם צונויפֿטרעפֿן זיך פּנים אל פּנים מיט יענע שלוחים פֿון זײַנע טויזנטער פֿרײַנד און אוגטערשטיצער, וואָס זענען פֿון אַלע עקן וועלט זיך צונויפֿגעקומען אין ווילנע. דער ייִוואָ איז געווען גענוג שטאַרק צו אָרגאַניזירן און דורכצופֿירן דעם ערשטן ייִדישן קולטור-צוזאַמענפֿאָר אין אַזאַ גרויסן פֿאַרמעסט, און נאָכן צוזאַמענפֿאָר, איז ער אָן ספֿק נאָך שטאַרקער ווי פֿריער!

מיר זענען אַ מאָדערנע יבֿנה. אַלע ייִדן דאַרפֿן וויסן, אַז מיר גרייטן געווער אין קאַמף, מיר גרייטן אָפּווער-מכשירים. אונדזערע פֿרײַנד זענען צעוואָרפֿן איבער דער גאַנצער וועלט, מיר שיקן זיי אונדזער גרוס! אַ באַזונדערן דאַנק די ווילנער, וואָס האָבן געהאַט די גרעסטע שוועריקייטן. אַ דאַנק אַלעמען, וואָס האָבן געהאָלפֿן צוגרייטן דעם צוזאַמענפֿאָר. זאָל לעבן ייִוואָ!

נח פּריל וצקי: אין זאָל געפֿינען זיך מענטשן, וואָס געדענקען די ערשטע ייִוואָ-קאָנפֿערענץ, אירע זיצונגען דאָן אין דער ייִדישער הומאַניסטישער גימנאַזיע. קלענער ווי דער איצטיקער צוזאַמענפֿאָר איז די קאָנפֿערענץ געווען, קירצער, אַ כּך ווייניקער עולם. אויפֿן הײַנטיקן צוזאַמענפֿאָר זענען מיר געזעסן 6 טעג אין דעם דאָזיקן גרויסן לאָקאַל. מאָמענטנווײַז איז עס ניט צו גלייבן. אַ סך דעלעגאַטן און געסט וואָלטן געקומען ווען די עקאָנאָמישע באַדינגונגען זאָלן געווען זײַן ניט אַזעלכע שווערע. אין 1929 זענען ניט געווען גענוג מענטשן פֿאַרן ראַט און קיין ראַט איז גיט געווען. איצטער האָבן קיין קאַנדידאַטן ניט געפֿעלט. אַ גרויסער אויסקלויב. די צענטראַלע פֿאַרוואַלטונג איז פֿאַרשטאַרקט געוואָרן טאָפּל, און אויך אַ ראַט מיט פֿאָרשטייער פֿון אַזוי פֿיל לענדער. מען האָט געדולד, מען האָט אינטערעס פֿאַרן ייִוואָ, אַלע האָבן אַ נײַע פּאָזיטיווע באַציִונג צום ייִוואָ, כּמעט יעדערער פֿון אונדז איז אומצופֿרידן, ווײַל ער ווייס, אַז דער ייִוואָ וואָלט דאָך געקענט אויפֿטאָן אָן אַ שיעור מער, ס'וועט אויך איצט זייער שווער מאַטעריעל אַלץ צו רעגולירן. אָבער מען וועט זיך באַמיען. ניט געקוקט, וואָס ס'זענען געווען זייער שווערע יאָרן, האָט דער ייִוואָ גרויסע פֿרײַנד און אַ סך. דאָס איז אַ גרויסער אויפֿטו פֿון ייִוואָ. מען דאַרף וויסן, אַז די גאָר גרויסע אויפֿגאַבן וועט מען ערפֿילן, ווען די אַרמיי פֿרײַנד וועט גרעסער ווערן. אין 5 יאָר אַרום וועלן מיר דאָס דערגרייכן. מען דאַרף וויסן, אַז ייִוואָ האָט אָן שטיצע פֿון דער מלוכה באַוויזן צו ווערן כּמעט אַ לעגענדע, וואָס ווירקט און סטימולירט אין קאַמף פֿאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור.

די קעגנער מוזן נעמען אין אכט די פֿאַרשטעלונג פֿון דער געזעלשאַפֿט וועגן ייִוואָ און פֿאַרבייגן די פּרעטענזיעס און העלפֿן. דער ייִוואָ זאָל ווערן דאָס, וואָס מען מיינט וועגן אים. מיר גלייבן, אַז די אַרבעט וועט ווייטער גיין גי-כער, ווײַל דער צוזאַמענפֿאַר האָט געגעבן מוט אויף ווײַטער. אַ דאַנק אַלעמען, פֿאַר דער געדולד. זיי פֿאָרן צוועק מיט 1000 מאָל מער גלייבן אין ערפֿאָלג פֿון דער אַרבעט, אויף דער ייִוואָ-קאָנפֿערענץ פֿון יאָר 1929 האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען די יונגע ייִדישע וויסנשאַפֿט, וואָס האָט באַוויזן ענדלעך זיך צו אָרגאַניזירן אין קאָנטאַקט מיט דער געזעלשאַפֿטלעכקייט. אויפֿן איצטיקן אַלוועלטלעכן צוזאַמענפֿאַר האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען די ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכקייט, וואָס האָט דעמאָנסטרירט אַזוי קלאָר די אומגעריכט אַזוי געוואַלדיק אויסגעוואַקסענע אויפֿמערקזאַמקייט אירע צו דער ייִדישער וויסנשאַפֿט. אויפֿן קומענדיקן אַלוועלטלעכן צוזאַמענפֿאַר וועלן זיך מוזן שטעלן צו אַ פֿיל שווערערן עקזאַמען הן די ייִדישע וויסנשאַפֿט — צו באַרעכטיקן די טיפֿע סימפּאַטיע מצד דער ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכקייט, הן די געזעלשאַפֿט-לעכקייט — צו איבערצײַגן, אַז איר היַנטצוטאָגיק אָנצינדן זיך פֿאַר דער אַרבעט פֿון ייִוואָ איז אַ הייליקער פֿלאַם אויף דורות.

ז. רייזען: אין משך פֿון די לעצטע 6 יאָר זינט אונדזער ערשטער קאָנ-פֿערענץ האָבן מיר אָפֿט געהאַט שווערע מאָמענטן, עס האָט זיך אונדז געקענט אָפּדאַכטן, אַז מיר זענען איינזאַם. דער איצטיקער צוזאַמענפֿאַר האָט אונדז געשטעלט אין אַ פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט די פֿאָרשטייער פֿון יענע מחנות פֿרײַנד, פֿאַר וועמען מיר אַרבעטן. עס איז דאָ פֿאַר וועמען צו אַרבעטן און צו שאַפֿן! און דאָס איז דער עיקר. צווישן די באַשלוסן וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן אויף דער ערשטער קאָנפֿערענץ זענען אויך געווען צוויי צענטראַלע: וועגן אַ ייִדישער הויכשול און אַ קונסטמוזיי. דער איצטיקער צוזאַמענפֿאַר טרעפֿט זיי שוין אין סטאַדיע פֿון פֿאַרווירקלעכונג. די אַספּיראַנטור א״נ פֿון ד״ר צ. שאַבאַד איז דער אָנהייב פֿון אַ ייִדישער הויכשול, און אויך פֿאַר דעם קונסטמוזיי איז שוין געלייגט דער יסוד.

מיר דערשאַצן אַליין ניט אונדזערע כּוחות, און דערפֿאַר האָבן מיר זיך צוריקגעצויגן פֿון דעם לכתּחילה געפּלאַנטן פּלאַן וועגן אַ וועלטקאָנגרעס פֿון דער ייִדישער קולטור און וויסנשאַפֿט. דער איצטיקער צוזאַמענפֿאַר איבערצײַגט אונדז, אַז מיר מעגן זיך שוין אויך פֿאַרמעסטן אויף אַזאַ וועלטקאָנגרעס. איינע פֿון די גרונדסיבות וואָס דער ייִוואָ איז געוואָרן אַזאַ כּוח אין ייִדישן לעבן איז אויך די בענקשאַפֿט פֿון דער ייִדישער אינטעליגענץ נאָך אַן אייגענעם אַרבעטס-וואַרשטאַט. דער ייִוואָ איז דאָס מײַסטערהויז, ווו עס ווערן געשמידט נײַע ייִדישע קולטורווערטן. דורך די דאָזיקע ווערטן וועלן מיר גובֿר זײַן די אינדיפֿירענץ און בויען אַ שעפֿערישע ייִדישע טביבה!

דער אַלוועלטלעכער צוזאַמענפֿאַר פֿון דעם ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט איז געשלאָסן!

הוספה נומ' 1

באַגריסונגען צום צוזאַמענפאָר*

איטאַליע

רוים — איך באַדויער, וואָס איך בין ניט ביכולת, מחמת דער אַ ביסל פאַרשפּעטיקטער פאַרבעטונג, צו נעמען אָן אָנטייל אין צוזאַמענפאָר. איך בעט אייַך אַזוי גוט זײַן מיר צו וויסן צו טאָן אין דער געהעריקער צײַט די רעזולטאַטן און צוזושיקן די באַריכטן פון צוזאַמענפאָר, אויב זיי וועלן פאַרעפנטלעכט ווערן אין אַ שפּראַך וואָס איז צוטריטלעך פאַר ניט־ייִדן. איטאַליענישער קאָמיטעט צו שטודירן די באַפעלקערונגס־פּראָבלעמען, קאָראַדאָ דזשיני פּרעזידענט. (בריוו).

אַרגענטינע

בוענאָס־אײַרעס — מיר, אונטערגעשריבענע, פרײַנד און מיטגלי־דער פון אַרגענטינער ייִוואָ־אָפּטייל, פאַרזאַמלטע אויפן אָפּשיידאַקט פאַרן דע־לעגאַט צום קאָנגרעס אין ווילנע, ח' יעקב באַטאָשאַנסקי, שיקן איבער אונדזער גרוס צום ערשטן אַלוועלטלעכן צוזאַמענפאָר פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט און דריקן אויס אונדזער באַגײַסטערונג פאַר די קאָלאָסאַלע אויפטוען פון ייִוואָ. שטענדיק גרייט, ווי ביז אַהער, צו שטיצן אַלע אַקציעס לטובת דעם אינסטיטוט, דערמוטיקן מיר אײַך, פאָרשער, זאַמלער און וויסנשאַפטלער, וואָס איר גיט זיך אָפּ מיט דער הייליקער אַרבעט צו בויען דעם הערלעכן בנין פאַר דער ייִדישער קולטור און מיר באַטייליקן זיך מיט פרייד אין דער פײַערונג פון 10־יעריקן יובל. 68 אונטערשריפטן. (בריוו).

בוענאָס־אײַרעס — אַ האַרציקן דאַנק פאַר אײַער אײַנלאַדונג. עס איז באמת שלעכט (פאַר מיר!), וואָס איך האָב ניט די מעגלעכקייט זי אויסצונוצן. איך ווינטש אײַך גליק אין דער אַרבעט און אַ צוזאַמענפאָר, וואָס זאָל זײַן אי פּרוכטבאַר, אי אימפּאָנירנדיק. ש. ניגער. (בריוו).

---

* דאָרט, וווּ ס'איז באַצייכנט „בריוו", זענען דאָס קיצורים פון באַגריס־בריוו, אין אַנדערע פאַלן — טעלעגראַמעס.

ארץ־ישראל

הרצליה — דער צוזאַמענפֿאָר פֿון יִוואָ איז אַ גרויסע שמחה פֿאַר אַלע פֿרײַנד פֿון דער ייִדישער קולטור און וויסנשאַפֿט בכל תפֿוצות ישראל. די שמחה איז נאָר פֿאַרשטערט, וואָס אויף איר וועט פֿעלן דער אומפֿאַרגעסלע־כער קולטור־בויער און גרויסער מענטשנפֿרײַנד ד״ר צמח שאַבאַד ז״ל. געבענטשט זאָלן זײַן די גײַסטיקע יורשים פֿון ד״ר צמח שאַבאַד, וואָס שפּינען ווײַטער דעם גאָלדענעם פֿאָדעם פֿון דער ייִדישער קולטור און וויסנשאַפֿט! ש. לאַ־קערמאַן. (בריוו).

ירושלים — צום צעניאָריקן יובל פֿון דער עקסיסטענץ פֿון אײַער חשובער אינסטיטוציע שיק איך אײַך, אין נאָמען פֿון העברעיִשן אוניווערסי־טעט, אונדזער געטרײַען גרוס און איך זאָג אַרויס אונדזער האָפֿענונג, אַז אײַער אינסטיטוציע וועט זיך אַלץ מער אַנטוויקלען און ווײַטער פֿירן איר פּרוכפּעריקע אַרבעט פֿאַר דער וויסנשאַפֿט פֿון ייִדנטום. מיט גרויס אַכטונג י. ל. מאַגנעס, קאַנצלער. (בריוו).

ירושלים — מיר באַשטעטיקן מיט גרויס דאַנק די קבלה פֿון אײַער פֿאַרבעטונג צום וועלט־צוזאַמענפֿאָר פֿון אײַער אינסטיטוט און ווינטשן אײַך פֿולע הצלחה אין אײַער אַרבעט. נאַציאָנאַלע און אוניווערסיטעטישע ביבליאָ־טעק. מיט כּבֿוד ד״ר הוגאָ בערגמאַן. (בריוו).

ירושלים — דערלויבט מיר, חשובֿע חברים, צוצוגעבן צו דער פֿאַר־מעלער באַגריסונג אויך מײַן פּערזענלעכע. איך פֿריי זיך אונטערצושטרײַכן דעם פֿאַקט, אַז ביידע אינסטיטוציעס האָבן אין משך פֿון אַלע יאָרן געאַרבעט אין גײַסט פֿון קעגנזײַטיקער הילף און שותּפֿותדיקער אַרבעט, און ווינטש אײַך, אַז אײַער פֿײַערונג זאָל מצליח זײַן אין אַלע אופֿנים און זאָל ברענגען אַ ברכה פֿאַר אײַער אַרבעט און פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק. מיט גרויס כּבֿוד הוגאָ בערגמאַן. (בריוו).

ירושלים — פֿון ארץ־ישראל שיק איך מײַן מזל־טובֿ און ברכה דעם קולטורעלן אַנשטאַלט וואָס האָט פֿאַרנומען אַ בכּבֿודיקן אָרט אין ייִדישן לעבן. מײַן האַרצלעכן גרוס אונדזער אַלעמענס רבי דובנאָוו. מ. קריינין.

ירושלים — איך ווינטש דעם צוזאַמענפֿאָר פֿיל ערפֿאָלג, סײַ וויסנשאַפֿטלעכן סײַ אויפֿן געביט פֿון אָרגאַניזירן די ייִדישע וויסנשאַפֿט. מ. שולוואַס. (בריוו).

כּפֿר סבא — מײַנע האַרציקסטע ברכות פֿאַר אונדזער אַלעמענס יִוואָ. זײַט מצליח אין אײַער אַרבעט — געדענקט וועגן דער מתּנה זאַמלער — די איבערגעבנסטע פֿרײַנד פֿון יִוואָ. עוזר פּיפּע. (בריוו).

תּל־אָבֿיבֿ — דער ארכיון העבֿודה, דער צענטער פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל, שיקט זײַן געטרײַען גרוס צו

דעם אַלוועלטלעכן צוזאַמענפאָר פון יִוואָ און ווינטשט אים הצלחה אין זײַן טעטיקייט פאַר געזעלשאַפטלעכער וויסנשאַפט און פאַר דער יידישער מאַסן־קולטור. שטייענדיק אויף דער וואַך פון דער שאַפונג און פון דעם געזעלשאַפטלעכן קאַמף פון דעם יידישן אַרבעטער אין ארץ־ישראל און אין גלות און אין אונדזער באַמיִונג אײַנצוזאַמלען אין אַ צענטראַלן און זיכערן אָרט — אונטערן שוץ פון דער אַרבעטער־געזעלשאַפט אין ארץ־ישראל — די פרוכט פון אַט דער שאַפונג און אַט דעם קאַמף, באַטראַכטן מיר דעם יִוואָ ווי אַ חבר אין דער שלאַכטרײַ, ווי אַן אינסטיטוציע מיט אַ גרויסן שווונג, וואָס זאַמלט אײַן דעם מאַטעריאַל פאַר דער געשיכטע פון אונדזערע מאַסן אין גאַר דער וועלט און וואָס פאָרשט אים אויס היסטאָריש און סאָציאָלאָגיש. — מיר ווינטשן, אַז די טעטיקייט פון אײַער צוזאַמענפאָר זאָל זײַן געבענטשט מיט הצלחה און אַז זי זאָל מיטהעלפן צו פאַרשטאַרקן די זאַמל־ און פאָרש־אַרבעט אין אַלע לעבנס־געביטן פון אונדזערע מאַסן, די טרעגער פון דער צוקונפט און פון דער גע־נעזונג פון דער נאַציע. מיט אַכטונג און אַרבעט־גרוס די אָנפירונג פון ארכיון־העבודה, ש. אײַזנשטאַט. (בריוו).

תל־אביב — מזל ברכה! א. גאָלאָמב.

תל־אביב — איך ווינטש אײַך גרויס ערפאָלג און פרוכטבאַרע אַרבעט. מ. וואָראָבײַטשיק. (בריוו).

תל־אביב — איך שיק אײַך איבער מײַנע ברכות פון ווײַטן. זאָל דער צוזאַמענפאָר דינען אַלס אויסגאַנגפונקט פאַר אַ גרויסער פאַרשטאַרקטער יִוואָ־אַרבעט פון דער גאַנצער אַלוועלטלעכער יידישער יוגנט און פון עלטערע — פון די וואָס זענען שוין פאַרבונדן מיטן אינסטיטוט און פון די טויזנטער וואָס דאַרפן זיך נאָך אײַנשליסן אין יִוואָ. הענעך ווײַנשטיין. (בריוו).

תל־אביב — מיט גרויס צופרידנקייט האָבן מיר אויפגענומען די ידיעה וועגן צוזאַמענקום פון דעם צווייטן אַלוועלטלעכן יִוואָ־צוזאַמענפאָר און באַזונ־דער דאַנקבאַר זענען מיר אײַך פאַר דער אײַנלאַדונג צו אים. די נויטווענ־דיקייט אינעם צוזאַמענפאָר האָט זיך געשפּירט שוין לאַנג. יִוואָ האָט פאַרלייגט יסודות פאַר אַ ברייטער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט אויפן געביט פון יידישער שפּראַך און פאָלקס־קענטעניש, יִוואָ האָט אָנגעהויבן אויסבויען דעם אַפּאַראַט פון יידישער וויסנשאַפט אין גאָר דער וועלט. די דאָזיקע אַרבעט האָט פאַרשלונגען אַן אַ שיעור כוחות פון די בעסטע איבערגעגעבנסטע יִוואָ־טוער. איז דעריבער ניט קיין ווונדער וואָס אין פאַרלויף פון די צען פאַרגאַנגענע יאָרן איז לוויזער געוואָרן דער צונויפבונד פון יִוואָ מיט יענע ברייטע פאָלקסמאַסן, פאַר וועמען און דורך וועמען זײַן אַרבעט דאַרף געפירט ווערן. על כל פנים איז דאָס דער אײַנדרוק וואָס מיר האָבן פון דער ווײַטנס. דער צוזאַמענפאָר וועט זיכער ווענדן זײַן אויפמערקזאַמקייט אויף דער דאָזיקער פראַגע און וועט זוכן וועגן,

ווי אַזוי צו פֿאַרשטאַרקן די פֿאַרבינדונגען צווישן דער אויפֿגעוואַכטער ייִדישער וויסנשאַפֿט און די קעמפֿנדיקע ייִדישע מאַסן. אונדזערע האַרציקסטע ברכות וועט אײַך איבערגעבן דער ספּעציעלער דעלעגאַט פֿון אונדזער קלוב ד"ר ישראל רובין. אין אַ באַזונדער מעמאָראַנדום וואָס מיר דערלאַנגען דעם צו־זאַמענפֿאָר* פּרוּוון מיר אויפֿהייבן פֿאַר אײַך די פֿראַגע פֿון דער אייגנטלעכער ייִוואָ־אַרבעט אין ארץ־ישראל. דאָ ווילן מיר נאָך דערמאָנען די פֿראַגע פֿון אַ מער געזעלשאַפֿטלעכן כאַראַקטער, איבער וועלכער ייִוואָ און באַזונדערס אַ קאָנגרעס פֿון ייִוואָ קאָן ניט אַריבערגיין גלײַכגילטיק — די רדיפֿות אויף ייִדיש אין ארץ־ישראל. די מאַסן־אײַנוואַנדערונג אין ארץ־ישראל פֿאַר די לעצטע יאָרן האָט אָן אַ פֿאַרגלײַך פֿאַרגרעסערט דאָס ספּעציפֿישע געוויכט פֿון ייִדישן ישובֿ אין א"י אין גאַנצן ייִדישן לעבן און דעריבער ווערט אַלץ דרינגלעכער די פּראָבלעם פֿון ענגערן צוזאַמענבונד צווישן ייִדישן וויסנש' אינסטיטוט און דעם נײַעם א"י. — מיר חזרן איבער אונדזערע בעסטע ווינטשן דעם צוזאַ־מענפֿאָר צום וווּל פֿון דער ייִדישער וויסנשאַפֿט, פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, פֿאַרן קולטורעלן אויפֿבלי פֿון די ברייטע ייִדישע פֿאָלקסמאַסן אין גאָר דער וועלט. ייִדישער ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־קלוב אין ארץ־ישראל. (בריוו).

תל־אביב — אונדזער האַרציקסטע באַגריסונג צו אײַערע באַראַ־טונגען. מיר ווילן האָפֿן, אַז נאָכן צוזאַמענפֿאָר וועט די פֿאַרבינדונג פֿון ייִוואָ מיט ארץ־ישראל אויסגעבויט ווערן אויף פֿעסטערע יסודות ווי ביז איצט און אויך אין ארץ־ישראל וועט קאָנען פּאָפּולאַריזירט ווערן די טעטיקייט פֿון ייִוואָ פֿאַר דער ייִדישער קולטור און שפּראַך. רעדאַקציע־קאָלעגיע „נײַוועלט", פּעטערזײַל, זרובבֿל, ד"ר נ. ראַפּאַלקעס, י. ראָזען, מ. ערעם, ד. לײבל. (בריוו).

תל־אביב — חשובֿע פֿרײַנד! דער אַלוועלטלעכער צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִדישן וויסנש' אינסטיטוט קומט זיך צונויף אין אַ שווערער קריטישער צײַט פֿאַרן ייִדישן פּראָלעטאַריאַט און די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן בכלל. פֿאַר אונדזערע אויגן ווערן צעבראָכן די אַלטע יסודות פֿון ייִדישער מאַסן־עקסיסטענץ און ס'שטײַגן אויף נײַע כּוחות, נײַע וועגן און נײַע צילן פֿאַר אונדזער געזעלשאַפֿט־לעכער טעטיקייט. עס איז גענוג צו דערמאָנען, אַז אין פֿאַרלויף פֿון די צען יאָר זינט דער ערשטער ייִוואָ־קאָנפֿערענץ זענען אַרויפֿגעשווומען דרײַ היסטאָרישע כּוחות וואָס שפּילן אין לעבן פֿון די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן אַן אַנט־שיידנדע ראָלע: פֿון איין זײַט דער פֿאַשיזם, פֿון דער צווייטער זײַט די אויפֿבוי־טעטיקייט פֿון דער ראַטנמאַכט און די מאַסן־אײַנוואַנדערונג אין א"י. דערמיט האָט די נײַע ייִדישע וויסנשאַפֿט אומבאַצווינגלעך באַקומען איר היסטאָ־רישע אויפֿגאַבע – צו זײַן אַן אינסטרומענט פֿאַרן קאַמף און איבערבוי פֿון די אונטערדריקטע ייִדישע מאַסן. אַלע צווײַגן פֿון דער ייִוואָ־טעטיקייט מוזן דעם

* זע הוספה 2.

דאָזיקן אימפּעראַטיוו דינען, אויב ניט וועט זי פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מין „חכמת ישראל” אויף ייִדיש. ליידער האָט דער עקסיסטענץ-קאַמף פֿון ייִוואָ אין פֿאַרלויף פֿון די לעצטע יאָרן און די מאַטעריעלע זאָרג פֿאַר זײַן ווײַטערדיקן קיום אין אַ באַדײַטנדיקער מאָס געשטערט אויסצובויען די דירעקטע פֿאַרבינדונגען מיט דער ייִדישער אַרבעטער-באַוועגונג, וואָס זענען געוועזן דער פֿאַקטישער אָנשפּאַר פֿון ייִוואָ אין די ערשטע צײַטן זײַנע. — די אַקאַדעמישע צילן פֿון ייִוואָ האָבן אָפּגעשטופּט אָן אַ זײַט דעם סאָציאַלן יסוד, און דורך דעם האָט זיך אָנגעמערקט אַ ריס צווישן דער ייִוואָ-אַרבעט און דער אָרגאַניזירטער ייִדישער אַרבעטערשאַפֿט. מיר מוזן אָבער מודה זײַן, אַז אַ טייל פֿון דער שולד ליגט אויך אויף דער ייִדישער אַרבעטערשאַפֿט. פֿון איין זײַט האָט די ייִדישע אַרבעטערשאַפֿט ניט דערשאַצט די גרויסע באַדײַטונג וואָס ייִוואָ קאָן האָבן פֿאַר איר סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן קאַמף, און פֿון דער אַנדערער זײַט האָט ייִוואָ, כּדי צו היטן זײַן וויסנשאַפֿטלעכן כאַראַקטער, אָפּגעשלאָסן זיך פֿון די דרינגלעכסטע פֿאָדערונגען פֿון סאָציאַלער פֿאָרשונג אין סאָציאַליסטישן גײַסט. דער צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִוואָ גיט די געווונטשענע געלעגנהייט צו רעווידירן די טעטיקייט פֿון ייִוואָ, ניט צו דערלאָזן, אַז ייִוואָ זאָל ווערן אַ מקום מקלט פֿון ריינער פֿאַרגאַנגענהייטס-פֿאָרשונג, נאָר פֿאַרוואַנדלען די וויסנשאַפֿט אין אַ מעכטיקן אינסטרומענט און וועגווײַזער אינעם לעבנסקאַמף פֿון דער ייִדישער מאַסע און פֿון איר אַוואַנגאַרד — דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט. —

דער ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט האָט אין משך פֿון זײַן קורצער טעטיקייט באַוויזן צו הייבן דעם אָנזען פֿון דער ייִדישער שפּראַך און קולטור. ער האָט פֿאַרלייגט יסודות פֿאַר אַ גאַנצער ריי פֿאָרשונגסצווײַגן אין ייִדיש. ער האָט באַוויזן, בײַ דער גאַנצער שווערקייט פֿון זײַנע מאַטעריעלע באַדינגונגען, אַז ער איז בכּוח צו ווערן אַ וויכטיקער אינסטרומענט אין קאַמף פֿאַר אונדזער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפֿרײַונג. — אָנצוצייכענען איבער אַ נײַס די וועגן פֿון ייִוואָ, שאַפֿן איבער אַ נײַס די לעבעדיקע פֿאַרבינדונג מיט דער ייִדישער אַרבעטער-באַוועגונג, אָנקניפּן דירעקט צו די אַקטועלע איבעראַנדערשונגס-פּראָצעסן פֿון דער ייִדישער עקאָנאָמיק און קולטור — סײַ אין די לענדער פֿון קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפֿט, סײַ אין ראַטן-רוסלאַנד און אין דעם נײַעם אויפֿבליִענדיקן צענטער אין א״י, — דאָס מוז זײַן די אויפֿגאַבע פֿונעם צווייטן אַלוועלטלעכן ייִוואָ-צוזאַמענפֿאָר. נעמענדיק אין אַכט די ביזאיצטיקע דערגרייכונגען פֿון ייִוואָ און די אויסזיכטן וואָס שטייען פֿאַר אים, מעגן מיר זיין צופֿרידן, אַז די פּאַרטייען אין אַלע לענדער, וואָס זענען אָנגעשלאָסן אָן אונדזער פֿאַרבאַנד, און די איינצלנע חבֿרים האָבן לויט דער מאָס פֿון די כּוחות מיטגעהאָלפֿן דעם ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט צו ווערן אַזאַ אָנזעעוודיקע און פּאָפּולערע קולטור-אינסטיטוציע. ייִוואָ קען אָבער דורך פֿאַרשטאַרקטער אַרבעט אין גײַסט פֿון פּראָלעטאַרישער אַקטיוויטעט ניט בלויז געווינען די סימפּאַטיע און הילף פֿון גרויסע אַרבעטער-מאַסן, נאָר אויך

אַליין ווערן אַ פאַקטאָר פאַרן אויפשטײַג פון דער ייִדישער אַרבעטער-באַוועגונג אין דער איצטיקער שווערער צײַט. — מיר ווינטשן אײַך דעם גרעסטן ערפאָלג און פּרוקטבאַרע אַרבעט. זאָל לעבן דער ייִדישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט! פאַרן פאַרבאַנדס-ביוראָ פון ייִדישן אַרבעטער-פאַרבאַנד פּועלי-ציון ניר. (בריוו).

תּל-אביב — איך בין מיטן גאַנצן האַרצן מיט אײַך. מאַנע קאַץ.

בעלגיע

אַנטווערפּן — ליידער איז מיר אוממעגלעך צו קומען צו דעם אַלוועלטלעכן צוזאַמענפאָר פון ייִוואָ. איך האָף אָבער, אַז די דיסקוסיעס און באַשלוסן פון אײַער צוזאַמענפאָר וועלן זײַן לטובֿת דער ייִדישער וויסנשאַפט און לטובֿת אונדזער ייִדיש-פאָרשן. א. טייטעלבוים. (בריוו).

גענט — עס איז פאַר אונדז אַ גרויסע פרייד דער אַלוועלטלעכער צוזאַמענפאָר פון טוער און פרײַנד פונעם ייוואָ. מיר פאַרשטייען זייער גוט די וויכטיקייט און נאָך מער די נויטווענדיקייט פון אַזאַ צוזאַמענטרעף פון אַלע לעבעדיקע כּוחות וואָס גרופּירן זיך אַרום דער ייִדישער קולטור און ממילא אויך אַרום ייִוואָ. מיר זײַנען זיכער, אַז דער צוזאַמענפאָר וועט ניט נאָר זײַן אַן אויסערלעכע מאַניפעסטאַציע, נאָר דערהויפּט אַ וויכטיקער שריט אויפן וועג צו אָרגאַניזירן די פאָלקסמאַסן אַרום דעם אינסטיטוט, כּדי צו שאַפן אַן אמתע פאָלקס-באַוועגונג לטובֿת אַלע זײַנע אינסטיטוציעס און אונטערנעמונגען. מיר מוזן אַקטיוו און שעפעריש אַרויסטרעטן אין ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן צו פאַרטיידיקן די אַלטע און פאַרנעמען נײַע פּאָזיציעס פאַר אונדזער קולטור, פאַר ייִדיש. פאַרשיידענע מניעות האָבן ניט דערלויבט אונדזער פאָרשטייער אַרויסצופאָרן צום צוזאַמענפאָר און מיר מוזן זיך באַנוגענען מיט ווינטשן ערפאָלג אין אײַער אַרבעט און פּרוקטבאַרע רעזולטאַטן. מיר קענען אײַך פאַרזיכערן, אַז מיר פון אונדזער צד וועלן תּמיד שטיין גרייט אײַך מיטצוהעלפן צו רעאַליזירן אונדזערע געמיינזאַמע אידעאַלן. געזעלשאַפט פרײַנד פון ייִוואָ אין בעלגיע, אינזש׳ י. ליפשיץ. (בריוו).

בראַזיל

ריאָ דע זשאַניירא — אויף אונדזער פּלענאַר-זיצונג, זונטאָג דעם 28סטן יולי, איז איינשטימיק באַשלאָסן געוואָרן איבערגעבן מ. רעגאַלסקין דעם מאַנדאַט פון אונדזער אָפּטיילונג אַלס אונדזער דעלעגאַט צו דעם אַלוועלטלעכן ייִוואָ-צוזאַמענפאָר בײַ ה׳ רעגאַלסקיס דורכפאָרן אונדזער שטאָט. גלײַכצײַטיק האַלטן מיר פאַר וויכטיק און פאַר אונדזער ערן-חובֿ צו קומען מיט אונדזער באַשיידענער באַגריסונג צו דעם גרויסן און וויכטיקן צוזאַמענפאָר פון ייִוואָ, אַז דער קאָנגרעס זאָל ברענגען די דערוואַרטע פּאָזיטיווע רעזולטאַטן פון אַ פאַרשטאַרקטער טעטיקייט אויף אַלע געביטן פון דער ייִדישער וויסנשאַפט

און קולטור. מיר באַדויערן זייער, וואָס אונדזער בראַזיליאַנער סעקציע האָט ניט די מעגלעכקייט צו שיקן צוויי דעלעגאַטן און אויך אַ געוויסע צאָל געסט צו דעם צוזאַמענפאָר. מיר ווילן האָפן, אַז צום קומענדיקן קאָנגרעס וועט אונדזער סעקציע זײַן פאַרטראָטן מיט דער געהעריקער צאָל דעלעגאַטן און געסט. יִיוואָ-אָפּטייל פאַר בראַזיל, ד״ר ס. מאַלאַמוד פאָרזיצער, י. דינעס סעקרעטאַר. (בריוו).

דײַטשלאַנד.

בערלין — פרײַנד פון דער ווייטנס ווינטשן ערפאָלג. גראַובאַרט, מייטליס, שטענצעל.

בערלין — פון פולן האַרצן ווינטש איך דעם צוזאַמענפאָר, זײַן אַרבעט זאָל זײַן פּרוכטבאַר! אַלע פרײַנד און מיטאַרבעטער פון יִיוואָ בכל אתר ואתר ווײַטערע ערפאָלגן אין זייער הייליקער אַרבעט! יחי יִיוואָ! באָריס קאַדער. (בריוו).

בערלין — אַ גרויסן יישר-כּוח פאַר דער באַערונג מיך אײַנצולאַדן צום צוזאַמענפאָר. וואָלט איך געקאָנט באַקומען די וויזע, וואָלט איך צו פוס געקומען געגאַנגען. זאָל אונדזער יידיש מיטהעלפן אויסטראָגן דעם טרוים און דעם אמת פאַר אַלע מענטשן. א. נ. שטענצעל. (בריוו).

האַמבורג — איך ווינטש דעם אינסטיטוט ווײַטערע פּראָדוקטיווע אַרבעט און גראַטוליר הערצלעך דעם צוזאַמענפאָר. שלום שלום לרחוק ולקרוב! יצחק דובער מאַרקאָן. (בריוו).

דרום-אפריקע.

ערפאָלגרײַכע אַרבעט אויף אַלע געביטן ווינטשט שאַבאַן (פון יאָהאַנעסבורג לע״ע לאָנדאָן).

טשילע

סאַנטיאַגאָ — פון דעם ווײַטן, ווײַטן טשילע, פונוואַנען מיר קענען קיין דעלעגאַט ניט שיקן צום יִיוואָ-צוזאַמענפאָר, שיקן מיר אָבער אונדזערע האַרציקסטע גרוסן און ברכות פאַר די יידישע קולטור-בויער פון דער גאַנצער וועלט, פאַר אירע בעסטע פאָרשטייער. צום צענטן יאָרטאָג פון דער עקסיסטענץ פונעם יִיוואָ ווינטשן מיר, אַז דער דאָזיקער אַנשטאַלט זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ אַלוועלטלעכן יידישן קולטור-צענטער און איר, די דעלעגאַטן פון צוזאַמענפאָר, זאָלט אָנצייכענען דעם פּלאַן פאַר אַזאַ צענטראַלער אָרגאַניזאַציע, האָבנדיק אין זינען אַלע יידישע ישובים, וואָס זײַנען צעשפּרייט איבער דער גאָרער וועלט. זײַט געבענטשט און געגריסט! געזעלשאַפט פרײַנד פון יִיוואָ, טשילענער אָפּטייל, י. פילאָווסקי סעקרעטאַר. (בריוו).

טשעכאָסלאָוואַקיי

בריןן — איך באַדויער זייער, וואָס זייענדיק פאַרנומען מיט אַנדערע פליכטן, קען איך ניט אָנטייל נעמען אין אייער וועלט - צוזאַמענפאָר אין ווילנע. איך ווינטש אייך דעם בעסטן ערפאָלג. נעמט אָן דעם אויסדרוק פון מיין טיפסטן דרך-ארץ. ד״ר אינ. אַרנאָלדט בלאַהאַ, פּראָפעסאָר פון סאָציאָלאָגיע אין מאַסאַריק-אוניווערסיטעט. (בריוו).

פראָג — איך ווינטש הערצלעך ערפאָלג דעם ייִוואָ - צוזאַמענפאָר, באַדויער אוממעגלעכקייט צו קומען קיין ווילנע. פּראָפ׳ ש. גאָלדעלמאַן.

פראָג — מיר באַדויערן, וואָס מיר האָבן ניט די מעגלעכקייט צו שיקן אַ דעלעגאַט צו אייער וועלט - צוזאַמענפאָר און מוזן זיך באַנוגענען מיטן ווונטש פון פולער הצלחה אין אייער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. זייט פאַרזיכערט, מיינע הערן, אין אונדזערע געפילן פון טיפער אַכטונג. סלאָווענישע ביבליאָטעק פון מיניסטעריום פאַר אויסלענדישע ענינים, הויפט-ביבליאָטעקאַר ד״ר א. קשיזשעק. (בריוו).

כינע

טיענטזין — מיר בעטן אייך איבערגעבן דעם צוזאַמענפאָר די ברכה פון אַ גרופּע פריינד, וועלכע זענען פאַרוואָרפן העט ווייט פון די מאַסן-צענטערס פון יידישן קולטור-לעבן און פאָלגן נאָך מיט ליבע און באַוווּנדערונג אַלע אויפטועו אויפן געביט צו פאַרפעסטיקן און פאַרבעסערן דעם מצב פון די ייִדן אין די לענדער ווו זיי וווינען. דער ייִדישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט איז דער איינציקער צענטער, דערוויילע, ווו עס שטראָמען צונויף אַלע קולטור-שאַפונגען פון דער מאָדערנער ייִדישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט פאַרבונדן איר גורל מיט דער שפּראַך און קולטור פון די ייִדישע מאַסן אין די מערסטע טיילן פון דער וועלט. מיר ווינטשן דעם צוזאַמענפאָר ערפאָלג און האָפן, אַז ער וועט מיטווירקן צו נאָך מער דערגרייכונגען פון דער יונגער מאָדערנער ייִדישער וויסנשאַפט. געזעלשאַפט פריינד פון ייִוואָ, ל. עפשטיין פאָרזיצער, מ. זאַראָן סעקרעטאַר. (בריוו).

לעטלאַנד

ריגע — איך באַגריס ייִדיש-וויסנשאַפטלעכן קיבוץ גליות. יעקב זשאַגאָרסקי.

נאָרוועגיע

אָסלאָ — מיין הארציקסטע ברכה דעם יובילאַר, פאַר די קומענדיקע צען יאָר אַ צענפאַכיקן ערפאָלג! ל. בעניאַמין.

ענגלאַנד

לאָנדאָן — אַרבעטער-רינג פון ענגלאַנד ווינטשט ייִוואָ-צוזאַמענפאָר בעסטן ערפאָלג.

לאָנדאָן — בעסטע גרוסן, חבֿרים! מיר גראַטולירן אײַך מיט אײַער אויפֿטו אויפֿן געביט פֿון ייִדישער קולטור און וויסנשאַפֿט. בעסטע ווונטשן אויף דער צוקונפֿט. ברענטש 6 אַרבעטער־רינג, ס. סילווער סעקרעטאַר.

לאָנדאָן — איך ווינטש אײַך, אַז פֿון אײַער אַרבעט זאָל דעם ייִדישן פֿאָלק אַרויסקומען די אמתע ברכה. ד״ר שלמה בירנבוים.

לאָנדאָן — איך דאַנק אײַך פֿאַר אײַער בריוו, וווּ איר לאַדט אײַן דעם בריטישן מוזיי צו זײַן פֿאַרטראָטן אויף דעם וועלט־צוזאַמענפֿאָר אין ווילנע. אַזוי ווי אײַער אײַנלאַדונג האָבן מיר ערשט דערהאַלטן, וועלן מיר ניט קאָנען אַראַנזשירן צו זײַן אויף דעם צוזאַמענפֿאָר. אײַער איבערגעגעבע־נער דזשאָרדזש היל, בריטישער מוזיי. (בריוו).

לאָנדאָן — לאָנדאָנער פֿרײַנד באַגריסן האַרציק יובילאַר. יישר־כּוח ווײַטערע אַרבעט לטובֿת ייִדישער פֿאָלקסקולטור! געזעלשאַפֿט פֿרײַנד פֿון ייִוואָ, ד״ר פֿיליפּס סעקרעטאַר.

לאָנדאָן — חבֿרשע באַגריסונגען, ערפֿאָלג אײַער־אונדזער אַרבעט! לאָנדאָנער ייִדישער זשורנאַליסטן־פֿאַראיין, לעאָ קעניג, ש. קאָלדאָווסקי.

לאָנדאָן — ווינטשן ערפֿאָלג! אידע און דוד מאָווּשאָוויטש.

לאָנדאָן — איך דאַנק אײַך פֿאַר אײַער אײַנלאַדונג אָנטייל צו נעמען אין ייִוואָ־צוזאַמענפֿאָר, איך באַדויער וואָס איך קען ניט אָננעמען אײַער אײַנ־לאַדונג. די אַנטוויקלונג פֿון ייִדישער שפּראַך און קולטור איז זייער נאָענט צו מײַן האַרץ, כּל־זמן דאָס נעמט ניט אָן די פֿאָרם פֿון אַ קאָנקורענץ מיט דער אַנטוויקלונג פֿון דער העברעיִשער שפּראַך און קולטור. איך ווינטש אײַך ערפֿאָלג אין אײַער אַרבעט און צייכן מיט אַכטונג ז. בראָדעצקי, צענטראַל־ביוראָ פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. (בריוו).

לאָנדאָן — איך באַדויער פֿון גאַנצן האַרצן, וואָס איך קען ניט זײַן מיט אײַך בײַ דער גרויסער שמחה פֿון דער ייִדישער קולטורוועלט. איך וויל אײַך ניט שרײַבן קיין לױבגעזאַנגען, נאָר איך מוז אויסדריקן מײַן פּערזענלעכע באַוווּנדערונג פֿאַר אײַער גרויסן אָפּטימיזם, אומענדלעכע ענערגיע און טיפֿן פֿאַרשטאַנד וואָס איר האָט אַרויסגעוויזן פֿאַר דער אַרבעט. אין קאַלטן און פּראַקטישן לאָנדאָן קען מען נאָך מער פֿאַרשטיין, ווי גרויס עס זענען אײַערע פֿאַרדינסטן. איך בין זיכער, אַז דער צוזאַמענפֿאָר וועט פֿיל אויפֿטאָן און וועט אָנווײַזן ווײַטערע און ברייטערע וועגן פֿאַר דער אַרבעט. ד״ר יעקבֿ קרופּעניאַ. (בריוו).

לאָנדאָן — דער ייִדישער קונסט־טעאַטער באַגריסט דעם צוזאַמענפֿאָר. זײַט געשטאַרקט אין אײַער גרויסער אַרבעט! מאָריס שוואַרץ.

לאָנדאָן — ווען איך וואָלט געהאַט עפּעס אַ מעגלעכקייט, וואָלט איך געוויס געווען ביי דער שמחה פון אונדזער מאַמע-לשונס בן-זקונים, וואָס בשעתו, מיט צען יאָר צוריק, האָב איך געהאַט די זכיה צו שטיין ביי זיין וויג. אין די צען יאָר איז ער, דער ייִוואָ זאָל לעבן, כמעט געוואָרן בר-מצווה: ער ווייס, וואָס ער האָט צו טאָן, וואָס ער טאָר און וואָס ניט, און היט עס אָפּ מיט דער גרעסטער זריזות. טאָ וואָס זאָל מען אים ווינטשן מער ווי גיין ווייטער מיט דעם זעלבן וועג? עס שטייט געשריבן אין די אַלטע ספרים, אַרויסגעבראַכט פון אַ פאַרצייטיקן אַלוועלטלעכן ייִוואָ: „בן עשר שנים — למשנה"; דער צוזאַמענפאָר וועט געוויס באַווייזן, אַז דער מיזיניק צווישן אונדזערע ייִוואָס איז שוין היינט מסוגל צו לערנען אַפילו פּוסקים. ד"ר אהרן שטיינבערג. (בריוו).

עסטלאַנד

טאַלין — ייִדישע קולטור-פאַרוואַלטונג אין עסטלאַנד גראַטולירט אייך הערצלעך צום 10יאָריקן יובל, ווינטשט פיל ערפאָלג אייער וויכטיקער אַרבעט אויפן געביט פון דער ייִדישער קולטור. פאָרזיצער אייזענשטאַט.

טאַלין — דער פאַרבאַנד פון ייִדישע אַקאַדעמיקער אין עסטלאַנד שיקט אייך הערצלעכע באַגריסונגען צו אייער 10יאָריקן יובל און ווינטשט אייך ווייטערע פרוכטבאַרע אַרבעט לטובת דעם ייִדישן פאָלק. פּרעזידיום קלאָמפּוס, אַבראַמסאָן.

טאַלין — טאַלינער פיליסטראַט פון אַקאַדעמישן פאַראיין פאַר ייִדישער געשיכטע און ליטעראַטור אין טאַרטו שיקט אַ הערצלעכן מזל-טוב צום גרויסן יום-טוב און ווינטשט ייִוואָ אַ ווייטערע פרוכטבאַרע טעטיקייט לטובת דער ייִדישער וויסנשאַפט.

טאַלין — באַדויער אַפּוועזנהייט, ווינטש דעם צוזאַמענפאָר ערפאָלג-רייכע אַרבעט, דעם אינסטיטוט אַ זיכערן קיום. ראַכלין.

טאַרטו — קיין ווילנע קען איך אַ שאָד ניט פאָרן. איך האָף אָבער, אַז איך וועל באַלד איינעם פילאָלאָגישן אַרטיקל קיין „ייִוואָ-בלעטער" שיקן. ייִדיש איז מיר זייער נאָענט געוואָרן און איך וועל צוקינפטיק צו אים נאָך נענטער קומען. פּ. אַריסטע, אַרכיוו פאַר עסטאָנישער שפּראַך ביים אוניווערסיטעט אין טאַרטו. (בריוו)

טאַרטו — מזל-טוב! ייִדיש האָט צוקונפט. אַריסטע.

טאַרטו — איך באַדויער אויפריכטיק, כ'מוז אייך מודיע זיין, אַז ס'איז מיר, צוליב אומפאָרויסגעזעענע און דרינגענדיקע פאַמיליען-אָנגעלעגנהייטן, אוממעגלעך צו נעמען אָנטייל אין די זיצונגען פון צוזאַמענפאָר, אין וועלכן כ'בין מיט לייב און לעבן פאַראינטערעסירט. כאָטש אַזוי, מעגט איר אָבער זיכער זיין,

אַז כ׳וועל אויך בעת מײַן אָפּוועזנהייט אַרויסווײַזן מײַן וואַרעמסטן אינטערעס פֿאַר אײַערע זיצונגען, וואָס ס׳איז דאָך זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, ווען איר וועט נעמען אין אַכט מײַן הויכע מיינונג, וועלכע כ׳האָב תּמיד פֿאַר אײַער אַרבעט. איך ענדיק מיטן ווונטש און דער האָפֿענונג, אַז אײַערע באַראַטונגען וועלן אויך דעם ברייטן עולם ווײַזן די דערגרייכונגען, צו וועלכע איר זײַט ביז איצט מיט אײַער אַרבעט דערגאַנגען, און אַז זיי וועלן אײַערע שטרעבונגען צוגעבן נײַע כּוחות, מיט וועלכע איר וועט אויף להבא מיט הצלחה אַוועקרוימען אַלע מניעות. פּראָפּ׳ לאַזאַר גולקאָוויטש. (בריוו).

עסטרײַך

באַדגאַסטיין — צו אײַער יובל־צונויפֿקום ווינטש איך אײַך אַ סך ברכות און גרויס הצלחה. זאָל דער ייִוואָ זײַן דער היטער און פֿאַרמערער פֿון ייִדישער שאַפֿונג און ווערן אַ היכל פֿון דעת און שײַנקײַט! אליעזר שינדלער.

ווין — מײַן האָפֿענונג, אַז איך וועל זיך קענען באַטייליקן פּערזענלעך אין צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִוואָ, צו וועלכן איר האָט מיך פֿאַרבעטן, און אין טאָג פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, צו וועלכן איך בין פֿאַרבעטן געוואָרן פֿון ייִדישן פּען־קלוב, איז ליידער ניט מקוים געוואָרן. דערלויבט זשע מיר, איך זאָל פֿון ווײַטנס זײַן נאָענט צו אײַך, צו אײַער אַרבעט און צו אײַער שמחה. נעמט אָן מײַנע האַרציקע ברכות פֿאַרן צוזאַמענפֿאָר, פֿאַר די פֿירער און פֿרײַנד פֿון דער ייִדישער קולטור־באַוועגונג אויף דער גאַנצער וועלט. זאָל פֿון אײַער אַרבעט אויסשטראַלן קראַפֿט און אויפֿמונטערונג פֿאַר דעם ייִדישן קולטור־שאַפֿן אין אַלע זײַנע צווײַגן! מיר צעזייטע און צעשפּרייטע, מיר „ישובניקעס פֿון ייִדיש״ נייטיקן זיך אין אַ שטאַרקן צענטער פֿון ייִדישער קולטור־אַרבעט — זאָלן געבענטשט ווערן אײַער ווילן, אײַער גלויבן, אײַער מסירת־נפֿש! מיט יום־טובֿדיקע גרוסן משה גראָס. (בריוו).

פּוילן

אָטאָקע — באַגריס דעם צוזאַמענפֿאָר, ווינטש דעם ייִוואָ אַ ערפֿאָלגרײַכע פֿאַרווירקלעכונג פֿון די אָנגעמערקטע אַרבעטספּלענער. יצחק צוקערמאַן.

אָטוואָצק — ניט האָבנדיק די מעגלעכקייט פּערזענלעך אָנטייל צו נעמען, באַגריס איך האַרציק דעם צוזאַמענפֿאָר און ווינטש פֿרוכטבאַרע אַרבעט. ד״ר רפֿאל בעקער.

אָלקעניק — צום צעניאָריקן יובל אַ האַרציקע באַגריסונג. זאָל לעבן דער ייִוואָ! פֿאָלקסביבליאָטעק.

אָסטרע — כ׳באַגריס די בכּבֿודיקע געסט און ווינטש פֿרוכפּערדיקע אַרבעט. טאָלפּין.

באַראַנאָוויטש — דאָס באַראַנאָוויטשער האַנטוועדקערטום, אָפּשאַצנדיק די גרויסע דערגרייכונגען פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט פאַר דער קולטור, גריסט און שפראַך פון די יידישע פאָלקסמאַסן, שיקט זיינע האַרציקסטע באַגריסונגען צום צענייאָריקן יובל פון ייוואָ און ווינטשט אים אויסדויער אין זיין מיפּולער אַרבעט. פאַרוואַלטונג פון צענטראַלן יידישן האַנטווערקער-פאַרבאַנד אין פוילן, אָפּטייל אין באַראַנאָוויטש.

באַראַנאָוויטש — די פאַרזאַמלטע פריינד פון ייוואָ אין באַראַנאָוויטש שיקן זייערע האַרציקסטע ברכות דעם בעל-היובל, דעם וועלט-צוזאַמענפאַר פון די יידישע וויסנשאַפטלער, אין טיפסטן גלויבן, אַז דאָס גרויסע ווערק, וואָס איז געשאַפן געוואָרן מיט אַזוי פיל מסירת-נפשדיקער אַרבעט, דער ייוואָ, וועט ווערן דער עמוד-האש פון אונדזער יידישן קולטור-וועזן. פרעזידיום פון דער פאַרזאַמלונג ד״ר י. קאַגאַן, ל. וואָראָביאָווסקי. (בריוו).

באַראַנאָוויטש — פאַר פרייד וואַקסט דאָס האַרץ ביים צוזיין דעם גרויסן קולטור יום-טוב פון דער יידישער וויסנשאַפט, אָנטייל צו נעמען אין צוזאַמענפאָר פון ייוואָ. בימינו זאָלן מיר זוכה זיין צו זיין די מיטבויער פון אַ יידישער הויכשול. ל. וואָראָביאָווסקי. (בריוו).

בענדין — די יידישע קהילה באַגריסט דעם צוזאַמענפאָר פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט און ווינטשט אים ערפאָלג אין זיין אַרבעט. פאָרזיצער רובינליכט, סעקרעטאַר פריילין.

בענדין — צום גרויסן קולטור-יום-טוב גערופן דורך ייוואָ אונדזער וואַרעמסטע באַגריסונג! „זאַגלעמבער צייטונג״.

בריסק — ווינטשן פון פּרוקטבאַרער אַרבעט דעם אַלוועלטלעכן צוזאַמענפאָר פון ייוואָ. אָפּטיילונג פון דער יידישער שול-אָרגאַניזאַציע.

בריסק — די בויער פון דער יידישער וויסנשאַפט אונדזערע בעסטע ווינטשן צו אונדזער-איער צוזאַמענבונד! תל-חי-ביבליאָטעק.

בריסק — מיר זיינען אויפריכטיק פאַראינטערעסירט אין דער עקסיסטענץ פון ייוואָ, אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון אמתער קולטור און וויסנשאַפט. איטשע פיערמאַן. (בריוו).

ברעסטעטשקע — מיין ברכה און בעסטע ווינטשן! דוד פוכאַלניק.

גראָדזיעץ — איך באַדויער שטאַרק וואָס כ׳מוז מיך באַנוגענען מיט שיקן איך מיינע האַרציקסטע ווינטשן. זאָל איך דער צוזאַמענפאָר ווי צום בעסטן געלינגען! ה. ווילטשינסקי. (בריוו).

גראָדנע — די האַרציקסטע ווינטשן און בעסטן ערפאָלג דעם צוזאַמענפאָר און דער ווייטערדיקער אַרבעט פון וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. נחום שמיגעלסקי.

דוניליאָוויטש — מיר באַגריסן אײַך, ווי אויך אַלע דעלעגאַטן און געסט מיטן ערשטן אַלוועלטלעכן צוזאַמענפֿאָר. מיר זענען זיכער, אַז די וווּנדער־באַרע שעפֿערישע אַרבעט אײַערע וועט נאָך מער פֿאַרשטאַרקט ווערן. מיר האָפֿן, אַז דער צוזאַמענפֿאָר וועט אויך געפֿינען דעם וועג און די מיטלען, כּדי נעענטער צו פֿאַרבינדן זיך מיטן געפּלאָגטן ייִדיש־וועלטלעכן שולוועזן, וועלכער נייטיקט זיך אין אײַער אַקטיווער מיטאַרבעט. הצלחה אין דער אַרבעט! ייִדישע בילדונגס־געזעלשאַפֿט.

דרויע — כ'ווינטש דעם צוזאַמענפֿאָר גרויס ערפֿאָלג! א. בוזאַק.

האָראָדנע — זאָל אײַער מי זײַן מיט ערפֿאָלג! ד"ר באַנשטשיק.

וואַרשע — איך ווינטש די גרינדער און פֿירער און חשובֿע פֿרײַנד, געסט פֿון ייִוואָ, אויף ווײַטער און ווײַטער גליק און ערפֿאָלג צו דער קאָלאָסאַלער שאַפֿונג און צירונג פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק. צפורה אַבעלמאַן. (בריוו).

וואַרשע — מיר שיקן איבער ווונטשן, אַז די באַראַטונגען פֿון צוזאַמענפֿאָר זאָלן מצליח זײַן, און פֿון ווײַטערדיקער פֿרוכטבאַרער אַרבעט אײַער וויסנשאַפֿטלעכער אָרגאַניזאַציע. אינסטיטוט פֿאַר געזעלשאַפֿטלעכע ענינים.

וואַרשע — (אַטוואַצק) כּבֿוד דעם צוזאַמענפֿאָר פֿון די העלדישע קעמפֿער פֿאַרן רום פֿון דער ייִדישע קולטור! מאַרק אַרנשטיין.

וואַרשע — די דירעקציע פֿונעם אוקראַיִנישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט האָט דעם כּבֿוד איבערצושיקן דעם צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִדישער וויסנשאַפֿט אַ גרוס און ווונטש פֿון בעסטן ערפֿאָלג אין זײַן אַרבעט. פּראָפֿ' פֿון וואַרשעווער אוניווערסיטעט ד"ר ה. סמאַל־סטאָצקי. (בריוו).

וואַרשע — צום צעניאָריקן יובֿל שיקן מיר אײַך אונדזערע האַרציקסטע גרוסן. געזעלשאַפֿט פֿרײַנד פֿון העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים, קערנער, סטאַווסקי.

וואַרשע — צו מײַן באַדויערן האָב איך געמוזט אָפּזאָגן זיך פֿון אַ פֿאָרן קיין קאַרלסבאַד ענדע דעם חודש און איך קאָן ניט אָנטייל נעמען אין דעם צוזאַמענפֿאָר, ווי איך האָב עס מיר פֿאַרגענומען. מיט מײַן האַרץ אָבער בין איך בײַ אײַך און איך באַגריס פֿון דער ווײַטנס די דאָזיקע מענער פֿון דער ייִדישער וויסנשאַפֿט, וואָס זענען זיך צוזאַמענגעקומען אין ווילנע, כּדי צו פֿײַערן דעם 10יאָריקן יובֿילײ פֿון ייִוואָ. אַ באַזונדערן גרוס שיק איך דעם נעסטאָר פֿון דער ייִדישער געשיכטע־שרײַבונג, מײַן חשובֿן פֿרײַנד און לערער פּראָפֿ' שמעון דובנאָוו און דער גאַנצער היסטאָרישער סעקציע, אין וועלכער ס'נעמען אָנטייל אַ סך פֿון מײַנע תּלמידים. מיט דרך־ארץ און פֿרײַנדשאַפֿט פּראָפֿ' מאיר באַלאַבאַן. (בריוו).

וואַרשע — אונדזער פּראָלעטאַרישן ספּאָרטגרוס דעם ייִוואָ־צוזאַמענפֿאָר! „גוויאַזדאַ"־„שטערן"־צענטראַלע.

ווארשע — צוריקגעקומען פון אורלויב, האָב איך דאָ געפונען אײַער אײַנלאַדונג אויפן צוזאַמענפאָר פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. איך דאַנק פאַר דעם האַרציק. צום באַדויערן האָב איך זי געקראָגן צו שפעט, כדי איך זאָל זי קענען אויסנוצן, וואָס איך באַדויער אויפריכטיק. לעאָן וואַסילעווסקי, אינסטיטוט צו פאָרשן די נײַסטע געשיכטע פון פוילנס אומאָפהענגיקייט. (בריוו).

ווארשע — די בויער און שעפער פון דער מאָדערנער ייִדישער קולטור די האַרציקסטע ברכות צום יובל-צוזאַמענפאָר! מאַרק טורקאָוו.

ווארשע — כ'ווינטש פרוכטבאַרע אַרבעט. י. י. טרונק (קאַרוויע).

ווארשע – מיר לייגן דערבײַ צו אַ נומער „ליטעראַרישע בלעטער" וואָס מיר האָבן אַרויסגעגעבן צום וועלט-צוזאַמענפאָר פון ייִוואָ. מיר זענען שטאָלץ וואָס מיר קענען מיט פולער זיכערקייט זאָגן, אַז מיר האָבן די גאַנצע צײַט, פון די סאַמע ערשטע טריט, פיל מיטגעהאָלפן דעם וווּקס און דער אַנט-וויקלונג פון דעם ייִוואָ. די ערשטע אַרטיקלען, נאָך איידער עס איז אָרגאַני-זירט געוואָרן דער ייִוואָ, זענען געווען פאַרעפנטלעכט בײַ אונדז אין די „ליטעראַרישע בלעטער" און דערנאָך וואָך אײַן וואָך אויס, איבער 500 וואָכן, האָבן מיר מיט אַ וואַך אויג און צײַטערדיק האַרץ אַלץ אויפגענומען וואָס עס האָט זיך געטאָן אין און אַרום דעם ייִוואָ. ווער עס וועט וועלן נאָכפאָלגן טריט נאָך טריט דעם גאַנג פון דעם ייִוואָ זינט די צען יאָר פון זײַן לעבן, וועט מוזן זיך ווענדן צו די „ליט' בלעטער" — דאָרט וועט ער געפינען אַ פולע אָפּ-שפּיגלונג פון דעם אַלעם וואָס ס'האָט זיך געטאָן אין גאָר דער וועלט פאַרן ייִוואָ און אויך דאָס אַלץ וואָס איז געווען פריידיקס און טרויעריקס אין ייִוואָ גופא. מיר האָבן אין די ערשטע יאָרן אויך מיטגעבראַכט ציגל אין מאַטעריעלן זין פון וואָרט, ציגל צום בנין פון ייִוואָ — דורך דער גילדנקייט, וואָס מיר האָבן אָרגאַניזירט דורך די „ליט' בלעטער".

דורך הונדערטער אַרטיקלען, איבערזיכטן, נאָטיצן האָבן מיר פונאַנדער-געטראָגן די בשורה וועגן דער עקסיסטענץ און וועגן דער טאָגטעגלעכער טעטיקייט פון דעם אינסטיטוט אין די איבער דרײַסיק מדינות אין גאָר דער גרויסער ייִדישער וועלט, ווו די „ליט' בלעטער" ווערן פאַרשפרייט. — אײַער יום-טובֿ איז אונדזער יום-טובֿ. און זאָל פון דעם הײַנטיקן יום-טובֿ, ווו די מחותנים זענען דעלעגאַטן פון גאָר דער ייִדישער וועלט, זאָל פון דעם הײַנטיקן יום-טובֿ אַראָפּשײַנען אויף אונדזער האַרבער און שווערער וואָך. — אונדזער הייסע באַגריסונג אַלע פרײַנד פון דער ייִדישער קולטור, פון דעם ייִדישן שאַפן. זאָלן געשטאַרקט ווערן די הענט פון די בויער! זאָל לעבן דער ייִדישער וויסנשאַפט-לעכער אינסטיטוט! רעדאַקציע „ליטעראַרישע בלעטער", נחמן מײַזיל. (בריוו).

ווארשע – דעם יונגן ייִוואָ ווינטשט פרוכטבאַרע אַרבעט פאַרן ייִדישן פאָלק ד״ר אַ. סאָלאָווייטשיק.

װאַרשע — די ייִדישע אַרבעטערשאַפֿט קוקט מיט שטאָלץ אויף אײַער אונדזער קולטור־בנין און שאַצט אָפּ אײַערע לײַסטונגען פֿאַר דער ייִדישער קולטור און װיסנשאַפֿט. די ייִדישע אַרבעטער און פֿאָלקסמאַסן װעלן װײַטער אױסטראָגן די קולטורװערטן פֿון פֿאָלק און ניט שפּאָרן קײן מי און אָנשטרענגונג, בכדי די דאָזיקע װערטן אױסברײטערן און שטאַרקן. — נעמט צו אונדזער האַרציקע באַגריסונג און װוּנטשן צום אַלװעלטלעכן צונויפֿקום פֿון די בויער פֿון דער ייִדישער קולטור אין נאָמען פֿון אונדזערע צענדליגער טויזנטער חבֿרים און פֿרײַנד אין לאַנד. מיט די בעסטע גרוסן פֿאַרן צענטראַל־קאָמיטעט ייִדישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פּועלי־ציון (פֿאַראייניקט מיט צ״ס). (בריוו).

װאַרשע — זײַט באַגריסט! מיר װינטשן דעם ייִוואָ רעזולטאַטפֿולן צוזאַמענפֿאָר, ער זאָל ענגער זיך פֿאַרבינדן מיט דער ייִדישער אַרבעטערשאַפֿט, דעם פֿאַקטישן בויער פֿון דער ייִדישער מאַסן־קולטור. פּועלי־ציון אַקטיוויסטן, באָראָכאָוו־יוגנט, רעדאַקציע „אַרבעטער־וואָרט״.

װאַרשע — דער פֿאַראײן פֿון ייִדישע קינסטלער־פּלאַסטיקער אין פּוילן שיקט איבער אַ האַרציקע באַגריסונג דעם אַלוועלטלעכן צוזאַמענפֿאָר, באַזונדערס צו דער עפֿענונג פֿון אַ ייִדישן קונסטמוזיי און װינטשט דעם גרעסטן ערפֿאָלג אין דער אַרבעט פֿאַר דער ייִדישער װיסנשאַפֿט און פֿאַר דער ייִדישער קונסט. — צום גרויסן באַדויערן איז עס אוממעגלעך פֿאַר אונדז צו רעפּרעזענטירן זיך איצט מיט אַ װערטפֿולער אויסשטעלונג פֿון אונדזערע חבֿרים און צו שיקן אַ דעלעגאַט, װײַל די צײַט איז זייער ניט קיין גינסטיקע. מיר האָפֿן, אַז מיר װעלן פֿאַר דער קונסט־אָפּטײלונג פֿון ייִוואָ נאָך קאָנען טאָן און לײַסטן פֿון אונדזער זײַט אַ סך, סײַ בײַם זאַמלען די קונסטװערטן, סײַ בײַם אָפּקלײַב. — אונדזער הייסער װוּנטש איז, אַז דער איצט געשאַפֿענער מוזיי זאָל װירקלעך שטיין אויף אַ הויכן קינסטלערישן ניוואָ און זאַמלען באמת דאָס װערטפֿולע און שענסטע פֿון ייִדישן קינסטלער. — דעריבער לייגן מיר פֿאָר: עס זאָלן געשאַפֿן װערן צוויי קונסט־קאָמיסיעס, איינע פֿאַר ווילנע און איינע פֿאַר װאַרשע, װעלכע זאָלן צוזאַמען מיט די אָנפֿירער פֿון מוזיי װאַכן בײַם אָפּקלײַב סײַ פֿון די אײַנגעקויפֿטע און סײַ פֿון די געשאָנקענע װערק. — דער פֿאַריין פֿון ייִדישע קינסטלער איז גרייט צו נעמען אויף זיך די טירחה פֿון שאַפֿן אַ שטענדיקע קאָמיסיע פֿאַר דעם צװעק. פּ׳ פֿאָרזיצער ה. ראַבינאָוויטש, סעקרעטאַר װײַנטרויב. (בריוו).

װאַרשע — האַרציקסטע גרוסן, װינטשן ערפֿאָלגרײַכע אַרבעט! צעקאַבע.

װאַרשע — נעמט צו מײַנע האַרציקסטע גרוסן און װוּנטשן, אַז דער צוזאַמענפֿאָר זאָל דורכגיין מיט געהעריקער שטימונג און פֿײַערלעכקייט, כדי צו הייבן דעם פּרעסטיזש פֿון דער ייִדישער שפּראַך און מאַסן־קולטור. —

אין הײַנטיקן פֿאַראַנטוואָרטלעכן היסטאָרישן מאָמענט, וואָס די ייִדישע מאַסן לעבן איבער, איז נייטיק, אַז די בעסטע ייִדישע אינטעליגענץ, וואָס וועט זיך צונויפֿזאַמלען אין ווילנע, זאָל אויפֿהייבן איר שטים צום שוץ פֿון פֿרײַהייט און קולטור, צום שוץ פֿון די ייִדישע פּאָליטישע רעכט און קולטור־אויטאָנאָמיע. דער ייִוואָ דאַרף שטרעבן צו ווערן אַ לעבעדיקער קוואַל פֿון איניציאַטיווע און דערמונטערונג פֿאַר די ייִדישע אַרבעט־מאַסן אין זייער שווערן לעבנסקאַמף. איך ווינטש דעם צוזאַמענפֿאָר גרויס דערפֿאָלג אין זײַן אַרבעט! מיט בעסטע גרוסן ח. ש. קאַזשדאַן. (בריוו).

וואַרשע — צו דער עפֿענונג פֿון ייִוואָ־צוזאַמענפֿאָר מײַנע האַרציקסטע באַגריסונגען. אַרטיסט יוסף קאַמען.

וואַרשע — מיר ווינטשן אײַך ערפֿאָלג אין דער אַרבעט. ייִדישע קהילה, פּרעזעס א. מאַזור.

וואַרשע — ענדלעך איז געקומען דער טאָג פֿון אַלוועלטלעכן צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִוואָ, דער טאָג, אויף וועלכן מיר פֿרײַנד פֿון ייִוואָ האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט. איך האָב גרויס עגמת־נפֿש, וואָס איך האָב ניט די זכיה און דאָס פֿאַרגעניגן צו באַזוכן דעם ייִוואָ בײַ דער געלעגנהייט פֿון צוזאַמענפֿאָר. אָבער פֿון דער ווײַטנס בין איך מיט דער גאַנצער נשמה מיט אײַך און ווינטש אײַך אַ פֿרוכטבאַרע אַרבעט און אַ גרויסן ערפֿאָלג, אַז דער אינסטיטוט זאָל אַדאַנק דעם צוזאַמענפֿאָר אָנהייבן צו פֿאַרנעמען דאָס אָרט אין אונדזער געזעלשאַפֿטלעכקייט, וועלכעס ס'קומט אים לויט זײַנע אויפֿגאַבן און פֿאַרדינסטן, אַלס איינער פֿון די פֿונדאַמענטן פֿון דער ייִדישער מאַסן־קולטור. י. ראַבינאָוויטש. (בריוו).

וואַרשע — האַרציקע באַגריסונגען! פֿון וואַרשע ביז באַגדאַד האָב איך די ליכט פֿון ייִוואָ געזען. אַ יישר־כּוח די בויער! — שאָשקעס.

וואַרשע — הייכער צוזאַמענפֿאָר! איך פֿיל וואָס פֿאַר אַ געהויבענער יום־טוב ס'וועלן זײַן די צוזאַמענפֿאָר־טעג. הלוואַי וואָלט איך אויך געהאַט די מעגלעכקייט דאָס בײַצוזײַן! צוזאַמען מיט דער גאַנצער קולטור־שטרעבנדיקער יוגנט רוף איך צו אײַך: הייבט אויף די פֿאָן צום קאַמף פֿאַר דער קולטור־דערהייבונג פֿון די ייִדישע מאַסן, פֿון דער ייִדישער יוגנט! זײַט שטאַרק! ווײַל דאָס מוזן זײַן די וואָס בויען! לייבל שפּיגל. (בריוו).

ווידז — ווינטשן ערפֿאָלגרײַכע אַרבעט. שול־פֿאַרוואַלטונג.

ווילנע — אין נאָמען פֿון אוניווערסיטעט א"נ פֿון סטעפֿאַן באַטאָרי באַגריס איך דעם צוזאַמענפֿאָר און ווינטש פֿרוכטבאַרע באַראַטונגען. רעקטאָר סטאַניעוויטש. (בריוו).

ווילנע — זייער חשובֿער צוזאַמענפֿאָר! מיר, אונטערגעשריבענע, האַלטן פֿאַר אונדזער פֿליכט און אויפֿגאַבע צו ווענדן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿונעם צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִדישע וויסנשאַפֿט-לײַט, שרײַבער, קינסטלער און אַנדערע קולטור-טוער אויף אייניקע פֿון די וויכטיקסטע אויפֿגאַבן, וועלכע רוקן זיך איצט אַרויס אויפֿן קולטור-פֿראָנט. — דער ציל פֿון דער גרעסטער צאָל באַטייליקטע אינעם צוזאַמענפֿאָר איז דאָס ווײַטערדיקע אויסבויען און פֿאַרברייטערן די קולטורעלע שאַפֿונג אין דער ייִדישער שפּראַך און פֿאַר די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן. יעדן פֿון אונדז איז באַוווּסט, בײַ וואָסערע באַדינגונגען די קולטור- און קונסט-שאַפֿונג אין אונדזער געזעלשאַפֿט קומט פֿאָר, ווי ווײַט די אַזוי אויך אָרעמע קולטור-דערגרייכונגען בײַ אונדז זענען באַדראָט פֿון אונטערגאַנג און פֿון אַ פֿאַרפֿלייצונג פֿון באַרבאַריזם מצד ברוטאַלע פֿינצטערע כּוחות פֿון אויסן און מצד אינערלעכע פֿאָלקספֿײַנדלעכע און קולטורפֿײַנדלעכע עלעמענטן. אַ גרויסער טייל פֿון אײַך פֿאַרשטייט גאַנץ גוט און דערקלערט אַפֿילו אָפֿן, אַז דער געביט פון קולטור-שאַפֿונג איז ניט און קען ניט זײַן אָפּגעריסן פֿונעם גאַנצן קאָמפּלעקס אַקטועלע לעבנס-פּראָבלעמען, וועלכע שטייען פֿאַר די ברייטע ייִדישע פֿאָלקסמאַסן, קודם-כּל פֿאַר זייערע אַרבעטנדיקע טיילן. די קולטור ווי אַזעלכע, דאָס בעסטע, ווערטפֿולסטע און דויערהאַפֿטע אין איר איז באַדראָט. דער מוראדיקער בײַשפּיל פֿונעם היטלערישן דײַטשלאַנד באַווײַזט דאָס צום בעסטן... — מיר ווילן האָפֿן, אַז דער רוף צו פֿאַרטיידיקן די קולטור אויף דער ייִדישער גאַס וועט אויף אײַער צוזאַמענפֿאָר געפֿינען אַ הילכיקן אָפּקלאַנג און וועט צונויפֿזאַמלען אַרום זיך די בעסטע און אויפֿריכטיקסטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, טעאַטער, וויסנשאַפֿט און קולטור. — מרים אָרלעסקאָ, ה. אַלטמאַן, יעקבֿ באָטאָשאַנסקי (אַרגענטינע), ג. בוקסבוים, דוד בערעזער (ניו-יאָרק), מ. גראָסמאַן, בער האָראָוויץ, בונים העלער, י. וואַסערמאַן, אריה טעפּער, וו. לוצקי, יצחק ליכטענשטיין, שמחה לעוו, מ. מאַזאָ, אַהרן מאַרק, נחמן מײַזיל, גוסטאַוו אײַזנער (ניו-יאָרק), ל. מלאַך, מ. פּופּס, יהושע פּערלע, ט. פֿוקס, קורט קאַטש, אַ. קאַציזנע, מ. קיטאַי, י. ראַבאָן, ד"ר יעקבֿ שאַצקי (ניו-יאָרק). (בריוו).

ווילנע — אין טאָג פֿון דער פֿײַערלעכער עפֿענונג פֿון צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט מיטן אָנטייל פֿון דעלעגאַטן פֿון לאַנד און אויסלאַנד שיקט איבער ווונטשן פֿון ווײַטערדיקער גײַסטיקער אַנטוויקלונג פֿון דער אָרגאַניזאַציע און פֿון די וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן — די דירעקציע פֿון דער מלוכישער ביבליאָטעק א"נ פֿון די ווּרובלעווסקיס אין ווילנע.

ווילנע — איך דאַנק אײַך העפֿלעכסט פֿאַר דער פֿרײַנדלעכער אײַנלאַדונג צו דער עפֿענונג פֿון צוזאַמענפֿאָר. צום באַדויערן קען איך זי ניט אויסנוצן. כ'בין ווײַט פֿון ווילנע, לעבן פּויזן, און צוליב פֿאַמיליע-ענינים קען איך דעם דאָזיקן אָרט איצטער ניט פֿאַרלאָזן. ווינטשנדיק האַרציק דעם

אינסטיטוט ווײַטערדיקע ערפֿאָלגן אין דער וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט, בעט איך אָננעמען די אויסדרוקן פֿון מײַן הויכער אַכטונג. מאַריאַן זדזיעכאָווסקי. (בריוו).

ווילנע — דאַנקענדיק העפֿלעך פֿאַר דער פֿרײַנדלעכער אײַנלאַדונג אויפֿן צוזאַמענפֿאַר פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט, שיקן מיר איבער דעם צוזאַמענפֿאַר ווונטשן פֿון די בעסטע רעזולטאַטן פֿאַר דער וויסנשאַפֿט. דערבײַ האָבן מיר דעם כּבֿוד מיט באַדויערן צו באַמערקן, אַז צוליב דער וואַקאַציע-צײַט קענען מיר ניט נעמען קיין אָנטייל אין דער פֿײַערלעכער עפֿענונג און די באַראַטונגען פֿון צוזאַמענפֿאַר, איבערשיקנדיק אויסדרוקן פֿון דרך-ארץ און אַכטונג. פּראָפֿ' ד"ר סטאַניסלאַוו קאָשציאַלקאָווסקי וויצע-פֿאָרזיצער פֿון דער „געזעלשאַפֿט פֿרײַנד פֿון דער וויסנשאַפֿט". (בריוו).

ווילנע — די צענטראַלע פֿון אונדזער געזעלשאַפֿט, אין נאָמען פֿון אונדזערע אָפּטיילונגען אין דער ווילנער פּראָווינץ און אין אייגענעם, באַגריסט האַרציק דעם ייִוואָ צו זײַן צעניאָריקן יובֿל און ווינטשט, אַז אין זײַן צווייטן צעניאָר זאָל ער זיך באַוועגן באַרג אַרויף, פֿון 11טן צום צוואַנציקסטן, מיטן זעלביקן אימפּעט און מיט דער זעלביקער אָנשווילעכקייט פֿון וווקס, ווי פֿון געבורט ביז זײַן צעניאָריקן עלטער. מיר זענען שטאָלץ אויף דעם וואָס אונדזער צענטראַלע פֿאַרוואַלטונג האָט אין 1925 זוכה געווען צו זײַן איינער פֿון די קוואַטערס פֿון דעם נײַ געבאָרענעם ייִוואָ און צו באַזאָרגן אים מיט די ערשטע וויקעלעך. ווילנער ייִדישע בילדונגס-געזעלשאַפֿט (ווילביג), פֿאַרן פֿאָרזיצער א. סטאַרבעקער, סעקרעטאַר מ. בערנשטיין.

ווילנע — האַרציקע באַגריסונג דעם צוזאַמענפֿאָר. פֿאַראיין פֿון ייִדישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן.

ווילנע — די געזעלשאַפֿט „טאָז" באַגריסט האַרציק דעם ייִוואָ צו זײַן גרויסן יום-טובֿ. — „טאָז" האָט די אויפֿגאַבע צו זאָרגן פֿאַר אַ געזונטן גוף, ייִוואָ פֿאַר אַ געזונטן גײַסט פֿון ייִדישן פֿאָלק. לאָמיר ווינטשן, אַז אין פֿאַראייניקטן פֿראָנט פֿאַר דער אַלזײַטיקער האַרמאָנישער אַנטוויקלונג פֿון ייִדן, פֿאַר דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון אַלטן אמת וועגן „אַ געזונטן גײַסט אין אַ געזונטן קערפּער" וועט געטאָן ווערן געמיינזאַמע פּרוכטבאַרע אַרבעט פֿאַרן פֿיל געפּלאָגטן, פֿיל געפּרוּווטן ייִדישן כּלל. מיר ווינטשן דעם צוזאַמענפֿאָר פּרוכטבאַרע אַרבעט. ד"ר ד. יעדוואַבניק פֿאָרזיצער, הירש מאַץ סעקרעטאַר. (בריוו).

ווילנע — מיר באַגריסן דעם אַלוועלטלעכן צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט אַלס אינסטיטוציע, וועלכע שטרעבט צו די שענסטע מענטשלעכע אידעאַלן, ד"ה צו ריינער וויסנשאַפֿט. מיר באַגריסן דעם אַלוועלטלעכן צוזאַמענפֿאָר, אין וועלכן מיר זעען די שטאַרקייט פֿון דעם גײַסט פֿון ייִדישן פֿאָלק פּונקט אין דער צײַט, ווען די פֿינצטערע כּוחות אין דער גאַנצער וועלט כּמעט זענען אַרויס אין קאַמף קעגן אונדז. מיר ווינטשן דעם ייִדישן

וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט דעם בעסטן ערפֿאָלג אין זײַן אַרבעט און דערפֿילן די אויפֿגאַבן וואָס ער האָט זיך געשטעלט. ייִדישער טורן- און ספּאָרט-פֿאַראיין „מכּבי״ אין ווילנע, פֿאָרזיצער ד״ר א. גלאָבוס, סעקרעטאַר ז. נאַנעס. (בריוו).

ווילנע — דער ווילנער ייִדישער פּלאַסטיקער-פֿאַראיין באַגריסט דעם אַלוועלטלעכן ייִוואָ-צוזאַמענפֿאָר, דריקט אויס זײַן צופֿרידנקייט צוליבן אַנטשטיין פֿון אַ ייִדישן קונסטמוזיי און איז גרייט מיט אַלץ, וואָס איז נאָר אין זײַן רשות, מיטצוהעלפֿן דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון מוזיי. זאָל די טעטיקייט פֿון ייִוואָ אויפֿן געביט פֿון פּלאַסטישער קונסט האָבן הצלחה! פֿאָרזיצער בער זאַלקינד, סעקרעטאַר וואָלף וויטאַל (קאַפּלאַנסקי). (בריוו).

ווילנע — זאָלן די טעג פֿון 14טן—19טן אויגוסט 1935 זײַן אַ היסטאָרישע דאַטע פֿאַר דער ייִדישער קולטור-באַוועגונג! זאָלן מיר אַלע וואָס גיכער דערלעבן די אָנקומענדיקע ליכטיקע שעהן פֿון אַ גרויסער קולטור-אויפֿלעבונג פֿון די ייִדישע מאַסן! בויענדיק די העכערע גאָרנס פֿון דער ייִדישער קולטור, זאָל דער צוזאַמענפֿאָר זיך וואָס שטאַרקער פֿאַרטראַכטן וועגן דעם פֿונדאַמענט פֿון אונדזער קולטור-וועזן — דער ייִדישער מאָדערנער פֿאָלקשול. אונדזערע האַרציקסטע ברכות דעם אַלוועלטלעכן צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִוואָ! ייִדישע שול-אָרגאַניזאַציע פֿאַר ווילנער געגנט, עקזעקוטיווע, א. קליאָנסקי, י. באַראַנטשוק. (בריוו).

ווילנע — די פֿראַקציע פֿון דער אומפֿאַרמעגלעכער אַקאַדעמישער יוגנט אין ווילנע באַגריסט דעם אַלוועלטלעכן צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִוואָ. ס׳איז כּדאַי אין דעם דאָזיקן מאָמענט צו דערמאָנען וועגן דער קולטורעלער לאַגע פֿון ייִדישן אַקאַדעמיקער. אין דער צײַט ווען די רעאַקציע און דער פֿאַשיזם אונטערדריקן אויף טריט און שריט די קולטור פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, אין דער צײַט ווען מען שליסט ייִדישע וועלטלעכע שולן, ווו ס׳בילדן זיך די קינדער פֿון די ייִדישע האָרעפּאַשנע מאַסן, — אין דער זעלבער צײַט אַטאַקירט די רעאַקציע די קולטור-פּאָזיציעס פֿון דעם ייִדישן אַקאַדעמיקער. די פֿראַקציע האַלט, אַז דער דאָזיקער צוזאַמענפֿאָר פֿון די ייִדישע געלערנטע און קולטור-טוער קען געבן אַ שטויס צום שאַפֿן דעם פֿראָנט אין קאַמף: פֿאַר דער פֿרײַהייט פֿון דער ייִדישער מאַסן-קולטור, פֿאַר אומזיסטער בילדונג אין דער מוטערשפּראַך, קעגן יעטוועדער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, פֿאַר אַ קולטורעלער דערנעענטערונג מיט אַנדערע פֿעלקער. (בריוו).

ווילנע — איך באַגריס זייער האַרציק דעם אַלוועלטלעכן צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִוואָ. בײַ דער איצטיקער שווערער לאַגע פֿאַר אונדז ייִדן איז זייער נייטיק אויפֿמונטערן אונדזער ייִדיש קולטורעל לעבן, און עס פֿרייט מיך זייער, וואָס עס ווערט געשאַפֿן אַ נײַער צווײַג בײַם ייִוואָ — דער קונסטמוזיי. איצט וועלן די ייִדישע קינסטלער האָבן גרויסע מעגלעכקייטן אויף דעם געביט מיט-

צואַרבעטן. מען דאַרף זען, אַז די וויכטיקסטע שאַפֿונגען פֿון די ייִדישע קינסטלער, זייערע בעסטע ווערק, זאָלן אַרײַן אין מוזיי. — מײַן האַרציקן גרוס דעם חבֿר מאַרק שאַגאַל. עס פֿרייט מיך, וואָס ער איז אין ווילנע. בן-ציון צוקערמאַן. (בריוו).

ווילנע — באַגריס הערצלעך די עפֿענונג פֿון אַלוועלטלעכן צוזאַמענפֿאָר און ווינטש ערפֿאָלגרײַכע אַרבעט. ד״ר ה. קאָוואַרסקי (לע״ע דרוזגעניק).

ווישניעוועץ — איבער די רײַזעקאָסטן און דאַגות פּרנסה קען איך צום באַדויערן ניט קומען. איך באַגריס דעם צוזאַמענפֿאָר מיטן גאַנצן האַרצן און ווינטש אים ערפֿאָלג! שלמה ווײַנשטיין. (בריוו).

ווישניעוועץ — מיר באַגריסן דעם אַלוועלטלעכן צוזאַמענפֿאָר. ווײַנשטיין, בוראַק, פֿודים, סודמאַן.

וולאָצלאַוועק — דעם אַלוועלטלעכן צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִוואָ ווינטשן מיר ווײַטערדיקע פֿרוכטבאַרע אַרבעט פֿאַרן וווּיל פֿון דער ייִדישער קולטור. ייִדישע לאַנדקענטשאַפֿט-געזעלשאַפֿט.

וולאָצלאַוועק — מיר שיקן דעם צוזאַמענפֿאָר אונדזערע האַרציקע ברכות. באַדויערנדיק אונדזער אָפּוועזנהייט, פֿאַרזיכערן מיר אײַך אונדזער מיטהילף. טכורזש, בראַטשטיין.

וולאָצלאַוועק — ערפֿאָלג דער צוזאַמענפֿאָר-אַרבעט לטובֿת דער אונטערדריקטער ייִדיש-וועלטלעכער קולטור! קאָמיטעט ייִוואָ-פֿרײַנד, זלמן זילבערבערג, בראַטשטיין.

וולאָצלאַוועק — נעמט צו אונדזער האַרציקע באַגריסונג! זאָל אײַער ווײַטערדיקע אַרבעט באַשטעטיקן אונדזער גלויבן, אַז קאַמף פֿאַר ייִדישער קולטור איז פֿאַרבונדן מיטן אַלגעמיינעם באַפֿרײַונגס-קאַמף פֿון אַרבעטנדיקן פֿאָלק. ייִדישע טעאַטער-געזעלשאַפֿט.

וולאָצלאַוועק — מיר ווינטשן ווײַטערע אַנטוויקלונג און אויפֿשטײַג! געזעלשאַפֿטלעכע ביבליאָטעק און לייענזאַל, שלמה מאַלאָוואַנטשיק.

זאַקאָפּאַנע — כ׳קאָן ליידער ניט קומען. כ׳ווינטש אַ זייער פּראָדוקטיווע אַרבעט לטובֿת דער ייִדישער וויסנשאַפֿט. ד״ר ת. אָרמיאַן (לאָדזש).

טשענסטאָכאָוו — דעם צוזאַמענפֿאָר פֿון דער ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער וועלט שיק איך איבער ווונטשן פֿון פֿרוכטבאַרע רעזולטאַטן. נאָטע-פֿײַוול סלאָמניצקי.

טאָלמיטש — זײַט געגריסט צו אײַער-אונדזער אַלעמענס גרויסער שמחה, וואָס איז אַ פּרעכטיקע מאַניפֿעסטאַציע פֿון דער ייִדישער מאַסן-קולטור.

מיר קענען זײַן שטאָלץ, זעענדיק פֿאַר זיך אַזאַ ווערטפֿולן קולטורקוואַל, פֿון וועלכן ס׳וועלן שעפֿן די דורות פֿון מאָרגן, פֿון דער ווײַטער צוקונפֿט. די פֿול־זאַפֿטיקע פּירות פֿון אײַער גרויסער אַרבעט אין דער שווערסטער צײַט פֿאַר די ייִדישע מאַסן איז אַ באַווײַז, אַז ניט נאָר מיר לעבן, ראַנגלען זיך ביטער, נאָר שאַפֿן דערבײַ גרויסע זאַכן, אַ צייכן פֿון לעבנסווילן און לעבנספֿעיִקייט פֿון אונדזער פֿאָלק. איך ווינטש מיטן טיפֿסטן ערנסט און האַרצפֿלאַטער ער־פֿאָלג דעם צוזאַמענפֿאָר, אויף וועלכן איר וועט שמידן דעם גרויסן פּלאַן פֿון אײַער אַרבעט אויף ווײַטער, ווי צו בויען און אויסצובויען די ייִדישע מאַסן־קולטור און דערמיט אויך צו באַרײַכערן דאָס אַלגעמיינע גײַסטיקע לעבן. אפֿרים שרײַער. (בריוו).

טשאָרטקאָוו — ס׳איז פֿאַר מיר אַ גרויסער כּבֿוד און אַ גרויסע פֿרייד צו באַגריסן אין נאָמען פֿון „טשאָרטקאָווער יצחק־לייבוש פּרץ־פֿאַריין“ דעם אַלוועלטלעכן צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִוואָ. אונדזער פּרץ-פֿאַריין, וואָס איז אַן אומ־פּאַרטייִשע ייִדישיסטישע קולטור-אָרגאַניזאַציע און וואָס פֿירט אָן אַ גאַר פֿאַרצווײַגטע קולטור-אַרבעט, איז אַנטשטאַנען כּמעט אין דער זעלבער צײַט וואָס דער ייִוואָ און מיר זענען פֿון די ערשטע פֿרײַנד פֿון אינסטיטוט. מיר זענען פֿאַרשריבן מיט אַ היפּש בלעטל אין דער אַרבעט פֿון ייִוואָ אין אַלע זײַנע צווײַגן. פֿאַר אונדז איז דער ייִוואָ מער ווי וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט— ס׳איז דער אַלוועלטלעכער צענטער פֿון לאַנד ייִדיש. — אין שווערע באַדינ־גונגען ווערט הײַנט אָנגעפֿירט די ייִדישע קולטור-אַרבעט, באַזונדערס אין גאַליציע. — מיר אין גאַליציע ווילן שעפֿן פֿון צוזאַמענפֿאָר אויסדויער אין אונדזער שווערער אַרבעט צו קענען דורכהאַלטן די איצטיקע צײַט ביז מיר וועלן זיך קענען פֿילן אַלס פֿרײַע ייִדן און פֿרײַע מענטשן. אַבֿרהם טרעמבאָ־וועלסקי. (בריוו).

טשאָרטקאָוו — עס טוט מיר זייער באַנג וואָס איך קען ניט בײַזײַן דעם גרויסן קולטור יום־טובֿ, דערפֿאַר וואָס עס איז זייער ווײַט פֿון אונדז און עס איז פֿאַרבונדן מיט אַ סך הוצאות. איך ווינטש אײַך גרויס ערפֿאָלג אין אײַער אַרבעט און דער יום־טובֿ זאָל אָפּקלינגען אויף דער גאַנצער וועלט! איך ווינטש, אַז די יוגנט־פֿאַרשונג זאָל האָבן גרויס ערפֿאָלג. מיט ייִדישן קולטור־גרוס בערל שוואַרצבאַך. (בריוו).

כמעלניק — מײַנע בעסטע ווונטשן צו אײַער צוזאַמענפֿאָר, ערפֿאָלג און כּבֿוד דער ייִדישער קולטור! פּלוציעניק.

כעלם — מײַנע האַרציקסטע ווונטשן דער ערשטער ייִדישער אַקאַדע־מישער אינסטיטוציע צו איר אַלוועלטלעכן צוזאַמענפֿאָר! הערש לערער.

כשאַנאָוו — דער זאַמלערקרײַז פֿאַרן ייִוואָ אין כשאַנאָוו (קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפֿט) האָט דעם כּבֿוד צו באַגריסן דעם צוזאַמענפֿאָר, שיקט איבער

די האַרציקסטע ברכות און ווינטשט, אַז דער צוזאַמענפֿאָר זאָל געפֿינען דעם געהעריקן אָפּקלאַנג צווישן די ברייטע פֿאָלקמאַסן און זאָל זײַן אַן אָנרעגונג פֿאַר אַ פֿאַרשטאַרקטער אַרבעט פֿאַר דער ייִדיש-וועלטלעכער קולטור. מיט פֿרײַנדלעכע גרוסן פֿאַרן קאָמיטעט פּרעזוס מרדכי ראָזנער, סעקרעטאַר יוסף לאַנדוי. (בריוו).

לאָדזש — כ׳ווינטש ערפֿאָלג און פֿרוכטבאַרע אַרבעט די בויער פֿון דער ייִדישער קולטור און וויסנשאַפֿט. ישעיה אוגער.

לאָדזש — מיר באַגריסן דעם שטאָלץ פֿון ייִדישן רענעסאַנס — דעם ייִוואָ. אַראַראַט.

לאָדזש — דער ייִוואָ אין ווילנע איז אַ לויטערער קוואַל, צו וועלכן מיר אַלע, אין אונדזער אַרבעט, און מיט אונדז צו גלײַך די אַלע וואָס קוקן אויס אויף אַ ווערדיקן און שיינעם ייִדישן קיום פֿאַלן צו און פֿרישן זיך אָפּ און שעפּן האָפֿענונג און מוט צו אויסלעבן זיך ייִדיש און שאַפֿן ייִדיש. אַלס אַזאַ, אַלס אונדזער גײַסטיקע „אַלמאַ מאַטער", זײַ אונדז אין ליבשאַפֿט און אין ערפֿאָרכט באַגריסט צו דײַן ערשטן יובל! פֿאַרן „אַראַראַט" מ. בראָדערזאָן. (בריוו).

לאָדזש — עס וואָלט מיר, פֿאַרשטייט זיך, אַ סך ליבער געווען צו זען און באַגריסן אײַך פּערזענלעך אין דער וואָך פֿון אונדזער זעלטענעם און דערהויבענעם קולטור יום-טוב און מיט אײַך צוזאַמען נהנה צו זײַן פֿון די שבֿעים ושבֿע ברכות פֿון אונדזער איידלסטער דערגרייכונג, פֿונעם ייִוואָ, אין דער רעזידענץ פֿון דער ייִדישער גײַסטיקייט, אין ווילנע. געמאַכט האָט זיך אָבער אַזוי, אַז אונדזער אַלעמענס גרויסע שמחה קומט פֿאַר אָן מיר און דע-ריבער — זײַט, ליבע חבֿרים און פֿרײַנד, אויף אַזאַ אופֿן באַגריסט פֿון טיפֿסטן האַרצן אין דער ערנסטער און פֿריידיקער שעה, וואָס האָט מיטן ייִוואָ-יובל אויסגעשלאָגן פֿאַר אונדזער הייליקער באַוווּנדערונגסווערטער זאַך! — די צײַט און דיווירקלעכקייט וועלן ווײַזן, אַז אונדזער זאַך איז אַ גערעכטע און פֿאַר אונדזער פֿאָלק, וואָס ווערט מיספֿאַרשטאַנען און גערודפֿט דורך די אינער-לעכע פּלישתּים און דורכן אויסערלעכן עמלק, איז די זאַך און טאַט אונדזערע — דער איינציק ווערדיקער וועג צום אַלמענטשלעכן אינטערנאַציאָנאַלן אויפֿשווונג און אַחדות. הלוואי זאָל עס נאָר וואָס פֿריער געשען, אַז געלײַטערטע אין אונדזערע אידעאַלן און אַרבעט זאָלן מיר ראוי זײַן צו דער אומפֿאַרמײַדלע-כער אויסלייזונג! משה בראָדערזאָן. (בריוו).

לאָדזש — Vivat, floreat, crescat Jiwo! אוריאל טעפּליצקי.

לאָדזש — דעם ערשטן אַלוועלטלעכן ייִוואָ-צוזאַמענפֿאָר אין ווילנע שיקן מיר איבער אונדזערע האַרציקסטע ברכות און גרוסן. אין דעם וווּנדער-

באַרן שנעלן איפֿבלי און ווּקס פֿון דעם יידישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט, וואָס איז דאָס קרייגדל פֿון אונדזער יונגער קולטור און דער קיבוץ-גליות פֿון אונדזערע בענקשאַפֿטן און שטרעבונגען, זעען מיר דעם פֿאָרויסגאַנג צו אַ נײַעם פֿאָלקס-רענעסאַנס. מיר באַגריסן אײַך צו אײַער 10יאָריקן יובל און ווינטשן ניט קיין קלענערע ערפֿאָלגן און דערגרייכונגען ווי ביז אַהער. „נײַער פֿאָלקסבלאַט". (בריוו).

לאָדזש — דאַנקבאַר פֿאַרן געבן אַן אָרט אין די מויערן פֿון אינסטיטוט צום פֿאַראייביקן מיין פֿאַרשטאָרבענעם ברודער לאַזאַר, שיק איך איבער אויס-דרוקן פֿון באַוווּנדערונג פֿאַר דער טעטיקייט פֿון אינסטיטוט און ווונטשן פֿון פֿרוכטבאַרער אַרבעט דעם צוזאַמענפֿאָר. סאַלאָמאָן פֿוקס.

לאָדזש — איך מוז אײַך אויסדריקן מיין באַדויערן וואָס איך בין גע-שטערט צו קומען אויף דעם צוזאַמענפֿאָר קיין ווילנע, ווו איך האָב זיכער גערעכנט צו זײַן און צו האָבן די גײַסטיקע און קערפּערלעכע הנאה וואָס דער צוזאַמענפֿאָר וועט אָן שום ספק געבן אַלע יידן פֿון דער גאַנצער וועלט בײַ דער זעלטענער געלעגנהייט זיך צו טרעפֿן אין דעם פֿאַראָרעמטן, אָבער נאָך אַלץ אין זײַן אַלטן גלאַנץ פֿון אַ ירושלים דליטא ווײַטער לעבנדיקן ווילנע. מיט אַ האַרציקן גרוס אײַער פֿרײַנד נפֿתלי פֿרומקין. (בריוו).

לאָדזש — ניט קענענדיק פּערזענלעך אָנטייל נעמען אין יום-טובֿ פֿון דער יידישער קולטור, דערלויב איך זיך צו שיקן דעם צוזאַמענפֿאָר הערצלעכע ווונטשן פֿון פֿרוכטבאַרער אַרבעט פֿאַרן וווּיל פֿון דער קולטור און פֿון יידישן פֿאָלק. מאַקס קאָן.

לאָדזש — ייִוואָ — פֿעסטונג פֿון יידישן פֿרײַען געדאַנק. אין פֿײַערלעכן טאָג פֿון דער צעניאָריקער פֿרוכטבאַרער אַרבעט שיק איך איבער הייסע ווונטשן פֿון ווײַטערדיקע סוקצעסן—אין דער צײַט פֿון פֿאַרביטערטן קאַמף פֿון אונדזער פֿאָלק פֿאַר זײַן מענטשלעכן כּבֿוד. כ'באַדויער וואָס כ'קען ניט זײַן מיט אײַך. אַרטור שיק.

לאָמזשע — מיר טוט שטאַרק ווײ וואָס איך וועל ניט קענען זײַן אויפֿן צוזאַמענפֿאָר, אָבער איך וועל דאָרט מיט אײַך אַלץ מיטמאַכן פֿון דער ווײַטנס, וועל נאָכפֿאָלגן מיט ציטער יעדן באַשלוס, זיצונג, דיספּוט, און כ'באַגריס אַלע און ווינטש דעם פֿולסטן ערפֿאָלג. ירחמיאל שטייגמאַן. (בריוו).

לייבישאָק — מיר יידישע לאַנדווירטן פֿון דער קאָלאָניע לייבישאָק בײַ ווילנע נעמען זיך דעם כּבֿוד צו באַגריסן דעם אַלוועלטלעכן צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִוואָ. מיר יידישע פּויערים שאַפֿן ברויט פֿאַרן גוף, איר יידישע געלערנטע שאַפֿט ברויט פֿאַר דער נשמה. מיר האָפֿן, אַז שפּריצן פֿון אײַערע געלערנטע און וויסנשאַפֿטלעכע שאַפֿונגען וועלן אַמאָל אויך פֿאַרבלאָנדזשען אין אונדזערע אָרעמע כאַלופּעס און אַרײַנטראָגן אַ ליכטיקן שטראַל אין אונדזער חושכדיקן

פֿויערשן לעבן. זאָל לעבן די ייִדישע וועלטלעכע קולטור — פֿאַר אַלעמען! זאָל לעבן די פֿאַראייניקונג פֿון קמח און תורה, קולטור און אַרבעט! אין נאָמען פֿון לאַנדווירטשאַפֿטלעכן קרײַזל סעקרעטאַר ש. בעקער. (בריוו).

לעמבערג — מחמת געזונט־צושטאַנד קען איך ניט קומען, בין אָבער אין גײַסט מיט אײַך! ווינטש אײַך בעסטע ערפֿאָלגן אין אײַער פֿרוכטבאַרער אַרבעט. ישראל ווײַנלעז.

לעמבערג — דעם צוזאַמענפֿאָר ערפֿאָלג! זאַמלער.

לעמבערג — מיר שיקן איבער אונדזער הייסע באַגריסונג דעם צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִוואָ און ווינטשן דעם אינסטיטוט אַ ווײַטערדיקע ערפֿאָלגרײַכע אַנטוויקלונג אין דעם פֿונאַנדערוווּקס פֿון זײַן נוצלעכער טעטיקייט. אין דעם איצטיקן פּעריאָד, ווען די איבערשיכטונגס־פֿראַגע פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג האָט אָנגענומען אַזעלכע טראַגישע פֿאָרמען, דערלויבן מיר זיך צו לענקען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דעם צוזאַמענפֿאָר אויף דעם גרויסן בלייז אין דער ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער ליטעראַטור — אויף דעם פֿעלן פֿון אַ פּאָפּולער־וויסנשאַפֿטלעכער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער ליטעראַטור, וועלכע זאָל צוטריטלעך מאַכן פֿאַר דער ייִדישער באַפֿעלקערונג און באַזונדערס פֿאַר דער ייִדישער יוגנט די פֿאַרשיידענע צווײַגן פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט. — מיר דריקן אויס די האָפֿענונג, אַז אין זײַן ווײַטערדיקער אַרבעטס־פּראָגראַם וועט דער ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט באַאַכטן אויך די פּראָבלעם פֿון פֿאַרשפּרייטן לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קולטור צווישן די ברייטע שיכטן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג און וועקן בײַ זיי די ליבע צו דער נאַטור און צו דער לאַנדווירטשאַפֿט. רעדאַקציע „דער ייִדישער לאַנדווירט", אינזש' י. זילבערשטיין, אינזש' ב. צוקערמאַן. (בריוו).

לעמבערג — דעם צווייטן יובֿל זאָלט איר פֿײַערן בײַ בעסערע אומשטענדן! גרשון פּיפּע.

לעמבערג — מײַנע האַרציקסטע ווּנטשן צום אַלוועלטלעכן צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט, צום 10־יאָריקן יובֿל פֿון ייִוואָ. ש. קורץ.

לעמבערג — איך שיק איבער ווּנטשן פֿון ווײַטערדיקער פֿרוכטבאַרער אַרבעט, — בכּבֿודיקע אַרבעט אויף צו דערקענען דאָס ייִדישע לעבן און פֿאַרטיפֿן די ייִדישע קולטור. פּראָפֿ' ד. שטערנבאַך.

מאַלטש — דעם צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִוואָ — דעם גרעסטן ערפֿאָלג! מ. זאַמוכאָווסקי.

סאָניק — אַ סך מזל און ערפֿאָלג אין אײַער אַרבעט! עטל און משה פּיפּע.

סמאַרגאָן — מיר באַגריסן דעם צוזאַמענפאָר און ווינטשן ערפאָלג. הדסה, ישראל ראַפּאָפּאָרט, אשר גאָלפּערן.

סטאַניסלאָוו — באַגריס האַרציק דעם צוזאַמענפאָר און ווינטש איִם אַ פרוכטבאַרע אַרבעט. ש. שוואַרץ.

סטרי — מיר שיקן אייך האַרציקע ברכות צום יובל פון אייער גרויסער היסטאָרישער אַרבעט און ווינטשן הצלחה אייערע באַראַטונגען. מיר וועלן מיט אייך ווייטער אַרבעטן מיט אַלע אונדזערע מעגלעכקייטן און כוחות. פאַר דער געז׳ פריינד פון יוואָ א. הויפטמאַן. (בריוו).

סטרי — איך שיק אייך מיין האַרציקע ברכה און ווינטש אייך אין אייערע באַראַטונגען פיל ערפאָלג און גרויס הצלחה במעשי ידיכם. לוי יצחק פרענקעל. (בריוו).

סטרי — מיר באַגריסן האַרציק דעם צוזאַמענפאָר און די חשובֿע און טייערע רעפּרעזענטאַנטן פון דער יידישער קולטור, מיר ווינטשן גליק פאַר דער גראַנדיאָזער אַרבעט וואָס איז ביז איצט געטאָן געוואָרן און שיקן אונדזערע ברכות אויף דער צוקונפט. מיט יראת הכבוד קולטור-געזעלשאַפט א״נ פון שלום אַש, יעקב ראָזענשטיין, א. הויפטמאַן. (בריוו).

סוכאָדאָליע — זאָל לעבן דער יוואָ-צענטער פון ווילנע! זאָל לעבן די יידישע וויסנשאַפט! מזל טוב! ה. אַבראַהאַמאָוויטש.

ניי-סווערזשען — נעמט כאָטש אָן די ברכה פון אַ פריינד, וועלכער ווינטשט, אַז דער צוזאַמענפאָר זאָל געבן אַ שטויס צוצונויפזאַמלען אַלע יידישע צעוואָרפענע קולטור-אוצרות פון דער פאַרגאַנגענהייט און געגנוואַרט און אַלע שעפער פון דער יידישער וויסנשאַפט, — צו אַ ווייטערדיקער צילבאַוווסטער, פערמאַנענטער שאַפונג פון דער יידישער קולטור, פון דער יידישער וויסנשאַפט. ש. רעזניק. (בריוו).

פּרעמיסלע — כ׳בין זיכער, אַז דער צוזאַמענפאָר וועט זיין אַ וויי- טערער השובֿער עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פון דער גרויסער שאַפונג פון יוואָ, די בעסטע עלעמענטן פון פאָלק זענען פריינד פון אייער זאַך. דעם יוואָ פעלט נאָר נאָך איין זאַך: פּאָפּולערקייט. איז עס טאָקע די זאַך פון צוזאַ- מענפאָר צו זוכן און צו געפינען וועגן, ווי אַזוי די אידעע פון יוואָ אַריינ- טראָגן אין די ברייטסטע שיכטן פון יידישן פאָלק. האַרציקסטע גרוסן און ווונטשן פון ערפאָלג. אייער א. כהנא. (בריוו).

פרוזשענע — מיר שיקן אייך איבער אונדזער האַרציקע באַגריסונג און ברכה. זייט געשטאַרקט אין אייער אַרבעט און שנירלט צוזאַמען די פּערל, וואָס אונדזער פאָלק האָט צעזייט איבער דער גאַנצער וועלט! „פרוזשענער שטימע״, אַ. אַוש, א. ברעסקי. (בריוו).

פינסק — זײַט באַגריסט, בויער! זאָל דער נײַער בנין וואַקסן! „פינסקער שטימע״, רעדאַקטאָר בולין.

פראַבוזנע — אַ האַרציקע באַגריסונג צום ערשטן צוזאַמענפֿאָר, פֿיל הצלחה און פֿרוכטבאַרע אַרבעט לטובֿת דער יידישער וויסנשאַפֿט און קולטור ווינטשט שרה, מאַניע פּיקהאָלץ.

פּלאָצק — איך באַגריס אײַך און בין מיט אײַך. י. בערנשטיין.

קאָנין — מיר שיקן אײַך איבער, אומדערמידלעכע בויער פֿון דער יידישער קולטור און ליטעראַטור, די האַרציקסטע באַגריסונג. מיר ווינטשן אײַך פֿרישע כּוחות און ווײַטערדיקע פֿרישע פֿרוכפּערדיקע אַרבעט. יידישע געזעלשאַפֿטלעכע ביבליאָטעק, פּאָרזיצער ווינטער, סעקרעטאַר עלבערג. (בריוו).

קוטנע — די האַרציקסטע באַגריסונג און די בעסטע ווונטשן פֿון ערפֿאָלג אין אײַער מיפּולער אַרבעט. געזעלשאַפֿט פֿרײַנד, קירשטיין, באַראַנאָווסקי.

קוטנע — איך האָב גרויס צער דערפֿון וואָס איך מוז ליידער צו מײַן גרעסטן באַדויערן רעזיגנירן פֿון פֿאָרן קיין ווילנע אויפֿן צוזאַמענפֿאָר — אונדזער שענסטער יום־טובֿ. זײַט אָבער וויסן, אַז מײַן האַרץ איז מיט אײַך. איך ווינטש אײַך אַ פֿרוכטבאַרע אַרבעט און אַ גליקלעכן קיום. י. טויב (לע״ע יאַרעמטשע).

קוטנע — די האַרציקסטע ברכות צו דער עפֿענונג פֿון אײַער גרויסער יידישער אסיפֿה. יידישע קהילה, פּאָרזיצער פּאַלץ, סעקרעטאַר באַראַנאָווסקי.

קראָקע — פֿון האַלב אַסימילירטן קראָקע באַגריס איך דעם צוזאַמענפֿאָר פֿון די יידישע וויסנשאַפֿטלער פֿון גאָר דער וועלט — אין ווילנע — און ווינטש הצלחה אין זײַן שעפֿערישער אַרבעט פֿאַר דער יידישער קולטור און ליטעראַטור אין דער הײַנטיקער יאושדיקער צײַט. משה בוקסבוים. (בריוו).

קראָקע — דאַנקענדיק העפֿלעכסט פֿאַר דער אײַנלאַדונג, מיט וועלכער איר האָט מיך באַערט, און אויסדריקנדיק מײַן באַדויערן, וואָס כ׳קען ניט נעמען אָנטייל אין צוזאַמענפֿאָר, שיק איך אים איבער מײַנע ווונטשן פֿון ערפֿאָלגרײַכער אַרבעט, און דעם אינסטיטוט ווינטש איך אַ זייער פֿרוכפּערדיקע וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט איבער די גרויסע און שווערע פּראָבלעמען פֿון יידנטום, וואָס אין זייער טעאָרעטישער אויפֿקלערונג און פּראַקטישער לייזונג איז די פּוילישע מלוכה לעבעדיק פֿאַראינטערעסירט באַגלײַך מיט דער גאָרער הײַנטיקער ציוויליזאַציע. מיט אויסדרוקן פֿון אַכטונג ד״ר ראָמאַן דיבאָווסקי, פּראָפֿ׳ פֿון יאַגעלאָנישן אוניווערסיטעט, מיטגליד פֿון פּוילישן פּראָ־פּאַלעסטינע־קאָמיטעט. (בריוו).

קראָקע — איך דאַנק אײַך זייער פֿאַר דער פֿרײַנדלעכער אײַנלאַדונג און ווינטש דעם יובל־צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִוואָ בעסטן ערפֿאָלג, און דער צענ־

טראַלער פֿאַרוואַלטונג און אויספּיר-ביוראָ זאָג איך אַ באַזונדערן דאַנק פֿאַר די דערהויבענע שטונדן וואָס די אויסגאַבן פֿון ייִוואָ און די „ייִוואָ-בלעטער" מיר, אַ פּשוטן ייִד, וואָס באַשעפֿטיקט זיך ניט מיט ליטעראַטור און ניט מיט וויסנשאַפֿט, ביז אַהער פֿאַרשאַפֿט האָבן. איך ווינטש אײַך, איר זאָלט ניט מיד ווערן אין דער דערהויבענער אַרבעט. איך גריס אײַך אַלע, חשובֿע פֿרײַנד! מיט גרויסער פֿאַרערונג יעקבֿ הענעפֿעלד.

קראָקע — איך באַגריס פֿון טיפֿסטן האַרץ און נשמה די גרינדער, בויער און טוער פֿון ייִוואָ און ענדיק מײַן שרײַבן מיט דער אַלטער ברכה: לכו בכחכם זה והושעתם את ישראל! מרדכי-זאבֿ שעכטער. (בריוו).

ראָוונע — מיר באַגריסן האַרציק דעם צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִוואָ, וועלכער קאָנצענטרירט אַרום זיך אַלע שעפֿערישע כּוחות פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿט. געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס אין ראָוונע, צענטאָס, טאָז, אָרט, יעאָס.

ראָוונע — האַרציקע ווונטשן פֿון פֿרוכטבאַרער אַרבעט דעם אַלוועלט-לעכן צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִוואָ שיקן די פֿרײַנד פֿון ייִוואָ. אַבראַמאָוויטש, אַלפּערסאָן, באָטשקאָווסקי, צימערינסקי, האָלאָוועשקאָ, רעדאַקציע „וואָלינער קוריער", נעכעס, שבילבערג, פּיסיוק, שטריק.

ראָזשאַן — איך ווינטש דעם ייִוואָ צום 10יאָריקן יובֿל און צום צו-זאַמענפֿאָר, אַז דער ייִוואָ זאָל אויסוואַקסן צו אַ פֿאַקטאָר, וואָס זאָל אַרומנעמען מיט זײַן וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט דאָס גאַנצע ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכע, סאָ-ציאַלע און קולטורעלע לעבן. ש. סענדעראָוויטש. (בריוו).

ראַקאָוו — אין נאָמען פֿון דער ייִדישער פֿאָלקס-ביבליאָטעק און אין נאָמען פֿון די פֿרײַנד פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט האָבן מיר גע-בראַכט צו דעם הײַנטיקן גרויסן קולטור-יום-טובֿ די האַרציקע באַגריסונגען. יצחק פֿינקעל. (בריוו).

רעמבערטאָוו — צום צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִוואָ אין ווילנע ווינטשן מיר אײַך ווײַטער צו שטיין אין קאַמף פֿאַר דער ייִדישער קולטור און פֿאַרן ייִדישן וואָרט. די פֿאַרוואַלטונג פֿון דער פּרץ-ביבליאָטעק.

ריקע — זאָל אײַער אַרבעט זײַן געבענטשט! זאָל אײַער רוף נאָך ווײַסן דערהערט ווערן! מ. ש. פֿײַפֿער. (בריוו).

ריקע — איך ווינטש ערפֿאָלג אין דער ווײַטערדיקער אַרבעט לטובֿת דער ייִדישער וויסנשאַפֿט, וועלכע זאָל גרייכן אין דער ברייטער גאָרער וועלט. זײַט שטאָלץ און מוטיק דערמיט וואָס איר האָט אײַך גענומען די לעצטע צײַט פֿאַר דעם ציל אויסצופֿאָרשן די ייִדישע יוגנט. ירחמיאל ראָמער.

פערו

לימאַ — פון לימאַ, פערו, ווו מען האָט צוריק מיט 300 יאָר לערך אונדזערע ברידער לעבעדיק געברענט אויף די אויטאָ-דאַ-פעס און ווו ס'שאַפט זיך לעצטנס אַ נייער יידישער ישוב, שיק איך מיין האַרציקע באַגריסונג צום ייוואָ-צוזאַמענפאָר און צו אַלע דעלעגאַטן-פאָרשטייער פון די פאַרשיידענע יידישע קיבוצים, וואָס זענען זיך איצט—אין דער סאַמע שווערסטער און פיינלעכער פאַר אונדז צייט — צונויפגעקומען קיין ווילנע צו טראַכטן און זאָרגן פאַר דער פאַרפעסטיקונג און פאַרשטאַרקונג פון אונדזער גייסטיק לעבן אין יעדן אָרט באַזונדער. טויזנט יידן לערך געפינען זיך שוין היינט צו טאָג אין לימאַ, און אויף אַ פאַרזאַמלונג פון גרעסטן טייל פון דער היגער יידישער באַפעלקערונג האָב איך גערעדט וועגן די אויפגאַבן און צילן פון ייוואָ און די פאַרזאַמלטע עדה האָט פה אחד אָנגענומען דעם פאָרשלאָג צו שיקן אַ האַרציקע ברכה דעם ייוואָ-צוזאַמענפאָר און אויפצופאָדערן דעם פרעזידיום צו נעמען אין אַכט דעם אַלט-נייעם יידישן ישוב אין לימאַ, וואָס ווערט כמעט ווי פאַרשוויגן פון אַלעמען. י. ל. גרוזמאַן, רעד' פון „דעם שפיגל". (בריוו).

פאַראייניקטע שטאַטן

באָסטאָן — צו אייער פייערלעכן יום-טוב באַגריס איך איין מיט פרייד און האַרציקע ווונטשן און קוק אַרויס מיט בטחון אויף די רעזולטאַטן פון דעם ערשטן יידישן וויסנשאַפטלעכן קאָנגרעס. עס טוט מיר אוודאי באַנג וואָס איך קאָן ניט באַטייליקן זיך מיט איין בפועל-ממש, אָבער די יום-טובדיקייט וועל איך פילן דאָ. לאָמיר האָפן, אַז ביים קומענדיקן צוזאַמענפאָר וועט מען בויען אַ אוניווערסיטעט און גרינדן אַן אַקאַדעמיע וואָס זאָל זיין מיט לייטן גלייך. אייער קולטור-חבר א. א. ראָבאַק. (בריוו).

דענווער — ספּיוואַק סאַנאַטאָריום, קאָלאָראַדאָ. — מיט אמתער פרייד נעם איך אָן אייער איינלאַדונג, און וואָלט נאָר געוועזן די קלענסטע מעגלעכקייט צו קומען, וואָלט איך טאַקע אויף אַן אמת געקומען. — ניטאָ קיין אינסטיטוציע אין אונדזער היינטיקן יידישן לעבן, וואָס זאָל דעם יידישן שרייבער זיין אַזוי טייער ווי דער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט. עס ווערט. אָנגעפילט דאָס האַרץ מיט עפּעס אַזוינס וואָס מען קען אָנרופן זיכערקייט. דער אינסטיטוט שאַפט די דאָזיקע זיכערקייט. ס'איז ניט קיין מליצה, נאָר אַ קאָנקרעטע איבערלעבונג. — דער בונד, וואָס א'ז דאָ צווישן אינסטיטוט און שרייבער, וואָלט באַדאַרפט, נאָך מיין מיינונג, נאָך פאַרשטאַרקטער ווערן. דער קאָנטאַקט וואָלט באַדאַרפט גרעסער ווערן. מען קען עס אויף זיכער דערגרייכן. אויב ס'איז נאָך ניט דערגרייכט געוואָרן, דאַרף מען אַ טראַכט טאָן: ווו ליגט די סיבה דערפון. — אפשר ליגט די סיבה דערפון אין דעם, וואָס דער אינסטיטוט איז ניט געווען אויפמערקזאַם צו די פּראָבלעמען פון אונדזער געגנוואַרטיקער ליטעראַטור אין דער זעלבער מאָס און לײדנשאַפט, ווי ער איז געווען צו די

פראָבלעמען און פאָרשונגען פון דער פאַרגאַנגנהייט פון אונדזער ליטעראַטור. — איך זאָג עס ניט ווי אַ פאָרוואורף. איך פאַרשטיי זייער גוט, אַז עס האָט אַנדערש ניט געקענט זיין. אין זיין ערשטן פעריאָד האָט דער וויסנשאַפט־לעכער אינסטיטוט געמוזט זיין גרעסטע אויפמערקזאַמקייט שענקען די ניט־באַרירטע, זייער אָפט פאַרגעסענע, פאַרשטויבטע אַרכיוון, אָדער גאָר שמות — אַרויספירן זיי אויף דער ליכטיקער וועלט, אויפוועקן אין זיי זייער לעבעדיקן אָטעם. ער האָט עס געטאָן מיט גרויס ערפאָלג און אַרויסגערופן אַלעמענס ליוב און אָנערקענונג. — דער דאָזיקער פעריאָד, גלייב איך, איז שוין אַריבער. דער פונדאַמענט — די פאַרגאַנגענהייט — איז אויפגעשטעלט. איצט דאַרף קומען די גאַנצע געביידע. און מיר אַלע דאַרפן העלפן. עס דאַרף ווערן דער לעבע־דיקער אינטערעס פון אַלע יידישע שרייבער און קולטור-טוער. — מער ווי ווען ניט איז איז נייטיק פאַר אונדז אַלעמען, אין די איצטיקע טעג, דורכגע־נומען צו ווערן מיט דער אידעע פון אַ קולטור־איינהייט, ניט קוקנדיק אויף אַלע ריכטונגען, מיינונגס־פאַרשיידנקייטן און, אפילו, פאָליטישע צעטיי־לונגען. אויב עס וועט זיך אין אונדז ניט פאַרפעסטיקן די אידעע פון קולטור-איינהייט — שטייען מיר פאַר דער סכנה פון צעפאַלונג. אַזוי איז מיין טיפסטע איבערצייגונג. מיר מוזן די סכנה פאַרמיידן. איך בין פול מיט האָפע־נונג, אַז מיר וועלן זיי פאַרמיידן. איך בין פול מיט גלויבן אין די אַקטיווי־שעפערישע כוחות פון יידישן וואָרט. — אין אַ וועלט פון פאַשיזם, ראַסן־משוגעת, פון „קולטור" געבויט אויף שאָוויניסטישער מאַניאַקאַלישקייט, אויף פאַרפאָלגונג, אויף מאָרד און פּאָגראָמען און העצע פון איין שפראַך קעגן אַ צווייטער — זאָל אונדזער יידיש וואָרט זיין דאָס וואָרט פון שעפערישן, רעוואָלוציאָנערן, באַפרייענדיקן גייסט. — מיין חברשער גרוס צו אַלע דעלע־גאַטן פון צוזאַמענפאָר. אייער ה. לייוויק. (בריוו).

דענווער — פון דענווער מיין גרוס דעם צוזאַמענפאָר. ה. לייוויק.

לאָס־אַנדזשעלעס — דער יזוואָ איז איצט, אָן צווייפל, דער שטאָלץ און די קרוין פון אונדזער קאָלעקטיוון ווילן אויף דעם געביט פון יידישן שאַפן און פאָרשן איבער דער גאָרער וועלט. איך באַגריס דעם צוזאַמענפאָר פון אונדזער אַלעמענס יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט און ווינטש ערפאָלג. זשורנאַל „ליד", יהזקאל א. מ. בראָנשטיין רעדאַקטאָר. (בריוו).

לינקאָלן — עס וואָלט פאַר מיר געווען אַ גרויס פאַרגעניגן צו זיין אינאיינעם מיט אייך. אָבער איך האָב ליידער ניט קיין מעגלעכקייט צו מאַכן אַזאַ רייזע. בעסטע גרוסן און ווינטשונגען! אייער שאול גינזבורג. (בריוו).

מינעאַפּאָליס — דער אוניווערסיטעט פון מינעסאָטאַ באַדויערט שטאַרק וואָס ער האָט ניט געקאָנט האָבן קיין דעלעגאַט אויף דעם וועלט־צוזאַמענפאָר פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. עס איז אונדזער

האָפענונג, אַז דער צוזאַמענפאָר איז געווען אַ גרויסער ערפאָלג. — אײַער איבערגעגעבענער מאַלקאָלם ווילי דעקאַן און געהילף־פּרעזידענט פון אוניווער־סיטעט. (בריוו).

נ י ו ־ י אָ ר ק — אײַערע דערגרייכונגען זענען די גרעסטע מאַניפעסטאַציע פאַר דער נײַער יידישער קולטור! מ. אונגער, ה. נאָוואַק, רבקה לעווין.

נ י ו ־ י אָ ר ק — מיר סאַלוטירן וואַרעם דעם וויכטיקן צוזאַמענפאָר. זאָל ער זײַן אַ היסטאָרישער מײַלשטיין אין דער אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער יידישער קולטור! אָפּאַטאָשו, לעיעלעס, באָריישאַ.

נ י ו ־ י אָ ר ק — אונדזער האַרציקע באַגריסונג דעם ייוואָ! ווינטשן ערפאָלג אין דער גרויסער אַרבעט, פאַר די קולטור־אויפטוען צווישן די יידן אין דער גאָרער וועלט. אַרבעטער־רינג, נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, י. באַסקין סעקרעטאַר.

נ י ו ־ י אָ ר ק — זײַט געגריסט צו אײַער צעניאָריקן יובל. לאַנג לעבן זאָל דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט! צענטראַלע שול־פאַרוואַלטונג פון די אַרבעטער־רינג־שולן אין ניו־יאָרק, ר. בלאָק פאָרזיצער, נ. כאַיִט סעקרעטאַר.

נ י ו ־ י אָ ר ק — האַרציקע באַגריסונג צו אײַער צוזאַמענפאָר. די אויגן פון דער יידישער קולטורעלער וועלט זענען געווענדט אויפן אינסטיטוט. בילדונגס־דעפּאַרטאַמענט אַרבעטער־רינג. געליבטער, באַסקין.

נ י ו ־ י אָ ר ק — באַגריסונג די וואָס זייען מיט טרערן און שנײַדן מיט געזאַנג. קעמפּ בויבעריק, לייבוש לעהרער.

נ י ו ־ י אָ ר ק — מיר באַגריסן אײַער־אונדזער צוזאַמענפאָר. יידיש פאַר־אייניקט בירעבידזשאַן—פּאַלעסטינע. אונדזער טעריטאָריע איז די וועלט, מיר זענען אומבאַזיגלעך. ב. און חווה דוואָרקין.

נ י ו ־ י אָ ר ק — כ'באַגריס דעם צוזאַמענפאָר, הצלחה אײַערע באַראַ־טונגען! אַלעקסאַנדער האַרקאַווי.

נ י ו ־ י אָ ר ק — אונדזער האַרציקע באַגריסונג אין נאָמען פון אַלע אָרגאַניזירטע ווילנער לאַנדסלײַט אין אַמעריקע. פאַראייניקטער ווילנער הילפס־קאָמיטעט, לוי קימעל פּרעזידענט, י. ישורין סעקרעטאַר.

נ י ו ־ י אָ ר ק — מיר באַגריסן און באַוווּנדערן די רעזולטאַטן פון צען יאָר עקסיסטענץ פון דער וויכטיקסטער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוציע אויף דער וועלט. ווילנער ברענטש 367 אַרבעטער־רינג.

נ י ו ־ י אָ ר ק — בעסטע ווונטשן פאַר ווײַטערער און ברייטערער אַרבעט. וואָלאַדעק.

נ י ו - י אָ ר ק — מיר ווינטשן אײַך ערפאָלג אין אײַער אַרבעט! ליידער קענען מיר ניט זײַן מיט אײַך בײַ דער פײַערונג פון אונדזער צעניאָריקן יובל. פאַרן זאַמלערקרײַז פון אַמעריקע ש. מענדעלסאָן.

נ י ו - י אָ ר ק — איך ווינטש אײַך אַלע נחת פון דעם צוזאַמענפאָר! נתן זיסקינד.

נ י ו - י אָ ר ק — האַרציקע באַגריסונג, דעלעגאַטן! אײַער אַרבעט איז וויכטיק. זײַט מצליח! ד״ר חיים זשיטלאָווסקי.

נ י ו - י אָ ר ק — איך באַוווּנדער אײַער מוט און ענערגיע איצט אויפצו-בויען אַ גרויסן צענטער פאַר אונדזער שפּראַך און קולטור. איך פּערזענלעך און אונדזער צײַטונג „דער טאָג" שטייען מיט אײַך אין קאַמף פאַרן ייִדישן וואָרט און פאַר אונדזער פאָלקסטימלעך היסטאָרישער קולטור. ב. צ. גאָלדבערג מיטרעדאַקטאָר פון „טאָג".

נ י ו - י אָ ר ק — פון מײַן באַזוך אין ייִוואָ פאָריקן זומער זענען מיר געבליבן די אײַנגענעמסטע עראינערונגען, וועלכע איך וואָלט זייער געוואָלט באַנײַען און פאַרשטאַרקן. הלוואי וואָלט מיר די צײַט דאָס דערלויבט, וואָלט איך זיך ניט געקענט פאָרשטעלן קיין גרעסערן פאַרגעניגן ווי צו פאַרברענגען פינף טעג מיט אײַך אויף אַ ייִדישן צוזאַמענפאָר, וואָס איז פרײַ פון פּאָליטיק און פּאַרטיי-רײַסערײַ און גיט זיך אָפּ מיט זאַמלען און באַוואָרענען אונדזערע קולטורעלע אוצרות אין אַזאַ ביטערער און אומרויִקער צײַט. צום באַדויערן וועל איך דעם דאָזיקן פאַרלאַנג ניט קענען ערפילן הײַנטיקן זומער. איך קען אָבער ניט דורכלאָזן די געלעגנהייט און ניט שיקן אײַך קיין האַרציקע באַ-גריסונג צו אײַער צוזאַמענפאָר און ווינטשן אײַך און דעם ייִוואָ דעם גרעסטן ערפאָלג אין זײַן אומגעהײַער וויכטיקער אַרבעט. זאָלן זיך שטאַרקן אײַערע הענט און פאַרגרעסערן אײַערע מיטלען! מיט פרײַנדלעכסטן גרוס פאַרוואַל-טונגס-דירעקטאָר פון „טאָג" ס. דינגאָל. (בריוו).

נ י ו - י אָ ר ק — ייִדישע אַקטיאָרן-יוניאָן אין אַמעריקע שיקט די האַרציקסטע ווונטשן דעם צוזאַמענפאָר, זאָגט צו אונטערשטיצונג דעם ייִדישן טעאַטער-מוזיי בײַם ייִוואָ. ראובֿן גוסקין גענעראַל-סעקרעטאַר.

נ י ו - י אָ ר ק — האַרציקע באַגריסונג און בעסטע ווונטשן צו אײַער צוזאַמענפאָר. זאָלן אײַערע באַשלוסן פאַרטיפן די ייִדישע קולטור און וויסנ-שאַפט! ייִדיש-נאַציאָנאַלער אַרבעטער-פאַרבאַנד, דוד פּינסקי, ל. סיגאַל.

נ י ו - י אָ ר ק — עס טוט מיר באמת לייד אײַך צו מעלדן, אַז צוליב ניט פאָרויסגעזעענע אורזאַכן מוז איך בלײַבן אין ניו-יאָרק ביז דעם 10טן אויגוסט, און איך וועל דערפאַר ניט קענען זײַן אין ווילנע בײַם צוזאַמענפאָר פון ייִדיש-וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. איך בעט אײַך איבערצוגעבן דעם צו-

זאַמענפֿאָר די האַרציקסטע באַגריסונג און בעסטע ווונטשן אין נאָמען פֿון דער גענעראַל-עקזעקוטיווע פֿון ייִדיש-נאַציאָנאַלן אַרבעטער-פֿאַרבאַנד און אונדזער פֿאַרזיכערונג שטענדיק מיטצוהעלפֿן אויף אַלע מעגלעכע אופֿנים דער טעטיקייט פֿון ייִדיש-וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט. ל. סיגאַל סעקרעטאַר. (בריוו).

נ י ו - י אָ ר ק — אײַער צוזאַמענפֿאָר שליסט צען יאָר וויכטיקע אַרבעט פֿונעם אינסטיטוט, וועלכער ווערט באַטראַכט הײַנט צו טאָג אַלס די וויכטיקסטע קולטור- און וויסנשאַפֿט-אינסטיטוציע פֿון די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן. — עס קומט אײַך באמת אָנערקענונג, פֿירער, טוער און בויער פֿון ייִוואָ, וואָס אין דער צײַט ווען ייִדישע וועלטן ווערן חרובֿ, אין דער צײַט ווען דאָס לעבן פֿון די ייִדישע אַרבעטער און פֿאָלקסמאַסן אין פּוילן ווערט אַלץ גרויער און טרויעריקער, גייט איר אָן מיט אײַער אַרבעט. אומעטום, ווו ייִדישע מאַסן וווינען און ווירקן, ווערט דער אינסטיטוט באַטראַכט ניט נאָר אַלס אינסטיטוציע, ווו עס זענען געזאַמלט געוואָרן ווערטפֿולע זאַכן פֿונעם אַמאָליקן ייִדישן לעבן, נאָר אויך אַלס וויסנשאַפֿטלעכע אַקאַדעמיע, וועלכע שאַפֿט ווערטפֿולע קולטורעלע ווערטן אויף די פֿאַרשיידענע געביטן פֿונעם איצטיקן ייִדישן לעבן. — מיר ווינטשן די טוער, בויער און די דעלעגאַטן פֿון צוזאַמענפֿאָר ערפֿאָלג! איצט איז וויכטיקער ווי אַלע מאָל צו ווײַזן זיך אַליין און אויך די אומות העולם, אַז טראָץ די אַלע רדיפֿות אויף אונדז קענען מיר דאָך ווי געהעריק אָפּשאַצן דאָס אַמאָליקע פֿון אונדזער פֿאָלקסלעבן און גלײַכצײַטיק פֿאָרזעצן צו שמידן די גאָלדענע קייט פֿון אונדזער ייִדישער קולטור און וויסנשאַפֿט אויף אַלע געביטן! — מיר זענען מער ווי זיכער, אַז דער צוזאַמענפֿאָר וועט סטימולירן די ווײַטערדיקע אַרבעט און אַנטוויקלונג פֿון אינסטיטוט. — ייִדישער סאָציאַליסטישער פֿאַרבאַנד, ב. געבינער, רעדאַקציע „וועקער“.

נ י ו - י אָ ר ק — האַרציקע באַגריסונגען. באַדויערן וואָס מיר האָבן ניט געקענט קומען צום צוזאַמענפֿאָר. זאָל אײַער גרויסאַרטיקע אַרבעט פֿאַר אונדזער פֿאָלק און קולטור בליִען! ייִדישער סעמינאַר-אוניווערסיטעט, גינגאָלד סעקרעטאַר.

נ י ו - י אָ ר ק — האַרציקסטע גרוסן צום גרויסן ייִדישן קולטור-יום-טובֿ, דעם צוזאַמענפֿאָר פֿון דער ייִדישער וויסנשאַפֿט! ווינטשן גרויס ערפֿאָלג. קינדער, לערער, טוער, ייִדישע אַרבעטער-שולן, „קעמפּ נײַוועלט“, יעקבֿ לעווין דירעקטאָר, נאָוואַק וויצע-דירעקטאָר.

נ י ו - י אָ ר ק — האַרציקן גרוס צו אײַער גרויסן יום-טובֿ — 10 יאָר ייִוואָ—פֿונעם הבחור הזעצער. איך פֿריי זיך מיט אײַער ערפֿאָלג פֿאַרן ערשטן צענדליק יאָר. אויך אַ דאַנק פֿאַר אײַער וויכטיקער אַרבעט פֿון פּובליקירן די „אויסלייג-תקנות פֿון ייִדיש“. איך האָף אויך, אַז אין אײַערע ווײַטערע אַרבעטן וועט איר שענקען אויפֿמערקזאַמקייט דעם שטודיום פֿון אַמאָליקן בחור הזעצער,

חשמענס איבערגעגעבנקייט צו זײַן אַרבעט, דער מלאכת הקודש, איז איבער־געגאַנגען צו די ייִנגערע מאָדערנע שריפטזעצער. ס'איז טאַקע אמת, אַז מיר זעצער, מאַכן טעותן, אָבער דער גורל פֿונעם הבחור הזעצער איז שוין אַזאַ, אַז מען דערמאָנט אים נאָר דאַן, ווען ער מאַכט אַ טעות, און זייער אָפֿט וואַרפֿט מען אויף אים אַרויף אַפֿילו אַזעלכע חטאים וואָס ער איז „גאָט די נשמה שולדיק". זײַט באַגריסט אין מײַן אייגענעם נאָמען אַלס אַ מיטגליד פֿון אַמאָפּטייל ייִוואָ און אין נאָמען פֿון דער יידישער שריפטזעצער־יוניאָן אין ניו־יאָרק. מאיר קאַסטאָף וויצע־פּרעזידענט. (בריוו).

ניו־יאָרק — איך בין שטאָלץ אויף די אויפֿטוען פֿון אינסטיטוט, וועלכער לעבט אוןווירקט אין מײַן געבורטסשטאָט ווילנע. יעפּים ישורין.

ניו־יאָרק — הארציקסטע באַגריסונגען דעם אַלוועלטלעכן צוזאַמענפֿאָר פֿונעם ייִוואָ. כ'באַדויער וואָס כ'האָב ניט געקאָנט מיטפֿײַערן דעם גרויסן יום־טוב פֿון זײַן צעניאָריקן קיום. כ'ווינטש גרעסטן ערפֿאָלג. י. ל. כהן.

ניו־יאָרק — אונדזער ברכה! לאַפּין, פּעסיע קאַהאַנע, ביאַלאָסטאָצקי.

ניו־יאָרק — זײַט געגריסט ייִדיש! — ב. לעווין.

ניו־יאָרק — איך באַגריס אײַך צו דעם צוזאַמענפֿאָר לכּבֿוד דעם 10־יאָריקן יובילײַ פֿון ייִד' וויסנש' אינסטיטוט. דער אינסטיטוט איז אויפֿגעקומען אין דער שווערסטער צײַט פֿאַר אונדז, אָבער ניט געקוקט דערויף איז ער געוואָרן די גרעסטע פֿון אַלע אונדזערע קולטור־אונטערנעמונגען. דער ערפֿאָלג זאָל אײַך דערמוטיקן צו ווײַטערער אינטענסיווער אַרבעט, אָבער דער צוזאַמענפֿאָר זאָל פֿאַרשטיין, אַז דאָס לייגט אַרויף אַ גרעסערע פֿאַראַנטוואָרט־לעכקייט פֿאַר דער אַרבעט. איך ווינטש אײַך הצלחה אין אײַער טעטיקייט. ד"ר א. מוקדוני.

ניו־יאָרק — בעסטע גרוסן און ווונטשן צום 10־יעריקן יובל! זאָל אײַער צוזאַמענפֿאָר ברענגען גוטע וויסנשאַפֿטלעכע רעזולטאַטן פֿאַר דער באַ־רײַכערונג פֿון דער קולטור, בפֿרט פֿון דער ייִדישער קולטור. יעקבֿ מילך.

ניו־יאָרק — אוודאי וואָלט געווען פֿאַר מיר אַ גרויסע באַפֿרידיקונג צו זען מיט די אייגענע אויגן דעם גרויסן אויפֿטו פֿון דעם מיר אַזוי טײַערן אינסטיטוט. לײדער אָבער האָט דער קריזיס אַוועקגענומען בײַ מיר די מאַ־טעריעלע מיטלען דורכצופֿירן די רײַזע, אַחוץ וואָס מײַן געזונט־צושטאַנד וואָלט אויך ניט דערלויבן די אָנשטרענגונג. איך מוז זיך דעריבער באַנוגענען מיט שיקן אײַך מײַנע האַרציקסטע גרוסן און ווונטשן פֿאַר דעם העכסט מעגלעכן ערפֿאָלג פֿון אײַער אַרבעט לטובֿת דער ייִדישער וויסנשאַפֿט. אײַער ד"ר י. א. מעריסאָן. (בריוו).

ניו־יאָרק — איך האָב ממש געטרוימט וועגן פֿאָרן צו דעם צוזאַ־מענפֿאָר, לײדער האָט זיך עס מיר ניט אײַנגעגעבן און בין דעריבער גע־

צווונגען צו פֿרייען זיך מיט אײַער פֿרייד פֿון ווײַטן. נעמט זשע צו מײַנע האַרציקסטע ברכות און גרוסן צו אַלע די, וואָס האָבן דערפֿירט דעם יִוואָ צו דער הויכער מדרגה, אויף וועלכער ער געפֿינט זיך איצט, און געגעבן דעם ייִדישן קולטור-טוער און וויסנשאַפֿטלער אַ מעגלעכקייט צוזאַמענקומען זיך און אויסאַרבעטן קאָלעקטיוו דעם גרויסן און קאָנסטרוקטיוון פּלאַן פֿון דער גרויסער געבײַדע וואָס רופֿט זיך „ייִדישע קולטור". מענדל עלקין. (בריוו).

ניו-יאָרק — האַרציקע ברכות, ערפֿאָלג, ווײַטערע דערגרייכונגען פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער קולטור! דוד פּינסקי, פּרץ הירשביין, אסתּר שומיאַטשער, מענדל עלקין.

ניו-יאָרק — מיר בענטשן די צען יאָר וווּנדערלעכע אַרבעט! זאָלן די קומענדיקע יאָרן אַ סך אַריבערשטײַגן די ביזאיצטיקע. מיר פֿאָדערן אַן איינהײַטלעכע אָרטאָגראַפֿיע פֿאַר דער גאַנצער ייִדישער וועלט. „קינדער-זשורנאַל", פֿאַרלאַג „מתּנות", ליפּע לעהרער.

ניו-יאָרק — איך באַגריס דעם צוזאַמענפֿאָר — אַ ליכטיקע דאַטע אין דער געשיכטע פֿון אונדזער שאַפֿן אין ייִדיש, וואָס דינט דעם אידעאַל צו פֿאַרברידערן אַלע פֿעלקער! אײַער אברהם רייזען.

ניו-יאָרק — איך באַגריס אונדזער אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור צו זײַן ערשטן קאָנגרעס, ווינטש אים ווײַטערן ערפֿאָלג, נאָכאַנאַנדיקן וווּקס. למד שאַפּיראָ.

ניו-יאָרק — האַרציקסטע באַגריסונג דעם צוזאַמענפֿאָר! יוסף שלאָסבערג.

ניו-יאָרק — בעסטע ווונטשן פֿאַר ערפֿאָלגרײַכער אַרבעט. פֿרוי שלום-עליכם.

ניו-יאָרק — זײַט געגריסט! שלום-עליכם-הײַזער, קולטור-צענטער, שול, קינדער-גאָרטן.

ניו-יאָרק — זאָלן געשטאַרקט זײַן די הענט פֿון די אמתע פֿונדאַמענטאַלע בויער! שלום-עליכם-פֿאָלקס-אינסטיטוט, דוד שײַן פּרעזידענט.

סאַוואַנאַ — כ'ווינטש ערפֿאָלג! סימאָן איסאַרד.

ראַסקאַו — פֿונדאַנען, ווײַט פֿון ניו-יאָרק און וואָסער עס איז ייִדישע קולטור-ענינים באַגריס איך אײַך אַלע אויף דעם איצטיקן צוזאַמענפֿאָר וואָס וועט זיכער פֿאַרצייכנט ווערן ווי אַ וויכטיקער מײַלשטיין אין דער געשיכטע פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט און אויפֿבלי און אַנטוויקלונג פֿון ייִדישער וויסנשאַפֿט און קולטור. זײַט זיכער, אַז איך בין מיט אײַך און ווינטש אײַך דעם גרעסטן ערפֿאָלג אין דער הייליקער אַרבעט וואָס באַגײַסטערט אײַך פֿאַר אונדזער פֿאָלק! — יודאַ א. יאַפֿע. (בריוו).

שיקאַגע — אַ שאָד וואָס איך קען ניט קומען. ווינטש ערפֿאָלג!
ל. מ. שטיין.

שיקאַגע — זײַט באַגריסט, געשטאַרקט, להכעיס אונדזערע שונאים!
פֿאַרלאַג צעשינסקי.

פֿראַנקרײַך

ניצע — ליבע לײַט פֿון יידישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט! אײַער ליב שרײַבן מכּוח דעם, אַז איך זאָל קומען קיין ווילנע באַטייליקן זיך אין אײַער צוזאַמענפֿאָר, האָב איך דערהאַלטן. איך דאַנק אײַך זייער פֿאַר דעם כּבֿוד. איך בין אָבער מחמת פֿאַרשיידענע טעמים, אין דער ערשטער ריי מחמת מײַן ווײַבס און מײַן אייגענעם געזונטס וועגן, לחלוטין ניט בכּוח אײַער און מײַן אייגענעם פֿאַרלאַנג נאָכצוטאָן. איך קען איצט אויך ניט קיין פּוילן קומען צוליב פֿאַרשיידענע אַנדערע טעמים, וואָס איך קען עס ניט אַרויסשרײַבן. איך ווינטש אײַך אָבער פֿון גאַנצן האַרצן פֿיל ברכות און הצלחות אין אײַער גוטער און פֿרוכטבאַרער אַרבעט פֿאַר דעם יידיש לשון און יידישן שטייגער, פֿאַר וועלכן איר האָט שוין אַזוי פֿיל אויפֿגעטאָן, וואָס צוליב דעם איז אײַער שם אין דער יידישער וועלט אַזוי באַקאַנט און אײַער טועכץ אַזוי באַרימט. איר האָט געשאַפֿן מיט די קאַרגע מיטלען וואָס מען האָט אײַך געגעבן אַ גרויס וויכטיק ווערק, וואָס איז אַזוי וויכטיק פֿאַר דעם וווּל פֿון יידן און פֿאַר זײַן טרויעריקער פֿאַרגאַנגענהייט. זאָל דער אייבערשטער געבן, אַז אויפֿן צוזאַמענקום זאָל הערשן דער מזל־ברכה, וואָס איך ווינטש אײַך פֿון גאַנצן האַרצן. מיט מײַן רעספּעקט פֿאַר די באַרימטע לײַט וואָס קומען זיך בײַ אײַך צונויף פֿאַרבלײַב איך מיט אַלע גוטע ווונטשן אײַער שלום אַש. (לע"ע באַד־גאַסטיין). (בריוו).

פּאַריז — צו אונדזער גרעסטן באַדויערן האָט קיינער פֿון אונדזערע פּאַריזער מיטגלידער פֿון דער צענטראַלער פֿאַרוואַלטונג ניט געהאַט די מעגלעכקייט אין איצטיקן מאָמענט אָפּפֿאָרן קיין ווילנע, כּדי זיך צו באַטייליקן אין דער זייער וויכטיקער אַרבעט פֿון צוזאַמענפֿאָר. אויף איר זיצונג פֿון 9טן אויגוסט האָט די עקזעקוטיווע באַשלאָסן דעריבער, אַז איר פֿאַרטרעטער אויף דער ייִוואָ־קאָנפֿערענץ וועט זײַן דער מיטגליד פֿון דער צענטראַלער פֿאַרוואַלטונג פֿון „אָרט"־פֿאַרבאַנד און פֿאָרזיצער פֿון קאָמיטעט פֿון „אָרט" אין ווילנע, פּר' ב. ווירגילי־כּהן. — מיר ווינטשן דער קאָנפֿערענץ אַ פֿולן ערפֿאָלג און פֿאַרבלײַבן מיט גרוס און דרך־ארץ צענטראַלע פֿאַרוואַלטונג פֿון דעם פֿאַרבאַנד פֿון די געזעלשאַפֿטן פֿאַר מלאכה און ערדאַרבעט בײַ יידן „אָרט", עקזעקוטיווע, פֿאָרזיצער ל. בראַמסאָן, סעקרעטאַר קאַראַלניק. (בריוו).

פּאַריז — באַגריסן האַרציק הײַנטיקן יום־טובֿ פֿאַר דער יידישער וויסנשאַפֿט, ווינטשן ייִוואָ ווײַטערדיקע באַפֿרוכפּערנדיקע אַרבעט פֿאַר

יידישער קולטור און פאָרשונג. „אָרט"־צענטראַלע, בראַמסאָן, לוואָוויטש, קאָראַלניק.

פאַריז — צו מײַן גרויסן באַדויערן, מחמת אַ גאַנצער ריי וואָגיקע סיבות, האָב איך ניט קיין מעגלעכקייט אויסצונוצן אײַער אײַנלאַדונג און בעט אײַך איבערצוגעבן דעם צוזאַמענפאָר מײַן הייסטן גרוס און דעם ווונטש פון פרוכפּערדיקע אַרבעטן לטובֿת דער יידישער וויסנשאַפט. מיט חבֿרישן גרוס ל. באַראָץ.

פאַריז — באַגריסן האַרציק דעם צוזאַמענפאָר, באַדויערן שטאַרק די אוממעגלעכקייט בײַצוווינען, זענען בכּוונה מיט אײַך, ווינטשן בעסטן ערפאָלג. יעפּרויקין, דיזשור, מענעס.

פאַריז — אונדזער ברודערגרוס צוזאַמענפאָר ייִוואָ. דובנאָוו־פאָנד.

פאַריז — איך דאַנק אײַך פאַר אײַער פאַרבעטונג אויפן צוזאַמענפאָר. צו מײַן באַדויערן איז מיר אוממעגלעך צוליב דער צײַט, צו נעמען אַן אָנטייל אין אײַער צונויפקום. איך באַדויער עס שטאַרק, בפרט אַז איך האָב תּמיד הויך געשעצט אײַערע אַרבעטן און ווי ווײַט מעגלעך אײַך אונטערגעשטיצט. האָפנטלעך וועט אײַער צוזאַמענפאָר האָבן דעם ערפאָלג, וואָס איר ערוואַרט און וועלכן איך ווינטש אײַך פון גאַנצן האַרצן. מיט פרײַנדלעכן גרוס ד״ר בערנהאַרד קאַהן, אייראָפּעיִשער דירעקטאָר פון „דזשוינט". (בריוו).

פאַריז — איך שיק דעם צוזאַמענפאָר מײַנע בעסטע גרוסן און ווינטש, אַז זײַן אַרבעט זאָל זײַן פּראָדוקטיוו און מיט ערפאָלג. איך האָף, אַז האָבנדיק די פאַרשטאַרקטע סימפּאַטיעס פון אַלע קרײַזן פון דער יידישער עפנטלעכקייט און דעם פולן צוטרוי פון די וואָס באַשעפטיקן זיך מיט דער יידישער וויסנ־שאַפטלעכער פאָרשונג, וועט דעם אינסטיטוט געלינגען צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ, וואָס ער איז באַרופן און איז מסוגל אויסצופירן אין יידישן לעבן. גאָר באַזונדערס וואָלט איך ווינטשן, אַז די עקאָנאָמישע סעקציע פון אינסטיטוט זאָל אויפסנײַ קענען אָנהייבן אַ ברייטע און אינטענסיווע אַרבעט. י. קאָ־ראַלניק. (בריוו).

קובע

האַוואַנע — אונדזער האַרציקע באַגריסונג! קאָמיטעט פאַר די רעכט פון יידיש אין פאַלעסטינע, ה. שאַמעס פאָרזיצער, א. אַראָנאָווסקי סעקרעטאַר, א. שטשוטשינסקי קאַסירער.

ראַטן־פאַרבאַנד

לענינגראַד — איך דאַנק אײַך אויפ־ריכטיק פאַר אײַער פרײַנדלעכער פאַרבעטונג אויף דעם אַלוועלטלעכן צוזאַמענפאָר פון ייִוואָ. צום באַדויערן

האָב איך זיך זומער געפֿונען אין אורלויב מחוץ לענינגראַד און דערפֿאַר האָב איך באַקומען אײַער פֿאַרבעטונג צו שפּעט ניט נאָר צו קענען טראַכטן וועגן אָנטייל, נאָר אַפֿילו צו גראַטולירן דעם צוזאַמענפֿאָר און ווינטשן אים הצלחה-דיקע און פּראָדוקטיווע אַרבעט. מיט האַרציקן גרוס י. קאַגאַראָוו, פּראָפֿעסאָר פֿון לענינגראַדער אוניווערסיטעט. (בריוו).

רומעניע

באָטאָשאַן — איך שיק אײַך מײַנע וואַרעמסטע און האַרציקסטע ברכות אין אײַערע פֿאַרצוויַיגטע אויפֿטוען. מוט און ערפֿאָלג אין אײַער ווײַטער-דיקער קולטור-אַרבעט! אפֿרים גרינבערג.

בוקאַרעשט — „אינדזל" באַטייליקט זיך אין גרויסן יום-טובֿ פֿון דער ייִדישער קולטור, שיקט וואַרעמע באַגריסונג דעם צוזאַמענפֿאָר. רעדאַקציע, בענאַדאָר, באַגיש, ש"ס-ראָמאַן.

בוקאַרעשט — באַדויער אוממעגלעכקייט צו קומען. האַרציקסטע ווינטשן דעם ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט! ד"ר שלמה ביקל.

בריטשאַן — אין נאָמען פֿון דער ביבליאָטעק אין בריטשאַן (אַ קליין שטעטל אין בעסאַראַביע, וואָס האָט די זכיה צו פֿאַרמאָגן די גרעסטע ייִדישע ביבליאָטעק אין רומעניע), וואָס האָט לעצטנס געפֿײַערט איר 25יאָריקן יובֿל, האָב איך דעם כּבֿוד צו באַגריסן דעם הײַנטיקן צוזאַמענפֿאָר פֿון די חשובֿסטע פֿאָרשטייער פֿון דער ייִדישער קולטור און וויסנשאַפֿט און ספּעציעל די ווילנער טוער פֿון ייִוואָ, וואָס האָבן מיט זייער אַרבעט און מי באַוויזן צו ברענגען דעם ייִוואָ צו זײַן איצטיקער מדרגה — צו דער מדרגה פֿון דער וויכטיקסטער קולטורעלער פּאָזיציע אין קאַמף פֿאַרן ייִדישן קיום. טאַטיאַנאַ פֿוקס (לאָדזש).

טשערנאָוויץ — דערלויבט אונדז אײַך צו ברענגען אין נאָמען פֿון דעם ייִדישן אַרבעטער-בילדונגס-פֿאַראיין „מאַרגנרויט" אין רומעניע אונדזער האַרציקע באַגריסונג צו אײַער אַלוועלטלעכן קולטור-צוזאַמענפֿאָר. מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז אײַער אַרבעט פֿאַר דעם ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט איז פֿאַרבונדן מיט אומגעהײַער גרויסע קרבנות. אַ גרופּע פֿון פּיאָנירן האָבן פֿריער מיט 10 יאָר געוואָגט אונטערצונעמען די דאָזיקע גראַנדיאָזע אַרבעט. אַדאַנק דער וואַרעמער שטיצע פֿון די ייִדישע אַרבעטער און פֿון די ייִדישע ברייטע פֿאָלקסמאַסן האָט איר צו פֿאַרצייכענען אַזעלכע גלענצנדע רעזולטאַטן. מיר ווינטשן אײַך, אַז אײַער צוזאַמענפֿאָר זאָל דינען אַלס אַ נײַער עטאַפּ פֿאַר אײַער ווײַטערדיקער קולטור-אַרבעט. מיט די בעסטע ברכות שליסן מיר אונדזער באַגריסונג און פֿאַרבלײַבן אויף ווײַטער אײַערע בעסטע פֿרײַנד. פֿאָרזיצער וו. איפֿן, סעקרעטאַר שרה כּתבֿן. (בריוו).

טשערנאָוויץ — מיר שיקן אונדזערע הייסע גרוסן די פֿאַרזאַמלטע פֿאָרשטייער פֿון דער ייִדישער מאַסן-קולטור און ווינטשן, אַז דער ערשטער וועלט-קאָנגרעס פֿון ייִדישער וויסנשאַפֿט זאָל ניט נאָר זײַן אַ ווערדיקע מאַני-

פּעסטאַציע פֿון אונדזערע גײַסטיק שאַפֿנדיקע כּוחות, נאָר אויך פֿאָרמולירן יענע קאַמף-און אַרבעטס-לאָזונגען וואָס מוזן העלפֿן די קעמפֿנדיקע אַרבעטער-מאַסן פֿאַרפֿעסטיקן און אויסבויען אונדזערע קולטור-פּאָזיציעס. הייבט אויף אײַער אויטאָריטאַטיווע שטים אַקעגן דעם מענטשן און קולטור דערוואַרגנדיקן פֿאַשיזם, סאָלידאַריזירט אײַך מיט די רעזאָלוציעס פֿון פּאַריזער שריפֿטשטעלער-קאָנגרעס, פּראָטעסטירט אַקעגן די רדיפֿות אויף אונדזערע קולטור-אינסטיטוציעס אין די לענדער פֿון ייִדישן ישובֿ און באַזונדערס אין פּאַלעסטינע. זאָל לעבן די קולטור פֿון די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן! ייִדישער שול-פֿאַראיין פֿאַר דער בוקאָווינע. (בריוו).

טשערנאָוויץ — איך באַדויער פֿון גאַנצן האַרצן ניט צו האָבן די מעגלעכקייט צו זײַן מיט אײַך צוזאַמען, ווען איר, די גײַסטיקע עליטע פֿון ייִדישן פֿאָלק, פֿאַרזאַמלט אײַך צו אײַער און אונדזער אַלעמענס ערשטן גרויסן קולטור-יום-טובֿ. אַ באַזונדערער שמערץ דערוועקט זיך אין מיר בײַם געדאַנק, אַז מײַן אומפֿאַרגעסלעכער מאַן, אליעזר שטיינבאַרג, האָט ניט געהאַט דאָס גליק צו דערלעבן אָט די גרויסע מאַניפֿעסטאַציע פֿון ייִדישער וויסנשאַפֿט און ליטעראַטור, פֿאַר וועלכע ער האָט מקריבֿ געווען זײַן גאַנץ לעבן. איך ווינטש, אַז דער ערשטער וועלטקאָנגרעס פֿון ייִדישער קולטור זאָל האָבן דעם גרעסטן ערפֿאָלג, און באַגריס גאָר האַרציק אַלע אָנטיילנעמער. רבֿקה שטיינבאַרג. (בריוו).

סיגעט — נעמט צו אונדזערע וואַרעמסטע ברכות צום צעניאָריקן יובֿל פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט און זײַן צוזאַמענפֿאָר. מיר ווינטשן אײַך פֿונעם גאַנצן האַרצן, אַז דער דאָזיקער גרויסער יום-טובֿ פֿון ייִדישן קולטור-רענעסאַנס זאָל אונדז אַלעמען סטימולירן צו נײַע גרויסע פֿאַרמעסטונגען לטובֿת דער ייִדישער קולטור! א. מ. הירש, י. ד. איזראַעל. (בריוו).

סטאָראָיענעטי — האַרציקסטע ברכות און גרוסן! פֿאַז.

שווייץ

זשענעווע — באַדויער טיף אוממעגלעכקייט צו קומען. ווינטש גרעסטן ערפֿאָלג. גריס האַרצלעך. פּראָפֿ׳ ל. הערש.

ציריך — וואַרעמסטע באַגריסונגען דעם צוזאַמענפֿאָר. געז׳ פֿרײַנד פֿון ייִוואָ, ל. פֿעלדשטיין.

שיף „אַלמאַנזאָראָ"

שערבורג-דרום-אַמעריקע - צום יובֿל פֿון ייִד׳ וויסנש׳ אינסטיטוט שיקן מיר איבער אַ האַרציקע באַגריסונג די בראַווע אומדערמידלעכע בויער פֿון דער פֿעסטונג פֿון דער ייִדישער וויסנשאַפֿט און קולטור. — מיר ווינטשן דעם ייִוואָ-צוזאַמענפֿאָר, ער זאָל דערפֿילן זײַן שליחות צו ווערן דער אויסדרוק פֿון דער ייִדישער מאַסע אין איר קאַמף פֿאַר אַ נײַער קולטור און וועלט-באַנעם. אַ גרופּע ייִדישע עמיגראַנטן קיין דרום-אַמעריקע, 44 אונטערשריפֿטן.

וואָס קאָן דער ייִוואָ און וואָס קאָן מען פֿאַר אים אויפֿטאָן אין ארץ-ישראל

מעמאָראַנדום פֿון ייִדישן ליטעראַטן- און זשורנאַליסטן-קלוב אין ארץ-ישראל

דערלאַנגט דעם אַלוועלטלעכן צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע

א) אַ פּאָר ווערטער פֿריִער. שוין ניט איין מאָל האָבן היגע זאַמלער — יחידים און זאַמלער-גרופּעס וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט פֿאָלקלאָריסטישע אַרבעטן פֿון דעם ייִשובֿ אין ארץ-ישראל אויפֿמערקזאַם געמאַכט דעם ייִוואָ אויף דעם, וואָס מען קען אויפֿטאָן פֿאַר אים אין ארץ-ישראל. אַ פּאָר מאָל זענען וועגן דעם ענין אויך געווען געדרוקט אַרטיקלען (אין די „ליטעראַרישע בלעטער" 1928, נומ׳ 1, אין אַרטיקל פֿון לייבל שמעוני — „אַ קוואַל פֿאַרן ייִדישן שפּראַך-אוצר און ייִדישער עטנאָגראַפֿיע"; 1933, נומ׳ 4, אין אַרטיקל פֿון מ. קאָסאָווער — „וואָס קאָן מען אויפֿטאָן פֿאַרן ייִוואָ אין ארץ-ישראל?"), צו ממשותדיקע טריט אין אָט דעם ענין מצד דעם ייִוואָ — איז אָבער ניט געקומען. אמת, דער ייִוואָ איז געשטאַנען אין פֿאַרבינדונג מיט אייניצלנע זאַמלער, וועלכע פֿלעגן באַקומען צוגעשיקט די אַלגעמיינע אַנקעטעס און אָנווייזונגען; קיין באַזונדערער אַרבעטספּלאַן, וועלכער זאָל זײַן פּאַסיק פֿאַר דעם וואָס דאַרף געטאָן ווערן אין ארץ-ישראל, איז אָבער מצד דעם ייִוואָ נישט אויסגעאַרבעט געוואָרן. אמת, אין באַריכט פֿון ייִוואָ „2 יאָר אַרבעט פֿאַרן ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט, 1925 — 1927" (ווילנע 1927) איז (אויף ז׳ 46) אָנגעמערקט געוואָרן, אַז „אַ פֿאָרשערישע טעטיקייט אין ארץ-ישראל איז פֿאַרן אינסטיטוט אַן אויפֿגאַבע אַ דרינגלעכע ביז גאָר". אָבער ביז הײַנטיקן טאָג איז עס געבליבן אַ נישט-דערפֿילטער ווונטש און ס׳האָט זיך לסוף באַקומען דער אײַנדרוק, אַז ארץ-ישראל ליגט ווי אָן אַ זײַט פֿונעם טעטיקייטס-פֿעלד פֿון ייִוואָ.

ב) די וויכטיקייט פֿון דער פֿאָרשאַרבעט. אַן אַרבעט פֿון אַ גרויסן היסטאָרישן און נאַציאָנאַלן באַטײַט וואַרט דאָ, אין ארץ-ישראל, אַז מען זאָל זי אויספֿירן. און דער וואָס דאַרף אויספֿירן — איז נישט קיין

אַנדערער ווי דער ייִוואָ. נישט דער העברעיִשער אוניווערסיטעט אין ירושלים און אויך נישט די דאָרטיקע היסטאָריש־עטנאָגראַפֿישע געזעלשאַפֿט וועלן זיך נעמען צו אַזאַ אויפֿטו, פּשוט דערפֿאַר, ווײַל עס וועט זיי פֿאַרפֿעלן דער מוט דורכצופֿירן אַן אַרבעט וואָס האָט צו טאָן מיט ייִדיש, ייִדישן פֿאָלקלאָר און ייִדישן לעבן־שטייגער. מען קען זאָגן, אַז נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די אויבן דערמאָנטע אינסטיטוציעס האָבן פֿרומע ווינטשן צו אַזאַ אַרבעט — ליגט זי דאָך נישט אויף דער ליניע פֿון זייערע קולטורעלע אַספּיראַציעס.

דער היגער ישובֿ — דער אַלטער ווי דער נײַער — קאָן ליווערן מאַטעריאַל פֿאַר אַלע סעקציעס פֿון ייִוואָ. ארץ־ישראל איז בײַ הײַנטיקן טאָג דער אמתער קיבוץ־גליות און אין ירושלים אַליין איז דאָך דער לעבע־דיקער מוזיי פֿון ייִדישן פֿאָלק, ווו מען קאָן טרעפֿן אַלע אָביעקטן־פֿאָרשטייער. מען קאָן זיצן דאָ און אויפֿקלײַבן מאַטעריאַלן צום קראָקעווער פֿאָלקלאָר, אויפֿנעמען ייִדישע פֿאָלקסלידער וואָס ווערן געזונגען אין אונגערן, פֿאַר־צייכענען מעשיות און לעגענדעס וואָס מען הערט זיי נאָר אין קאַרפּאַטן־רוסלאַנד, אויפֿנעמען דעם לעבן־שטייגער פֿון ייִדישע מאַסן אין פּוילן און אין ליטע און — ווײַטער אַזוי צײַען די ליניע פֿון געאָגראַפֿישער צע־שפּרייטקייט פֿון ייִדישן פֿאָלק.

ג) וואָס איז פֿאַראַן אויסצופֿאָרשן אין ארץ־ישראל:

1. אַ וויכטיקן אָרט אין דער אַרבעט דאַרף פֿאַרנעמען די אויספֿאָרשונג פֿון דעם אַלטן אַשכּנזישן ישובֿ אין ארץ־ישראל, וועלכער האָט שוין הינטער זיך אַ געשיכטע פֿון 200 יאָר און וואָס זײַן לעבן־שטייגער האָט אַ פֿעסטן נוסח: געקומען פֿון אַמאָליקן רוסלאַנד, פּוילן, עסטרײַך, אונגערן און אַנדערע לענדער, האָבן אָט די ייִדן מיטגענומען מיט זיך זייער שטייגער לעבן און אים אָפּגעהיט ביז איצט. מנהגים און פֿירונגען, וועגן וועלכע מען ווייס אפֿשר נישט מער ווי אין די אויבן דערמאָנטע לענדער; אַ רײַכן פֿאָלקלאָר, וועלכער האָט מיט דער צײַט באַקומען אַ היגן קאָלאָריט; פֿאָלקס־לידער און פֿאָלקס־מעשיות, שפּריכווערטער און וויצן, וועלכע מען קאָן אין ערגעץ נישט הערן; לסוף אַ פֿאָלקלאָר מיט אַ רעגיאָנאַלן כאַראַקטער; סימנים — און מער ווי סימנים — פֿון אַ ייִדישער פֿאָלקסקונסט און פֿאָלקס־מוזיק — דאָס אַלץ וואַרט אויף זייער אויסלייזער, וואַרט אָפּגעראַטעוועט צו ווערן פֿון דער פֿאַרגעסנקייט.

פֿילפֿאַרביק און פֿאַרשיידנאַרטיק איז דאָס לעבן פֿון אָט דעם ישובֿ, וועלכער איז נישט אייניהייטלעך, צעשפּאָלטן אין פּרושים און חסידים, און זיי פֿון זייער זײַט געטיילט אויף כּוללים אויפֿן נאָמען פֿון די לענדער, פֿונוואַנען זיי זענען געקומען. ביז הײַנטיקן טאָג איז נאָך די געשיכטע פֿון אָט דעם ישובֿ נישט אָנגעשריבן, הגם אַ סך מאַטעריאַלן זענען שוין דערצו געזאַמלט געוואָרן און נאָך מער וואַלגערן זיך נאָך אין די פֿאַרשיידענע כּוללים אין דער פֿאָרם פֿון פּנקסים, פֿאַרשיידענע אָפּמאַכן, דאָקומענטן צום

ענין באַציִונגען מיט די אַרומיקע ספרדים און דער אַראַבישער באַפעלקערונג, פלענער צום טייל רעאַליזירטע און צום מערסטנטייל נישט קיין אויסגעפירטע— וועגן דער עקאָנאָמישער „איבערשיכטונג" פון אַט דעם ישוב, איינוואַנדערונג און אויסוואַנדערונג, אָנפאַלן, פּאָגראָמען און יאָרן פון פורעניותן, פאַרבינ־דונגען מיט ייִדן מחוץ ארץ־ישראל אאז"וו — אַלץ מאַטעריאַל פון אַ וויכטיקן היסטאָרישן באַטייט, וועלכע וואַרטן אויף זייער אויסגעפינער, אַנאַליטיקער און פאָרשער.

2. אָריגינעל איז נישט נאָר די געשיכטע פון אַט דעם ישוב; אָריגי־נעל איז אויך זיין טאָג־טעגלעכע שפּראַך, זיין ייִדישער לשון. געפינענדיק זיך צווישן אַראַבער פון איין זייט און שפּאַניאָלישע און אַנדערע מזרח־ייִדן פון דער צווייטער זייט, איז אוממעגלעך געווען, אַז זיי זאָלן נישט קומען אין באַרירונג — על פי רוב עקאָנאָמישער — און עס איז אוממעגלעך געווען, אַז די ייִדישע שפּראַך זאָל נישט ווערן באַאיינפלוסט פון די אַרומיקע לשונות. אַזאַ שפּראַכלעכע דיפוזיע איז טאַקע פאָרגעקומען און אויף אַזאַ אופן האָט זיך געשאַפן אַ ספּעציעל ייִדיש — דאָס ארץ־ישראלדיקע ייִדיש.

3. דאָס קולטורעלע לעבן פון אַט דעם ישוב האָט זיך אויסגעדריקט נישט נאָר אין דעם, וואָס טאַטעס און קינדער האָבן געלערנט אין די ישיבות און מאַמעס זענען געזעסן אין די הייזער און געזאָגט תחינות. די רעליגיעזע ליטעראַטור האָט, ווייזט אויס, ווייט נישט באַפרידיקט דעם עולם און צו־זאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פון דער דרוקקונסט האָט זיך געשאַפן אַ לפּי־ערך קאָנטיקע פ אָ ל ק ס ־ ל י ט ע ר אַ ט ו ר, וואָס איז געווען גוט געלייענט און גוט פאַרשפּרייט, אַ ריי פאָלקסשרייבער האָבן געבראַכט זייער צושטייער צו אַט דער ליטעראַטור.

4. שפּעטער צו, מיט דער פאַרגרעסערונג פון ישוב, איז אויך אויפ־געקומען אַ י י ד י ש ע פּ ר ע ס ע, וואָס די ערשטע אויסגאַבעס אירע זענען ביי היינטיקן טאָג אַ יקר־המציאות. קיינער האָט זיך נאָך צו דעם כמעט ניט צוגערירט און קיינער האָט נאָך כמעט נישט אַראָפּגעטרייסלט דעם שטויב פון דורות, וואָס אונטער זיי באַהאַלט זיך דער אייגנאַרטיקער קולטורעלער און עקאָנאָמישער פּרצוף פון אַט דעם ישוב.

5. אַריבערגייענדיק פון אַלטן ישוב צום נ י י ע ם, שטויסט מען זיך ווידער אָן אויף אַ סך אינטערעסאַנטע פּראָצעסן און וויכטיקע דערשיינונגען. יעדע נייע „עליה" האָט דאָ איבערגעלאָזט אירע קאָנטיקע שפּורן און אַלע איינגעוואַנדערטע עלעמענטן — אַרבעטער, בעלי־מלאָכות, סוחרים, סתם־ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר—האָבן דאָ געלייגט דעם חותם פון זייער השפעה. און ווייטער האָט זיך געצויגן דער פאָדעם פון ייִדישן פאָלקסשאַפן, און נייע לעבנס־פאָרמען זיינען אויפגעקומען, און נייע עקאָנאָמישע פּראָצעסן פאָרגעקומען.

6. ייִדישע אַרבעטער אַ שטייגער, וועלכע זענען דאָ אַריינגעדרונגען אין פאַרשיידענע בויפאַכן, האָבן געשאַפן טערמינאָלאָגיעס, וואָס ניט געקוקט

אויף זייער געמישטן כאַראַקטער זענען זיי דורכויס ייִדישע. דאָס אַלץ דאַרף אויפֿגענומען און פֿאַרצייכנט ווערן.

7. און נאָך עפּעס: אַ פֿאַקט איז, אַז ייִדן געקומענע אַהער פּרובירן זיך אויסלערנען העברעיִש. דערבײַ טרעפֿט אָט דער איבערגאַנג אָן אויף אַ סך שוועריקייטן. דאַרף אָט דער פּראָצעס אויסגעפֿאָרשט ווערן, דאַרף מען ווײַזן, אין וואָס פֿאַר אַ מאָס די העברעיִשע שפּראַך וואָרצלט זיך אײַן בײַ דערוואַקסענע אין ארץ־ישראל.

8. פֿון דער אַנדערער זײַט ווידער דאַרף אויסגעפֿאָרשט ווערן די השפּעה פֿון ייִדיש אויף העברעיִש אַלס אומגאַנגס־לשון אין ארץ־ישראל. עס דאַרף אָנגעוויזן ווערן, אויף וועלכן וועג דרינגען אַרײַן ייִדישע ווערטער און אויסדרוקן אין גערעדטן העברעיִש, די השפּעה פֿון ייִדיש אויפֿן העברעיִשן זאַצבוי, ייִדישע אַקצענטירונג פֿון העברעיִשע נעמען פֿון ערטער אד״גל.

9. עס דאַרפֿן אויסגעפֿאָרשט ווערן די נײַע עקאָנאָמישע פּראָצעסן אין דעם ישובֿ, דער איבערגאַנג צו פּראָדוקטיווער אַרבעט פֿון עקאָנאָמישן און אידעיִשן שטאַנדפּונקט.

10. אויפֿן סמך פֿון געהעריקע אַנקעטעס און אויספֿירלעכע אָנווײַזונ־גען דאַרף מען אויך צוטרעטן צו דער אויספֿאָרשונג פֿון דערציִונג און ביל־דונג בײַם אַלטן און נײַעם ישובֿ. גלײַכצײַטיק מיטן שיקן קינדער צו אַ „מעסטראַ״ (אַ מין קינדער־גערטנערין) בײַם אַלטן ישובֿ שיקט דער נײַער ישובֿ די קינדער פֿון פֿאַרשול־עלטער אין „גן״ (קינדער־גאָרטן), און בײַ דער זײַט פֿון חדר איז דאָ פֿאַראַן די מאָדערנע העברעיִשע פֿאָלקסשול, און פֿון דער ישיבֿה גייט נאָך ווײַטער אַריבער אין היגן אוניווערסיטעט. לסוף, די שולן פֿאַר פֿאַך־אויסבילדונג, וועלכע האָט זיך לעצטנס אין ארץ־ישראל פֿאַר־גרעסערט אין צאָל (גלײַכצײַטיק — פֿעסטשטעלן די סיבות דערצו).

ד) דער פּלאַן פֿון דער אויספֿאָרשונגס־אַרבעט:

1. די געשיכטע פֿון אַלטן אַשכּנזישן ישובֿ;
2. ייִדיש לשון פֿון אַשכּנזישן ישובֿ;
3. דער פֿאָלקלאָר פֿון אַלטן ישובֿ;
4. פֿאָלקס־ליטעראַטור (מיט אַ גענויער ביבליאָגראַפֿיע דערצו);
5. ייִדישע פֿאָלקסשרײַבער אין ארץ־ישראל (מיט ביאָ־ביבליאָגראַפֿישע פּרטים);
6. די געשיכטע פֿון דער ייִדישער פּרעסע אין ארץ־ישראל (מיט דער גענויער ביבליאָגראַפֿיע דערצו);
7. ייִדישע פֿאָלקסמוזיק, פֿאָלקסקונסט און פֿאָלקסקינסטלער;
8. ייִדיש טעאַטער אין ארץ־ישראל (דער אָנהייב זײַנער, אַנטוויקלונג, קאַמף קעגן אים אאַז״וו. אויפֿזוכן מאַטעריאַלן און מקורים דערצו);

9. אויספֿאָרשונגען וועגן איבערגאַנג פֿון דערוואַקסענע צו העברעיִש;

10. דער אײַנפֿלוס פֿון ייִדיש אויפֿן גערעדטן העברעיִש;

11. דער קאַמף פֿאַר ייִדיש אין ארץ־ישראל (אויפֿן יסוד פֿון מאַטעריאַלן פֿון דער העברעיִשער און ייִדישער פּרעסע אין ארץ־ישראל, היגע קולטור־געזעלשאַפֿטן, יוגנט־פֿאַרבאַנדן אאַז״וו);

12. די דערציִונג בײַם אַלטן און נײַעם ישובֿ;

13. עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישע אויספֿאָרשונגען וועגן נײַעם און אַלטן ישובֿ;

14. צונויפֿשטעל פֿון דער „ארץ־ישראל־ביבליאָגראַפֿיע" (מאַטעריאַלן וועגן ישובֿ, וועלכע געפֿינען זיך אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין ירושלים, אין דער ביבליאָטעק און סינסינעטי־קאָלעדזש אין אַמעריקע א״אַנד, וואָס אָן די מאַטעריאַלן איז אַן אויספֿירלעכע און גרינדלעכע פֿאָרש־אַרבעט אוממעגלעך;

15. אויפֿזאַמלען אָביעקטן פֿון מוזעאַלן כאַראַקטער (דערצו דאַרף מען אונטערנעמען עקספּעדיציעס אין ירושלים, טבֿריה, צפֿת, חבֿרון, ווו מען קאָן אַרויסבאַקומען אָדער אײַנקויפֿן אַזעלכע אָביעקטן, אויפֿזאַמלען אַנטיקן, ספֿרים, צײַטונגען און ענלעכע זאַכן פֿאַרן ייִוואָ).

ה) אָרגאַניזאַציע. צו דעם געהערט קודם־כּל 1) דאָס שאַפֿן פֿעסטע זאַמלער־גרופּעס פֿאַר דעם ייִוואָ איבערן גאַנצן לאַנד, וואָס זייערע מיטגלידער דאַרפֿן זיך פֿאַרנעמען איבערהויפּט מיט קלײַבן מאַטעריאַלן פֿאַרן ייִוואָ, און 2) גרינדן אין תּל־אָבֿיבֿ די „געזעלשאַפֿט פֿון פֿרײַנד ייִוואָ" מיט אָפּטיילונגען איבערן לאַנד, וועלכע דאַרף דער עיקר זאָרגן פֿאַר דער פֿינאַנציעלער אונטערשטיצונג פֿון דעם ייִוואָ און זיך פֿאַרנעמען מיט דער פּראָפּאַגאַנדע פֿאַרן ייִוואָ איבערן לאַנד און פֿאַרשפּרייטן די אויסגאַבעס פֿון ייִוואָ. צו דעם צוועק וואָלט מען געקאָנט אײַנאָרדענען ליטעראַרישע אָוונטן, ווו עס נעמען אַקטיוו אָנטייל די מיטגלידער פֿון ייִדישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־קלוב אין ארץ־ישראל. אין חשבון קומען אויך אָוונטן פֿון ייִדישן פֿאָלקלאָר, ווו עס ווערן דורך רעפֿעראַטן, רעציטאַציעס, געזאַנג, פֿאָרשטעלונג פֿון אָביעקטן פֿון מוזעאַלן כאַראַקטער מיט דערקלערונגען דערבײַ אויפֿגעקלערט דעם עולם צוהערער די וויכטיקייט און די אַרבעטן פֿון ייִוואָ.

עס שטעלט זיך אָבער די פֿראַגע: ווער דאַרף זײַן די צענטראַלע קערפּערשאַפֿט אין לאַנד, וואָס זאָל פֿאַר דעם אַלעם זײַן מאָראַליש פֿאַראַנטוואָרטלעך און זאָרגן פֿאַר דער אַקטיוויקייט פֿון די אויבן דערמאָנטע זאַמלער־גרופּעס און געזעלשאַפֿט „פֿרײַנד פֿון ייִוואָ"? מיר מיינען, אַז אָט די אַרבעט דאַרף נעמען אויף זיך דער ייִדישער ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־קלוב אין ארץ־ישראל, וואָס איז לויט זײַנע אויפֿגאַבן דערצו באַרופֿן. פֿון דער אַנדער זײַט דאַרף דער ייִוואָ שטיין אין ענגער פֿאַרבינדונג מיט דעם ליטעראַטן־

קלוב, אויפֿהאַלטנדיק, פֿאַרשטייט זיך, ווייטער די שוין פֿאַראַנענע פֿאַרבינדונגען פֿון דעם יִוואָ מיט יחידים, געזעלשאַפֿטן און ביבליאָטעקן אין ארץ-ישראל. ביידע — סײַ דער יִוואָ, סײַ דער ליטעראַטן-קלוב — וועלן פֿון אַזאַ צוזאַמען-אַרבעט האָבן די גרעסטע נוצן: דער יִוואָ וועט דאָ האָבן אַן אַדרעס צו ווענדן זיך צו ווענדן מיט אַלץ און מיט אַלעמען וואָס האָט אַ שײַכות צו דער יִוואָ-אַרבעט, דער „ליטעראַטן-קלוב" ווידער וועט דורך דעם, וואָס ער נעמט אויף זיך די אויפֿגאַבע, פֿאַרברייטערן זײַן טעטיקייט אין ארץ-ישראל.

איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל מוז דער יִוואָ אײַנזען, אַז אַ גרויסע וויכטיקע אַרבעט וואַרט אויף אים דאָ אין ארץ-ישראל, און דעריבער מוז ער זיך באַציִען צו איר מיט דער גרעסטער אויפֿמערקזאַמקייט און אַרײַננעמען ארץ-ישראל אין זײַן טעטיקייטס-פֿעלד. אמת, — אָט די אַרבעט איז פֿאַרבונדן מיט גרויסע אָנשטרענגונגען — אָרגאַניזאַציאָנעלע און מאַטעריעלע — פֿאַר וועלכע דער יִוואָ טאָר זיך אָבער נישט אָפּשטעלן.

קורץ: מער אויפֿמערקזאַמקייט, מי און אָנשטרענגונגען מצד דעם יִוואָ פֿאַר ארץ-ישראל — דאָס איז אונדזער פֿאָדערונג צו דעם איצטיקן אַלוועלטלעכן צוזאַמענפֿאָר פֿון יִוואָ אין ווילנע!

יִדישער ליטעראַטן- און זשורנאַליסטן-קלוב
אין ארץ-ישראל, תל-אָביב

פֿאָרזיצער: (—) ד"ר נ. ראַפּאַלקעס

נאָטיצן פֿון אַ זאַמלער

(צוגעשיקט צום יובל־צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט)

געווידמעט מיין מוטער פֿייגע,
דער פֿאָלקס־ייִדענע.

פֿאַראַנטוואָרטלעכע פּיאָניערן־אַרבעט. דער לעבעדיקער קאָנטאַקט מיט די פֿאָלקסמאַסן און אַ שטילע הייליקע עבֿודה „על מנת שלא לקבל פרס״—דאָס איז די מי פֿון אַ ייִוואָ־זאַמלער.

מיט דעם חוש פֿאַר זאַמלען דאַרף מען ווערן געבוירן. ער באַקומט אַ תּיקון אין שטענדיקן זוכן, סדרנען, קאָלעקציאָנירן אדג״ל.

איך פֿלעג פֿיל זוכן, זאַמלען און פֿאַרשרייבן. מײַן נטיה צו דעם איז געווען אַ גאָר שטאַרקע און מײַן בעסט פֿאַרגעניגן — אַ ביסל אַרבעט „פֿאַר דער זאַך״. ווער, וואָס און ווען איז מיך קיין מאָל ניט אָנגעגאַנגען. מיט איין מאָל אַנטשטייט דער ייִוואָ—אַ גלײַכער און אָפֿענער וועג. אַ מהלך רבֿ שוין, אָבער דאָס אָפּגעטועגע אין פֿאַרגלײַך מיט דעם וואָס שטייט אונדז נאָך פֿאָר איז ווי גאָרנישט.

צען יאָר אַרבעט און פֿאָרט דער אָנהייב.

איך האָב חשק בײַ דער געלעגנהייט צו פֿאַרצייכענען עטלעכע אינטערעסאַנטע מאָמענטן פֿון מײַן זאַמלער־אַרבעט.

בכדי אַדורכצופֿירן עפּעס, מוז מען זײַן אַ שטאַרקער „נודניק״, האָב איך אַמאָל געהערט און בקבלה איז צו מיר דערגאַנגען אַ מעשה וועגן אונדזער באַרימטן זאַמלער פֿון שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן איגנאַץ בערנשטיין, אַז ער זאָל אַמאָל האָבן אַוועקגעגעבן אַ פּשוטן ייִד אַ וואַגאָן צוקער פֿאַר אַ גוט פֿאָלקסווערטל. נישט איך האָב וואַגאָנען צוקער געטיילט, מיט קיין שום אַנדערע „ממתקים״ אויך נישט געצאָלט, נאָר פּראָסט פּשוט אַ סך צוגעשטאַנען. נישט זעלטן איז בחינם געווען די גאַנצע טירחא, נימאס איז עס אָבער מיר קיין מאָל נישט געוואָרן, בפֿרט ווען דער ייִוואָ האָט אַרײַנגעגעבן אין דער אַרבעט אַזאַ חיות.

איך דערמאָן זיך מײַן אָנהייב מיט יאָרן צוריק צו זאַמלען שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן פֿון מײַן געבוירן־שטעטל, וועלכע זענען אין דעם דערמאָנט

בערנשטיינס זאַמלונג נישטאָ. ווי נאָר אַ נײַס, ווי נאָר אַ טשעקאַווער רעדנס־אַרט, פֿלעג איך אים שוין נישט לאָזן פֿאַרפֿאַלן גיין, אַלץ פֿלעג איך אויפֿכאַפּן פֿאַרשרײַבן און באַאַרבעטן. נישט איין מאָל האָבן מיר דערבײַ פֿאָלקסמענטשן באַמערקט: „וועמען גייט דאָס הײַנט אָן, הײַנט זענען אַלע געבילדעט".

עטוואָס ענלעכס האָב איך געהערט, ווען איך האָב זיך פֿאַראינטערעסירט מיט פֿאָלקסנעמען און צונעמענישן. „עט! — רופֿט זיך אָפּ אַ גאָר אַלטע פֿרויזעט נאָר, הײַנט רופֿט מען דעם און יענעם אַזוי ווי אויפֿן פּאַס. אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, ווער האָט דאָס געהערט? יעדערער האָט זיך געהאַט זײַן צונאָמען".

פֿון דינים, מינהגים און אײַנגלייבענישן איז שוין אָפּגערעדט. דאָס האָט מען געמוזט אויפֿכאַפּן באַלד, קאָכעדיקערהייט, אַזוי ווי זיי גייען און שטייען, און נישט איין מאָל, בײַם איבערפֿרעגן, בעטן נאָך אַ מאָל נאָכטון אָדער זוכן אַ געלעגנהייט איז שוין געווען צו שפּעט. דער זאַמלער מוז דאָ זײַן גענוג געשיקט, ווײַל בײַ אַ נישט גענוגנדיקער רירעוודיקייט איז מיר נישט איין זאַך פֿון דעם מין פֿאַרלוירן געגאַנגען.

זאַמלען פֿאָלקס־מעשיות. וווּ און בײַ וועמען קען מען נאָך אַזוי פֿיל געפֿינען ווי בײַ אונדזערע קליינשטעטלדיקע בטלנים? מען געפֿינט דאָך אַזעלכע דערציילער אומעטום אין די שווערע הונדערטער. זיי דערציילן און דערציילן און האָבן הנאה דערפֿון. אַזאַ איינער קען אָנדערציילן ביז עס ווערט אים טרוקן אין דער קעל. ווי אָבער ער וועט באַמערקן אַ זאַמלער אָדער זײַנס אַ שרײַבפּענדל, ווערט ער באַלד פֿאַרשטומט. אַ שווערע אויפֿגאַבע האָט יעדער זאַמלער מיט דעם מין פֿאַרשוינגען, „מען מוז זיי קענען נעמען". צוטרוי קודם־כּל! דאַן מוז מען פֿאַר זיי באַהאַלטן דעם ציל און על כּולם קענען זיי אָנרעגן און אַרויספֿירן נישט באַמערקטערהייט אויף די געזוכטע טעמעס. נישט איין זאַמלער ווײַזט דערבײַ אַרויס גרויסע פֿעיִקייטן און אַפֿילו גבֿורות. זאַמלען פֿאַרן ייִוואָ איז בכלל אַ שווערע אַרבעט. איטלעכער פֿאָלקסמענטש, מערסטנס — אַלטע פֿרויען, אַ סך מלמדים, מאַסן וויצלער האָבן אוצרות שטאָף און מאַטעריאַלן פֿאַר דער ייִדישער פֿילאָלאָגיע, עטנאָגראַפֿיע און פֿאָלקלאָר, מען מוז זיך נאָר קענען צו זיי צוגעפּאַסן, אָרנטלעך אויפֿכאַפּן און אומבאַשעדיקט אַהיימברענגען אין ייִוואָ אַרײַן.

מיט דעם אַלעם איז נאָך אפֿשר צו דערלײַדן. ערגער איז, אַ סך ערגער מיט חפֿצים, אַנטיקן, ספֿרים וכדומה פֿאַרן ייִוואָ. יעדע ייִדישע שטוב כּמעט איז פֿול מיט „פֿאַרצײַטיקע" זאַכן, וואָס מען באַהאַלט ס'רובֿ פֿאַר פּסח אויף אַ בוידעם צי אין אַ קעלער. מײַנער אַ פֿרײַנד האָט שטיין אַזאַ פֿולע שאַנק מיט אַ ווערטפֿולער ביכער־זאַמלונג פֿון שווער זײַנעם אין אַ בוידעמשטיבל, ווײַל די קינדער זײַנע פֿאַרשטייען שוין דאָרט אַזוי צי אַזוי גאָרנישט. „איז וואָס דאַרף איך, טענהט ער, זיי זאָלן מיר כּסדר דולן אַ קאָפּ — „וואָס איז דאָס און וואָס איז יענץ". באַזונדערס, גיט ער צו, איז דאָס שוין אַן אָפּגעלעבטע

תקופה. אַנדערע ווידער, וואָס לעבן נאָך אין דער תקופה, האָבן אויך פיל און אָן אַ שיעור, עס איז אָבער זייער חיות און מען איז פול מיט פּיעטעט און הדרת-הכבוד פאַר אָט די הייליקייטן. אַחוץ די מקורים זענען נאָך דאָ אַלטע „שטיבלעך", חברות, אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס פול מיט מאַטעריאַלן, וואָס קענען דעם ייִוואָ און אונדזערע פאָרשער אַ סך געבן פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט און געגנוואַרט. די פראַגע איז ווידער, ווי אַזוי קומט מען צו דעם? ביי דעם, ווי פריער, זענען נישטאָ קיין שום כּללים און אָנווייזונגען, מען מוז זיך אַליין טרעטן אַ וועג און אָפטמאָל ביי־קומען גרויסע שטערונגען און שוועריקייטן. איך דערמאָן זיך אין אַ פּאָר פאַקטן:

איך האָב אַמאָל געגישטערט און געזוכט אויף אַ שולבוידעם אין אַזוי גערופענע „שמות" אַ גאַנצן הייסן זומערטאָג, אָראָפּ פאַרשטויבט און פאַרזידלט נישט צו דערקענען, אַז קינדער פלעגן מיר נאָכלויפן, אָבער אונטערן ראָק געטראָגן אַן אַלטן „צאינה וראינה", אַ „קב הישר".

ווערסט געוויר — ביי אַ פרומען ייִד, אַ קרוב פון רבנים און רביים און בן-בית אין גערער הויף, געפינט זיך אַ שלל אַלטע חפצים, זאַכן און פאַרשידענע אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן. הייב איך אָן צו גיין, זיך מיט אים אונטערהאַלטן, פון צייט צו צייט אים אַפילו פאַרטרעטן אין קלייט און אָט איז געשען דער נס: ער האָט מיר אין אַ שיינעם פרימאָרגן געמאַכט אַ פּעקל פון רבנישע אַלטע כּתבֿ־ידן, ספרים און אַ זעלטן שיין געמאָלטן שטר־רבנות פון פאַר 150 יאָר, דאָס אַלץ גוט פאַרקלעפּט און אייגנהענטיק אויפגעשריבן: „מתנת לבי בשביל המכון היהודי המדעי בווילנה". עס ליגט נאָך זיכער עד־היום אין ייִוואָ־אַרכיוו.

אַ צווייט מאָל אַזאַ פאַקט: לעבט זיך אין שטעטל אַ מענטש, אַ געזעל־שאַפטלעכער טוער מאנשי שלומנו, אַ באַריימטער (געווען מעבֿר לים אין קאַ־לאָמבוסעס מדינה) מיט אַ גאַר פיין אַנטוויקלטן חוש פאַר זאַמלען. האָט איר טאָקע ביי אים געפונען גאַנצע קאָלעקציעס מיט געזעלשאַפטלעכע פאָטאָגראַ־פיעס, פּראָטאָקאָל-ביכער, פאַראיין־שטעמפּלען, אויפרופן, טעאַטער־אַפישן, איינלאַדונגען, באַקאַנטמאַכונגען, מלחמה־דאָקומענטן, פאָלקסציילונגען, סיים־, סענאַט־, שטאָטראַט־ און קהילה־וואַלן, ביבליאָטעק־וועזן, שלום־עליכם-שול, בלימל - אָפּצייכונגען, לאָקאַלע, הומאָריסטישע צייטונגען, רעפעראַטן־ און באַנקעטן-מאַטעריאַלן און פיל אַנדערע, אַלץ סאָרטירט ערשטע קלאַס, מיט איין וואָרט — אַ גאַנץ בילד פון געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַ פּוילישער פּראָווינץ־שטאָט פאַרן ערשטן פערטל היינטיקן יאָרהונדערט. דער ייִוואָ איז אַנטשטאַנען. איך הייב מיט אים אָן אַרבעטן וועגן איבערשיקן די מאַטעריאַלן קיין ווילנע. ענטפערט ער: „איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר וועל איך אים הייסן איבערשיקן אַהין". עס איז אָבער געשען פריער. ער איז חלילה־וחס נישט געשטאָרבן (ער לעבט און זאָל זיין געזונט און שטאַרק), נאָר עס האָט זיך מיט אים געמאַכט אַ מעשה — ער האָט געמוזט עוקר זיין און דאָס ערשטע, אָן

וועלכן ער האָט זיך אָנגעכאַפּט, איז געווען דער יִיווא. אין אַ געוויסן זומער־טאָג רופט ער מיך אַרײַן צו זיך און איז מיר בקיצור מוסר מודעה, אַז ער שיקט מיט מזל אַלץ, וואָס ער האָט, איבער קיין ווילנע, דאָס איז זײַן איינציקע טרייסט און מיט דעם פאַרענדיקט ער זײַן געזעלשאַפטלעכע מיסיע אין לעבן.

מיר זענען זיך, אמת, אַ סך אויסגעשטאַנען, אָבער סוף־כּל־סוף האָבן מיר די עטלעכע שפּאָרע קאַסטענס באַזאָרגט מיט אַ באַנפּראַכט קיין ווילנע.

אַ קלייניקייט: אַ פרומער ייִד האָט בירושה אַלטע ספרים און צווישן זיי די ערשטע ווענעציאַנער דרוקן. ער וויל זיי פאַרקויפן, מיר האַנדלען זיך, ביז ער פאָרט אויף אַ יום־טוב צום רבין, נעמט זיי מיט צו ווײַזן און ברענגט עס מער נישט צוריק, באשר בכן דער רבי האָט אים געבעטן, ער זאָל דאָס איבערלאָזן. אַפּנים דער רבי איז בײַ אים געווען בילכער ווי דער ייִוואָ.

קום איך אַרײַן צו אַן אײַזן־הענדלער, ווענדט ער זיך צו מיר בזה הלשון: „איר קענט זיך דאָך עפּעס, וואָס איז דאָס אַזוינס ווייסט איר?" ווײַזט זיך אַרויס, ער האָט געלטבאַנעס, וואָס זײַן זיידע, אַ גביר, פלעגט אַרויסגעבן בשעתן פוילישן יאַנואַר־אויפשטאַנד אין יאָר 1863, ווען עס איז געווען אַ גרויסער מאַנגל אין געלט. אַ זייער אינטערעסאַנטער דאָקומענט פאַרן ייִוואָ, וואָס האָט ביז איצט אויסגעפעלט אין דער באַרימטער ראַפּערסוו־ללער זאַמלונג פון דעם מין אַ"ג „פּאַווסטאַניע־געלטער", אַריבערגעטראָגן קיין וואַרשע אין מוזיי פון דער מלוכישער געלטפאַבריק.

אַן אַנדערש מאָל זוך איך אין אַ שטעטל בײַ אַן אַנגעזעענעם באַלעבאָס, וואָס ווײַזט מיר זײַן ספרים־שאַנק, עפן אויף ספרים צו עטלעכע צוזאַמען גע־בונדן און געפין אין איין באַנד צווישן פאַרשיידענע השכּלה־ביכלעך אַהרן ליבערמאַנס „האמת". עס האָט מיר אַזש אָנגעהויבן צו שווינדלען אין קאָפּ. איך האָב גאָרנישט געזאָגט בכדי נישט קאַליע צו מאַכן דעם עסק. איך בין דעמאָלט אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן, נאָר געקלערט און פאַר־שידענע עצות און תּחבולות צוגעטראַכט. איך דערוויס זיך אין דער צווישנצײַט ווער דער מענטש איז, מיט וואָס מען נעמט אים און פון אַלעם קומט אַרויס, אַז פון „אונדזערע השגות" איז ער גאַנץ ווײַט און קיין ספר פון דער האַנט גיט ער נישט אַרויס. וואָס טוט מען? איך מאַך מיט אים סוף־כּל־סוף אַ נאָענטע באַקאַנטשאַפט און בעט אים, נאָך אַ לאַנגער צײַט פאַרן אָפּפאָרן פון דעם שטעטל, אין עפּעס אַ בוך לזכּרון. ער — דאָס קען ער נישט, יענץ טאָר ער נישט, פאַר דעם האָט ער געגעבן אַ „שנאַל מיט גאָלד", אַן אַנדער ווידער ספר האָט ער באַקומען פון איינעם וואָס איז שוין משׁשת ימי בראשית אויפן עולם־האמת. הקיצור — עס איז גאָרנישט צו מאַכן. איך וויל מאַכן אַ חילוף מיט ספרים — אַלץ בחינם. איז מיר אײַנגעפאַלן אַ המצאה: איך בעט עפּעס אַ ספר, דאַכט זיך דאָס ערשטע בעסטע וואָס איז מיר אין דער האַנט אַרײַנגעפאַלן, אַ גאָרנישט וויכטיקס און ער בשום אופן נישט. איך פאָר באַלד אָפּ ברוגז, עס מישן זיך אַרײַן ידידים און גוטע פרײַנד און ער

גיט אַלץ פֿאַרשיידענע זאַכן שוין, נאָר גראָד דאָס ספֿר נישט, ווײַל אַז איך וויל עס אַזוי שטאַרק, מוז עס זײַן אַ גאָר לעילא ולעילא. נאָך אַ ביסל האָב איך זיך געהאַנדלט, ביז איך האָב געשאָסן און געטראָפֿן: ער גיט דעם „האמת", נאָר „יענץ ספֿר" נישט. מילא, פֿאַרפֿאַלן. איך בין נישט צוגעפֿאַלן גלײַך דערצו, כּדי ער זאָל נישט חרטה האָבן, נאָר ווען ער האָט עס מיר פֿעסט אין דער האַנט אַרײַנגעדריקט, האָב איך עס „בלית ברירה" צוגענומען. הײַנט באַשײַנט עס די ביבליאָטעק פֿון ייִוואָ.

ערשט נישט לאַנג האָב איך געהאַט מיט אַן אָביעקט פֿון אַלט-ייִדישער הלבשה: קומט צו מיר אַן אַרבעטסלאָזער בונדיסט און פֿאַרטרויט מיר, בכן בײַ אַן אַלטער קרובֿה זײַנער געפֿינט זיך אַ פֿאַרצײַטיק קלייד מיט אַ פּעלע-רינע, שיינע האַנטאַרבעט פֿון פֿאַר עטלעכע צענדלינג יאָר צוריק, גאָר אינ-טערעסאַנט, זי וויל עס אָבער נישט פֿאַרקויפֿן פֿאַר כּל הון דעלמא. פֿונדעסט-וועגן געפֿינט עס זיך שוין הײַנט אין ייִוואָ-מוזיי. דער ייִוואָ איז אַלץ ווערט.

עס וואָלט נאָך געווען אַ סך און איבערגעענוג צו דערציילן וועגן מײַן אופֿן פֿון זאַמלען בײַ קינדער שפּילזאַכן, לידער, רעטענישן, מעשיות, פֿאַר-שידענע שפּילן, רעליגיעזע חפֿצים ווי גרעגערס, דריידלעך, מאַרקעס, שבֿועות-לעך, לשנה-טובֿהס, שמחת-תּורה-פֿענער, סוכּה-קייטן א"אַ. דאָס אָבער איז אַ באַזונדער קאַפּיטל פֿאַר זיך.

דערווײַל האָבן מיר איינס: גיין פֿאָרויס, דען מיר הייבן ערשט אָן.

י. טויב

די אַרבעט פֿון דער טערמינאָלאָגישער קאָמיסיע

(צו דעם באַריכט פֿון דער פֿילאָלאָגישער סעקציע)

טערמינאָלאָגיע איז אַ גאָר וויכטיקער ענין פֿון אונדזער קולטור=בויונג. ליידער האָט דער יִוואָ ביז איצט ניט באַוויזן אַרויסצוקומען מיט עפּעס פּאַרטיקס. די לכתחילהדיקע פֿאַרמעסטונגען (יאָר 1926) צו לאָזן אַרבעטן אַ ריי ספּעציעלע קאָמיסיעס אויף די באַזונדערע געביטן פֿון שול= און פֿאַך=טערמינאָלאָגיע האָבן זיך ניט געלאָזט רעאַליזירן מחמת אויספֿעלן פֿון מיטלען און די אומנאָרמאַלע באַדינגונגען פֿון דער אַרבעט. אָבער דאָס וואָס עס האָט זיך געלאָזט טאָן מיט ווייניק מיטלען איז געטאָן געוואָרן.

מיר האָבן צו פֿאַרצייכענען אַ גרויסע פּעולה אין זין פֿון אָנגרייטן דעם נייטיקן שפּראַך=מאַטעריאַל פֿאַר דער אַרבעט פֿון טערמינאָלאָגישע קאָמיסיעס. עס איז אין משך פֿון דער צײַט מיט די גאָר קנאַפּע מיטלען און קאַרגן אַפּאַראַט, בײַ דער געטרײַער מיטאַרבעט פֿון די יִוואָ=זאַמלער, אויפֿגעקליבן געוואָרן אַ קאָלאָסאַלער שפּראַך=פֿאַרמעגן.

די אונטערשטע שורה: מיר האָבן אַרײַנבאַקומען 680 טערמינאָלאָגישע זאַמלונגען פֿון **העכער 100 פֿאַכן** און ווּיסנש׳ דיסציפּלינעס מיט אַ פֿאַרמעגן פֿון **25 000 אויסדרוקן,**

פֿון דעם 400 זאַמלונגען פֿאַך=לשון פֿון 84 מלאָכות 15.000 טערמ׳
240 „ ווּיסנשאַפֿטל׳ טערמ׳ פֿון 15 געביטן 9.200 טערמ׳
40 „ פֿאַך=זשאַרגאָנען פֿון 6 „ 800 אויסדרוקן

דער מאַטעריאַל איז ניט געבליבן רוי. מען האָט איבער אים כּסדר געאַרבעט. בײַ דער מיטהילף פֿון וואָלאָנטיאָרן סתם און וואָלאָנטיאָרן פֿאַכמענער האָט מען סיסטעמאַטיזירט די טערמינאָלאָגיע פֿון די וויכטיקסטע פֿאַכן.

פֿון פֿאַך=טערמינאָלאָגיעס האָבן מיר סיסטעמאַטיזירט 180 זאַמלונגען פֿון 24 פֿאַכן. די וויכטיקסטע פֿון זיי:

מעטאַלפֿאַכן: שלאָסערײַ, בלעכערײַ, זייגערמאַכערײַ, יוּוועלירערײַ.

לעדערפֿאַכן: שוסטערײַ, שטעפּערײַ, פֿוטער=קירזנערײַ.

האָלצפֿאַכן: סטאָלערײַ, האָלץ=טאָקערײַ.

נאָדלפאַכן: שנײַדערײַ, װעשנײטערײַ.

פּאַפּירפאַכן: אײַנבינדערײַ.

לאַנדװירטשאַפט: קצבֿות, אײערפאַך.

סך־הכּל פון די פאַכן זענען סיסטעמאַטיזירט 9000 טערמינען.

אויב מען זאָל באַשליסן אַרויסצוגעבן רעקאָמענדירטע פאַך־טערמינאָלאָגיעס, װעט דער סיסטעמאַטיזירטער מאַטעריאַל אומגעהויער פאַרלײַכטערן די אַרבעט פון די פאַך־קאָמיסיעס. אויב װידער לאָזן דרוקן רויען שפּראַך־מאַטעריאַל, איז געבליבן גאָר װייניק צו טאָן, בכדי צו געבן דעם מאַטעריאַל אין זאַך.

פון װיסנשאַפטלעכער טערמינאָלאָגיע איז בעיקר געאַרבעט געװאָרן אויף צװיי געביטן: נאָמענקלאַטור פון באָטאַניק און זאָאָלאָגיע, יידישער געאָגראַפישער אינדעקס.

װעגן די ביידע אַרבעטן, װאָס װערן געפירט אין דער קאָמיסיע, װאָלט מען באַדאַרפט רעפערירן אויספירלעך. דאָ האָט איר בלויז אַ פּאָר קורצע ידיעות.

פון דער נאָמענקלאַטור פון באָטאַניק און זאָאָלאָגיע האָט מען ביז איצט סיסטעמאַטיזירט העכער 3000 נעמען. די אַרבעט גייט צו לאַנגזאַם מחמת עס װערן פון די מקורים געשעפּט גלײַכצײַטיק אי נעמען פון געװיקסן אי נעמען פון בעלי־חיים. די נאָמענקלאַטור פון באָטאַניק װערט איצט מער פאָרסירט — מיטן געדאַנק, דער טייל זאָל פריִער װערן פאַרטיק.

דער ציל איז צו שאַפן אַ געזונטן יסוד פאַר דער פאַראײנהײטלעכונג פון דער נאָמענקלאַטור. עס װערן אין דער קאַרטאָטעק אַרײַנגענומען אַלע נעמען װאָס זענען אַרײַן אין גבֿול פון יידיש. אויסגענוצט צו דעם די נאַטור־װיסנשאַפטלעכע און לאַנד־װירטשאַפטלעכע ליטעראַטור אויף יידיש, לערנביכער, איבערזעצונגען פון תּנ״ך, משנה און תּלמוד אויף יידיש, רפֿואה־ביכלעך, אַמאָליקע יידישע פאָלקסנעמען, די קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור מענדעלע אאַנ״ד), יידישע װערטער־ביכער, קאָכביכער אאַז״װ.

די װײַטערדיקע אַנטװיקלונג פון דער אַרבעט איז געװענדט אין די מיטלען, װאָס מיר װעלן דערויף אַסיגנירן.

װאָס שייך דעם געאָגראַפישן אינדעקס גייט אַן אַרבעט אויף אויפצושטעלן דעם יידישן געאָגראַפישן אינדעקס פון מזרח־אייראָפּע. דאָס מיינט קודם: פּוילן, ליטע, לעטלאַנד, רומעניע, טשעכאָסלאָװאַקײַ.

אַלס ערשטע אויפגאַבע האָט מען זיך געשטעלט צו נאָרמירן דעם באַנוץ פון די יידישע אָרטנעמען פון פּוילן. אין דער ריכטונג איז געפירט געװאָרן אַן אינטענסיװע זאַמל־אַרבעט מיט דער הילף פון אינסטרוקציעס, אַנקעטעס און אַ ספּעציעלער קאָרעספּאָנדענץ. בײַ 100 פּערזאָן (װיסנשאַפטלער, זאַמלער און

לערער פֿון די ייִדישע פֿאָלקשולן) האָבן זיך באַטייליקט אין דער זאַמל-אַרבעט, צ"א: ש. ווינטער, מ. קוטשינסקי (וולאָצלאַוועק), ישעיה טויב (לוּוויטש), ג. ווײַסמאַן (ראָדעם), ראובן פֿאַהן (סטאַניסלאַוו), י. ווײַנלעז (לעמבערג), ברידער פּיפּע (סאָניק), אינזש' ווילטשינסקי (טשענסטאָכאָוו), ב. בערנשטיין (קאָרעץ), י. זעליקאָוויטש (לאָדזש) און צענדליגער אַנדערע. מיר האָבן זאַמלונגען פֿון די פֿאַרשטאָרבענע פֿאָרשער, די פּ"פּ לייבל טויבש, שאול חיות, משה פֿײַנקינד.

בסך-הכּל איז ביז איצט געזאַמלט מאַטעריאַל צו 2500 ישובֿים.

די טערמינאָלאָגישע קאָמיסיע האָט שוין אויפֿן סמך פֿון דעם אויפֿגעזאַמלטן מאַטעריאַל פֿאַרטיק אַ פּראָיעקט פֿון אַ רעקאָמענדירטן אויסלייג פֿון די וויכטיקסטע 1000 ייִדישע ישובֿים אין פּוילן.

די אַרבעט באַשטייט: 1) פֿון אַ פּויליש-ייִדישן גרונדאינדעקס מיט ידיעות וועגן דער אַדמיניסטראַטיווער צוגעהעריקייט פֿון די ישובֿים; 2) פֿון אַ ייִדישן זוכצעטל; 3) פֿון אַ ייִדישער מאַפּע פֿון פּוילן.

אויף דעם זעלבן אופֿן איז פּראָיעקטירט די נאָרמירונג פֿון די ייִדישע געאָגראַפֿישע נעמען פֿון די אַנדערע אייראָפּעיִשע קיבוצים.

פֿון פֿאַך-זשאַרגאָנען האָט די קאָמיסיע מאַטעריאַל צו פֿינף געביטן: 1) צום קלעזמער-לשון, 2) בעלי-עגלה-שפּראַך, 3) גנבֿים-שפּראַך, 4) שנײַדער-שפּראַך, 5) קאָרטן-שפּראַך. די רײַכסטע זאַמלונגען זענען פֿון קלעזמער-לשון. עס זענען פֿאַרגעשטעלט כּמעט אַלע ייִדישע שפּראַכגעביטן פֿון פּוילן (אין אַ קלענערער מאָס אויך פֿון רומעניע, קאַרפּאַטן-רוסלאַנד, ליטע). די קאַרטאָטעק ציילט איבער 400 קלעזמערישע אויסדרוקן, ד"ה טאָפּלט אַזוי פֿיל אויסדרוקן ווי אין די ביז איצט פֿאַרעפֿנטלעכטע אַרבעטן פֿון ד"ר ש. ווײַסענבערג, נח פּרילוצקי און י. טריוואַקס. אויפֿן סמך פֿון דעם מאַטעריאַל וועט מעגלעך זײַן צוצוגרייטן אַן אַרומנעמענדיקע אַרבעט איבער דעם ייִדישן קלעזמער-לשון.

די נײַע צ"פּ וועט מוזן באַוואָרענען אַ געוויסע סומע אויף צו פֿאַרברייטערן די אַרבעט פֿון דער טערמינאָלאָגישער קאָמיסיע:

א. אויף צו פֿאַרגרעסערן די זאַמלערישע אַרבעט.

ב. אַרויסצוגעבן דעם ייִדישן געאָגראַפֿישן אינדעקס פֿון פּוילן.

ג. אויף צו פֿאַרענדיקן די צוגרייט-אַרבעטן צו דער נאָמענקלאַטור פֿון באָטאַניק און זאָאָלאָגיע.

ד. אויף דער אַרבעט פֿון צוויי סובקאָמיסיעס, איינע פֿאַר נאָך אַ שול-טערמינאָלאָגיע, דאָס צווייטע פֿאַר אַ פֿאַך-טערמינאָלאָגיע לויטן אויסקלײַב פֿון דער פּלסעקציע.

הוספה נומ׳ 5

רשימה פֿון די וויסנשאַפֿטלעכע רעפֿעראַטן צום צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִוואָ

די דאָזיקע רשימה אַנטהאַלט די רעפֿעראַטן וואָס זײַנען צוגעזאָגט געוואָרן פֿאַרן צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִוואָ. פֿון זיי זײַנען געהאַלטן געוואָרן 33, 14 זײַנען צוגעשיקט געוואָרן אין מאַנוסקריפּט, 6 זײַנען צו דער צײַט ניט צוגעשטעלט געוואָרן. ס״ה געפֿינען זיך איצט אין אונדזער רשות 31 כּתבֿ־ידן, וואָס וועלן פֿאַרעפֿנטלעכט ווערן צום גרעסטן טייל אין די ייִוואָ־בלעטער און אַנדערע אין די שריפֿטן פֿון ייִוואָ. אין דעם איצטיקן נומער ווערן געדרוקט 7 פֿון די דאָזיקע רעפֿעראַטן.

I. אַלגעמיינע טעמעס

1. ד״ר י. דאווידזאָן (קאָפּנהאַגן): פֿאַרגלײַכנדיקע מעטאָדע אין דער פֿאָרשונג פֿון קולטור־ענינים.
2. ד״ר מ. ווײַנרײַך (ווילנע): אַקטואַליזירונג פֿון דער וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט (קאָרעפֿעראַטן פֿון נ. פּרילוצקי און י. לעשטשינסקי.)
3. ד״ר א. טאַרטאַקאָווער (לאָדזש): וועגן דעם מהות און די אויפֿגאַבעס פֿון אַ ייִדישער סאָציאָלאָגיע.
4. ל. פֿינקעלשטיין (וואַרשע): מיטאָס, אַלעגאָריע, מעטאַפֿיזיק.
5. פּראָפֿ׳ פֿ. שניאורסאָן: די גרונט־פּראָבלעמעס פֿון דער ייִדישער וויסנשאַפֿט.

II. אויפֿן געביט פֿון דער פֿילאָלאָגישער סעקציע

6. ד״ר פֿ. בעראַנעק (ייִנדריכאָוו הראַדעץ): ייִדיש אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ.
7. נ. גאָלדבערג (ניו־יאָרק): די סבֿיבֿה און דער ייִדישער שרײַבער.
8. ד״ר מ. דיאַמאַנט (טשערנאָוויץ): ייִדישע פֿאָלקס־קונסט.
9. ד״ר מ. ווײַכערט (וואַרשע): פּראָבלעמעס פֿון דער ייִדישער טעאַטראָלאָגיע.
10. נ. ווײַניג (ווילנע): געשיכטע און פּראָבלעמעס פֿון דער ייִד׳ פּאַרעמיאָגראַפֿיע.
11. ד״ר מ. ווײַנרײַך (ווילנע): גרונט־פּראָבלעמעס פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור־שפּראַך.
12. יודאַ א. יאָפֿע (ניו־יאָרק): ייִדיש אין אַמעריקע.
13. ד״ר י. נאַדעל (ריגע): פֿאָרשונגען וועגן העברעיִשן סינטאַקסיס.
14. נ. פּרילוצקי (וואַרשע): מיט וואָס איז ייִדיש אָפּגעשיידט פֿון דײַטש?
15. ז. קלמנאָוויטש (ווילנע): די ייִד׳ ליטעראַטור־שפּראַך אין אָנהייב 19טן י״ה (יוסף פּערל און זײַן קרײַז).
16. ז. רייזען (ווילנע): די ייִדישע פֿאָלקס־ליטעראַטור אין 19טן י״ה

III. אויפֿן געביט פֿון דער היסטאָרישער סעקציע

17. ד״ר י. ברוצקוס (פּאַריז): די עלטסטע געשיכטע פֿון ייִדן אין קרים.
18. פּראָפֿ׳ ש. דובנאָוו (ריגע): דער איצטיקער צושטאַנד פֿון דער ייִדישער היסטאָריאָגראַפֿיע.
19. ד״ר ר. גלאַנץ (ווין): די אונטערשטע שיכטן פֿון דײַטשן ייִדנטום אין 18טן י״ה.
20. פּראָפֿ׳ מ. הלוי (בוקאַרעשט): די ייִדישע אויטאָנאָמיע און דער קאַמף פֿאַר דער עמאַנסיפּאַציע אין רומעניע אין 19טן י״ה.
21. ד״ר מ. העלער (ווילנע): אַ ייִדיש שטעטל אין דער ליטע אין 18טן י״ה.
22. ש. ווינטער (װלאָצלאַוועק): אַ קונטרס מיט חשבונות פֿון לובראַנצער קהל פֿון 19/1818.
23. א. טשעריקאָווער (פּאַריז): די מעטאָדן צו פֿאָרשן די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג.

24. י. ליפשיץ (ניו־יאָרק): די אַמעריקאַנער אינטערווענציעס וועגן די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד אין די 1880ער יאָרן.
25. י. לעוויטאַן (ניו־יאָרק): דער דובנער פּנקס.
26. ד״ר ר. מאַהלער (וואַרשע): וועגן נאַציאָנאַל־סאָציאַלן כאַראַקטער פֿון דער קאַראַימישער באַוועגונג אין איר אָנהייב־תּקופֿה.
27. מ. מיזעס (וואַרשע): ייִדישע בעלי־מלחמות אין פּוילן אין 17טן און 18טן י״ה.
28. אַ. מענעס (פּאַריז): נביאים און פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונג.
29. ד״ר ר. נאָטיק (ווילנע): צו דער געשיכטע פֿון האַנטווערק בײַ ליטווישע ייִדן.
30. ד״ר ג. פּאַק (ווילנע): די ייִדישע פֿראַגע אין דער אידעאָלאָגיע פֿון דער רוסישער אינטעליגענץ אין 19טן י״ה.
31. ד״ר פ. פֿרידמאַן (לאָדזש): אָרגאַניזאַציע פֿון דער ייִדישער היסטאָריאָגראַפֿיע.
32. ד״ר פֿ. פֿרידמאַן (לאָדזש): אינדוסטריאַליזירונג פֿון ייִדן אין קיניגרײַך פּוילן אין די יאָרן 1800—1870.
33. פּ. קאָן (ווילנע): די אינווענטאַריזירונג פֿון אַרכיוו־מאַטעריאַלן מכּוח ייִדן אין אַלגעמיינע און ייִד׳ אַרכיוון אין מזרח־אייראָפּע.
34. ד״ר ע. רינגעלבלום (וואַרשע): צו דער קולטור־ און שטייגער־געשיכטע פֿון די וואַרשעווער ייִדן אין 18טן י״ה.
35. ד״ר י. שאַצקי (ניו־יאָרק): די ייִדישע היסטאָריאָגראַפֿיע אין אַמעריקע.
36. ב. שטיינבערג (ניו־יאָרק): די אַגראַריזירונג פֿון די ייִדן אין אַמעריקע פֿאַר 1880.
37. ד״ר י. שיפּער (וואַרשע): מקורים צו דער געשיכטע פֿון וועד־אַרבע־אַרצות.

IV. אויפֿן געביט פֿון דער עקאָנ׳־סטאַטיסטישער סעקציע

38. י. גיטערמאַן (וואַרשע): די פּראָדוקטיווירונג פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין פּוילן.
39. פּראָפֿ׳ ל. הערש (זשענעוו): וועגן דער קרימינאַליטעט צווישן ייִדן אין פּוילן.
40. ד״ר ה. לאַנדוי (פּאָנעוועזש): די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג אין דער אומאָפּהענגיקער ליטע (1918—1935) און די פּערספּעקטיוון פֿון דער ייִדישער עקאָנאָמיק.
41. י. לעשטשינסקי (וואַרשע): דער איצטיקער צושטאַנד פֿון דער וועלט־ווירטשאַפֿט און די פּערספּעקטיוון פֿון דער ייִדישער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג.
42. ל. קאַנעל (ביאַליסטאָק): פֿאַך־קאָנסולטאַציע און דער יודישער עקאָנאָמישער אויפֿבוי.

V. אויפֿן געביט פֿון דער פּסיכ׳־פּעדאַגאָגישער סעקציע

43. ד״ר ח. אָרמיאַן: די הײַנטיקע ייִדישע פּסיכאָלאָגיע און אירע באַדערפֿענישן.
44. ד״ר ז. בערנפֿעלד (ווין): וועגן דער פּשוטער מאַנסבילשער פּובערטעט.
45. אַ. גאָלאָמב (בן־שמן): שיפֿלות־פּסיכאָלאָגיע.
46. ל. לעהרער (ניו־יאָרק): לערער און שולן אין פֿאַרשיידענע קולטורעלע און פּסיכאָלאָגישע סיטואַציעס.
47. ד״ר מ. ווײַנבערג (פּיטסבורג): אויסזיכטן פֿאַר ייִדישע פֿאָרשונגען אויפֿן פּסיכיאַטרישן פֿעלד.
48. ש. לעווין (קאָוונע): טיפּאָלאָגישע אויספֿאָרשונג פֿון די שילער פֿון קאָוונער קאָמערץ־גימנאַזיע.
49. ר. סימכאָוויטש (וואַרשע): אַן אויספֿאָרשונג וועגן דער מאָראַליטעט פֿון די ייִדישע שולקינדער אין ווילנע.
50. ד״ר ה. עליאַסבערג (ווין): דעמאָקראַטישע פּראָפּאַגאַנדע.
51. ד״ר ה. קאָוואַרסקי (ווילנע): נערוועזקייט בײַ קינדער.
52. ד״ר אַ. אַ. ראָבאַק (קעימברידזש, מאַס): אָפּשטאַם און אויסדרוק־שטייגער.
53. ד״ר י. רובין (תּל־אָבֿיבֿ): ייִדישע קינדער אין ארץ־ישׂראל.

סעסיע פֿון דער צענטראַלער פֿאַרוואַלטונג

דעם 20סטן אויגוסט 1935, נאָכן שלוס פֿון צוזאַמענפֿאָר, האָט די נײַ אויסגעוויילטע צענטראַלע פֿאַרוואַלטונג פֿון ייִוואָ אָפּגעהאַלטן איר ערשטע סעסיע.

אויף דער ערשטער זיצונג זײַנען בײַגעווען: י. גיטערמאַן, ה. גילישענסקי, מ. ווײַנרײַך, ב. כּהן-ווירגילי, א. טשעריקאָווער, י. לעשטשינסקי, י. מאַרק, נ. מײַזעל, נ. פּרילוצקי, נ. פֿײַנערמאַן, ב. קלעצקין, ז. קלמנאָוויטש, ז. רייזען, די מיטגלידער פֿון ראַט: ש. באַסטאָמסקי, ר. גלאַנץ, י. גענש, א. זײַנפֿעלד, ג. פּלודערמאַכער, און מיטגלידער פֿון רעווידיר-קאָמיסיע: י. ראַדוליאַנסקי.

די צ"פֿ האָט אויסגעוויילט אין אויספֿיר-ביוראָ די ווײַטערדיקע מיטגלידער: י. גיטערמאַן, מ. ווײַנרײַך, ב. כּהן-ווירגילי, א. טשעריקאָווער, י. לעשטשינסקי, ז. קלמנאָוויטש, ז. רייזען.

דעם אויספֿיר-ביוראָ וועט אָפּגעגעבן אַרויסצוגעבן דעם באַריכט פֿון צוזאַמענפֿאָר אין דער פֿאָרם און אין דעם פֿאַרנעם, ווי עס וועט געפֿינען פֿאַר מעגלעך.

עס ווערן באַשטעטיקט די סעקרעטאַרן פֿון וויסנשאַפֿטלעכע סעקציעס אין פֿריערדיקן באַשטאַנד. עס ווערט באַשלאָסן, אַז דאָס אויספֿיר-ביוראָ זאָל אויסאַרבעטן אַ פּראָיעקט צו רעאָרגאַניזירן די פּסיכאָלאָגיש-פּעדאַגאָגישע סעקציע אין הסכּם מיט די באַשלוסן, וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן אויפֿן צוזאַמענפֿאָר. עס ווערט אַרויסגעזאָגט דער ווונטש, אַז די סעקציעס זאָלן פֿאַרברייטערן זייער באַשטאַנד דורך צוציִען מיטגלידער-קאָרעספּאָנדענטן.

עס ווערט אויסגעוויילט אַ קונסט-קאָמיסיע פֿאַר דעם קונסט-מוזיי אין אָט דעם באַשטאַנד: יאַנקל אַדלער, וואַרשע; נחום אַראָנסאָן, פּאַריז; רחל בערנשטיין-ווישניצער, בערלין; יוליוס גענש, טאַרטו; בער זאַלקינד, ווילנע; אַבֿרהם זײַנפֿעלד, לעמבערג; י. מ. נײַמאַן, וואַרשע; י. א. עליאָוויטש, וואַרשע; בנציון צוקערמאַן, ווילנע; נח פּרילוצקי, וואַרשע; סעקרעטאַר פֿון דער קונסט-קאָמיסיע א. זײַנפֿעלד. די צ"פֿ נעמט צו קענטעניש די ערקלערונג פֿון מאַרק שאַגאַל, פּאַריז, דעם איניציאַטאָר פֿון דעם קונסטמוזיי, וועגן זײַן אַקטיווער מיטאַרבעט פֿאַר דעם קונסטמוזיי. די ערשטע אויפֿגאַבע פֿון דער קונסט-קאָמיסיע איז אויסצואַרבעטן אין משך פֿון 3 חדשים אַ גענויעם פּלאַן, ווי אַזוי דער ייִדישער קונסטמוזיי בײַם ייִוואָ זאָל אָרגאַניזירט ווערן, און מאָביליזירן אַלע פֿרײַנד פֿון דער ייִדישער קונסט פֿאַר דעם נײַ געשאַפֿענעם צענטער פֿון דער ייִדישער קונסט און דעם ייִדישן קינסטלער.

אויף דער צווייטער זיצונג פֿון צ"פֿ האָבן זיך באַטייליקט: ה. גילישענסקי, מ. ווײַנרײַך, ב. כּהן-ווירגילי, י. לעשטשינסקי, י. מאַרק, נ. מײַזעל, ב.

קלעצקין, ז. קלמנאָוויטש, ז. רייזען, ר. גלאַנץ, א. זײַנפֿעלד, י. שאַפּיראָ, י. ראַדוליאַנסקי.

עס איז אויסגעהערט געוואָרן און באַשטעטיקט דער באַריכט פֿון מ. וויַנרײַך

וועגן דער אַספּיראַנטור א״נ פֿון ד״ר צ. שאַבאַד:

אויף דער מעלדונג וועגן דער גרינדונג פֿון דער אַספּיראַנטור זײַנען אָנגעקומען קרובֿ 80 אַפּליקאַציעס. דאָס אויספֿיר-ביוראָ אין פֿאַרשטענדיקונג מיט די סעקרעטאַרן פֿון די וויסנשאַפֿטלעכע סעקציעס האָט באַשטעטיקט פֿאַר אַספּיראַנטן אויף דעם יאָר 1935—36 15 אַפּליקאַנטן און באַשטימט פֿאַר זיי אָט די טעמעס:

מגר׳ אַהרן אײַזענבאַך, וואַרשע: די ייִדן אין וואַרשעווער פֿירשטנטום—אַ פּרוּוו פֿון אַ סינטעטיש בילד פֿון דער געשיכטע פֿון די ייִדן אין פּוילן אָנהויב 19טן י״ה; אינזש׳ יעקבֿ באַביצקי, סטאַניסלאַוו: די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿט אין סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט—עקאָנאָמיש-סטאַטיסטישע אויספֿאָרשונג (לויט אַ ספּעציעל אויסגעאַרבעטער און פֿאַרעפֿנטלעכטער אַנקעטע); מגר׳ משה בלעכער, קראָקע: די השפּעה פֿון הייגריך היינע אויף דער ייִדישער ליטעראַטור און די ייִדישע היינע-איבערזעצונגען; מרדכי גיליגסקי מעדזעשין: ייִדישע קינדער-ליטעראַטור; חיים גינינגער, טשערנאָוויץ: אויססדרונג פֿון ד״ר אַלפֿרעד לאַנדויס ייִדישן ווערטערבוך; מגר׳ סערגיוש גליקסאָן, כוואַלק: די ייִדישע פּראָווינציאַנעלע יוגנט אין ווילנע; יוסף-דוד דערעוויאַנסקי, זשעלודאָק: די ייִדישע ראַבינער-שול אין ווילנע 1847—1873; אינזש׳ שמשון טאַפּאַך, ווילנע: אַ ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער ישובֿ אין ווילנער געגנט—עקאָנאָמיש-סטאַטיסטישע און שטייגערישע אויספֿאָרשונג; מגר׳ מנחם לינדער, שניאַטין: דער זעמשערפֿאַך אין ווילנע; דניאל לערנער, אַזדוטיטש: די ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכקייט אין ווילנע אין יאָר 1905; מיכאל שוטאַן (נאַטיש), סוועגציאַן: יעקבֿ דינעזאָן, זײַן לעבן און שאַפֿן; שמואל-זײַנוול פּיפּע, סאָניק: דער ייִדישער קינדער-פֿאָלקלאָר; חנה פּישטשאַצער, וויסאָקע: די עלטערנשאַפֿט פֿון די ייִדישע שולן אין ווילנע; ראָזע קאַנטאָר-ליכטענשטיין, וואַרשע: די ייִדישע יוגנטלעכע בעקער-אַרבעטער אין וואַרשע; שאול רייזען, ווילנע: די עוואָלוציע פֿון די ייִדישע נאַציאָנאַלע פּראָגראַמען אין די יאָרן 1887—1907; אליהו שולמאַן, ניו-יאָרק: דער אויפֿשטײַג פֿון ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע ביז 1900; מגר׳ בער שלאָסבערג, ווילנע: דער עלעמענט פֿון דײַטשמעריש אין דער ליטעראַטור-שפּראַך פֿון 19טן י״ה.

צום סוף איז באַשלאָסן געוואָרן צו פֿאַרעפֿנטלעכן דעם ווײַטערדיקן

אויפֿרוף צו דער ייִדישער עפֿנטלעכקייט

דער אַלוועלטלעכער צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט אָפּגעהאַלטן אין ווילנע אין די טעג פֿון 14טן—19טן אויגוסט 1935, האָט געפֿונען אַ הילכיקן אָפּקלאַנג אין דער גאַנצער ייִדישער וועלט, ווי אויך אין די קרײַזן פֿון דער אַלגעמיינער וויסנשאַפֿט. דער צוזאַמענפֿאָר האָט ניט נאָר אונטערגעפֿירט אַ סך־הכּל פֿון די אויפֿטוען פֿון ייִוואָ פֿאַר די פֿאַרגאַנגענע 10 יאָר פֿון זײַן טעטיקייט און מאַניפֿעסטירט די הויכע מדרגה פֿון זײַן וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט, נאָר האָט אויך געבראַכט צום אויסדרוק די גרויסע סימפּאַטיעס פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿט צו דעם אַלוועלטלעכן צענטער פֿאַר דער ייִדישער קולטור און וויסנ־שאַפֿט. דער מאַסנדיקער אָנטייל אין דעם צוזאַמענפֿאָר (איבער 150 דעלעגאַטן פֿון אַ אַנדערטהאַלבן צענדלינג לענדער און פֿיל הונדערטער געסט), די הונ־דערטער באַגריסונגען פֿון אַלע עקן וועלט, די זייער לעבעדיקע דעבאַטן אויפֿן צוזאַמענפֿאָר האָבן אַנטפּלעקט די טיפֿע פֿאַראינטערעסירטקייט פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכקייט אין דער אַרבעט פֿון ייִוואָ. דורך די רעזולטאַטן פֿון די וואַלן אין די אָרגאַנען פֿון אינסטיטוט איז פֿעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דער ייִוואָ איז געבליבן געטריי די צילן, וואָס זענען אָנגעצייכנט אין זײַן גרינדונגס־דעקלאַראַציע — צו ווערן דער צענטער פֿון דער ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט, דער אָרט, וווּ עס בילדן זיך אויס נײַע אַרבעטער אויפֿן געביט פֿון דער ייִדישער וויסנשאַפֿט און קולטור, דער צענטראַלער רעגיסטריר־פּונקט פֿון דעם ייִדישן קולטור־לעבן אין אַלע עקן וועלט. נאָך מער—ס'איז אויך קלאָר געוואָרן, אַז אין דעם פּראָצעס פֿון זײַן אַנטוויקלונג און וווּקס האָט דער ייִוואָ ווײַט פֿאַרברייטערט זײַן לכתּחילהדיקע אַרבעטס־פּראָגראַם און אַלץ נײַע און נײַע אויפֿגאַבן געמוזט אַרײַנציִען אין דער ספֿערע פֿון זײַן טעטיקייט. בלויז דער דוחק אין מיטלען האָט די גאַנצע צײַט געליימט דעם פֿאַרנעם פֿון דער ייִוואָ־אַרבעט, ניט געלאָזט דעם ייִוואָ אין דער פֿולער מאָס רעאַלי־זירן די פּלענער, וואָס דרינגען אַרויס פֿון דעם עצם פֿון דער דאָזיקער איינ־ציקאַרטיקער אַנשטאַלט, אויפֿגעבויט אַדאַנק דעם מסירת־נפֿש פֿון די וויסנ־שאַפֿטלײַט און די אָנשטרענגונגען פֿון דער ייִדישער אינטעליגענץ און פֿון די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן.

בײַ גאָר די גרויסע אויפֿטוען פֿון דעם ייִוואָ פֿאַר דער ייִדישער וויסנ־שאַפֿט מוז מען דאָך מודה זײַן, אַז אַרײַנטרעטנדיק אין צווייטן יאָרצענדלינג פֿון זײַן עקסיסטענץ שטייט דער אינסטיטוט ערשט בײַם אָנהייב פֿון דעם וועג וואָס איז פֿאַר אים אָנגעצייכנט, ער האָט ערשט געמאַכט די ערשטע טריט צו זײַן ציל: צו שאַפֿן דעם וויסנשאַפֿטלעכן סינטעז פֿון דעם ייִדישן לעבן אין אַלע זײַנע אַרויסווײַזן אין גאָר דער וועלט, אויסצושמידן דעם

וויסנשאַפטלעכן אינסטרומענט, וואָס דאַרף דינען די ייִדישע פאָלקסמאַסן אין דעם קאַמף פאַר זייער קולטורעלער עמאַנסיפּאַציע.

אין אָט דער אײַנזעעניש האָט דער אַלוועלטלעכער צוזאַמענפאָר פון ייִוואָ אויפגעגעבן דער נײַ אויסגעקליבענער צענטראַלער פאַרוואַלטונג צו פאַרטיפן און פאַרברייטערן די אָנגעהויבענע אַרבעטן: די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג דאַרף נאָך ענגער ווערן פאַרבונדן מיט די אַקטועלע פּראָבלעמען פון דער ייִדישערווירקלעכקייט, די אָרגאַניזירונג פון די ייִדישע פאָרשער אַרום דעם ייִוואָ דאַרף פאַרשטאַרקט ווערן, די פאַרלעגערישע אַרבעט דאַרף ווערן פאַרגרעסערט און סיסטעמאַטיזירט, די אַספּיראַנטור א"נ פון ד"ר שאַבאַד אויסצובילדן ייִדישע וויסנשאַפטלער דאַרף ווערן אויסגעבויט אין אַ שטענדיקער אינסטיטוציע און בילדן דעם אָנהייב פון אַ ייִדישער הויכשול, עס דאַרף אינטענסיוו ווײַטער געפירט ווערן די אַזוי גערעכטן אָנגעהויבענע אַרבעט אין דעם צווײַג יוגנט-פאָרשונג, עס דאַרף געשאַפן ווערן די סעקציע פאַר דער ייִדישער קונסט.

אויספירן אָט די אויפגאַבעס וועט דער ייִוואָ זײַן בכוח נאָר מיט דער ברייטער הילף מצד דער ייִדישער געזעלשאַפט.

דאָס פּרעזידיום פון דעם ערן-קוראַטאָריום, די צענטראַלע פאַרוואַלטונג און דער ראַט פון ייִוואָ רופן אַלע פרײַנד פון דער ייִדישער קולטור און וויסנ-שאַפט, אַלע די וואָס זײַנען פאַראינטערעסירט אין דעם אויפשטײַג פון די ייִדישע פאָלקס-מאַסן, אין שטאַרקן זײַ מאָראַליש, אין העלפן זיי בײַקומען די שווערע עקאָנאָמישע און קולטורעלע נויטן—צו שטיצן אַקטיוו און סיסטעמאַטיש דעם ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.

אין די איצטיקע שווערע צײַטן, ווען פון אַלע זײַטן לויערן אויף אונדזער פאָלק סכנות פון צעפאַל און חורבן, איז דער חוב פון אַלע פאָלקספרײַנד צו שטאַרקן דעם גײַסט, צו הייבן די קולטור פון פאָלק, אונטערהאַלטן דעם מוט, כדי עס זאָל קאָנען מיט כבוד אויסהאַלטן ביז בעסערע צײַטן.

אין דעם באַוווּסטזײַן פון זײַן אַרבעט האָפט דער ייִוואָ, אַז די ייִדישע געזעלשאַפט וועט זיך ברייטהאַרציק אָפּרופן און וועט אים געבן די נייטיקע הילף אויסצופירן זײַנע גרויסע אויפגאַבן.

פּרעזידיום פון ערן - קוראַטאָריום,
צענטראַלע פאַרוואַלטונג און ראַט
פון ייִדי׳ וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט

בײַלאַגע

וויסנשאַפטלעכע אַרבעט אויף די ערטער

1. די ביזאיצטיקע פּראַקטיק פון ייִוואָ האָט געוויזן, אַז פּאַר אינטעליגענטע גרופּעס און אַפילו פּאַר יחידים זײַנען פאַראַן גרויסע מעגלעכקייטן פון וויסנשאַפטלעכער אַרבעט אויף דער פּראָווינץ.

2. דער צוועק פון אַזאַ אַרבעט קען בדרך=כּלל פאָרמולירט ווערן אַזוי: דערקענען די אייגענע סביבה. אָט זײַנען עטלעכע פּונקטן וואָס זײַנען וויכטיק; לויט דעם קען מען זיך אָריענטירן און צוגעבן נאָך פראַגעס.

3. אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פון ייִשוב (שטעטל אָדער שטאָט): באַפעלקערונג, וויפל אין דעם ייִדן, ווער זײַנען די אַנדערע. צי וווינען ייִדן אין באַשטימטע שטאָטטיילן אָדער אויסגעמישט. פּלאַן פון ייִשוב, מיט באַצייכענונג, ווו איז די ייִדישע באַפעלקערונג געדיכטער. צי פאַראַן גאַסן מיט ייִדישע נעמען? צי אין דער לעצטער צײַט פאַרגרעסערט דעם שטח פון ייִשוב דורך אינקאָרפּאָרירן דערפער; צוליב וואָסערע מאָטיוון (כּלומרשטע, פאַקטישע).

4. אַדמיניסטראַציע און באַפעלקערונג. שטײַערן, מיליטער=דינסט און באַציִונג צו דעם. ווירקונג פון מיליטער=דינסט אויף די יונגעלײַט.

5. שטאָטישע זעלבסט=פאַרוואַלטונג און דער אָנטייל פון ייִדן אין איר. דער שטאָטישער בודזשעט און דער אָנטייל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין די הכנסות און הוצאות. צי האָט זיך געביטן די באַציִונג צו ייִדן אין משך פון די לעצטע יאָרן. דיפערענצירונג פון די ראַטמענער און מאַגיסטראַט=מיטגלידער, בכלל און ספּעציעל די ייִדישע, לויט פּאַרטייען און גרופּעס. ייִדישע אָנגעשטעלטע אין דער שטאָט=פאַרוואַלטונג.

6. די ייִדישע קהילה. כּוחות=פאַרהעלטענישן, פונקציעס, אָנזען. סטאַטיסטיק פון דער באַפעלקערונג לויט די ידיעות פון דער פאָלקסצײלונג. אין קלענערע פּונקטן קען מען מאַכן אַ זעלבשטענדיקע ציילונג לויט ספּעציעל אויסגעאַרבעטע רובריקן (זע די אויסגאַבע פון ייִוואָ: „דער מצב פון ייִדישן שטעטל").

8. כאַראַקטעריסטיק פון עקאָנאָמישן מעמד פון דער באַפעלקערונג בכלל און פון דער ייִדישער בפרט. פאַרבינדונג מיט דער דרויסנדיקער וועלט: באַן, טײַך, בעלי=עגלות, אויטאָבוסן. קאַמף צווישן בעל=עגלות און אויטאָבוסן (קאָנקרעטע פאַלן). ייִדן אַלס באַלעבאַטים, אַלס אַרבעטער בײַ די אויטאָבוסן.

9. מלאָכה. באַלעבאַטים, געזעלן, לערנייִנגלעך. פאַכן, קוואַליטעט פון דער אַרבעט. געדויער פון אַרבעטסטאָג. קאָנקורענץ=פעיִקײַט. קראַנקן=קאַסע. טערמינאָלאָגיע און פאָלקלאָר פון די פאַכן.

10. האַנדל. מינים (מאַרק, קליינהאַנדל, הורט). דיפערענצירטקייט פון סחורה. יידישע שילדן? שטאָטישע און דאָרפישע קונדשאַפט. קאַראַבעלניקעס (דאָרפסגייער). קאָאָפּעראַטיוון.

11. קרעדיט (גמילות־חסדים, פאָלקסבאַנק, קאָמונאַלע באַנק). אָפּשפּאָרונגען. איבערבליק פון די באַלאַנסן. פּריוואַטע מלווים. הייך פון פּראָצענט.

12. צי פאַראַן וועלכע עס איז גרעסערע אונטערנעמונגען? צי זיינען דאָרט פאַראַן יידישע אַרבעטער, צי קומט אָן שווער אַריינצודרינגען אַהין?

13. צי פאַראַן יידן אין די פריִע פּראָפעסיעס (דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן). יידישע באַאַמטע?

14. ערדאַרבעט ווי אַן עיקר־פּרנסה און ווי אַ צוגאָב־פּרנסה. אַנדערע צוגאָב־פּרנסות.

15. עמיגראַציע. ווּהין, וויפל. פאַרבינדונגען פון די אויסגעוואַנדערטע מיט דער אַלטער היים. צי פאַרנעמט מאַטעריעלע הילף פון אויסלאַנד אַ גרויסן פּלאַץ אין די הכנסות.

16. בודזשעטן פון עטלעכע פאַמיליעס פאַר אַ חודש, פאַרשריבן טאָג פאַר טאָג הכנסות און הוצאות.

17. הכשרה־פּונקטן, חלוצים. זייער אַרבעט, זייער שטייגער לעבן. אויב אָנגעפאָרענע, באַציונגען מיט דער אָרטיקער יוגנט, מיט די אָרטיקע אַרבעטער.

18. וווין־ און געזונט־באַדינגונגען. ווי אַזוי זיינען געבויט די הייזער, איינגעטיילט די צימערן. ווי אַזוי זעט אויס דער פּלאַץ אַרום דעם הויז. פאָטאָ־גראַפיעס פון עטלעכע כאַראַקטעריסטישע הייזער. גרייס און הייך פון די צימערן. וויפל מענטשן אויף אַ דירה, אויף אַ צימער, אויף אַ בעט. סטאַטיסטיק פון הייזער און דירות. פלאַנען פון עטלעכע הייזער און צימערן. מעבל. באַפּוצונג פון די ווענט. באַלייכטונג. באַהייצונג. וואַסער־פאַרזאָרגונג. קלאָזעטן. באָד. זייף. ציינ־בערשטלעך, צי גייען זיי היינט מער ווי אַמאָל (נאָכפרעגן זיך אין אַפּטייק־קראָם, אייגענע אָבסערוואַציעס). שערן זיך די האָר, ראַזירן. קראַנקייטן, וואָסערע אָפּ־טער (סטאַטיסטיק). דאָקטוירים, רופאים, הייבאַמען. אָפּשפּרעכעניש, פאָלקס־מעדיצין. שפּיטאָל (הקדש). קאַליקעס. בעטלער. צדקה־חברות" און אינדיווידועלע צדקה. אָפּגעשטאַנענע. משוגעים.

19. דערנערונג. וואָס און ווען עסט מען אין דער וואָכן, אום שבת, אום יום־טוב. ווי האַלט עס מיט כשרות. די ראָלע פון קאַרטאָפל, הערינג, פלייש אין דער דערנערונג. גענויע מעניוען פאַר אַ חודש צייט אין אַן אָרעמער, מיטע־לער, פאַרמעגלעכער שטוב.

20. סעקסועלע אויפקלערונג און באַציונגען. פלירט. ליבע. חתונה האָבן. שדכנות, נדן. כאַראַקטעריסטיק פון קאָנקרעטע פאַלן. מיידלעך־מוטערס, באַציונג צו זיי. אומגעזעצלעכע קינדער, באַציונג צו זיי.

21. פאַמיליע. צאָל קינדער. גרייס פון די פאַמיליעס אין פאַרגאַנגענעם און איצטיקן דור ביי אָרעמע, מיטלע, פאַרמעגלעכע. קינדער־שטאַרביקייט (סטאַ־

טיסטיק). געבורטן=קאָנטראָל; וואָסערע מיטלען פון געבורטן=קאָנטראָל ווערן באַנוצט. צי פאַרקויפן זיך עפנטלעך פּרעווענטיווע מיטלען און וואָסערע. אַבאָרטן.

22. באַציִונגען צווישן די עלטערן. צי זעט זיך אַ חילוק פון די חתונות פון ליבע ביז די חתונות מיט אַן אויסרעכענונג. קאָנקרעטע פאַלן. אַרבעטצעטיילונג. קאָנפליקטן. געטרײַשאַפט און פאַרראַט.

23. באַציִונג פון עלטערן צו קינדער. געבורט. אײַנגלייבעניש. ווי אַזוי האַלט די מוטער דאָס זייגקינד, ווי אַזוי פירט זיך די מוטער גופא. באַלעווען און שטרענגקייט אין דערציִונג (פאַרשיידענע באַציִונג צו ייִנגלעך און מיידלעך, צו עלטערע און ייִנגערע קינדער?). וואָס טראַכטן די עלטערן וועגן זייער דערציִערישער אויפגאַבע, וועגן דער צוקונפט פון די קינדער. שטוביקע אַרבעט פון די קינדער. באַציִונג פון די עלטערן צו דער שול.

24. באַציִונג פון קינדער צו עלטערן. צוגעבונדנקייט צום טאַטן, צו דער מאַמען. די פראַגע פון אויסלערנען זיך אַ פאַך, פון געפינען אַרבעט. קאָנפליקטן מיט די עלטערן צוליב מאַטעריעלע טעמים. באַציִונג צו אַלטע עלטערן.

25. באַציִונג פון די קינדער צווישן זיך. נאָענטקייט און ווײַטקייט צווישן מיטקינדער. ווירקונג פון עלטער, פון די באַדינגונגען פון דערציִונג, פון דער באַציִונג מצד די עלטערן. באַציִונגען צווישן ייִנגלעך און מיידלעך אין דער פאַמיליע: אין די קינדערשע יאָרן, אין די יאָרן פון צײַטיקונג און שפּעטער. קעגנזײַטיקע הילף, קאָנפליקטן.

26. באַציִונגען צו קרובים. דעה פון זיידן און באָבען, פון אַנדערע קרובים אין דער דערציִונג, אין באַשטימען די שול, דעם פאַך א אַז"וו. אָרעמע און רײַכע קרובים.

27. באַציִונגען צווישן פאַמיליעס. גייִן צו גאַסט. לשון=הרע און רכילות. קעגן וועמען דער עיקר געווענדט, אויף וואָס פאַר אַ באַזיס. צונעמעניש, שפּאָטלידלעך.

28. רעליגיע אין דער פאַמיליע. כּלי=קודש און ווי אַזוי זיי ווערן אויסגעהאַלטן. בתי=מדרשים, קלויזן, שטיבלעך, שולן. דער בית=מדרש ווי אַ געזעלשאַפטלעכער צענטער. אַנטי=רעליגיעזע אײַנפלוסן. אינדיווידועלע פרומקייט און אפּיקורסות. קאָנפליקטן אויף דעם באַזיס. צי באַמערקט זיך אַ טענדענץ פון פאַרשטאַרקטער אָדער פאַרקלענערטער פרומקייט.

29. דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן, ספּעציעל בײַ דער ייִדישער באַפעלקערונג. א) פּאַרטייען (מיט וואָס נעמט אויס די אָדער יענע פּאַרטיי און בײַ וועמען?); ב) פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען; ג) בילדונגס= און אַנדערע געזעלשאַפטן; ד) אַנדערע חברות.

30. שולן, חדרים, אָוונטקורסן, דראַמקרײַזן, ביבליאָטעקן. ווירקונג פון די אינסטיטוציעס אויף דער סביבה.

31. פאַרווײַלונגען, טאַנצאָוונטן

32. קינאָ, ספּאָרט.

33. דאָס לייענען צײַטונגען און ביכער.

34. קליידונג. צי זעען זיך שינויים, צו באַמערקט זיך אַ שטרעבונג מיטצוהאַלטן מיט דער מאָדע, צו פֿראַוווען עלעגאַנץ?

35. שפּראַך. צי זײַנען פֿאַראַן יידישע הײַזער ווו מען רעדט ניט יידיש, נאָר אַן אַנדער שפּראַך. וואָסערע? צו זײַנען פֿאַראַן הײַזער ווו די עלטערן ריידן צווישן זיך יידיש און מיט די קינדער אַן אַנדער שפּראַך. קאָנקרעטע פֿאַלן. וואָסערע מאָטיוון גיבן די עלטערן אויף? וואָס פֿאַר אַ ווירקונג האָט דאָס אויף די קינדער? צי לערנען זיך אַזוינע קינדער אויס יידיש ווען זיי ווערן עלטער? אויב חוץ דער מלוכה=שפּראַך ווערט גערעדט אין אײַער געגנט נאָך אַ שפּראַך, איז ווי ווײַט קענען יידן, דערוואַקסענע און קינדער, די דאָזיקע שפּראַך?

36. דיאַלעקט. וואָסערע ווירקונגען האָט די ליטעראַטור=שפּראַך, די צײַטונג=שפּראַך, די יידישע שול אאַז"וו אויף דער אויסשפּראַך, אויפֿן אויסוואַל פֿון די ווערטער און פֿאָרמען.

37. לידער, מעשהלעך, שפּריכווערטער וואָס זײַנען פֿאַרשפּרייט אין דעם יישוב.

38. די פֿאַרגאַנגענהייט. ווי אַלט איז דער יישוב. וואָסערע דאָקומענטן זײַנען פֿאַראַן אין שטאָטישן אַרכיוו. יידן אין דעם יישוב. פּנקסים פֿון דער קהילה און פֿון חברות. בנינים. מצבות אויפֿן בית=עלמין. צי דערציילט די טראַדיציע עפּעס וועגן דעם עלטער פֿון יישוב און פֿון יידן אין דעם יישוב. מוסטער פֿאַר אַן אַרבעט וועגן דער פֿאַרגאַנגענהייט: „פּנקס פֿון דער שטאָט פּרוזשענע", 1930.

*

עטלעכע מעטאָדישע באַמערקונגען

I. אין די 38 פּונקטן איז אָנגעוויזן אַ גרויסער פֿאַרנעם פֿון אַרבעט. אויב די אַרטיקע קאָרעספּאָנדענטן ווילן אויספֿירן די גאַנצע פּראָגראַם איז געוויס גוט. אָבער אַ גרויסן ווערט וועלן האָבן אויך טייל=באַשרײַבונגען: די דערציִונג=סיסטעם, אַ געוויסער פֿאַך, אַן אינסטיטוציע אד"גל. מען דאַרף אַפֿילו האָבן אין זינען: בעסער באַשרײַבן גרונטיק איין געביט פֿון לעבן איידער געבן צו ביסלעך פֿון אַלץ.

II. וועגן עטלעכע פֿון די דערמאָנטע געביטן האָט דער ייוואָ נאָך פֿריִער פּובליקירט ספּעציעלע אַנקעטעס: דער מצב פֿון יידישן שטעטל; יידישע יום=טובים; דער חדר; דאָס יידישע שולוועזן; פֿאַרגאַנגענהייט פֿון קהילות; טערמינאָלאָגישע און לינגוויסטישע פֿרעגבויגנס אאַז"וו. ווער עס אינטערעסירט זיך מיט די דאָזיקע טיילגעביטן זאָל אַרויספֿאָדערן יענע אַנקעטעס.

III. שרײַבן דאַרף מען ניט וואָס עס וואָלט געדאַרפֿט אָדער געקאָנט זײַן, נאָר דאָס וואָס עס איז, וואָס מען האָט געזען און געהערט. ווו עס איז מיגלעך

צו באַקומען ציפער זאָל מען ניט זשאַלעווען קיין טירחא זיי צונויפצונעמען; אָבער פון יעדער זאַך דאַרף מען אויך געבן אַ לעבנספולע באַשרײַבונג. בײַם נעמען אינטערוויוען — און דאָס דאַרף מען טון וואָס מער — פאַרשרײַבן ווי ווײַט מיגלעך ווערטערלעך, ניט באַפּוצנדיק מיט אייגענע צוגאָבן.

IV. בײַ טייל פראַגעס איז בפירוש אָנגעוויזן: „קאָנקרעטע פאַלן". דאָס איז שייך צו אַלע פונקטן — וואָס ווינציקער חקירה, וואָס מער קאָנקרעטקייט אין די באַשרײַבונגען. אונדז גייט ניט אין די נעמען — עס איז גענוג אָנצוווײַזן איניציאַלן. בײַם פּובליקירן די מאַטעריאַלן וועלן אַפילו די איניציאַלן אויך ניט דערמאָנט ווערן, אויב די קאָרעספּאָנדענטן וועלן דאָס פאַרלאַנגען.

V. שרײַבן אויף איינציקע זײַטלעך העפטפאָרמאַט, פון איין זײַט.

VI. אין גאַנג פון דער אַרבעט פאַרשטענדיקט זיך כסדר מיטן ייִוואָ וועגן אַלע אײַערע ספקות און נײַע פּלענער.

זיבעטע זיצונג

זייט

צווייטער וויסנשאַפֿטלעכער פּלענום 108
רעפֿעראַט פֿון פּראָפֿ׳ פֿ. שניאורסאָן „די עמאַנציפּאַציע פֿון דער ייִדישער וויסנ-שאַפֿט" 109
באַנקעט 113

אַכטע זיצונג

המשך פֿון די וויכּוחים 114
באַראַטונג פֿון דער היסטאָרישער סעקציע וועגן רעגיאָנאַל-געשיכטלעכער פֿאָרשונג. 127

נײַנטע זיצונג

פּלענום פֿון צוזאַמענפֿאָר 128
סוף פֿון די וויכּוחים 130
וואַלן 131
רעזאָלוציעס און פֿאָרשלאָגן 133
שליסונג פֿון צוזאַמענפֿאָר 137

הוספות

באַגריסונגען צום צוזאַמענפֿאָר 143
וואָס קאָן דער ייִוואָ און וואָס קאָן מען פֿאַר אים פֿאַר אויפֿטאָן אין ארץ-ישראל . 181
נאָטיצן פֿון אַ זאַמלער 187
די אַרבעט פֿון דער טערמינאָלאָגישער קאָמיסיע 192
רשימה פֿון די רעפֿעראַטן צום צוזאַמענפֿאָר 195
סעסיע פֿון דער צענטראַלער פֿאַרוואַלטונג 197
אויפֿרוף פֿון דער צענטראַלער פֿאַרוואַלטונג 199

בײַלאַגע

וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט אויף די ערטער 201
אינהאַלט 207

אינהאַלט

זײַט

צוגרייטונג צום צוזאַמענפאָר 5

דעלעגאַטן צום צוזאַמענפאָר 5

טאָג־אָרדענונג 7

די פײַערלעכע עפענונגס־זיצונג 9

צווייטע זיצונג 42

באַריכט פון אויספיר־ביוראָ 42

וועגן אַקטואַליזירן די וויסנשאַפטלעכע אַרבעט פון ייִוואָ 62

וואַלן אין די קאָמיסיעס 71

דריטע זיצונג 72

באַריכט פון דער עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישער סעקציע 73

באַריכט פון דער היסטאָרישער סעקציע 75

באַריכט פון דער פילאָלאָגישער סעקציע 79

באַריכט פון בוי־קאָמיטעט 84

די רשימה גרינדער פון דעם ייִוואָ־בנין 86

פערטע זיצונג

וויכּוחים וועגן די באַריכטן 89

באַערונג פון ד״ר צ. שאַבאַדס אָנדענק אויף זײַן קבֿר 95

פינפטע זיצונג

ערשטער וויסנשאַפטלעכער פּלענום 100

דריטער טאָג פון צוזאַמענפאָר

אימפּרעזעס לכּבֿוד דעם צוזאַמענפאָר 101

טאָג פון דער ייִדישער ליטעראַטור 102

זעקסטע זיצונג

רעפעראַטן אין די וויסנשאַפטלעכע סעקציעס 103

פּראָקלאַמירונג פון דעם קונסטמוזיי בײַם ייִוואָ 106